STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05332

# TUVYE HAYKEL SHLIMAZL

A. D. Oguz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# טוביה חייקעל שלים־מזל

אבוך פול מיט הומאר.

— פון —

א. ד. אגוז.

(פערפאסער פון „חנה־פעסיל׳ס מענה־לשון״).

פרייז 30 סענט.

היברו פאבלישינג קאמפאני
83-85-87 קאנאל סטריט, ניו־יארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.

# אינהאלט־פערצייכניס:


1. אַ ציגיינערקעס פאַלשע נביאות.
2. וועגען פרויען און הייראַטה.
3. אין גלות צוליעב אַ מלמד'ס טעות.
4. דער מחר מיט'ן אמת.
5. זיין ערשטע רבנות אין אַמעריקאַ.
6. פון רבנות צו חזנות.
7. צרות צוליעב אַ מאוס'ן בלבול.
8. דער פערשטערטער יום-הדין.
9. אַן עסק מיט כפרות.
10. אַ פערבלאָנדזשעטער צימעס.
11. די גרויסע געווינס.
12. געכאַפּט שעהנע שדכנות=געלד.
13. בעקלאָגט לעבעדיגערהייד.
14. אַ קאָמעדיע מיט טהעאַטער.
15. ברוך=הבא, דער פעטער מענדעל איז דאָ.
16. זיין אָבשניט ביי אַ חברה=קדישא סעודה.
17. אַ מעשה מיט אַן אינדיק.
18. אַ שלים=מזל'דיגער פּאָוקער.
19. ער ווערט אַ גראָסערי=מאַן.
20. דער גראָסערי־באָי און די קאָסטי=מערקע.
21. אַ נס אַזוי ווי מיט לוט'ס ווייב.
22. טוביה חייקעל סטרייקט.
23. מען האַט איהם געקידנעפּט.
24. נאָ מאָר גראָסערי.
25. ער איז שוין אַ הויז=קיפּער.
26. אַ טענערקע הענגט אויפ'ן וועש=ליין.
27. עפּטער דהי באָלל.
28. געוואָרען אַ קאַפּוליער דייטש.
29. פערקראָכען אויף אַ פרעמדען קבר.
30. געהאַט אַ גוטען פדיון.
31. ער מיט זיין אידענע אין אָפּערא.
32. אַ קאָמעדיע מיט לייסענס.
33. טוביה חייקעל דער פליישיגער.
34. צוויי שלים=מזלות אויף איין חתונה.
35. געווארען אַ גביר גדול.
36. אַ גרוס פון דער בוטשער=סטאָר.
37. ער איז געווארען אַ וואַטשמאַן.
38. טוביה חייקעל קעטשט אַ קאָלד.
39. פערוויזען פון קראַנקען=בענעפיט.
40. ער ווערט אַ היברו טיטשער.
41. ער מאַכט צו מופען דעם שוסטער.
42. אַ יאַזדע קיין קוני=אַיילענד.
43. צדקה־תציל־ממות־ביזנעס.
44. די רייזע אויפ'ן הייליגען אָרט.
45. ער נעהמט זיך ווידער צו'ם קול.
46. צוויי נייע דורכפעלע.
47. די שלים=מזל'דיגע שמשות.
48. ער זוכט ווידער פרנסה.
49. פערזאָרגט אי אַ קבר אי אַ מצבה.
50. מיסטער טאַביאַס סאָלאָמאָן.

# טוביה חייקעל שלים-מזל

## .1

### אַ ציגיינערקע'ס פאַלשע נביאות.

טוביה חייקעל דערצעהלט ווי אזוי ער איז געקומען צום נאָמען „טוביה חייקעל“ און צום ביי־נאָמען „שלים-מזל“. ווי ער האָט געזאָלט געבוירען ווערען אַ אינגעל און איז געבוירען געוואָרען אַ מיידעל. — זיין ביאָגראפיע אין קורצען פון וויעגעלע ביז דער חופה.

---

אַט ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך... וואָס אַ שטייגער מיינט איהר בין איך? אויב איהר דענקט, אז איך בין טאַקע אַ שלים-מזל, ווי די אידענע מיינע זאָגט אויף מיר, האָט איהר, במחילת כבודכם, אַ גרויסען טעות. איהר קענט ניט די ווייבער? ביי זיי איז אבי וואָס, דער מאַן אַ שלים-מזל, אַ לעמעשקע, אַ שלומיאל, אַ שלאָק, אַ גולם, אַ טויגעניכטס און אַלעס וואָס איהר ווילט הערען און גערענקען. אויב אנדערע זאָגען עס אפילו ניט ארויס בפירוש, דענקען זיי אָבער אזוי.

נעהמט איהר אונטער עפּעס אַ זאַך און עס געלינגט אייך ניט, זיינט איהר אַ שלים-מזל; בעזיצט איהר וויעדער ניט קיין אונטערנעהמונגס-גייסט און איהר האָט מורא צו ריזיקירען, זיינט איהר אַ טויגעניכטס; זיינט איהר איינגעהאַלטען אין רייד, זיינט איהר אַ לעמעשקע; רעדט איהר וויעדער און איהר פאַלט דורך מיט אַ וואָרט, זיינט איהר אַ גולם; טרעפט אייך אמאָל אַ סיבה אויפ'ן גלאַטען וועג, זיינט איהר אַ שלאָק; האָט איהר ליעב צו פערשווייגען ווען אימיצער טרעט אייך אָן, זיינט איהר אַ שלומיאל; שווייגט איהר ניט, זיינט איהר אַ גולם. אַט אזוי איז עס מיט די ווייבער. ניחאַ־זשע וואָלטען זיי צייגען זייער בריה־שאַפט, דאָס ניט.

אַלזאָ, וואָס זאָל איך אייך זאָגען? איך בין ניט דאָס וואָס מען זאָגט אויף מיר. מען האָט מיך נור אין אַ שלים-מזל'דיגע וויעגעלע איינגעוויעגט.

איך אליין בין שוין ניט קיין שלים־מזל; אבער איך ווער פון שלים־מזל פערפאָלגט.

אָט ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך אַ מענש מיט לייטען גלייך. בין אזוי קלוג ווי אנדערע, אזוי שעהן ווי אנדערע און אזא בריה ווי אנדערע, ערגער חלילה געווים ניט, אזוי הייסט עס דאכט מיר; טאָמיר דאכט זיך אייך אנדערש, האָט אייך אַ גוט יאָהר און איך אַ בעסערען. איך קען אייך שווערן ביי מיין שלים־מזל׳דיגע אידישקייט, אז איך האָב גענוג שכל, ענערגיע, מוטה און געדולד, פערשטעה אלעס און וויים אלעס און איך וואָלט מיין וועלטעל גאנץ שעהן דורכגעפיהרט, ווען איך זאָל נור האָבען אַ שטיקעלע הצלחה, אָט דאָס איינציגע, רבותי, פעהלט מיר. ווען איהר האָט, רבותי, קיין מזל ניט, מעגט איהר זיין אזוי קלוג ווי שלמה המלך, שעהן ווי די ווענוס אליין און שטאַרק ווי שמשון הגבור, טויגט איהר אלץ אויף כפרות. אָהן מזל איז אייער חכמה קיין חכמה ניט, אייער שעהנהייט—קיין שעהנהייט ניט, און אייער גבורה — קיין גבורה ניט.

פאַר דעם שעהנעם טיטול „שלים־מזל“, האָב איך צו פערדאַנקען מיין מאַמע, עליה השלום. זי האָט מיך מיט דיזען נאָמען בעקרוינט באלד ווי איך בין געבוירען געוואָרען. זי האָט זיך אין אַ שלים־מזל׳דיגע שעה אויס־גערעדט און איך בין ביים שלים־מזל פערבליעבען עד היום.

די מאַמע מיינע האָט ביז אַ יאָהר צוועלף נאָך איהר חתונה מיט מיין טאַטען ניט געקינדעלט, און עס האָט שוין געהאלטען דערביי, אז זיי זאָלען זיך גט׳ן. הלואי וואָלטען זיי עס אָבגעטהאָן, וואָלט פאַר מיר אַ סך גלייכער געווען; אבער דער שלים־מזל האָט מיך אָנגעהויבען פערפאָלגען נאָך מיט יאָהרען פריהער איידער איך בין געבוירען געוואָרען. עס קען זיין, אז טאַקע צוליעב דעם האָבען זיי זיך ניט גע׳גט, כדי אויף מיר זאָל פאלען דער שלים־מזל׳דיגער גורל אז איך זאָל זיין זייערס אַ קינד און די מאַמע זאָל ביי מיין געבוירען ווערען מיר געבען אַ שלים־מזל׳דיגען קבלת פנים.

אז עס איז בעשערט, טרעפט עס אויפ׳ן גלאַטען וועג: האָט צו אונז אין שטעדטעל געדאַרפט אַראָבפאָהרען אַ בעל שם, אַ געוואלדיגער בעל מופת און מיין שלים־מזל האָט אָנגעטראָגען דער מאַמע, זי זאָל געהן צו איהם בעטען אויף אַ בן זכר. דער בעל שם האָט עס איהר מבטיח געווען און כך הוא: אין אַ פּאָאר יאָהר אַרום איז געבוירען געוואָרען מיין עלטסטער

ברודער משה און פון דאַן אַן איז עס אַוועק אַזוי ווי אַ מזמור. דער בעל מופת האָט הפנים (אַלץ צוליעב מיין שלים־מזל) פערגעסען דעם מלאך הממונה על ההריון הייסען סטאָפּען און די מאַמע מיינע האָט אָנגעהויבען שיטען מיט אינגלעך כמעט אַלע יאהר.

זעקס שטיקלעך האָט זי געהאַט. איך בין געווען דער זיעבענטער און דער לעצטער.

געקומען בין איך גאָר אונערוואַרטעט. עס הייסט, ניט די מאַמע מיינע, ניט דער טאַטע האָבען זיך גערעכט, אַז איך וועל געבוירען ווערען „איך". זיי האָבען געדענקט ניט אַנדערש, אַז איך וועל געבוירען ווערען אַ מיידעל, ווייל אַזוי האָט אַ ציגיינערקע, וואָס האָט געוואָרפען קאָרטען פאַר מיין מאַמע, איהר צוגעזאָגט. אין אמת'ן האָבען זיך די אינגלעך זיי צוגעגעסען. זעקס אָהן עין הרע זיינען שוין געווען, איינס קלענער פאַר דאָס אַנדערע, — טאָ וויפיעל איז דער שיעור?

אַז די ציגיינערקע האָט דער מאַמע אויסדריקליך געזאָגט, אַז זי וועט האָבען אַ מיידעל, איז עס ביי דער מאַמע און ביים טאַטען געווען אַ מיידעל ווי אין קעשענע, נאָך זיכערער ווי אין קעשענע; מען קען זאָגען אַזוי זיכער, ווי די באַנק אָוו ענגלאַנד. זיי האָבען שוין אפילו געהאַט אָבגערעדט ווי מען וועט די מיידעלע אַ נאָמען געבען. צוליעב דעם נאָמען איז צווישען זיי אַרויסגעקומען אַ שטיקעל מחלוקות: דער טאַטע האָט געוואָלט, מען זאָל איהר אַ נאָמען געבען חיה, נאָך זיין מאַמע, מיין באָבע הייסט עס, און די מאַמע האָט געוואָלט, אַז מען זאָל זי רופען טויבע, נאָך איהר מאַמען, מיין צווייטע באָבע. ענדליך האָבען זיי זיך פערגלייכט, אַז מען זאָל דיביידע באָבעס צוזאַמענלעגען און מען זאָל די מיידעלע, וואָס וועט געבוירען ווערען, אַ נאָמען געבען טויבע חיה. דאָס, הייסט עס, האָט די מאַמע מיינע אויס־געפיהרט, אַז איהר מאַמע'ס נאָמען זאָל זיין פריהער פון טאַטענס מאַמעס נאָמען.

אַ יש אומרים איז פאַראַן, אַז די מאַמע מיינע האָט נאָך פריהער, גאָר פריהער, נאָך איידער וואָס ווען, אָבגעשמועסט מיט גרוניע דער מילכיגער, אַז ווען זי וועט האָבען אַ מיידעל און יענע אַ אינגעל, זאָל עס זיין אַ שידוך; אָבער דאָס איז אַ סוד וואָס קיינער ווייס ניט בעשטימט.

הכלל, די עלטערן מיינע האָבען געמאַכט אַלע פאָרבערייטונגען פאַר

א מיידעל. דער טאטע מיינער, כאטש ער איז ניט געוועזן קיין נגיד, האט שוין געהאט בעשטעלט פאר מיר, עס הייסט, ניט פאר מיר, נור פאר דער מיידעלע וואס די ציגיינערקע האט צוגעזאגט, א פאאר גאלדענע אויערינגלעך, און די מאמע האט אנגעזאגט שפרינצע דער באבע, די איינציגע בעריהמטע העבאמע אין אונזער שטעדטעל, אז למעה"ש באלד ווי די צוקינפטיגע בת יחיד'קעלע וועט געבוירען ווערען, זאל זי איהר אויסשטעכען די אויערלעך. אז מען שטעכט אויס די אויערלעך אין קימפעט, פיהלט דאס עופה'לע ניט קיין שמערצען, אזוי זאגט מען, — היינט צו וואס דארף מען עס שפעטער מוטשען? א רחמנות א קינד, בפרט נאך אזא משיח'טע וואס מען וואַרט שוין דארויף יאהרען. און נאך אלעמען, נאך די אלע הכנות, זעהט איהר דאך, אז איך האב אבגעטהאן אויף טערקיש און בין געבוירען געוואָרען א אינגעל. נו, ווי פערשטעהט איהר, ווי דער מאמע מיינער האט עס געשמעקט?

באלד ווי איך בין ארויס אויף דער ליכטיגער וועלט, און די באבע שפרינצע האט מיין מאמע אנגעזאגט די בשורה: „מזל טוב, א אינגעל", האט זיך די מאמע שטארק פערקרימט, מיר פערקוקט אין מיינע פיצינקע אויגעלעך און גאנץ ברוגז בעמערקט: „שלים־מזל, שלים־מזל, ניחאי וואלסטו געווען געבוירען ווערען א מיידעל".

נו, ווי געפעהלט אייך אזא מין ברוך הבא? איך בין שולדיג, אז די ציגיינערקע האט ניט געטראפען! ווען עס זאל זיך ווענדען אן מיר, וואלט איך כאטש היינט געוואָרען א מיידעל! א מיידעל איז דאך בעסער ווי א אינגעל, בפרט נאך אין אמעריקא, אין דעם לאנד פון ליידים פוירסט.

אבער וואס האב איך געקענט העלפען, אדער וואס האבען די טאטע־מאמע מיינע געקענט העלפען? זיי האבען נעבעך געמוזט פראווען א ברית. דעם נאמען טויבע חיה, וואס זיי האבען בעשטימט פאר אמיידעל, האט מען איבערגעלעגט אויף טוביה חייקעל און מען האט מיר אזוי א נאמען געגעבען, און די אויערינגלעך וואס דער טאטע האט בעשטעלט זיינען פערבליעבען ביים גאלדשמיעד.

אט די אלע זאכען האט מיר שפרינצע די באבע דערצעהלט, ווען איך בין עלטער געוואָרען און זי איז געוואָרען מיין רביצין, עס הייסט, דער מאן איהרער, מאטיע נח פאנפאטש איז געווען מיין רבי און איך בין געגאנגען צו איהם אין חדר.

ווען איך בין געווען אן עופה'לע, פלעגט שפרינצע די רביצין דערציילען, פלעגט מיך מיין מאמע לאזען וויינען. איך פלעג צוריסען ווערען שרייענדיג און אנשטאט מיך איינצושטילען, פלעגט זי האבען צו מיר טענות: שלים־מזל, ווער האט געשיקט נאך דיר; ווער דארף דיך; שלים־מזל, ניחאי וואלסט געווען געבוירען א מיידעל.

גערופען האט מען מיך „דער וויסקרעבאטש". אויב איהר ווייסט ניט וואס וויסקרעבאטש איז, וועל איך זאגען: וויסקרעבאטש הייסט א בולקעלע וואס מען מאכט פון די טייג וואס מען שאבט אויס פון מולטער. די דאזיגע בולקעלע איז, פערשטעהט זיך, ניט אזוי בע'טעם'ט ווי א ריכטיגע בולקע און מען האט עס ניט אזוי שטארק ליעב. פאר וואס מען האט מיך גערופען וויסקרעבאטש ווייסט איהר דאך מסתמא, ווייל איך בין געווען דאס לעצטע קינד; מעהר האט מיין מאמע גערענקט ווען זי שוין ניט האבען, און זי האט טאקע ניט געהאט.

ביי לייטען רופט מען א אינגסטע קינד, מוזיניק, און מען האלט עס נאך טהייערער ווי די עלטערע קינדער; אבער מיט מיר איז עס געווען אנדערש. ביי יעדע געלעגענהייט פלעגען מיר די מאמע, דער טאטע און די ברידער ווארפען אויף'ן קאפ דעם פערברעכען וואס איך האב געטהאן און בין געבוירען געווארען א אינגעל, און קיין אנדער נאמען ווי וויסקרעבאטש און שלים־מזל האב איך פון זיי ניט געהערט.

בין איך געגאנגען, במחילה, אין צוריסענע הויזען, פלעגט מיר נאך די מאמע, זאל זי מיר מוחל זיין, שיטען זאלץ אויף די וואונדען: שלים־מזל, פלעגט זי זאגען, ווען דו וואלסט אבער געווען אמיידעל, וואלט מען דיך געקליידט אין סאמעט און אין זייד; שלים־מזל, ווען דו וואלסט געווען א מיידעל וואס וואלט דיר געפעהלט? מיט אייןווארט — רק שלים־מזל און שלים־מזל.

שפרינצע די באבע, וואס איז שפעטער געווען מיין רביצין, פלעגט מיך טרייסטען: ווארט, טוביח חייקעלע, פלעגט זי זאגען, דו וועסט נאך אמאל זיין א לייט, און אפט פלעגט זי מיך אליין אויך רופען שלים־מזל.

פלעג איך נעהן בארוועס און אימיצער פלעגט מיר אנטרעטען אויפ'ן פוס, פלעגט זי באלד זאגען: „צו א שלים־מזל טשעפעט זיך"; פלעג איך

ווידער אימיצען אַנטרעטען, האָט זי שוין מיט איינמאָל שלים־מזל ניט גע׳פּטר׳ט.

איהר מיינט אפשר, אז איך פלעג אַנטרעטען א מענשען? נאַ סער! פון אַנטרעטען א מענשען האָב איך זיך פון שטענדיג אָן געהיט און איך היט זיך היינט אויך. אַנטרעטען יענעם איז ביי מיר קיין קאַטאָוועס ניט? ווארט, איהר וועט מיט מיר מעהר בעקאַנט ווערען, וועט איהר זעהן, אז איך קען סאם טיימס אזוי אַנטרעטען, אז עס זאָל אזש בלוט געהן; אבער אַלץ ניט קיין מענשען. דער וואָס איז א מענש ברענגט ניט דערצו, אז מען זאָל איהם דארפען אַנטרעטען. איהר פערשטעהט דאָך מסתמא וואָס איך זאָג. איז וועמען פלעג איך אַנטרעטען? איך פלעג אָפט, ניט ווילענדיג, אַנטרעטען דער קאַץ אויפ׳ן עק, ווען די רביצין פלעגט זיצען ביים טעפּעל פעדערן און דרעמלען; די נארישע קאַץ פלעגט א קוויטש טהון און זי, די רביצין פלעגט זיך אויפכאַפּען. נו, נו, פרעגט שוין גאָר ניט. פלעגט זי מיר אָנ׳שלים־מזל׳ן א פולען קאָפּ, און אזוי איז דער נאָמען שלים־מזל פאר מיר פערבליעבען א בכיה לדורות, א צרה אויף אימער.

שפּרינצע די באָבע האָט געהאַט א סך מלאכות, זי איז געווען א העבאמע, א תכריכים נייערקע, א בעטערין אויף חתונות, א סארוועריקע, און ווען זי האָט קיין אנדער ארבייט ניט געהאַט, פלעגט זי זיצען און פליקען פרעמדע פעדערן, אויך פון פרנסה וועגען.

אויף מיין חתונה איז זי געווען אי א בעטערין, אי א סארוועריקע, אי א מחותנת׳טע, ווייל ביי מיר איז געווען א מצוה חתונה, — איך בין צו יענער צייט געווען שוין אָן עלענדער יתום אָהן א טאַטען און אָהן אמאַמע. מיינע ברידער זיינען געווען צוזעעט און צושפּרייט. צוויי האָבען געדיענט פּאָניען און די איברינע זיינען געווען ווייס איך וואו. אגב האָט עפּעס דער נאָמען שלים־מזל געלעגט אויף מיר א רחמנות און ווילד־פרעמדע האָבען געטאַנצט אויף מיין שלים־מזל׳דיגע חתונה.

.2

## וועגען פרויען און הייראטה.

טוביה הייקעל שטעלט פאר זיין אידענע. — רעדט א ביסעל וועגען דעם ענין פון חתונה האבען, וועגען ליעבע און אנדערע ענינים וואס אנבעלאנגען צום פער־הייראטען לעבען. — ער קריטיזירט א ביסעל חוה'ס טעכטער און דוקא ניט זעהר קרום אדער שלים־מזל'דיג.

---

אז מען רופט מיך טוביה הייקעל, ווייסט איהר שוין. איך האב אייך שוין דערצעהלט, ווי אזוי דער דאזיגער נאמען איז צו מיר געקומען, און אז איך האב חתונה געהאט, ווייסט איהר שוין אויך; אבער איך האב אייך נאך ניט דערצעהלט, אז איך בין א מטופל מיט קינדער. איך קען אייך ערשט זאגען, אז אויב איהר ווילט, קענט איהר מיר אבגעבען זעקס מזל־טוב'ן צוזאמען, — פון דריי ברית'ן און דריי ברית'ניצעס. אין דיזען פאך בין איך גראדע ניט אזוי שלים־מזל'דיג ווי מיין מאמע, ביי מיר געהט עס בערבוביא, אויסגעמישט, סענדוויטש־מעסיג: א מיידעל, א אינגעל און ווידער א מיידעל וחוזר חלילה און נאך אמאל דאס זעלבע איבערגע'חזר'ט.

אלזא, ווייסט איהר שוין אלעס. ווייסט איהר אבער ווי מען רופט מיין אידענע? מסתמא ניט. פון וואנען זאלט איהר עס וויסען? איך ווייס עפעס א סך ווי מען רופט אייערע אידענעס? דער גוטער ווייסט זיי, מען רופט זיי מסתמא ווי מען האט זיי א נאמען געגעבען.

אפט שפיעלט א נאמען א גרויסע ראלע. איך מיין ניט אן איינפאכער נאמען, דאס איז גראדע גאר ניט, ווארום וואס מאכט עס אויס, אויב מען רופט אייך בעריל צי שמעריל? אדער אויב מען רופט אייער פלונית'טע טריינע צי בריינע? א נאמען איז א נאמען! דאס וואס איך וויל זאגען, איז דיזעס: אז א שעהנער ביי־נאמען, א טיטול, א שעהנע מורינו, קומט אמאל יא צונוץ.

איך ווייס ניט ווי איהר, אבער איך האב, אין אמת זאגענדיג, ניט קיין גרויסע אמונה אין נעמען. פאראן מענשען מיט גרויסע נעמען און זיי זיינען אין מיינע אויגען קיין האלבען פיטאק ניט ווערטה. א וואזשנע

מציאה א נאָמען! פאַר געלד וועל איך אייך קויפען וועלכען נאָמען איהר ווילט, און אמאָל אַהן געלד אויך. נעמען זיינען פאראַן ביי גאָט א סך און איהר קענט אייך אויסקלייבען וועלכען איהר ווילט. איהר קענט זיך רופען סוחר, גביר עצום, בעל צדקה, בעל יושר, בעל טובה, כלל פערזאָרגער, גוטער, פרומער און אפילו קינסטלער, דאָקטאָר און פּראָפעסאָר אויך. אויב איהר ווילט, אז דער ביי־נאָמען, וואָס איהר האָט זיך אויסגעקליבען, זאָל אייך פערבלייבען, דאַרפט איהר עס נור, ווי מען זאָגט אין אמעריקא, אונטערפּושען, דאַן געהט עס ווי געשמירט.

ווען איך זאָג עס מיין צווייטע העלפט, זאָגט זי איך בין א שלים־מזל! דאָס גיט זי מיר הפּנים אַנצוהערענים, אז איך זאָל מיר אויך שאַפען א שעהנעם קלינגענדען נאָמען; דאָס ווייס זי אָבער ניט, די נארישע אידענע, אז ווען קיין מזל איז ניטאָ, מעגט איהר אפילו אין אמת'ן זיין ווייס איך ווער, טויגט איהר אַלץ אויף כפּרות.

מילא בכן, על כל פּנים, גאָר נישט. פון דעסטוועגען שאַדעט ניט, אז איך זאָל אייך מיין בריה פאַרשטעלען מיט איהר איינפאַכען, כשר'ן נאָמען, פיליכט וועט עס אמאָל צונוץ קומען צו וויסען.

אַלזאָ, רופען רופט מען איהר פייגע, ווילען וויל זי איך זאָל איהר רופען „פעני"; אָבער איך רוף איהר סאָם טיימס סתם „מיסעס" און ווען זי רופט מיך שלים־מזל, רוף איך איהר שלים־מזל'יכע.

קיין גרויסע יפת תואר איז זי ניט, די אידענע מיינע. צו די בעריהמטע שעהנהייטען קען מען איהר געוויס ניט צורעכענען (מיינע רייד זאָלען למעה"ש צו איהר ניט אַנקומען, עס פעהלט מיר נאָך צו מיין שלים־מזל'דיגע דאָליע, זי זאָל עס וויסען). איהר ווייסט דאָך, אז א פּרויענצימער וויל זעהר ניט ליידען, אז מען זאָגט אויף איהר, אז זי איז ניט שעהן. דאָס איז ביים שעהנעם געשלעכט ערגער ווי אין טאָטען אריין געשאָלטען. ווען איהר מאַכט א מיידעל אָדער א ווייבעל א בעמערקונג, אז זי איז ניט אזוי אַי־אַי־אַי, וועט זי אייך אַנזידלען. סאָם טיימס וועט זי אייך פערשווייגען; אָבער מוחל זיין וועט זי אייך פאַר דיזען חטא קיינמאָל ניט.

די ריכטיגע נקמה נעהמען זיי פון שטומען, אונשולדיגען שפּיעגעל. מיט איהם רעכענען זיי זיך אָב כדבעי. וואָס מעהר פעלערן ער, דער שפּיעגעל האָט אַנטקעגנען זיי אויסצוזעצען, אַלץ מעהר קריכען זיי איהם אין די אויגען.

ווי איינער רעדט: דו רייצט זיך מיט מיר, דו צייגסט מיר אָן די פּימפּעלס צי די זומער־שפּרינקלעך אויף מיין געזיכט; דיר געפעלט ניט מיינע גרויסע ציינער, מיין ברייטער נאָז, מיינע גראָבע ליפּען, מיינע מאָדנע קעציש אויגען, מיינע פּרה אדומה׳דיגע האָאר, טאָ ווער צוזעצט, ווער צופוקעט, ווער צופוקעט, וועל איך דוקא שטעהן אנטקעגען דיר און טהו זיך אין פוטער אריין.

איך דאַרף עס איך ניט דערצעהלען, איהר ווייסט עס אַליין. אויב איהר זעהט עס ניט פון אייערע ווייבער, זעהט איהר עס פון אייערע טעכטער אָדער פון אייערע שניר; אויב איהר זעהט עס פון זיי אויך ניט, זעהט איהר עס פון אייערע באַרדערקעס, פון די געסט וואָס קומען צו אייך אָדער ביי אייערע פריינד און בעקאַנטע, וואו איהר קומט צו גאַסט.

אָרימער שפּיגעל, נעבעך, דו האָסט גענוג אויסצושטעהן פאַר דיין שלים־מזל׳דיגע נאַטור אויפצוצייגען דעם אמת, — אַ שני בשני מיט מיר. איך האָב אָפּט אויך דערפון געברענטע ליידען, און ווען אזא פאַל פּאַסירט מיט מיר, אז איך כאַפּ אַמאָל אַ פּסק פאַר׳ן אמת, זאָגט די אידענע מיינע: רעכט אויף דיר, שלים־מזל, אַ מצוה אויף דיר, מיש זיך ניט וואו מען דאַרף ניט.

איך וואָלט וועלען וויסען, וואָס אַ שטייגער וואָלט געווען, ווען עס זאָלען זיין אַזעלכע שפּיגעלען, וואָס זאָלען ציינען די אינערליכע פעהלערן פון אַ מענשען, די פעהלערן פון דער נשמה. איהר מיינט נשמות זיינען ניטאָ קיין העסליכע? אָהאָ! פאַרן נשמות מיט פּימפּעלס, מיט זומער שפּרינקלעך און מיט גרויסע פלעקען אויך; אָבער דאָס זעהען ניט אַלע, וויסען ניט אַלע, אפשר מאַנכע וואָס בעזיצען נשמות פערזעהענישען, פיהלען עס אַליין אויך ניט.

ווען מען זאָגט אַזעלכען, וואָס האָט אַ העסליכע נשמה: סעי, דיין נשמה האָט פּימפּעלס, דיין נשמה האָט פלעקען, ווערט ער אויף אייך בייז און גראָבעלט אייך אָפּט אוים די אויגען. מעגליך, אז אַ שפּיגעל וואָלט ער בעסער געגלויבט.

ווען איך זאָג אַ מאָל די זעלבע ווערטער פאַר מיין אידענע, שאָקעלט זי מיט׳ן קאָפּ. אי, שלים־מזל, — זאָגט זיא, — צו וואָס טויג דיר אַזעלכע חקירות און וואָס ועסטו האָבען פון אַזעלכע נאַרישע פילאָזאָפיעס? אָט אַ

אידענע! אַלץ הייסט ביי איהר חקירות און פאר אַלצדינג רופט זי מיך שלים־מזל.

ווי אַזוי איך בין צום שידוך מיט מיין פלונית'טע געקומען און צוליעב וואָס פאר אַ צוועק איך האָב גאָר אין גאַנצען חתונה געהאַט, ווייס איך אַליין אויך ניט. אי'ל בעט יו, אַז איהר ווייסט אויך ניט גענוי די אורזאַכען וואָס האָבען אייך געטריעבען חתונה צו האָבען.

אין דעם ענין פון חתונה האָבען זיינען פאַראַן חלוקי דעות. איינער צום ביישפּיעל, וועט אייך דערצעהלען אַ מעשה, אַז ער האָט זיך אין זיין איצטיגע ווייבעל אַ מאָהל שטערבליך פערליעבט. אין איהר האָט ער געפונען זיין אידעאַל; אָבער ווען ניט זי, וואָלט ער פערבליעבען אַ בעטשעלאָר לעולם ועד. טאָמער ווייסט איהר אָבער, אַז ער איז היינט מיט זיין אַמאָליגע עוויג־ליע־בענדע ניט אַזוי שוה בשוה און איהר וועט איהם פרעגען אַ תירוץ דערויף, וועט ער אייך ענטפערען, אַז די ליעבע איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי אַ היץ־קריינק, וואָס מיידעט מיט דער צייט. אי, סוחר, וואו ביזטו פריהער געוועזען? בלייבט אַ קשיא.

אַן אַנדערער ווידער וועט אייך דערצעהלען, אַז ער איז געוועזען און איז נאָך היינט אויך אַן אידעאַליסט, אַ דענקער, אַן אויפגעקלעהרטער און האָלט די הייראַטה פאר אַ נאַרישקייט, זאָגאַר פאר אַ פערברעכען; אָבער די טאַטע־מאַמע זיינע האָבען געוואָלט דערלעבען נחת פון איהם, און זיי צוליעב האָט ער חתונה געהאַט.

נאָך איינער, אויב ער וועט אייך וועלען זאָגען דעם אמת, וועט ער אייך דערצעהלען, אַז ער האָט חתונה געהאַט אויס נויטה, אויס דלות אָדער אויס פוילקייט, ווייל ער האָט ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט פערדיענען, האָט ער גענומען אַן „עזר", אַן ארויסהעלפערקע, וואָס זאָל איהם פריהער ארויס־העלפען מיט איהר נדן, נאָכדעם מיט פערשוואַרצט ווערען מיט איהם צוזאַ־מען און ליגען אכצעהן איילען טיעף אין דער אדמה.

גאָר אַנאַנדערער ווידער וועט אייך ערקלעהרען, אַז ער האָט חתונה געהאַט ווייל דער סדר עולם איז חתונה צו האָבען. צו עס איז גליך פאר איהם צו ניט, דערויף האָט ער גאָר ניט איבערגעקלערט.

איך קען אפילו איינע פון די דערמאָהנטע אורזאַכען ניט אַנגעבען. ניט איך האָב געהייראַטה אויס ליעבע, ניט אימיצער האָט מיר געצוואונגען, ניט

אוים נויטה און ניט צוליעב דעם סדר עולם, און אז איך וויל קען איך זאגען, אז איך האב גאר ניט חתונה געהאט, נאר מען האט מיר חתונה געמאכט. בעל מצוה'ניקעס און בעל מצוה'ניצעס האבען מורא געהאט, אז איך, טוביה חייקעל, המכונה שלים־מזל, זאל ח"ו ניט פערזיצען א בחור, האט מען מיך פערשלייערט. אי פון דעם שלים־מזל וועלען ארויסקומען נאך שלים־מזל'אך און זיי וועלען דארפען עסען, — דארויף איז גאט א פאטער.

ווען איך רייד זיך א מאל פאנאנדער מיט מיין אידענע און מיר קומען ארויף אויף דעם שמועס מכח אונזער שלים־מזל'דיגער חתונה, בעמערקט זי שטענדיג: א שלים־מזל בלייבט א שלים־מזל.

האט איהר געהערט אויף אייער לעבען? אז איך האב זיך ניט געקענט שפיעלען אין ליעבעס און ניט פעהיג געווען צו בלאפען, דערפאר בין איך — א שלים־מזל!

---

.3

## אין גלות צוליעב א מלמד'ס טעות.

א מעשה מיט אידען, וואס זיינען ארעטירט געווארען אלס רעוואלוציאנערען, ווערענד זיי זיינען געגאנגען מקבל פנים זיין א נייעם רב. — אן אונשולדיגער בריוועל פון א פריינד שלעכט אויסגעטייטשט און טוביה חייקעל האט געמוזט אנטלויפען נאך אמעריקא.

---

איהר ווילט וויסען ווי אזוי איך בין געקומען קיין אמעריקא? דער שלים־מזל האט מיך אהער געבראכט. איך, אהן שלים־מזל, טהו זיך ערגיץ ניט א קעהר, ווי אנדערע צוויי לעבען מיר. עס הייסט, פון מיין צד וואלט איך איהם, דעם שלים־מזל, מיין איך, מוחל געווען זיין פריינדשאפט, איך קען מיין שטעדטעל אליין בעשטעהן; אבער ער פאלגט מיר נאך אויף יעדען שריט און טריט, ער נעהמט פון מיר די אויגען ניט אראב, אקוראט ווי אן אייפערזיכטיגער בעל הבית'ל פון זיין יונג ווייבעלע. ווען מענער מיט זייערע פרויען וואלטען האבען אזא גוט לעבען, ווי ער מיט מיר, וואלטען קיינע גט־פראצעסען פארגעקומען און קיינער וואלט גאר ניט וויסען וואס אן עגונה איז,

אבער דאס זיינען ביי־זאכען, איהר ווילט דאך מסתמא וויסען דעם עיקר, און דאס געה איך אייך דערצעהלען.

אייגענטליך האב איך א גרויסע שטיק פון מיין ביאגראפיע דורכגע־לאזט. איך האב אייך ניט דערצעהלט ווי אזוי איך בין ערצויגען געווארען, ווי אזוי איך האב זיך אויפגעהאדעוועט ביז איך בין א שטיקעל מענש גע־ווארען; אבער איך דענק, אז אזא ענין איז ניט פאר אלעמען וויכטיג. פאראן א סך מענשען וואס אינטערעסירען זיך ניט ווי און אויף וואס פאר אן ארט א קינד ווערט ערצויגען. פאראן מענשען וואס געהען מיט דער מעטהאדע, אז א מענש וואקסט אויף אליין פון דער נאטור. כי האדם עץ השדה, א מענש איז געגליכען צו א בוים, אזוי ווי א בוים וואקסט אויף אליין, אזוי וואקסט א מענש אויך אליין, אזוי זאגען אנדערע.

זעהט איהר, איך בין ניט מיט דיעזער מיינונג. איך זאג, אז א קינד טאר מען ניט לאזען וואקסען מיט דער נאטור און ווען מען לאזט עס וואקסען אליין אזוי ווי א וואלד־בוים און מען היט עס ניט, וואקסט עס טאקי אויס ניט מעהר ווי א פלאקען, ניט מעהר ווי א שטיק האלץ. א קינד, זאג איך, איז ווי א יונגע פרוכט־בוימעלע, מען דארף דערויף האבען השגחה, מען דארף עס בעגיסען, מען דארף ארומקלייבען די ווערים דערפון — איהר מיינט א מענש האט ניט קיין ווערים? א מענש האט אויך ווערים, וואס פערדערבען איהם — פליעגען אין נאז, רופט מען עס, און ווען מען קלייבט די דאזיגע פליעגען ניט ארום, ווען דאס בוימעלע, דאס קינד, מיין איך, איז נאך יונג, פערבלייבע זיי ביי איהם אויף שטענדיג.

אט די דאזיגע פליעגען ארומצוקלייבען דארף מען קענען, מען דארף זיין א גוטער גערטנער דערצו. מען דארף פערשטעהן, מען דארף לערנען און שטודירען ווי מיט די לעבעדיגע בוימעלעך אנצוגעהן. אפט דארף מען די פליעגע פון די בוימעלעך טרייבען מיט שטעקענס און אפט דארף מען זיי שמירען מיט האניג. איהר פערשטעהט דאך מסתמא וואס איך מיין?!

ווען איך רעד אמאל איבער פונקט די זעלבע ווערטער פאר מיין אלטע, גיט זי מיר קודם־כל אב מיין עהרען־טיטול „שלים־מזל“ און זי מאכט פון מיר אזוי ווי פון א משוגענעם — א אידענע בלייבט א אידענע!

מילא בכן, על כל פנים, גאר נישט. צוליעב דעם ווייל ניט אלע זיינען מיט מיר אין דעם ענין פון האדעוועז קינדער, אייגפערשטאנדען, וועל איך

דיזען וויכטיגען קאַפּיטעל פון מיינע אייגענע לעבענס־בעשרייבונג איבער־היפּען. איך וועל אייך בלויז אביסעל דערצעהלען וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט נאָך מיין חתונה. נאכהער וועלען מיר ארויפקומען אויף אמעריקא.

ראשית הכל מוז איך אייך זאָגען, אז נאָך אלעמען בין איך געוועזן א בעל־הבתי׳שער יונגערמאַן. עס הייסט, קיין בעל מלאכה בין איך ניט געוועזן און קיין פּראָפעסיאָן אין האנד האָב איך ניט געהאַט, זאָנסט וואָלט פּיניע דער קרעמער (אזוי האָט מיין שווער געהייסען) מיך ניט גענומען פאַר איין איידעם. די שוויגער מיינע פלעגט זאָגען, אז קיינע בעלי־מלאכה זיינען אין איהר משפחה ניטאָ, הלואי וויטער. ניט איין שדכן האָט פון איהר געקראָגען אָנגעזידעלט דערפאַר וואָס ער האָט געהאַט די חוצפה צו רעדען אַ שידוך איהר פּייגע׳ן, מיין אידענע הייסט עס, מיט א בעל מלאכה. אבער ניט דאָס בין איך אויסען.

קעסט האָט מיר דער שווער צוגעזאָגט, און ניט אבי וואָסערע קעסט, נור טאַקע כמנהג בעלי הבתים חשובים, אזוי האָט מען בפירוש געשריעבען אין די תנאים און ער האָט זיין צוזאָג מקיים געוועזן, אמת ניט אין גאנצען; אבער וואָס מאַכט עס אויס?

קעסט האָב איך געהאַט כיד המלך. איך עס אסור היינט אום שבת, דאָס וואָס איך האָב זיינעדיג ביי מיין שווער אויף קעסט גענעסען. איך זאָג אייך אז דער טעם פון די קעסט ליעגט מיר נאָך היינט אין מויל. שטעלט זיך פאָר: בראָנפען מיט צובייסען, פיש, פלייש, יויך, צימעס, און אַלעס ביד רחבה, מיט׳ן פולען הויפען, טאַקע כמנהג בעלי הבתים חשובים. איך בין חלילה ניט קיין פרעסער, קיין זויפער; אבער א גוטען ביסען האָב איך ניט פיינד. — און איהר האָט פיינד א גוטע זאַך?

אָט אזוי האָב איך מיר געלעבט, טאַקע ווי מע זאָגט, כמלך במסיבו, אנו, טרעפט וויפיעל? איך שעהם זיך עס אייך צו זאָגען. איהר טרעפט ניט, הא? ווען איהר וועט אפילו זיין מיט צעהן קעפּ, וועט איהר אויך ניט טרעפען! אלזאָ איך וועל אייך דערצעהלען; אבער איהר זאָלט ניט זאָגען, אז דערפאַר בין איך א שלים־מזל.

ויהי ערב ויהי בוקר יום שני, אויפ׳ן צווייטען טאָג נאָך מיין חתונה האָט מיך דער שווער אריינגערופען אין אַלקיר און גאָר אָהן צערעמאָניעס געזאָגט: טוביה חייקעל, קח את אשתך ולך, — נעהם דיין ווייב, מיין

טאַכטער פייגע, הייסט עס, און געה זיך ערגעץ זוכען פּרנסה. איך בין אַן אָרימאַן און איך פערמעג ניט אויסצוהאַלטען דיך מיט דיין ווייב.

האָב איך דאָך אָנגעהויבען טענה'ן: סטייטש שוועך לעבען, איהר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט קעסט? ענטפערט ער מיר, וואָלט איהר הערען: ניט אומזיסט רופט מען דיר שלים־מזל, ווען דו וואָלסט קיין שלים־מזל ניט געווען וואָלסטו געוואוסט פון דעם כלל, אז צוזאָגען און איינרעדען קאָסט קיין געלד ניט; ווען דו וואָלסט שכל געהט, וואָלסטו געוואוסט, אז מען קען רעכענען יום לשנה, א טאָג פאר א יאהר. נו, ווי געפעלט אייך אַן עסק? דערפאר וואָס איך בין א פיינער מאַן און האָב איהם געטרויט אויפ'ן וואָרט, רופט ער מיך שלים־מזל!

מילא קורץ דערפון, איך האָב איינגעזעהן אז ער, פיניע דער קרעמער, דער שעהנער איד, דער מיוחס, מעג זיינע ווערטער צוריקציהען און איך אָרימער, שלים־מזל'דיגער טוביה חייקעל, קען שוין אויפ'ן „הרי את" קיין חרטה ניט האָבען, און מען מוז עפּעס זוכען א תכלית.

וואָס טהוט א בעל־הבתי'שער יונגער מאַן, ווען ער געהט אראָב פון קעסט? עפענט ער א קרעמעל. הכלל איך האָב געעפענט א קרעמיל און געגעבאיבער מיין קרעמיל האָט בערעלע, מאָטיע דעם מילכיגער'ס איידעם, וואָס איז נור וואָס אראָב פון קעסט, אויך געעפענט א קרעמעל.

בערעלע איז געווען א פיינער יונג, א ביסעל א היינט־וועלטיגער, א סימן האָט איהר, אז מען אָט איהם גערופען בערעלע, ניט בעריל. דער „ע" וואָס מען לעגט צו צו דעם נאָמען בעדייט אמאָל זעהר פיעל, און לא כל אדם זוכה אז צו זיין נאָמען זאָל צוגעלעגט ווערען אַן „ע". איך האָב אמאָל די זכיה גערופען צו ווערען טוביה חייקעלע, אָבער דאָס קאָסט מיך גוטעס געלד. ווען די אידענע מיינע וויל א נייע קלייד, א נייעם העמ, אָדער ווען זי וואַרפט אַן אויג אויף א שטיקעל ציערונג, דאַן ווערט זי אַזוי ליעבליך, אַזוי צערטליך און אנשטאט טוביה חייקעל אָדער שלים־מזל רופט זי מיך „טוביה חייקעלע", און פאר דעם „ע", וואָס זי לעגט צו צו מיין נאָמען, גיב איך איהר נאָך די שמד און זי פיהרט אוים אַלעס וואָס זי וויל. און ווי איז ביי אייך? ניט אַזוי?

מילא גאָר נישט. האָב איך געעפענט א קראָם אין איין זייט גאַס און בערעלע אין אַנדערן זייט גאַס, עקראָם דהיי ווער, ווי מען זאָגט עס דאָ.

קיין שאַרפע פּרנסה האָבען מיר ביידע ניט געהאַט, ניט איך, ניט בערעלע. וויַטער בין איך גאַנצע טעג געזעסען ביים פייער־טאָפּ און אויס־געקוקט אַ קונה און ער איז געזעסען די הענד אין די אַרבעל פון פוטער (איהם האָט דער שווער געמאַכט צו דער חתונה אַ טהייערען פּעלץ) און אויך אויסגעקוקט אַ קונה. זומער פלעג איך אַרויסשטעלען אַ בענקעלע ביים טהיר פון קראָם און זיצען און טראַכטען, און מיין אַנטקעגענדיגער פלעגט אויך אַזוי טהון. איך האָב געגלעט די באָרד און געטראַכט און ער האָט געדרעהט די וואָנצעס און געטראַכט. איך האָב אָפט אַריינגעקוקט אין אַ ספר, און ער אין אַ ביכעל; איך פלעג כאַפּען אַ דרעמעל, און ער פלעגט כאַפּען אַ דרעמעל; פלעגט אַריינגעהן אַ קונה צו איהם, האָב איך איהם מקנא געווען; פלעגט ער ווידער זעהן אַז אימיצער געהט אַריין צו מיר, האָט ער מיך מקנא געווען. און וואָס האָבען לייטע דאַרויף געזאָגט? הערט־זשע וואָס מען האָט געזאָגט:

אַ שלים־מזל קען, אַוועקגעזעצט זיך ווי אַ מכה אין זייט, אַליין לייזט ער ניט און מאַכט נור אַן אַנדערען קאַליע. אויף וועמען האָט מען עס געזאָגט? עס פערשטעהט זיך אויף מיר, ניט אויף בערעלען! נו, פרעג איך אייך, אדרבא, פון וואַנען איז עס געדרונגען, אַז איך בין דער שלים־מזל און מאַך יענעם קאַליע, אפשר איז גאָר יענער דער שלים־מזל און ער מאַכט מיר קאַליע? אבער געה מאַך מיט זיי, אַז מען האָט מיך איינגעוויעגט פאַר אַ שלים־מזל, בין איך שוין שטענדיג אַ שלים־מזל, צי איך האָב דיזען נאָמען פערדיענט צי ניט, און אַזוי געהט עס עד היום.

מילא, וואָס זאָל איך אייך פיעל בריַיען, איך האָב זיך געמוטשעט אַ לאַנגע צייט, ביז איך האָב זיך אַרומגעזעהן, אַז איך האַלט שמאָל. אַ קראָם, דאַרפט איהר וויסען, איז ניט קיין ברונען — עס שעפּט זיך אויס. און ווען די אַלטע סחורה שעפּט זיך אויס און עס איז ניטאָ פאַר וואָס צו קויפען נייע, איז מען קאַפּוט מיט די ביינער. דערצו איז ביי אונז אין שטעדטעל געוואָרען די רעוואָלוציע. דאָס איז געווען אַ צוגאָב צו די צרות. איך דאַרף עס אייך ניט דערצעהלען, איהר ווייסט עס אַליין.

פון דעסטוועגען איז מיר אַמעריקא אפילו אין דער לינקער פּאה ניט געלעגען. אַז קרעמעריי טויג ניט, האָב איך געטראַכט, וועל איך ווערען אַ מלמד. דאָס איז דאָך געווים קיין קונץ ניט. איהר ווייסט דאָך וואָס פאַר

א חכמות עס שטעקט אין מלמדות, — א וואזשנע תורה! ווער קען עס ניט זיין א מלמד? דאס איז א ביליגער מסחר, קיין אויסלאג דארף מען דערצו ניט. און אי מען נעהמט געלד, אי די סחורה פערבלייבט. ווי זאגט איהר? ניט אזוי?

וועט איהר מיך דאך פרעגען, ווי אזוי בין איך פארט געקומען קיין אמעריקא? וועל איך אייך נאך אמאל זאגען, אז דער שלים־מזל האט מיך אהער געבראכט. אט וועל איך אייך דערצעהלען.

דא אין אמעריקא האב איך געהאט א שטיקעל קרוב, ער איז נאך היינט אויך דא. אין דער היים איז ער געווען א גמרא־מלמד, הערשקע קאלטון, האט מען איהם גערופען, דא רופט מען איהם אנדערש. איז זיך מישב יענער קרוב מיינער און שרייבט מיר אריין א בריעף. איך וויים ניט צי האט ער עס געטהאן אוים גוט־פריינדשאפט אדער ער האט בלויז געמיינט זיך צו בעריהמען — א איד האט אפט ליעב צו בעריהמען זיך אז ער איז גוט אב, כדי אנדערע זאלען איהם מקנא זיין. — ווי די זאך איז, האט ער מיר אין בריעף געשריעבען אז ער איז דא א גאנצער קנאקער און פערדיענט א סך געלד. צום ענדע פון בריעף האט ער זיך אויסגעדריקט בזה הלשון:

— גאט זאל געבען איך זאל הערען פון אייך גוטעס און קיין צאר זאל ביי אייך ניט זיין." מיינען האט ער געמיינט, אז קיין „צער" זאל ביי מיר ניט זיין, נור ווייל ער איז אביסעל טעמפליך אויף די עברי, האט ער געשריעבען „צאר" אנשטאט „צער". מילא גאר נישט.

דערוויל האט זיך געמאכט, אז דער רב פון אונזער שטעדטעל איז ארויסגעפאהרען און מען האט אנגעהויבען זוכען אן אנדער רב. זיינען אויפגעשטאנען די יונגווארג און געזאגט, אז עס איז רעכט אהן א רב, — אדער א געבילדעטער רב האט זיך זיי געוואלט. מיר בעלי בתים האבען זיי מסתמא געהערט ווי די קעץ, און מיר האבען גענומען א רב וועלכען מיר האבען געוואלט.

אין דעם אבענד וואס דער רב האט געדארפט אנקומען, דאס איז געווען אין סאמע פייער פון דער רעוואלוציע, זיינען מיר בעלי הבתים ארויס־געגאנגען הינטער'ן שטאדט מקבל פנים זיין אונזער גאסט. פלוצלונג זיינען אונז בעפאלען א מחנה פאליצייסקע, בכן וואס איז? מיר זיינען מורדים במלכות, מיר געהען שיסען דעם גובערנאטאר, צי וויים איך וועמען —

נעטראַפֿען דעם אָרט, שעהנע פּלאַקען־שיסערס זיינען מיר געווען! קורץ דערפון, ווער עס האָט געקענט איז אנטלאָפען, און מיך מיט נאָך עטליכע בעלי הבתים האָט מען ארעסטירט. מען האָט נאָכדעם געמאַכט אַביסקעס אין אַלע הייזער און ערגעץ גאָר ניט געפונען, בלויז ביי מיר האָט מען יא געפונען — טרעפט וואָס? דעם בריעף וואָס איז מיר אָנגעקומען פון אמעריקא.

געזאָגט האָט מען, אז דאָס האָבען די עכברושים, די יונגאַטשעס, עקסטרא אונטערגעשיקט די פּאָליציי כדי צו פערשטערען די שמחה פון נייעם רב; אָבער וואָס האָבען זיי אויסגעפיהרט? עס איז אראָבגעפאָהרען עפּעס א גרויסער נאַטשאַלניק, געמאַכט א גאַנצע חקירה ודרישה, און ווען ער האָט אויסגעפונען אז מיר זיינען אונשולדיג, האָט מען אונז בעפרייט. כאָטש א גוי, פון דעסטוועגען איז ער ניט קראַנק אויפ׳ן שכל! וואָס דען! מיר עלטערע בעלי הבתים וועלען זיין רעוואָלוציאָנערען?

דעם בריעף וואָס מען האָט ביי מיר געפונען, האָט מען פון דעסטוועגען אוועקגעשיקט אין גובערניע. עפּעס האָט זיך זיי, צו מיין שלים־מזל, געדאַכט, אז אין בריעף איז עפּעס דאָ, און כך הוא, זיי האָבען טאַקע געפונען.

מסתמא א משומד האָט דאָרט דעם בריעף איבערזעצט אויף רוסיש און די ווערטער „קיין צאר (צער) זאָל ביי אייך ניט זיין“, האָט ער פערטייטשט: שטאָב צאַריא או וואַס ניע בילא, — קיין קיסר זאָל ביי אייך ניט זיין. נו, פערשטעהט איהר? איהר ווייסט וואָס עס קומט ביי אונז פאַר האַלטען אזא טריפה זאַך אין הויז? עס שמעקט מיט קאַטאָרגע, שמעקט עס, און אפשר גאָר מיט שיסען.

הכלל ווי מען זאָגט, צום שלים־מזל דאַרף מען אויך האָבען מזל. ווען מען איז מיך געקומען זוכען, בין איך גראָדע אין דער היים ניט געווען. מען האָט מיר די בשורה טובה אָנגעזאָגט, און איבערנאַכט איז בעשאַפען געוואָרען א שיפסקאַרטע מיט רייזע־קאָסטען און טוביה חייקעל היידא קיין אמעריקא.

.4

## דער מסחר מיט'ן אמת.

**טוביה חייקעל וויל זיין אַ חכם אין אמעריקא. ער פאַלט אויף אַן אידעע, וואָס טאַקע נור אַ שלים־מזל קען פאַלען און ער כאַפּט אַ מפּלה. — פאָלגט ניט די עצה פון אַ קלוגען פריינד און ער האָט נאכדעם טויזענד חרטות.**

---

הייסט עס, אַז איהר ווייסט שוין אַז געטריעבען קיין אַמעריקא האָט מיך דער שלים־מזל. אייגענטליך קען איך זאָגען, אַז ניט ער האָט מיך געטריעבען, נור ער האָט מיך געשלעפּט, ער איז געלאָפען פאָראויס און האָט מיך געשלעפּט נאָך איהם. ווען דער שלים־מזל זאָל זיך מיר אָבשטעלען פון הינטען, וואָלט איך זיך אפשר פון איהם אויסגעדרעהט, די צרה איז אָבער וואָס ער לויפט פריהער פאַר מיר, אזוי ווי אַ געטרייער הינטעל, ער האָט שטענדיג קפיצת הדרך און וואו איך קום טרעף איך איהם.

דערצעהלען אייך פון מיין רייזע, רעכען איך פאַר איבריג. איהר זיינט דאָך אויך אַהער געפאָהרען און איהר ווייסט דעם טעם דערפון. אויפ'ן וועג קיין אַמעריקא איז דער שלים־מזל זעהר 'שולט. דאָרט זיינען ניט נור פּראָפעסיאָנעלע שלים־מזל'ניקעס זיינע קרבנות, זאָנדערן אפילו העלדען, חכמים, סמאַרטע יונגען, ווי איהר רופט זיי, פאַלען אָפט אויך אריין אין שלים־מזל'ס הענד און ער רעכענט זיך מיט זיי אָב כדבעי. זעלטען ווען איינער קומט איבער דעם וועג אָהן אירגענד וועלכע סבה, עטוואָס שלים־מזל'דיגס מוז יעדען איינעם טרעפען. נאַטירליך האָט מיך געטראָפען מעהר ווי אַנדערע, כי לכך נוצרתי, ווייל דארויף בין איך בעשאַפען געוואָרען, אַז דער שלים־מזל זאָל זיך רייבען ארום מיר און האָבען אַ סטעדי דזשאָב.

ווען איך בין געקומען אין עללים איילענד, דער טהויער פון אַמעריקא, האָט מען מיר געשטעלט פראַגען: מאין באת ולאן אתה הולך? פון וואַנען קומען זי? צו וועמען פאָהרען זי? און וואָס דענקען זי צו טהון אין אַמעריקא? די לעצטע שאלה איז מיר אויסגעקומען קאָמיש. אַ קלאָץ־קשיא דאָס איז, וואָס איך דענק צו טהון אין אַמעריקא! און וואָס דענקט אַ איד ניט צו טהון? אַ איד איז אַ פאַנטאַזיאָר, ער דענקט, ער קלערט, ער

טראַכט. עס דאַכט זיך איהם, ער וועט אַלעס טהון, ער וועט די וועלט איבערקעהרען, ער וועט אויפטהון מי יודע וואָס. איך האָב אויך אַזוי געטראַכט. אָבער פאַרלויפיג געהט עס מיר וחלקלקות, מיט די פוטער אַראָב, שלים־מזל׳דיג, ניט פאַר אייך געדאַכט.

אָבגענומען פון קעסעל גאָרדען האָט מיך הערשקע קאַלטון, דער געוועזענער גמרא־מלמד, וועלכער האָט דורך זיין שלים־מזל׳דיגען בריוועל גורם געווען אז איך זאָל קומען קיין אמעריקאַ. ווען איך האָב איהם דערצעהלט די געשיכטע ווי אַזוי איך בין דורך זיין טעות אַריינגעפאַלען און בין צוגעפאַלען צו איהם מיט אַ געוויין: גזלן! איהר האָט דאָך מיך געקוילעט, איהר האָט דאָך מיך אונגליקליך געמאַכט. לאַכט ער, דער קרוב מיינער, און זאָגט: ניט איך האָב אייך געקוילעט, ניט איך האָב אייך אונגליקליך געמאַכט; פערקעהרט, אויב איהר וועט נור ניט זיין קיין שלים־מזל און אויב נור איהר וועט שכל האָבען, שטעהט אייך ערשט פאַר אַ גליק. אַט די גאַנצע געשיכטע וואָס איהר האָט מיר דערצעהלט, זאָגט ער, איז פאַר אייך אַ גאָלדענער פינגערל, בעשערט אפשר אַז איהר זאָלט דורך מיין בריעף געהאָלפען ווערען.

פרעג איך: ווי אַזוי? ענטפערט ער מיר מיט אַ געלעכטער כהאי לישנא:

איהר זאָלט ניט דערצעהלען, אז איהר זיינט געגאַנגען מקבל פנים זיין דעם רב. זאָגט, אַז איהר זיינט טאַקע געגאַנגען שיסען דעם גובערנאַטאָר. דערמאָהנט פאַר קיינעם ניט אַ וואָרט פון מיין בריעף מיט׳ן גרייז, זאָגט אַז איהר האָט טאַקע ביי זיך געהאַט רעוואָלוציאָנערע שריפטען; איהר זאָלט פאַר קיינעם ניט דאַכטען, אַז מען האָט אייך אַרעסטירט און בעפרייט, זאָגט אַז איהר זיינט געזעסען אין טורמע געשמידט אין קייטען און איהר האָט זיך אַרויסגע׳גנב׳עט. אַז איהר וועט מיך פאָלגען, זאָגט ער, וועט אייך אַזוי גוט און אַזוי וואויל זיין.

קוק איך איהם אָן און פערשטעה ניט אַ וואָרט וואָס ער רעדט. חזר׳ט ער איבער דאָס זעלבע נאָך אַמאָל: געגאַנגען, מאַכט ער, זיינט איהר מיט נאָך אידען הינטערן שטאָדט? טאָ זאָל זיך אייך דאַכטען, אַז איהר זיינט געגאַנגען היגריכטען אַ רוסישען טיראַן. געפונען האָט מען ביי אייך עפּעס? טאָ זאָל זיך אייך דאַכטען, אַז דאָס איז געווען רעוואָלוציאָנערע פּאַפּיערען.

אנטלאָפען זיינט איהר? טאָ זאָל זיך אייך דאַכטען, אז איהר האָט צובראָכען קייטען און אנטלאָפען פון טורמע. פערשטעהט איהר מיך, ר׳ טוביה חייקעל, זאָגט ער, אַן אנטלאָפענער רעוואָלוציאָנער איז דאָ זעהר חריף. אזעלכען רופט מען דאָ: א מארטירער פון א טיראַנישע הערשאַפט, א קרבן, הייסט עס, פאַר׳ן טובת הכלל און דער וואָס איז זוכה בעקרוינט צו ווערען מיט דיזען נאָמען, איז שוין מיט חיונה פערזאָרגט. איהר וועט שוין זעהן, מען וועט אייך אויפכאַפּען אזוי ווי א גוטען אידען און עס וועט אייך איה״ש גאָר ניט פעהלען.

מאַך איך צו איהם: סטייטש, ר׳ הערש, גלאַט נעהן אויסטראַכטען א ליגען? לאַכט ער ווייטער, דער קרוב מיינער און זאָגט צו מיר, אז אין אמעריקא איז אַלעס בלאָפס. (איך האָב נאָך דאַן ניט געוואוסט וואָס דאָס מיינט, האָט ער עס מיר פערטייטשט.) אַלעס, זאָגט ער, וואָס איהר זעהט דאָ און הערט, איז בלאָפס. דאָ זיינען פאַראַן געבלאָפטע עשירים און געבלאָפטע קבצנים; געבלאָפטע כלל־פערזאָרגער און געבלאָפטע דרך ארץ לערנער; געבלאָפטע דאָקטוירים און געבלאָפטע פּראָפעסאָרען. אין די געשעפטען אין בלאָפס, אין די סטריטען איז בלאָפס, מיט איין וואָרט: הימעל און ערד און בלאָף! אפילו דאָס וואָס ער בעריהמט זיך אז ער איז גוט אָב, האָט מיר דער קרוב מיינער פערטרויט אויפ׳ן אויער, איז אויך א בלאָף. מילא, דאָס האָב איך איהם חושד געווען, אז ער זאָגט עס עקסטרא כדי איך זאָל ביי איהם ניט בעטען באָרגען א פּאָאר דאָלאַר. אבער אויף די איבריגע האָב איך איהם געגלויבט.

קורץ דערפון, די רעדע זיינע איז מיר גוט אריין אין נאָז, און אין מיין שלים־מזל׳דיגען מח האָט זיך אריינגעכאַפּט א זאָנדערבאַרע, אָבער זעהר א קלוגע אידעע, עס הייסט, אזוי האָט זיך מיר אויסגעוויזען. אבער אויס־געלאָזט האָט זיך דערפון א בוידים, ווי איך וועל אייך באַלד דערצעהלען.

מיין קרוב׳ס רייד, ווי געזאָגט, האָבען אויף מיר געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק. וואָס איך האָב געזעהן, האָט זיך מיר אַלץ אויסגעדאַכט, אז עס איז א בלאָף, א פאַלשקייט, א שווינדעל. איך האָב זאָגאר אָנגעהויבען צווייפלען אויב די אַלע מענשען וואָס איך זעה זיינען ווירקליך מענשען, — אפשר זיינען גאָר צווישען זיי פאַראַן פּערשטעלעניסען, מאַנקים אָדער ווייס איך וואָס, א קשיא אויף אמעריקא!

מילא בכן, על כל פנים, גאר נישט. אז איך האב מיר אזוי איינ־געבילדעט אז אלעס איז פאלש און אז קיין אמת קריעגט מען דא אפילו אויף א רפואה ניט, האב איך מיר געטראכט, אז דער אמת וואלט דא געווען א גוטע און גאנגבארע סחורה. דיזער רעיון איז מיר דורכגעפלויגען אין קאפ דאמאלס נאך ווען דער קרוב מיינער האט מיר פארגעשטעלט אמעריקא אלס א בלאפערשע מדינה און וואס א טאג ווייטער, איז מיר די אידעע אלץ פער־שטארקערט געווארען. נאך מיין שלים־מזל׳דיגען שכל איז אויסגעקומען, אז פון טהון עפעס מיט׳ן אמת, מיט די ריינע וואהרהייט, דארף מען דא מעשיר ווערען. א קלייניגקייט איז עס? זיין א חד בדרא, איין זכר אין מאסקווע! איך וויים, אז בערקע חוה ביילעס, דער איינאונאיינציגער שניט־קרעמער אין מיין שטעדטעל איז א נגיד; מענדעל דער בייגעל־בעקער איז רייך ווי קרח, ווייל ער איז איינער אין שטעדטעל, היינט וויפיעל עשירות קען מען אנקלייבען זייענדיג איין איש אמת אין אזא גרויסע שטאדט ווי ניו יארק?

איך בין געווען שטאלץ אויף דיזער אידעע. מען רופט מיך שלים־מזל, האב איך געטראכט, אין אמת׳ן אבער זיינען זיי אלע שלים־מזל׳ניקעס, פערד, בהמות זיינען זיי, אז זיי פערשטעהען ניט, אז א סחורה וואס איז ניטא אין מארקעט איז שטענדיג טהייער, און נור דערמיט דארף מען האנדלען. א מענש וואס האט א ידיעה אין מסחר דארף זיך קיינמאל ניט כאפען צו אזא זאך וואס ער זאל האבען קאנקורענטען. פרעגט ניט דעם רופא, פרעגט דעם חולה, איך בין געווען אין דער היים א קרעמער און איך וויים וואס קאנקורענציע הייסט.

דא האט זיך אבער געשטעלט די פראגע: ווי אזוי קען איך מיין אידעע פערווירקליכען? געהן גלאט און שרייען אין די גאסען: „איך בין אן איש אמת“, וועט מיר קיינער דערפאר גאר ניט געבען און מען וועט מיך גראדע אננעהמען פאר א גרויסען בלאפער. אזא זאך מוז מען צייגען בפועל, מען מוז עפעס טהון, מען מוז עפעס האנדלען און צו האנדלען דארף מען האבען געלד, אן ארטיקעל וואס איך האב פון דער היים ניט מיטגעבראכט, און איך וויים ניט וואו צו בעקומען עס דא.

איך בין אוועק צו מיין ווייטען קרוב און איהם דערצעהלט, אז איך האב אויפ׳ן רעיון א גליקליכען פלאן פון וועלכען איך קען רייך ווערען, נור איך

דארף דערצו געלד. וואס מיין פלאן איז, האב איך איהם ניט געוואלט זאגען — א סוד טאר מען פאר קיינעם ניט ענטדעקען, אפילו פאר'ן בעסטען פריינד אויך ניט. הכלל, אזוי לאנג און אזוי ברייט, ער האט זיך געקריכט, געקווייקעלט, געהאמפערט זיך, איהר זיינט א גרינער, האט ער געזאגט, מען וועט אייך אבבלאפען, מען וועט ביי אייך דאס געלד ארויסנארען; אבער איך האב זיך געהאלטען ביי דאס מייניגע. ענדליך האט ער מיר א ווארף געטהאן צוויי צעהנערלעך און בייז אויסגעשריען: נאט, אט דאס האט איהר; אבער איהר זאלט מיך לאזען צורוה און מעהר צו מיר ניט קומען.

אייגענטליך איז עס ניט אזא סומע וואס מען קען דערמיט אין אמעריקא עפּעס אויפטהון; אבער איך האב מיר געפונען אן עצה. איך האב אנאנסירט אין צייטונגען אז איך זוך א שותף. די אנאנסע האב איך אליין ניט געשריעבען, א היגער תושב האט עס מיר אנגעשריעצן, ווייל איך בין נאך געווען א גרינער און ניט געוואוסט דעם נוסח ווי מען שרייבט עס. די אנאנסטע האט זיך געלעזען אזוי:

„א זעלטענער סקים, וואס זיין גלייכען איז אין גאנץ אמעריקא ניטא. א וואונדערבארער מיטעל ווי צו מאכען געלד פון עני ביזנעס. א גליקליכע אידעע וואס קיינעם איז ביז יעצט ניט איינגעפאלען. געזיכערט פון קאנקורענץ. דער ערפינדער זוכט א פארטנער. זיך ווענדען צו מר. טוביה חייקעל א. ז. וו."

דעמזעלבען טאג וואס דער אדווערטייזמענט איז ערשיענען, אהא! מען קלאפּט אין טהיר. קומט א איד און הייבט מיך אן אויספרעגען, וואס? ווען? זאג איך איהם, אז דאס איז א סוד וואס איך קען קיינעם ניט מגלה זיין, נור באופן, אז ער וועט מיר ארויסגעבען כתוב וחתום אז איך וועל זיין א שותף אין זיין געשעפט, אין וועלכען געשעפט עס איז, — וועל איך איהם אלעס אויסזאגען. טהוט ער א שפּיי און מאכט מיט כעס: איהר זיינט א פייקער, א בלאפער! און א קלאפּ מיט'ן טהיר און — ניטא.

באלד נאך איהם קומען אריין אנדערע צוויי. אויך די אייגענע מעשה: איך זאל זיי פאראויס זאגען אין וואס בעשטעהט מיין ערפינדונג, און ווען איך האב זיי ניט געוואלט זאגען האבען זיי אויך, ווי דער ערשטער א שפּיי געטאן און אוועקגעגאנגען.

נאכדעם איז אריינגעקומען א יונגערמאן מיט א פּאאר געקרייזעלטע

וואַנצעס און ברילען אויפ'ן נאָז. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ קאַרד און אָהן ווערטער געבליעבען שטעהן. „וואָס וועט איהר זאָגען, מיסטער? — האָב איך איהם געפרעגט. „איהר ווייסט, זאָגט ער, אַז אויף אַ נייע ערפינדונג דאַרפט איהר ארויסנעהמען אַ פּעטענט; ווען ניט וועט מען אייך נאָכטהון, מען וועט אייך קאָנקורירען. איך בין, זאָגט ער אַ פּעטענט לאָיער. איך וועל אייך אייער ערפינדונג פּאַטענטירען ביליג, בלויז פאַר 75 דאָלאַר." איך ברויך ניט, האָב איך איהם געענטפערט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

ער האָט נאָך די שוועל ניט אריבערגעטרעטען, ערשט נאָך אַ פּאָאַר אידען זיינען אריינגעקומען. און וויעדער די אייגענע מעשה: מיר קויפען ניט קיין קאַץ אין זאַק, האָבען זיי געזאָגט, איהר זיינט אַ בלאָפער, אַ שווינדלער און אז איהר וועט פּראָווען דאָ אזעלכע ביזנעס, וועט מען אייך ארעסטירען אויך. וואָס זאָל איך אייך פיעל ברייען? עטליכע צעהנדליג אזלעכע יונגע, מיטעליעהריגע און אַלטע האָבען זיך דורכ'ן טאָג דורכ־געוואָרפען, און אַלע מיט'ן זעלבען פּזמון. אַ פּאָאַר יונגע לייט האָבען מיר זאָגאר געבאָטען פּעטש און איך האָב זיך קוים אויסגעדרעהט.

עס געהט מיר שלמי־מזל'דיגק, טראַכט איך ביי זיך, עס וועט גאָר ניט העלפען און איך וועל מיין סוד מוזען מגלה זיין. ווי איך טראַכט אזוי, קומט אריין אַ מאַן און פרעגט אויב איך בין טוביה חייקעל. דער איז שוין ניט געווען אזא קאַפּריזנע ווי די פריהעריגע. ער האָ מיט מיר גערעדט גאַנץ געלאַסען און איז דוקא ניט געווען אזוי נייגיעריג צו וויסען מיין סוד. ער האָט מיר דערצעהלט זיין גאַנצע הארץ, אז ער איז אַ מענש וואָס וואָלט פאַר'ן אמת וויים איך וואָס געטהאָן און ער קען ניט צוזעהן די בלאָפס וואָס דאָ געהט אָן, און אזוי ווי ער דערקענט אָן מיר, אז איך בין אויך פון זיין חדר, איז ער וויליג צו שטעהען מיט מיר אין פּאַרטנערשיפּ אין אירגענד וועלכע אונטערנעהמונג. וועגען געלד, האָט ער געזאָגט, וועט קיין מניעה ניט זיין. די הויפּטזאַך, איז וואָס ער וויל מיך האָבען פאַר אַ שותף.

ענדליך געטראָפען דעם ריכטיגען מאַן! האָב איך געטראַכט, און איך בין געווען העכסט צופריעדען וואָס מיין אידעע וועט פערווירקליכט ווערען. איך בין מיט דעם מאַן ארויס אין סטריט און געשמועסט מיט איהם ווי מיט אַן אַלטען גוטען פריינד. געהענדיג האָט ער מיך געבעטען אפשר קען איך איהם באָרגען אויף אַ ווײַלע עטליכע דאָלאַר. ער האָט זיך גראָדע דערמאָהנט,

אז ער דארף איינעם אָבגעבען אַ גמילות חסד און ער האָט פערגעסען מיט זיך נעהמען געלד פון דער היים. איך האָב איהם אָבגעגעבען מיין גאַנצען פערמעגען וואָס איך האָב געהאַט. ער האָט מיך געבעטען איך זאָל ווארטען אביסעל, און אליין אין ער אריין אין אַ הויז און... און צוריק איז ער ניט געקומען. האָט איהר איהם געזעהען? אזוי האָב איך איהם שוין אָנגעזעהן.

ווען איך האָב די געשיכטע דערצעהלט פאר מיינע לאַנדסלייט, האָבען זיי געזאָגט: אַ שלים־מזל בלייבט אַ שלים־מזל. דיזען מאָל זאָג איך אליין אז איך האָב דעם נאָמען שלים־מזל פערדיענט. איך האָב זיך אליין אָנגעפייפט, און נאָך ווי אָנגעפייפט, — טאַקע מיט אַ תקיעה גדולה! ווען איך זאָל געוועזן פאָלגען מיין קרוב הערשקע דעם גמרא־מלמד, וואָלט איך אפשר בעסער אָב געוועזן.

---

5.

## זיין ערשטע רבנות אין אַמעריקא.

עטליכע אידען קויפען אָב איין און דעמזעלבען קנעלונג. — טוביה חייקעל אויך איינער פון די קויפער. — דער צעטעל פון די תלמידים, געשריבען פון אַן אַלטען מלמד. — אַ ביסעל קריטיק וועגען דעם צושטאַנד פון מלמדות.

---

נאָכדעם ווי די לאַנדסלייט מיינע האָבען מיר ערקלערט, אז אין אַמעריקא דארף מען טרייען, סטארען זיך הייסט עס, האָב איך זיי געפאָלגט און אָנגעהויבען טרייען. אָבער אז קיין מזל איז ניטאָ, העלפט ניט קיין טרייען, קיין זוכען. דער שלים־מזל איז פאראַן אומעטום, ער איז פול אין גאַנצען חלל פון דער וועלט און ווי אַ בעהאַלטענער שונא לויערט ער אויף זיינע קרבנות; וואו זיי קעהרען זיך און וואו זיי ווענדען זיך געפינט ער זיי, און ווען מען זאָל אפילו זיין מיט צעהן קעפּ, קען מען זיך פון איהם אויך ניט איינבעהאַלטען.

מיין וויטער קרוב, דער געוועזענער גמרא־מלמד, האָט מיר אַן עצה געגעבען איך זאָל טרייען רבנות. ניט רבנות ממש, אמת'ע רבנות, הס מלהזכיר! איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אז נאָך מיין שלים־מזל'דיגען

שׂכל קומט אויס, אַז זיין אַ רב אין אַמעריקאַ איז גאַר ניט אַזאַ גרויסע מציאה. ביי אונז אין דער היים איז אַ רב עפּעס אַנדערש; אַבער דאָ, עט! זיינט איהר אַזוי אַ מענש, איז גאַר ניט; זיינט איהר אַבער אַ רב. דאַרפט איהר אויסשטעהן זידלעריי און זלזולים, אַזש חלשות. עס לוינט זיך אַסור צו יאָגען זיך נאָך דעם, ווען אפילו איהר זיינט מסוגל דערצו.

אַלזאָ הייסט עס, האָב איך ניט געטרייט קיין רבנות, הלואי ווייטער. נור וואָס דען? איך בין געוואָרען אַ מלמד. אַ מלמד אין אַמעריקאַ רופט מען אויך „רבי", און ניט נור רופען איהם די תלמידים אַזוי, זאָנדערן אפילו זיינע בעלי הבתים, בעלי הבית'טעס און סתם אַזוי מענשען רופען איהם אויך „רבי". קוים ווערט איהר אַ מלמד, פערגעסט מען זיך אָן אייער אמת'ן נאָמען, איהר פערליערט דעם טיטול „מיסטער" און מען רופט אייך נור „רבי".

קיין גרויסע חכמות ליעגט ניט אין די דאָזיגע רבנות, אין מלמדות, מיין איך. איהר קענט אויך זיין מלמדים, אויב איהר ווילט. קיינע סמיכות דאַרפט איהר דאַרויף ניט, קיין עקזאַמען אָבגעבען אודאי ניט. קיינער פער־הערט אייך ניט וואָס איהר קענט און פיעל איהר קענט; קיינער זאָגט אויף אייך ניט קיין מבינות, און קיינער קריטיקירט אייך ניט. תורה איז די בעסטע סחורה. די תורה איז געגליכען צו טהייערע שטיינער, און זעהר ווייניג מענשען קענען אָבשעצען דעם ווערטה דערפון...

די איינציגע זאַך וואָס מען דאַרף צו מלמדות, איז אַ ביסעלע שׂכל. מען דאַרף פערשטעהן ווי צו עקטען, מען דאַרף טרייען צו נושא חן זיין ביי די מיסעסען, מעהר גאַר ניט. די מענער מישען זיך דערינגען ניט; די קינדער־ערציהונג ליעגט אין די הענד פון די פרויען: זיי דינגען די „רביים", זיי צאָהלען שׂכר לימוד אויב זיי ווילען — הכל במזלא תליא מלתא, דאָס הענגט אָב פון מזל. איז דער „רבי" אַ בעל מזל קריעגט ער אַזעלכע בעלי הבית'טעס וואָס צאָהלען איהם פּינקטליך; האָט ער ניט קיין מזל, שיקט איהם גאָט צו אַזעלכע וואָס קלייבען אָן שׂכר לימוד פּאָר עטליכע מאָנאַטען, און נאָכדעם מופען זיי אַוועק מיט די תלמידים צוזאַמען און געה זוך זיי.

יעדענפאַלס אָבער, איז מיט דעם שוואַכען געשלעכט, ווי מען רופט די פרויען, בעסער צו האַנדלען ווי מיט די מענער. זיי קויפט מען אָב מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ חניפה'לע, און אויב איהר קענט זיי נור אונטער'חנפ'ענען, זיינט איהר אַ טהייערער „רבי", איינער אין דער וועלט.

וזה סדר המלמדות. אויף דיזען אופן ווערט מען אין אמעריקא א מלמד אדער א „רבי“.

אנפאנגס ווערט מען א „פעכאטנער רבי“, א טרעוולער. מען דארף אומגעהן פון הויז צו הויז, פון טהיר צו טהיר מיט׳ן סידור אונטער׳ן ארם און א טייטעל אין קעשענע און קענוועסען, מאכען בעשטעלונגען, הייסט עס. רעדען דארף מען נור מיט די מיסעסען, די מיסטערס, ווי געזאגט, האבען ניט קיין דעה אין די זאכען. ווען די עקרת הבית הייסט אייך קומען לערנען מיט איהר אינגעל, מעג זיך אפילו דער בעל הבית קרימען, זיינט איהר זיכער, אז דער תלמיד איז אייערער, און אויב איהר וועט האבען לייטזעליגקייט אין איהרע אויגען, וועט זי אייך צושארען נאך תלמידים.

ווען איהר קריעגט עטליכע תלמידים, דארפט איהר געהן פון תלמיד צו תלמיד און מיט יעדען איינעם לערנען אביסעל, לויט די קענטנים וואס גאט האט אייך געבענשט. אויב דאס קענוועסען געהט אייך ניט גוט און איהר קריעגט ניט קיין תלמידים, דארפט איהר ביי זיך ניט זיין געפאלען, ווייל סוף הכבוד לבא, אז איהר וועט טרייען וועט איהר אייערס געפינען. דער רבונו של עולם אליין האט אויך אומגעפעדעלט מיט דער תורה און קיינער האט זי ניט געוואלט נעהמען, ביז ער איז געקומען צו זיין פאלק ישראל און זיי האבען זי צוגעכאפט מיטביידע הענד.

מילא דערפון איז אבגערעדט, פריהער, שפעטער, תלמידים קריעגט מען. די הויפט־קונץ איז צו קענען צופריעדענשטעלען די בעל הבית׳טעס. אז איהר זיינט א „רבי“, טארט איהר פאר קיין מיסס ניט זאגען, אז איהר באי איז שלעכט. פאר יעדע איינע דארפט איהר דערצעהלען, אז אלע אייערע תלמידים טויגען אויף כפרות, בלויז איהרער איינער איז אלל־רייט, ער נעהמט זיך צום לערנען און וועט אויסוואקסען א „כלי“. ווען א מיסעס מסר׳ט פאר אייך אויף איהר מיסטער, מעג עס זיין אין מיסטער׳ס אנוועזענ־הייט, זאלט איהר שטענדיג איהר געבען גערעכט. האט קיין מורא ניט, ער דער בעל הבית קען אייך גאר ניט טהון. ווען א מיסעס וויל בשתיקה אוועק־שיקען אפאאר דאלאר איהרע עלטערן אדער פריינד קיין יוראפ, דארפט איהר זיין דער שליח. איהר מוזט שכל האבען ווי אויסצודרעהען זיך ווען א בעל־הבית׳טע פרעגט אייך א שאלה אין הלכות טעפעל ולעפעל. זאגען: זנאט ניע זנאיו, איך ווייס ניט — דאס טויג ניט. מיט איין ווארט: איהר דארפט אזוי

עקטען, אז די מיסעסען זאָלען אייך האַלטען אויב ניט פאַר אַ גאַנצען רב, איז כאָטש פאַר אַ חצי רב, און ביי וואָס עס זאָל ניט פּאַסירען, זאָלט איהר שטענדיג שטעהען אויף זייער האַנד.

ווען איהר טרייעט איין אַ „ראוד", עס הייסט, ווען איהר האָט שוין היבשע עטליכע תלמידים צו לערנען מיט זיי אין דערהיים, דאַרפט איהר טהון ווי יענער שטאָדט־שמש האָט געטהאָן. איהר ווייסט דאָך מסתמא די מעשה מיט דעם שטאָדט־שמש וואָס אנשטאָט צו געהן פון שטוב צו שטוב און קלאַפּען צו סליחות, האָט ער אויפגענומען די לאָדענס פון אַלע הייזער צו זיך אַהיים און דאָרט אין אַלע צוזאַמען געקלאַפּט מיט איין מאָל. איהר דאַרפט אויך מאַכען די זעלבע קונץ: אנשטאָט צו געהען פון תלמיד צו תלמיד און האַקען יעדען איינעם אין קאָפּ אַריין בעזונדער, דינגט איהר זיך אָב אַ בייסמענט, אַ שטיקעל קאָרנער אין אַ בית־המדרש אָדער וואו עס איז, איהר גיט עס אַ נאָמען „חדר מתוקן" און איהר לערנט דאָרט מיט אַלע תלמידים צוזאַמען, און דאַן זיינט איהר שוין אַ פאָלשטענדיגער מלמד אָדער „רבי".

אָט די אַלע כללים האָט מיר מיין קרוב, דער געוועזענער גמרא־מלמד געלערנט, און איך בין אַרויסגעגאַנגען טרייען.

איך האָב מיר איינגעקויפט אַ סידור מיט גרויסע אותיות. אין רעסטאָראַנט וואו איך האָב געגעסען, האָב איך גענומען עטליכע טוט־פּיקס, איך זאָל האָבען מיט וואָס צו טייטלען און מיט די ביסעל טולס בין איך אַרויס זוכען אַרבייט.

בעגעגענט מיך אַ איד מיט אַ שעהנע אויסגעקאָמטע באָרד, קענטיג שוין ניט קיין גרינער און ער רעדט זיך מיט מיר פונאַנדער. דערצעהל איך איהם, אַז איך בין נאָך כמעט אַ גרינער און איך געה טרייען מלמדות. מאַכט צו מיר דער איד יענער: „וואָס דענקט איהר, מיסטער לעבען, אַזוי גיך מאַכט מען עס אין אמעריקאַ אַ קנעלונג? עס וועט אייך, זאָגט ער, די פיס געשוואָלען ווערען ביז איהר וועט איין תלמיד קריגען. איך וועל אייך, זאָגט ער, אַ בעסערע עצה געבען. אויב איהר ווילט, וועל איך אייך פעקויפען אַ פאַרטיגען קנעלונג. איך בין אַליין אַ מלמד, נור ערשט גיב איך עס אויף, איך וועל אייך איבערגעעבן מיין צעטעל מיט די בעלי הבתים, מיט די תלמידים און איהר דאַרפט גאָר ניט טהון, נור געהן לערנען און נעהמען געלד.

מיר איז די זאַך זעהר געפעלען געוואָרען. אין אמת'ן אַ פאַרטיגע זאַך,

אן אבגעשיילטע אייעל, וואס דארף מען בעסער? איך בין צוועקגעלאפען צו לאנדסלייט און זיי דערעצהלט מיין גליק, איך האב גע׳פועל׳ט מען זאל מיר בארגען עטליעכ דאלאר און איך האב די מציאה איינגעהאנדעלט. דער עקס־מלמד יענער האט מיר איבערגעגעבען זיין ביכעלע און מיר געהייסען געהן אויף די אנגעגעבענע אדרעסען און זיך נעהמען גלייך צו דער ארבייט. איך וועל אויף א טשיקאוועס געבען אן אויסצוג פון דעם ביכעלע מיט דעם זעלבען לשון ווי דארט איז געווען געשריעבען, בלויז מיט קליינע אויס־בעסערונגען.

נומער... לודלאף סטריט, סטופ, איין יעלעד לערנען איוורע, צוויי טאלער א ביידעש.

מיסעס פופיק, נומער... עסיג סטריט, לייענען איוורע טייטש אין צענא ווערענא, צוויי טאלער א ביידעש און א מאטאנה.

הכאסין מייק, נומער... עסטער סטריט, לערנען די האף טוירע, איין טאלער מיט 75 סענט א ביידעש.

נומער... אטשעד סטריט, טאפ פלאר, צוויי בסולעת לערנען שרייבען פון וואך, צו 40 סענט א שטיק.

נומער... סטריט רישיינא, דריטער פלאר, באל מיצווע דראשה, ניין טאלער פאר פינף כאראשים.

נומער... נאפעק סטריט, ערשטער פלאר, זאגען קאדעש מיט א באכער אלע שאבעת, א קוואדער א מאל.

נומער... סטריט כאמישים, בייסמענט, צוויי יעלאדים האסכאלאת כומעש, און אביסעל איוורע, דריי טאלער מיט א קוואדער א ביידעש

אין דער זעלבער באיית ערשטען פלאר, איין יעלעד טאנאח און טארגום, א טאלער מיט 75 סענט א ביידעש.

האכאזען פעמפיק, נומער... עסיג סטריט, לערנען קאל נידריי, מאכזער און טפילעת, זיעבען טאלער פון נאך טישא בייאוו ביז סליכעת.

נומער... קריסטע סטריט טאפ פלאר דריי יעלאדים לערנען שרייבען לאשען קיידעש, פיר טאלער ווייכאצי א ביידעש.

דאס איז בלויז א קיצור פון דעם גאנצען צעטיל תלמידים. אין ביכעל דארט איז געווען פערשריעבען נאך א סך אזעלכע און לויט דעם חשבון האט עס אויסגעטראגען א קימא לן אויף קרוב פון 30 דאלאר א מאנאט און בע־

צאַהלט האָב איך דערפאַר בלויז צעהן! נו, איז עס ניט א ווילדע מציאה? הערט זשע אָבער וואָס דער סוף איז געוועןָ.

מיט'ן ביכעל אין קעשענע און דעם סידור אונטער'ן אָרים בין איך אוועק אויפ'ן „ראוד". איהר האָט דאָך שוין געזעהן וואָס פאר א לֿמדן יענער מלמד וואָס האָט מיר דיא תלמידים פערקויפט, איז געוועןָ, הייגט אז איך בין אין אמת'ן א שטיקעל יודע ספר, האָב איך געמיינט אז איך וועל מאכען א גלענ־צענדע ביזנעס, לסוף א נעכטיגער טאָג!

צוערשט בין איך אוועקגעגאנגען אין לודלאָוו סטריט. ווען איך בין געקומען אהין, האָב איך געטראָפען א אידען לערנענדיג מיט מיין געקויפטען תלמיד. „וואָס איז דאָס? — טהו איך א פרעג — „איך האָב דאָך געלד בעצאָהלט?" ענטפערט מיר יענער, אז ער האָט אויך געלד בעצאָהלט. זאָג איך: „וויא אַזוי קען דאָס זיין? איך האָב דאָך דעם צעטעל פון יענעם רבי'ס אלע תלמידים?" ציינט מיר דער איד, אז ער האָט אויך דעם זעלבען צעטעל.

פערשטעה איך שוין, אז מען האָט מיר אָנגעפייפט. דער מלמד יענער האָט איינע און דיא זעלבע סחורה פערקויפט צו מיר און צו נאָך איינעם; אָבער וואָס קען איך העלפען? כל הקודם זכה, ווער עס כאפּט אריין אויף פריהער, יענער האָט, ווען איך זאָל געוועןָ קומען פריהער, וואָלט דער לודלאָוו סטריטער תלמיד געוועןָ מיינער, און אז דער אַנדערער סוחר האָט פערכאַפּט, איז אויך פערפאַלען.

טראַכט איך ביי זיך, מען דאַרף לויפען שנעלער פערכאַפּען דיא אַנדערע תלמידים. איך קום צולויפען אין קריסטי סטריט, דאָרט וואו דריי תלמידים זיינען צוזאמען, ערשט איך טרעף דאָרט צוויי אידען, קענטיג מלמדים, קריעגען זיך. אז איך בין אָנגעקומען האָבען זיי ביידע איינגעשטימט צו פערלאָזען זיך אויף מיר, אויף אַן אונפּאַרטייאישען מענשען. זיי האָבען מיר דערצעהלט, אז מען האָט זיי ביידען בעשווינדעלט. איינער פון זיי האָט ביי א מלמד אָבגעקויפט א „ראוד" און דער זעלבער מלמד האָט דעם זעלבען „ראוד" פערקויפט צו א צווייטען און אצינד האָבען זיי זיך ביידע אויפגע־קומען און יעדער איינער קליימט, אז די תלמידים בעלאַנגען צו איהם.

זאָג איך: „גם אני בחלומי", איך האָב אויך דעם זעלבען „ראוד" גע־קויפט און איך ציינ זיי דאָס ביכעלע; אָבער פערליערען צייט, האָב איך

געדענקט, לוינט זיך ניט און איך בין אוועקגעלאָפען מציל זיין כאָטש פיעל עס איז.

איך בין געקומען אויף אן אנדער אָנגעגעבענעם אדרעס, האָב איך דאָרט געטראָפען דעם זעלבען אידען וואָס איך האָב געטראָפען אין לודלאָו סטריט. איך בין געקומען נאָך אין א פלאַטץ, האָב איך געפונען איינעם פון דיא צוויי וואָס האָבען זיך געקריעגט. קורץ דערפון, יענע האָבען אויסגעכאַפּט אַלע תלמידים און איך בין געבליעבען אָהן געלד און אָהן א קנעלונג, אויס „רבי“ און צוריק „מיסטער“.

געוויס איז עס מיר געווען א וועהטאָג אין הארצען און נאָך מעהר האָט מיר געקרענקט, וואָס פאר ווערמען איך האָב עס דערצעהלט, איז מען אויף מיר אָנגעפאלען: „שלומיאל, גולם, טויגעניכטס, שלים־מזל, דונער, שלאַק“, און נאָך אזעלכע זיסע נעמען, אקוראט וויא איך זאָל שולדיג זיין וואָס איך האָב קיין מזל ניט. ראקעפעלערען וואָלט אסור יענער מלמד און אפילו צעהן אזעלכע מלמדים ווי ער, אָבגענאָרט. ווייסט איהר פאר וואָס? וויל ראַ־קעפעלר איז א בעל מזל און איך ניט.

---

## .6

## פון רבנות צו חזנות.

אַז פון טוביה חייקעל'ס קנעלונג האָט זיך אויסגעלאָזען אַ בוידים, פערדינגט ער זיך צו דאווגען ימים הנוראים ביי א חברה. ער דאווענט אלע תפלות, לייגט אָוועק די כתות און אז עס קומט צו געלד נעהמען, איז ניטאָ ביי וועמען.

---

אַז עס געהט ניט, איז כאָטש צוריים זיך. ווען איהר האָט קיין מזל ניט, העלפט קיין זאַך ניט. נאָך מעהר קונץ, דער שלים־מזל רייצט זיך מיט אייך; ער פיהרט אייך דאכט זיך ארויף אויפ'ן דרך און ער פערשלעפּט אייך אין בויבעריק. אייך דאכט זיך, אז איהר געהט אויפ'ן גלייכען וועג, אין אמת'ען בלאָנדזשעט איהר. איהר לאָזט זיך פערפיהרען אזוי לאנג ביז דער שלים־מזל צייגט אייך א פייג אונטער'ן דעבעלע און שטעלט אייך אויס א יונג: בע, איך האָב אייך אָבגעבלאָפט.

אַט אזוי איז מיט מיר אויך. שוין פיעל מאָהל האָט ער מיר אזוי

אָבגעטהאָן, דער שלים־מזל. ער האָט מיר, דאכט זיך, אָנגעצייגט די וועג צום גליק, לסוף האָט זיך אויסגעלאָזט בוידים מיט פּאַליצע.

אַז איך בין געבליעבען אָהן אַ קנעלונג, ווי איך האָב אייך דערצעהלט, האָט מיר די זאַך זעהר באַנג געטהאָן; אָבער שטארק אָבהענגדיג בין איך ניט געוואָרען, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז די השגחה העליונה האָט מיך פער־זאָרגט מיט אַ שטיקעלע טאַלאַנט וואָס איז אין אַמעריקא אַ גאַנגבארע סחורה, און עס פעהלט מיר נור צו געפינען אַ פּלאַץ וואו ריעזען טאַלאַנט מיינעם אויסצונוטצען.

גאָט האָט מיר געבענשט מיט אַ שטיקעל קול נגינה און אַזוי ווי עס איז געוועזן פאַר ימים נוראים, די צייט ווען מען זוכט בעלי תפלה מיט ליכט, האָב איך געדענקט, אַז די „העלדזיל" מיינע וועט מיר ארויסנעהמען פון אַלע צרות.

אויף ווי ווייט איך האָב אויסגעפונען, דאַרף מען דאָ ניט זיין קיין גרוי־סער קינסטלער אום צו קריגען אַ שטעלע צו דאווגען פאַר אַן עמוד. דער עיקר איז עס זאָל זיין הקול קול יעקב, מען זאָל האָבען אַ שטיקעל „כלי" און איבערהויפּט אַ ביסעל מזל, ווען איהר זיינט אַ בעל מזל, מעגט איהר אפילו זיין טעמפּלאָך אויף די עברי, וועט איהר אַלץ זיין אַ וועלט בעריהמטער חזן און ווען איהר האָט קיין מזל ניט, מעגט איהר אפילו זיין דער גרעסטער מנגן, דער שאַרפסטער בעל עברי, וועט עס אייך אויך גאַר ניט העלפען.

מילא האָב איך אָנגעהויבען זוכען אַ חזנות שטעלע. צווישען די אַנאָנ־סען אין די צייטונגען האָב איך געפונען פאָלגענדע אַנאָנסע:

פערלאַנגט אַ חזן פיר ימים נוראים. מוז זיין אַן עהרליכער איד, האָבען אַ שעהנע שטימע און זיין אַ גוטער בעל עברי. זיך מעלדען צו דער קאָמיטע; נומער... לודלאָוו סטריט, ערשטען פלאָאָר.

איך בין אוועקגעגאַנגען אויפ'ן אָנגעגעבענעם אדרעס און דאָרט גע־טראָפען דריי אידען זיטצענדיג. איך האָב זיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט אַלס בעל תפלה און נאָכדעם ווי זיי האָבען מיר בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס, האָט זיך איינער פון זיי, אַ איד מיט אַ שפּיציג בערדיל אָבגערופען:

אָלל־רייט. איהר ווילט ביי אונז דאווגען, ווהאַי נאָט? אָבער פיורסט טהינג דאַרפט איהר וויכען, אַז מיר זוכען אַ בעל מלאָכה ניט קיין לאַטוטניק. אַ באַטשער האָבען מיר פיינד; ביי אונז, יו נאָו, דאַרף אַ שטיקעל אַרבייט געמאַכט ווערען איי וואָן, קאָסטאָם אַרבייט. אויפשטשאָבען אַ מוסף ווי

תכריכים, וועט ביי אונז ניט געהן. מיר ווילען האָבען גוט געאָפּערייטעט, גוט געבייסט און גלאט געביגעלט, איהר פערשטעהט וואָס מען מיינט?

„איהר הערט, ר' חזן" — רופט זיך אָב דער צווייטער, א איד מיט א ברייטען קארק און א פּאָאר געזונדע ידים, קענטיג א בעל עגלה פון דער היים — „ביי אונז אז מען מאכט א דזשאב, דארף מען איהם מאכען ריכטיג. עס דארף זיין געדאווענט, ניט געבאָמקעט; ביי אונז דארף מען זאָגען עברי, טאָלקאָ דערזשים (די ריש'ן האָט ער מתיז געווען פאָ מאָסקאָווסקי); אויב איהר ווילט דאוונען א ריכטיגען מוסף, וויאָ, גאָ אהעד, און אויב איהר דענקט בלאָפען, פררוו, געהט זוכט אייך ערגיץ אנדערש".

„שור" — כאפּט אונטער דער דריטער, קענטיג א שוסטער — „ביי אונז אז מען לייגט א פּעטש דארף עס בליאסקען. ביי אונז אז מען לייגט א פּאָאר האלבע זעילען, דארף זיין געלייגט א פּאָאר האלבע זעילען, מען זאָל הנאה האָבען! א קונץ אָבקלאפּען א מוסף, דאָ א טשוועקעל, דאָרט א טשוועקעל? פוי, דאָס וועט ניט הולכ'ן".

„וועל" — מאכט דער ערשטער, משמעות דער פּרעזידענט פון שוהל — „קומט שבת און גיט א סאמפּעל, וועלען מיר זעהן. אָט ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך א שניידער באָס; אָבער א מבין אויף דאווגען בין איך אזוי גוט ווי אויף א שטיקעל ארבייט."

„מיר זיינען קיינער קיין הינקעדיגע שניידער" — רופט זיך אָב דער שוסטער — „אויף וואָס ווי. אויף וואָס; אָבער אויף דאווגען און אויף עברי, זיינען מיר מבינים".

די דאָזיגע „מבינים" זיינען מיר אפילו ניט אזוי געפעלען געוואָרען; אָבער וואָס העלפט עס? צוליעב פרנסה וועגען, מוז מען זיך פערלאָזען אויף זייערע „מבינות".

שבת בין איך אין יענער שוהל געקומען דאווגען. פאר „שוכן עד", האָט מיר דער שמש געזאָגט אויפ'ן אויער, אז נאָך צוויי חזנים זיינען געקומען אויף פּראָבע, לכן וועט מען דעם דאווגען איינטהיילען אין דריי חלקים, אום יעדער איינער פון אונז זאָל צייגען וואָס ער קען, און אויף מיר איז געפאלען דער גורל, איך זאָל דאווגען שחרית.

האָט איהר א מאָהל געזעהן וואָס פאר א זויערע מינע א דאָקטאָר מאכט, ווען ער איז ביי א חולה און מען רופט אריין נאָך א דאָקטאָר? אָט אזא מינע

האָבען מיר אַלע דריי חזנים געמאַכט ווען מיר האָבען זיך איינע פון די אַנדערע דערוואוסט. איבערהויפט איז מיר געווען קלאָגעדיג אויפ'ן הארצען, ווייל איך בין געווען אויפ'ן ערשטען פייער. ווער ווייסט? אפשר זיינען יענע צוויי טאקע חזנים מפורסמים און איך וועל בלייבען אין ביוש! ווען א בעל תפלה שטעהט ביים עמוד א צושראָקענער, דארפט איהר וויסען, איז ער אויף צרות; עס איז בקל, אז ער זאָל אין „ישמח משה" פערקריכען אויפ'ן ניגון פון „אתה אחד" און פערליערען זיין גאנצע רעפּוטאציע; אָבער וואָס העלפט עס? אז דער שלים־מזל האָט דאָך אָנגעטראָגען נאָך צוויי, מוז מען ליידען.

הכלל, איך האָב געדאַוונט. אויב איך האָב געדאַווענט גוט אָדער שלעכט ווייס איך ניט. א מענש איז אויף זיך אליין קיין מבין ניט; אָבער דאָס קען איך אייך זאָגען, אז די אַנדערע צוויי חזנים נאָך מיר האָבען נאָך מיין מיינונג, ניט אזוי גוט גע־דרשן'ט. נאָך די עברי זייערע, האָט מען געקענט דערקענען, אז זיי האָבען אויפ'ן דאַווענען געמעגט מאכען שהחיינו, ווייל זיי האָבען עס זיכער א גאַנץ יאָהר ניט פערזוכט. מילא גאָר נישט, דאָס איז מיר ניט מעלה, ניט מוריד.

נאָכ'ן דאַווענען האָבען זיך יענע צוויי חזנים עפּעס געשושקעט מיט די „מבינים" און צו מיר איז צוגעגאנגען איינער פון די קאָמיטע לייט און גע־זאָגט: „האָט קיין פאראיבעל ניט, מיסטער, איהר קענט אייך זוכען אַן אַנדער פּלאַטץ."

איך בין אוועקגעגאנגען אבל וחפוי ראש און דערצעהלט די געשיכטע פאר מיינע לאַנדסלייט. „שטיק יאָלד, שלים מזל" — זיינען זיי אַלע אָנ־געפאלען אויף מיר — „איהר האָט געדארפט שכל האָבען און צוזאָגען די מאַכערס א גוטען קאָמישיאָן, וואָלט איהר דאָרט געדאַווענט, אז מען שמירט, פאָהרט מען."

טראַכט איך ביי זיך, איך וועל שוין ווייטער קליגער זיין, און איך בין אוועק זוכען אַן אַנדער פּלאַטץ. געפין איך אין די צייטונגען אזא מין אנאָנסע:

„די חברה תמול שלשום אנשי בלאָפּאָווקע פערלאַנגט א גוטען בעל־מוסף, גוט בעצאָהלט צו דער פּאסענדער פערזאָן, זיך מעלדען צום פּרעזידענט מר. פּייקערמאַן, נומער... אָרטשארד סטריט".

איך בין אוועק אהין און געפונען דאָרט אַ איד אַ גלות, וואָס האָט זיך פאַר מיר פאָרגעשטעלט אלס דער גבאי אָדער פרעזידענט, און נאָך צוויי אידען. איינער, האָט מיר דער גבאי געזאָגט, איז דער שמש פון דער קהילה און דער אַנדערער איז דער בעל שחרית. די לייטע האָבען מיר געבעטען זיטצען און געהייסען „זאָגען אַ שטיקעל". איך האָב געזאָגט אַ שטיקעל „וכל מאמינים" און איך האָב ביי זיי אויסגענומען.

וועגען פרייז האָב איך מיט זיי ניט געדאַרפט פיעל ריידען. איך האָב געבעטען צוויי פינף און צוואַנציגער און מען האָט עס מיר באַלד בעוויליגט. קיינע סאַמפּעלס האָב איך מעהר ניט געדאַרפט געבען. די לייטע האָבען מיר געזאָגט, אַז זיי האָבען די פולע מאַכט צו נעהמען וועלכען חזן זיי ווילען און די חברה פערלאָזט זיך אויף זייער מבינות.

איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען ווי דערפרעהט איך בין געוואָרען, ווען איך האָב די שטעלע בעקומען. אַ קליינינגקייט איז עס, 50 דאָללאַר ביי אַ גרינעם אידען! דאָס איז דאָך אַ היימישער הונדערטער! וואו פערדינט מען עס אַ הונדערטער אויף איין הויפען?

כדי צו מחזק זיין דעם ענין, האָב איך דעם פרעזידענט צוגעזאָגט, אַז איך וועל איהם בעפריעדיגען און דערווייל האָב איך זיי אַלע דריי אריינגע־רופען אין אַ סאַלון מאַכען צו שנעפּסלעך. חברה האָבען זיך אָבער דאָרט אוועקגעזעצט ביי אַ טישעל ברייטלאַך און מען האָט געמאַכט אַ גאַנצע סעודה. דער סאַלון קיפּער האָט מיר נאָכדעם צוגעטראָגען אַ ביל אויף אַ דאָלאַר מיט סענטען און איך האָב געמוזט משלם זיין פון די לעצטע וואָס איך האָב געהאַט. מילא — האָב איך געטראַכט — איז נאָך אַ דאָלאַר, פון וויניגער רווחים וועט מען ניט בדלות.

אויף מאָרגען האָב איך געלייענט אין די צייטונגען אזא מין אַנאָנסע:

„קול החזן טוביה חייקעל בכח, קול החזן טוביה חייקעל בהדר, קול החזן טוביה חייקעל חוצב להבות אש. דער וועלט בעריהמטער חזן טוביה חייקעל, דער גוט בעוואוסטער ארי נוהם וואָס האָט אויפגערודערט גאַנץ יוראָפּ מיט זיין דאַוונען, וועט פאָרבעטען ביי דער חברה תמול שלשום אנשי בלאָפּאָוויקע, בעזאָרגט אייך בעצייטענס מיט טיקעטס."

עס איז אפילו אַ ביסעל איבערטריעבען, האָב איך ביי זיך געטראַכט ווען איך האָב די שבחים מיינע געלייענט אין די צייטונגען; אָבער הנאה

האָט עס מיר געטהאָן. איך האָב איינע פון די אַנאָנסען אויסגעשניטען און אוועקגעשיקט אהיים צו מיין פרוי — זאָל זי אויך וויסען ווער איהר מאן איז. דערצו האָב איך איהר אויסגעשריעבען, אז איך וועל איהר אין גיכען ארויס־שיקען א מאטניא מיט געלד, און איך בין געווען גליקליך איבער גליקליך. ווען איך האָב אויף מיין שוהל געזעהן הענגענדיג א סיין מיט גרויסע אותיות, מיט דעם זעלבען נוסח ווי די אַנאָנסע אין די צייטונגען, האָב איך פשוט פון זיך אליין אָנגעקואָלען, איך האָב אליין ניט געגלויבט אז מיר זאָל אזא גליק טרעפען. לא כל אָדם זוכה, ניט יעדער מענש קען האָבען די זכיה צו פערדיענען אי געלד אי כבוד.

קורץ דערפון, איך האָב אָבגעדאַווענט דיביידע ראש השנה׳דיגע מוספים און כל נדרי און אַלעס איז געגאַנגען כשורה. יום כפור אין דער פריה האָט זיך דער שטן אריינגעמישט און עס איז געוואָרען א שטיקעל סומאטאָכע. דער בעל שחרית איז ניט געקומען, און ווען עס איז געקומען צו „המלך" איז דער עמוד געבליעבען שטעהן לעער. מען האָט אָנגעהויבען פאַטשען, ליארמען, ביז דער פרעזידענט איז געקומען און מיר געהייסען דאַווגען שחרית. דער בעל שחרית, האָט ער געזאָגט, איז ניט מיט אַלעמען; אָבער ער וועט שפּעטער קומען און ער וועט דערפאַר דאַוונען נעילה.

איך האָב אָבגעדאַווענט שחרית און מוסף און בין געפאַלען ווי א פליעג. געקומען צו נעילה, דער בעל שחרית איז אַלץ ניטאָ און דער פרעזידענט מיט׳ן שמש זיינען אויך פערשוואונדען געוואָרען. וואו איז דער פרעזידענט? — האָבען לייטע אָנגעהויבען פרעגען — קיינער ווייסט ניט! דער פרעזידענט, זאָגען זיי, איז אין וואשינגטאָן. איך אַליין האָב גענומען נאָכפרעגען: היתכן אז קיינער זאָל ניט וויסען וואו דער פרעזידענט פון שוהל איז נעלם געוואָ־רען? ענטפערען מיר אַלע, אז זיי זיינען פרעמדע און זיי בעלאַנגען ניט צו דער חברה. לויף איך שוין אַליין צו איהם אהיים און געפין דאָרט די טיהר פערשלאָסען. הכלל וואָס טהוט מען? איך האָב זיך געשטעלט און קוים מיט צרות אָבגעדאַווענט נעילה אויך; אָבער איידער איך האָב געענדיגט די תפלה, איז שוין אפילו קיין פּוס פון קיינעם ניט געווען. עס איז שוין געווען שפעטלאַך און דער עולם האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטען ביז׳ן סוף.

דער גאַנצער עסק איז מיר אריין אין נאָז. ווי געשיקט זיך עס, אז א פרעזידענט, א שמש און א בעל שחרית זאָלען אַלע פלוצלונג נעלם ווערען?

נאָך איידער איך האָב אָנגעביסען, בין איך אוועקגעלאָפֿען צום פּרעזידענט אַהיים. איך לויף אַריין אין הויז הענדים, פֿענדים און טהו אַ פֿרעג: איז מר. פייקערמאַן דאָ? „ניט זיין זאָל ער שוין, טאַטע זיסער" — רופֿען זיך אָב אַ מאַן און אַ פֿרוי, וואָס איך האָב דאָרט געטראָפֿען — „הענד און פֿיס זאָל ער צודרעהען אויפֿ'ן נייעם יאָהר, דער ימח שמו'ניק. ער האָט דאָך אונז בדלות געשטעלט. מיר זיינען אוועק אין שוהל, האָט ער אונז בע־גנב'עט און איז אַנטלאָפֿען. לא די וואָס ער האָט אָבגעוואָהנט ביי אונז צוויי מאָנאַטען און אַ סענט ניט געגעבען, האָט ער נאָך אונז בע־גנב'עט. אויסקרענקען, אויס־כוואָריען זאָל ער עס, רבונו של עולם.

איך האָב באַלד פֿערשטאַנען, אַז איך בין אין די ראָסעל און איך האָב שיער ניט גע־חלש'ט. איך האָב זיי דערצעהלט פֿון מיינע חזנות און זיי האָבען זיך פֿון מיר אויסגעלאַכט. ניט — האָבען זיי געזאָגט — עס איז פֿאַראַן אַזאַ חברה און ניט זייער באָרדער איז געווען אַ פּרעזידענט. דאָס האָט ער מיט נאָך אַ פּאָאָר זשוליקעס, ווי ער, געמאַכט פּאַרטנערס אַ שוהל פֿאַר ביזנעס און געקראָגען אַ גרינעם וואָס זאָל זיי נאָך דאַווענען אומזיסט.

אויפֿ מאָרגען בין איך געקומען אין שוהל, האָב איך דאָרט גאָר געטראָ־פֿען אַ שניידער שאָפּ, און ווען איך האָב פֿאַר'ן בעל הבית דערצעהלט מיין געשיכטע, האָט ער מיר אויך דאָס זעלבע געזאָגט, אַז דריי לייטע האָבען ביי איהם די שאָפּ געדונגען איבער ימים נוראים פֿאַר ביזנעס, ווער זיי זיינען ווייס ער אַליין ניט.

איך האָב זיך נאָכדעם געשעהמט ציינען מיינע אויגען פֿאַר לאַנדסלייט און מיר איז אויסגעקומען כאָטש שפּרינג אין טייך אַריין.

## 7.

## צרות צוליעב אַ מאוס'ן בלבול.

אין זומער פֿון יאָהר 1907 איז אין ניו יאָרק ארויס אַ קלאַנג, אַז באַנדיטען שענ־דען קליינע מיידעלאך, האָט די פּאָליציי אַזאַ בלבול געמאַכט אויפֿ טוביה חייקלען און מען האָט איהם ארעטירט. דער סוף אָבער האָט זיך אויסגעלאָזט אַ שעהנע קאָמעדיע.

וועל, איהר וועט אויפֿ מיר קיין פֿאַראיבעל ניט האָבען, וואָס איך וועל

איבערהיפּען שעהנע עטליכע קאפּיטלאך פון מיין לעבענס־בעשרייבונג. איך וועל דורכלאָזען אַלעס וואָס מיט מיר האָט פּאסירט אין אַמעריקא די גאנצע צייט וואָס איך בין דאָ געוועזן סינגעל און איך וועל אָנפאנגען פון דער צייט, וואָס איך האָב שוין דאָ געהאַט מיין פאמיליע. פון יענער צייט אָן וועל איך אויך האָבען געננוג צו דערצעהלען און דערצעהלען.

אַלזאָ איך פאנג אָן פון חצי אלול שנת תרס"ז און אזוי וועל איך שוין געהן כסדר.

דארפען דאַרף אפילו אַ מענש היטען דעם סדר און ניט כאפּען די שפּעטריגע אויף פריהער; אָבער, האָט מיר קיין פּאראיבעל ניט, איהר היט עפּעס אַ סך אָב די געזעצע פון מוקדם ומאוחר? פון פוירסט און נעקסט? אויב איהר וועט מיר זאָגען, אַז איהר האלט דערפון, למאי זשע כאפּט איהר זיך אַרויף פריהער אויף אַ קאר אין דער צייט ווען איך שטעה און ווארט אויף איהר צוויי שטונדען? אַט האָט מיט מיר לעצגער פּאסירט אַזא געשיכטע:

איך בין געשטאַנען און געווארט אויף אַ האמבורג עווענױ קאר אפשר צוויי שטונדען און זיך ניט געקענט דערווארטען אויף מיין נעקסט. הונדערטע מענשען וואָס זיינען געקומען שפּעטער פון מיר האָבען מיך אָבגעשטויסען, זיך ארויפגעכאפּט אויפ'ן קאר און אוועקגעפאָהרען און איך בין אויסענגעבליעבען. איך בין אַזוי לאנג געשטאַנען און געווארט אויף דרך־ארץ ביז אַ פּאָליסמאן האָט מיך ארעטירט אלס אַ סוספּישאָס פּוירסאָן, אלס אַ פערדעכטיגטע פערזאָן. איך האָב די נאכט געמוזט נעכטיגען אין סטיישאָן הויז און אויף מאָרגען האָט מיר די אידענע מיינע איינגעצאָהלט אַ פּאָרציע, פרעגט שוין גאָר ניט. שלים־מזל, גולם, מנוול, שלומיאל, לעמשקע, און וואָס פאר אַ נעמען איהר ווילט האָט זי מיך דערפאר אויסגערופען.

מילא גאָר נישט, קיין גרעסערער אונגליק זאָל ניט זיין, אַ נאָווינע אַז אַ וויב שרייט אָן אָדער זידעלט אָן, וואָלט קיין גרעסערע צרות ווי דאָס ניט געוועזן, וואָלט געוועזן אָלל רייט, עס פּאסירט מיט מיר אָבער ערגערעס.

קיין צרה, ניט פאר איך גדאכט, מיידט מיך ניט אויס. ווערט עפּעס אָן איבערגאנג אין שטאָדט, מוז טוביה חייקעל דערפון פערזוכען. וואָס פאר אַ צרה עס זאָל ניט געשעהן, קריגט טוביה חייקעל זיין חלק, און דוקא ניט געקאַרגט, נור טאקע אַ חלק וואָס אַ חלק הייסט, דערויף האָב איך דאָך עפּעס

א צד אין טיש — דעם שלים־מזל. ער סטאַרטעט זיך שוין אויס פאַר מיר א פּאַרציאָן, אַז איך זאָל הנאה האָבען.

אין דער שרעקליכער סומאַטאָכע צוליעב פערברעכער וואָס שענדען מיידלאַך, אין דעם געוואַלדינגען „בום" וועגען ראיעלע און געבלאָפטע סענ־סיישאַנס פון דיעזען סאָרט, וואָס בושעוועט ווי אַן עפּידעמיע אין ניו יאָרק, בין איך אויך אריינגעפאַלען אין א היבשען טראָבעל. ווער נאָך איז אזוי ענטוישט געווען ווי איך, טוביה חייקעל שלים־מזל? עס קען זיין, אַז דער גאַנצער „בום" איז נור געוואָרען צוליעב מיר, כדי איך זאָל האָבען א פּעקעל צרות, וכיון שנתן רשות למשחית, און ווייל מען האָט געגעבען דעם שלים־מזל רשות ער זאָל זיך מיט מיר אָברעכענען, האָבען אַנדערע אויך געליטען. הערט אדרבא וואָס עס איז געווען.

לעצטע וואָך איז עס געווען, בין איך מיר אַזוי אַרוים פון הויז און גאָר אונגעריכט האָבען מיר פיער געזונדע לאַפּעס, צוויי פון א פּאָליסמאַן און צוויי פון א דעטעקטיוו, אָנגעכאַפּט, אָנגעטהאָן הענד־קאַפּס אויף מיינע הענד און מיך גענומען שלעפּען. שטעלט אייך פאָר א פּרייער מענש, וואָס געהט אַרוים פון זיין הויז מיט גוטע האָפנונגען, מיט פרעהליכע פאַנטאַזיעס און פּלוצלונג שמידט מען איהם אין קייטען! דאַרף מען האָבען א גרעסערע שרעק, אַן ערגערען עגמת נפש ווי דאָס איז? פון פרעגען וואָס זיי ווילען פון מיר איז דאַמאָלס קיין רייד ניט געווען, דער אָטהעם האָט מיר פערכאַפּט און איך האָב א וואָרט ניט געקענט ריידען. האָט איהר א מאָהל געזעהן ווי א קעלביל קוקט דעם שוחט אין די אויגען ווען ער שטרעקט אויס דעם חלף איהר צו קוילענען? אַזוי האָב איך געקוקט אויף די צוויי מענער מיט די פיער געזונד'ע לאַפּעס, וואָס האָבען מיך געפיהרט; אָבער אָהן ווערטער, אָהן לשון; שטום ווי א פיש ווען ער ווערט אריינגעכאַפּט אין נעץ. האָב איך זיך געצאַפּעלט, געוואָרפען און מיינע אונטערפיהרער זיינען געווען צופריעדען, מלא שמחה, פּונקט ווי זיי וואָלטען געפונען דעם גרעסטען אוצר.

איך האָב א קעהר געטהאָן מיינע אויגען אין א זייט, ערשט וועה איז מיר! א גרויסע מחנה מענשען לויפען מיר נאָך, מענער, פרויען און מיידלאַך, א לעבעדיגע לויה! לינטשט איהם! לינטשט איהם! — הערען זיך פיעלע קולות. „אזא באַנדיט, אזא בעסטיע, ווי א הערינג דאַרף מען איהם צורייסען און זאָל ער ווייטער וויסען."

איך האָב פֿערשטאַנען, אַז מען מיינט עס מיך, און עס איז מיר געוועזן פֿרעהליך אויפ׳ן הארצען.

„אַ בראָך איז מיר, אַ קלאָג איז מיר" — הער איך אַ פּרויען־שטימע פֿון הינטען — „אודאי מיין ענילע, לאָזט מיר, איך וועל איהם צורייבען אין פּיסעם, וועל איך איהם צורייבען" און אין די רייד: באַך, באַך, באַך! צוויי קולאַקעס האָבען אָנגעהויבען באַראַבאַנעווען אין מיין פּלייצע, איך וואָלט שווערען אַז דאָס זיינען ניט געווען קיין הוילע קולאַקעס, נור עפּעס שטיינער זיינען אין זיי געלעגען. די אויגען זיינען מיר פֿערלאָפֿען מיט בלוט און איך האָב קוים געזעהן וואָס אַרום מיר טהוט זיך.

יענע האָט נאָך געהאַלטען אין באַראַבאַנעווען און נייע פּזמונים האָבען זיך געלאָזט הערען. „וועה איז מיר, ווינד איז מיר געוויס, מיין מינילען אונגליקליך געמאַכט." — הער איך אַ בעקאַנטען קול — „אַ דונער האָט מיך געטראָפֿען, אין גאַנצען איז דאָס קינד פֿינף יאהר אַלט, לאָזט מיר, איך וועל איהם די אויגען אויסגראַבלען, איך וועל איהם צובייסען, איך וועל איהם צורייסען דעם מערדער, דעם רוצח."

אָט די דאָזיגע בעקאַנטע שטימע קומט אַלץ נעהנטער און נעהנטער, און פּלוצלונג טראַך! איך בעקום מיט עפּעס אַ שטאַרקען קלאַפּ אין זייט, אַז איך האָב זיך אַזש פֿערצאַפּעלט. איך האָב אָבגעדרעהט דעם קאָפּ, ערשט די ווייב מיינע לויפֿט מיר נאָך מיט אַ שטיק האָלץ אין האַנד. איהרע אויגען זיינען רויט, די ליפּען בלוי און אָט, אָט פֿערמאַכעוועט זי זיך צו שענקען מיר נאָך אַ מתנה אין זייט. „פֿייגעלע!" — האָב איך אויסגעשריען און אָנגעהויבען כליפּען ווי אַ קינד. „טוביה חייקעלע!" — האָט זי אויסגעשריען און אויך אָנגעהויבען וויינען אויפ׳ן קול.

„וואָס איז דיר געוואָרען מיין מאַן?" —האָט פֿייגע מיינע גע׳טענה׳ט— „פֿאַר וואָס פּיהרט מען דאָס דיר אַזוי. איך האָב געמיינט אימיצער האָט אונזער מינילען עפּעס געטהאָן. אַ צרה האָט מיך געטראָפֿען, איך אַליין האָב דיר דערלאַנגט אַזאַ שנייד מיט אַ שטיק האָלץ, וועה איז מיר, ווינד איז מיר; אידען, האָט רחמנות, ראַטעוועט! עס איז אַ בלבול, לאָזט איהם ניט אַריינפֿאַלען אין גוי׳שע הענד!"

די אונטערפֿיהרער מיינע האָבען זיך אפֿילו ניט אומגעקוקט און מיך ווי טער געשלעפּט. איך וויין און זי, די ווייב מיינע וויינט. זי איז ניט

קיין שלעכטע, פייגע מיינע, א רכת לב; זי קען מיך אפּט אָנזידלען, אָנשעלטען, אָנבייזערען זיך, רופען מיך שלים־מזל; אבער זאָל מיר חס ושלום וועה טהון א פינגער, איז זי אוים מענש — כאָטש א שלים־מזל א מאַן, אבער דאָך א מאַן.

הכלל, מען פיהרט מיך און פון אַלע זייטען האָגעלט מיט שטיינער, העלצער, בלאָטע, שמאַטעס. איך האָב שוין ניט קיין זייטען, קיין נאָז, קיין אויגען און איך וויים ניט ווי די נשמה האלט זיך אין מיר איין. עפּעס א פרוי געהט אראָב פון א סטופּ מיט א ברום אין האנד, קענטיג א הויז־קיפּערקע, פרעגט זי ניט קיין שאלות און שענקט מיר עטליכע מאָל מיט'ן ברום, אקוראט עס זאָל זיין א מצות עשה מן התורה מיך צו שלאָגען. א סאָדא־וואסער סטענדקיפּער, איך וויים ניט צי א איד אָדער א גוי, פלוכעט מיך אָב מיט א פּעיל וואסער. באָיעס כאַפּען שטיקער וואַטער־מעלאָן פון א סטענד און וואַרפען אויף מיר. א פרוי וואָס איז אָנגעקומען אנטקעגען מיט א פולען באסקעט אין האנד, האָט פון יוצא וועגען מיר א וואַרף געטהאָן מיט א רעטעך. וואָס זאָל איך אייך זאָגען, ווען המן האָט געפיהרט מרדכי'ן און געשריען „ככה יעשה", איז געווים אזא פּאראַד ניט געווען ווי דאמאלס ווען מען האָט מיך געפיהרט.

ביים סטיישען־הויז געהט צו מיר צו א יונגער מאַן און מאַכט: „מיסטער, האָט איהר שוין א לאָיער? איהר ווייסט, איהר האָט א שווערע קיים, זעהר א שווערע קיים, און איהר מוזט האָבען א לאָיער און טאַקי א גוטען לאָיער, — זאָגסט זיינט איהר א פערלאָרענער מענש." הייב איך דאָך אָן וויינען, קלאָגען: „מיסטער לעבען, איך בין אַן אונשולדיגער מענש, איך האָב קיין עולות ניט געטהאָן, וואָס האָט מען צו מיר?" „די אַלע טענות אייערע זיינען גאָר ניט ווערטה," ענטפערט מיר דער יונגער מאַן, „קודם כל מוזט איהר האָבען א לאָיער. ווילט איהר איך זאָל זיין אייער פערטהיידיגער? עס קאָסט אייך איין פינף און צוואנציגער. איהר דארפט וויסען, אז פער־גוואלטיגען א קינד איז ניט קיין קלייניגקייט און עס שמעקט מיט סינג־סינג אָדער גאָר מיט עלעקטריק טשער.

ווי עס איז מיר געווען פינסטער אין די אויגען, איז מיר נאָך פינסטערער געוואָרען, ווען איך האָב די דאָזיגע ווערטער דערהערט, און אז איך האָב עס איבערגעלעבט בין איך שטאַרקער פון אייזען. אין סטיישאָן־הויז זיינען

מיך נאָך לאָיערס בעפאָלען ווי ביענען; אבער מיין הארץ איז מיר געווען אזוי פערקלעמט, אז איך האָב זיי צום מאָל ניט געקענט ענטפערן.

דאָס אַלעס וואָס איך דערצעהל אייך איז ניט געווען קיין חלום, נור עס האָט טאַקע פּאַסירט אין דער ווירקליכקייט. אז דער שלים־מזל טשעפּעט זיך צו צו א מענשען, מאַכט ער מיט איהם ניט קיין שפּאַס, נור ער גיט איהם טאַקע א גאָב, אז ער זאָל האָבען צו געדענקען.

דער פּאָליסמאַן און דער דעטעקטיוו, וואָס האָבען מיך געבראַכט, האָבען פאַר'ן מעדזשיסטרייט דערצעהלט, אז זיי האָבען אַליין געזעהן ווי איך האָב... איך וויל עס פון מיין מויל ניט ארויסברענגען, בייז געטהאָן א קליין מיידעלע, און איך האָב געמיינט אז די גאָל פּלאַצט אין מיר הערענדיג אזא שענדליכען בלבול. דער מעדזשיסטרייט, ווי איך האָב פערשטאַנען, האָט געהייסען ברענגען די מיידעלע, ווי איינער רעדט: נקרא לנערה ונשאלה את פּיה, זאָל מען ברענגען די מיידעלע און מען וועט איהר אַליין פרעגען, און מיך האָט מען ארונטערגעפיהרט אין סעל.

א קלאָגעדיגע, טרויעריגע נאַכט האָב איך פערבראַכט אין סעל. מיינע אויגען האָבען מיר ניט געטריקענט פון וויינען. סטייטש, מען זאָל מיך בעשולדיגען אין אזא שענדליכען פערברעכען! און כאָטש לאַנדסלייט, פריינד און בעקאַנטע האָבען מיר דורך די גראַטעס אַנגעזאָגט, אז מען טרייעט פאַר מיר, אז מען האָט שוין געשפּענדט א שלל מיט גאָלד אויף לאָיערס, מען האָט שוין אונטערגעשמירט וועמען מען האָט געדאַרפט, און מען וועט מיך ארויסנעהמען. דאָך האָב איך קיין טרייסט געפונען. איך האָב מיך דערמאָהנט אָן מיין פרוי און זעקס קינדערלעך און מיין הארץ האָט מיר געצוויגען צו זיי, איבערהויפּט האָב איך זעהר געבענקט נאָך מיין בענעלע'ן. בענעלע איז לעת־עתה ביי מיר דער מוזיניקעל, פיער יאהר איז ער אַלט, א שעהן קינד, א ליעב קינד, א רעגעלע דאָל. די מוטער האָט איהם פערלאָזט לאַנגע לאָקעלעך און ער געהט אָנגעטהאָן אין א קליידעלע. צוליעב זיינע לאַנגע לאָקען רוף איך איהם „שמשון הגבור'ל" און די שכנים אין הויז רופען איהם „די מיידעלע". מיין הארץ האָט מיר זעהר געריסען נאָכ'ן קינד; אבער טהו, מאַך, אז איך בין געפאַנגען און פערשפּאַרט הינטער שלאָס און ריגעל.

אויף מאָרגען בייטאָג האָט מען מיך גענומען צום פערהער. אין קאָורט

האָב איך געטראָפען עטליכע לאַנדסלייט מיינע, דעם פּאָליסמאַן און דעטעק־טיוו וואָס האָבען מיך ארעסטירט, עטליכע אַגענטען פון די נערי סאָסייעטי, דריי לאָיערס און מיין פייגע און בענעלע מיט די לאַנגע לאָקען אויך בתוכם. ווי מען האָט מיך צוגעפיהרט צום סטענד און דאָס קינד האָט מיך דערזעהן, האָט ער אָנגעהויבען שרייען: פּאַפּאַ! און איז געפאַלען אויף מיין האַלז.

„איז עס אייער קינד?" — האָט מיך געפרעגט דער דעטעקטיוו וואָס האָט מיך ארעסטירט.

„שור," זאָג איך, „איז עס מיין קינד, איהר זעהט ניט, וואָס?"

„איין אייגען קינד פערגוואַלטיגען!" האָבען עטליכע איירישע שטימעס אויסגעשריען אין איין קול, און די לאָיערס מיינע האָבען זיך אָבגערוקט און עפּעס גע'טענה'ט מיט מיינע לאַנדסלייט, משמעות אז זיי האָבען געבעטען א „רייז", ווייל די קלאַגע געגען מיר איז געוואָרען שטאַרקער.

„איהר ווערט בעשולדיגט," האָט דער מערדזשיסטרייט צו מיר געזאָגט, „אז איהר האָט דיזעס קינד מיסהאַנדעלט. דיזע לייטע, זאָגט ער, אָנצייגענ־דיג אויפ'ן פּאָליסמאַן און דעטעקטיווס, האָבען אַליין געזעהן ווי איהר האָט דאָס קינד אריינגעשלעפּט אין א האָל. צוליעב וואָס פאר א צוועק האָט איהר עס געטהאָן?"

איך האָב זיך דערמאָהנט, אז פריהער איידער דער אונגליק האָט מיך געטראָפען, האָב איך מיין בענעלען טאַקע אריינגעשלעפּט אין הויז.

„צוליעב וואָס פאר א צוועק?" — ענטפער איך — „זאָל ער געזונד זיין, ער איז א גרויסער לאָופער, האָב איך מורא לאָזען איהם אַליין אין סטריט, מען זאָל איהם חלילה ניט איבערפאָהרען."

„איז עס א באָיטשיק?" — פרעגט דער מערדזשיסטרייט.

„שור — זאָג איך — „איז עס א באָיטשיק. בענעלע רופט מען איהם."

אַלע האָבען אראָבגעלאָזט די נעזער, און געבליעבען ווי אָבגעשמיסענע.

מען האָט מיר הפנים אויפ'ן וואָרט ניט געגלויבט. מען האָט דאָס קינד אריינגענומען אין א בעזונדער צימער און עס אונטערזוכט, און ווען זיי האָבען אויסגעפונען, אז ער איז טאַקע א אינגעלע בכל דקדוקיו ופרטיו, האָט מען מיר געהייסען געהן אהיים.

ווען איך בין אהיים געקומען, האָב איך קודם כל אריינגעפיהרט מיין בענעלע'ן צו א באַרבער און געהייסען אָבשערען זיינע לאָקעלעך און, אוים

שמשון הגבור! אוים מיידעלע! א קינד איז עס, עס לויפט אום אין סטרים, אימיצער קען עס אמאָל א טשעפּע טהון, און מיינענדיג אז עס איז א מיידעלע, קען מען נאָך אמאָל אריינפאַלען אין א צרה. שבת בין איך געגאַנגען אין שוהל, גומל געבענשט און געדאַנקט גאָט פאַר דעם דרייפאַכען חסד וואָס ער האָט מיט מיר געטאָן וואָס בענעלע איז מיין אייגען קינד און וואָס ער איז א אינגעלע, ניט קיין מיידעלע און, ועל כולם, פאַר דעם גרויסען נס וואָס ער האָט מיט מיר געטהאָן אז די אויפגערעגטע משוגעים האָבען מיך ניט דער׳הרג׳עט.

## 8.

## דער פערשטערטער יום הדין.

טוביה חייקעל האָט אַ קלאָגעדיגען ראש השנה צוליעב א מאָדנעם טעות וואָס ער האָט געמאַכט. ער קויפט שוהל־טיקעטס פאַר ימים הנוראים און דאַווענט ביחידות. אויסער דעם קריגט ער בוכמשעם פון פרעמדע און קללות פון זיין אייגענע אידענע.

צום גדליה, תרס״ח.

אַלזאָ, רבותי, איך וועל האַלטען וואָרט און איך וועל אייך מעהר ניט דערצעהלען פון מיינע אמאָליגע געשעהעניסען, ווייל דיה לצרה בשעתה, עס זיינען ב״ה פאַראַן אַלע מאָל נייענקע און פרישענקע צרות, היינט צו וואָס דאַרף מען דערמאָהנען די אַלטע?

אויסער דעם, לאָמיר זיך ניט נאַרען, וואָס קען אייך אינטערעסירען די אַלטע געשיכטע פון א יחיד און נאָך א שלים־מזל דערצו? אידען אינ־טערעסירען זיך ב״ה זעהר וועניג מיט דער פּאַרציייטיגער געשיכטע פון כלל אויך! איך וועל אייך וועטען פיעל איהר ווילט, אז אפילו איינעם פון הונדערט וועט איהר ניט געפינען, וואָס ווייסט וואָס מיט זיינע עלטערן האָט פּאַסירט מיט דורות צוריק. וועמען ליעגט עס אין זינען אזעלכע קליינינקייטען? מאַלע וואָס אמאָל האָט פּאַסירט! פאַראַן א סך אידען וואָס זיינען אַפּטמאָל יאַ ציקאַווע צו הערען לייענען און שטודירען אַלטע

מעשה'לעך; אבער דאָס נור פּרעמדע, גוי'שע. פאַר אייגענע קעהרען זיי ניט.

מילא בכן, על כל פּנים, גאָר נישט. איך מיין ניט צו זאָגען אימיצען מוסר, וועמען אַארט עס פאַר אימיצען? איך האָב ב"ה מיינע אייגענע צרות. אָט ווי איהר זעהט, האָב איך זיך שטענדיג געוואָרפען, געדרעהט ווי א פיש אין וואסער; אַלע עבודה זרה'ס, ווי מען זאָגט, געדיענט און צו וואָס איך האָב זיך ניט גענומען איז מיר געגאַנגען שלים־מזל'דיג, ווי א רשע אויף יענער וועלט.

קיין בעשטענדיגע פרנסה האָב איך נאָך עד היום ניט. איך בין, ווי מען רופט עס, א „ווינד מענש". כאַפּט א דאָלאר אמאָל דאָ, אמאָל דאָרט, און מען וואָלט זיך אפשר דורכגעמיטעלט, ווען קיין זייטיגע צרות זאָלען ניט זיין. בין איך דאָך אָבער טוביה חייקעל שלים־מזל, טרעפט מיר אַלע מאָל אַלערליי צרות און פּורעניות גאָר אויפ'ן גלייכען וועג.

ערב ראש השנה בין איך געוועזן ביזי, — און וועלכער איד איז עס ניט ביזי אום ערב ראש השנה? פאַרנאַכט האָב איך זיך אָבגעפּערטיגט און בין געלאָפען זוכען שול־טיקעטס פאַר מיר און פאַר מיין אידענע. און געוואָלט האָב איך קריגען טיקעטס אין א שעהנע שול מיט א גוטען חזן, ניט אַזוי פאַר מיר ווי פאַר מיין אַלטע. זי איז נאָך א גרינע, די אַלטע מיינע, ניט לאַנג אראָב פון שיף, און א גרינע ווייב דאַרף מען צופריעדענשטעלען. איך געה אזוי, זעה איך א סיין: „לשמוע אל הרינה ואל התפילה. א וועלט־בעריהמטער חזן מיט א כאָר פון 24 משוררים וועלען פאַרבעטען." קלער איך ביי זיך: גוט, אָט דאָ וועל איך קויפען טיקעטס. די אידענע מיינע פערקלאָגט די וועלט, זי האָט מורא, אז דאָ זיינען קיין שולען ניטאָ, קיין אידישקייט ניטאָ; לאָמיך איהר צייגען, אז אין אמעריקא איז אויך דאָ א גאָט און אז אידען זיינען דאָ אויך אידען. זאָל זי הנאה האָבען פון יום־טוב, די אַלטע.

איך געה אריין אין פּאַליש און עס איז מיר ליכטיג געוואָרען, זאָג איך אייך, אין די אויגען! די ווענד אויסגעפּארבט מיט אַלערליי צאַצקעס; פון סילינג הענגען ארונטער שעהנע לאַמפּען, — א רעגעלער פּאַלאַץ! טראַכט איך מיר: אז אין פּאַליש איז אזוי רייך, הײנט ווי קען שוין זיין אין שול גופא? א בית־המקדש מוז דאָרטען זיין! טיקעטס, זעה איך,

פערקויפט מען ניט אויף א טישעל, ווי אין אנדערע שולען: דאָרט זיצט דער גבאי אין א קליין שטיבעלע און דערלאַנגט די טיקעטס דורך א פענסטערל. איך בין צוגעגאַנגען און געפרעגט: וואָס וועט קאָסטען צוויי גוטע סיטס פאַר מיר און פאַר מיין ווייב? „צוויי דאָלאַר." — האָט דער מאַן וואָס זיצט אין שטיבעלע געענטפערט. ביליג גענוג — האָב איך געקלערט — איך האָב זיך ניט געדונגען, בעצאָהלט צוויי דאָלאַר, און בין אַוועקגעלאָפען אהיים אָנזאָגען מיין אידענע די גוטע בשורה.

„הערסטו פיינע," זאָג איך צו מיין אַלטע, „האָב איך געקויפט בילעטען אין א שול, שוין איין מאָל א שול! אונזערע אבות אבותינו האָבען אין אזא שול ניט געדאַוונט, א רעגעלער בית המקדש. היינט א חזן, טרעף מיט וויפיעל משוררים? מיט פיער און צוואַנציג שטיק!"

„מען זאָל דערלעבען איבער א יאהר," זאָגט די אַלטע מיינע, „און מיר זאָלען דאַוונען אין אמת'ן בית־המקדש. וואָס ווי וואָס, אבער דאָס האָסטו, מיין מיין, זעהר גוט געטהאָן, ווייל איך האָב זעהר ליעב צו הערען א גוטען חזן." הכלל זי איז צופריעדען און איך בין אויך צופריעדען.

פאַרנאַכט, געווען שוין א ביסעל שפּעטלעך, האָב איך אָבגעדאַוונט מנחה אין דער היים און איך מיט מיין גרינע זיינען אַוועק אין שול. געקומען אהין, צייג איך דאָרט א מאַן די טיקעטס און וויל אריינגעהן. „צו פריה, מיסטער — מאַכט יענער צו מיר — „איהר וועט קומען ארום א זייגער אכט, וועט מען אייך אריינלאָזען." די זאַך האָט מיך אפילו פערדראָסען. וואָס אאַרט עס זיי, אז איך וועל אריינגעהן א ביסעל פריהער און זאָגען דערווייל א קאַפּיטעלע תהלים? אָבער וואָס העלפט עס? אז מען לאָזט ניט, לאָזט מען ניט.

געדענקט האָב איך, אז דאָרט זיינען מסתמא קאַרלינער חסידים. קאַרלינער חסידים דאַוונען שפּעט אי אין דער פריה אי מעריב. איך אַליין בין אפילו א מתנגד, איך דאַווען נוסח אשכנז; אבער וואָס מאַכט עס אוים? איך וועל קענען דאַוונען ווי איך וועל ווענען. די הויפּטזאַך, האָב איך מורא געהאַט, אז די אַלטע מיינע זאָל זיך ניט פערפּלאָנטערן אין איהר מתנגד'ישען מחזור. איך האָב איהר דארום געזאָגט, אז אין דער שול דאַוונט מען אַביסעל אנדערש, אבער זי זאָל זאָגען ווי אין איהר מחזור שטעהט.

די פּאָר שטונדען וואָס מיר האָבען געהאַט צו וואַרטען ביז מעריב, בין איך מיט מיין אַלטע איבערגעזעסען אין אַ פּאַרק. די אַלטע האָט עס אפילו זעהר ניט געוואָלט ליידען, אבער איך האָב איהר איינגערעדט, אַז דערפאַר וועט זי שפּעטער נחת האָבען פאַר איהר צער. בעסער לענגער געוואַרט, אבי ניט גענאַרט.

קוים דערלעבט אַרום אַ זייגער אכט. הונגעריג בין איך געווען אַזוי ווי אַ חתן אין טאָג פון דער חופּה. די אַלטע מיינע האָט אַ גאַנצען טאָג כמעט אין מויל ניט געהאַט. איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך וואָלט אפשר געווען מוחל זיין דעם חזן מיט די 24 משוררים און עס וואָלט ביי מיר רעכט געווען אָבצואַדאַווענען ביחידות אבי גיכער עסען די המוציא מיט האָניג, אבער גענוג אַזאַ זאַך פאַר אַ גרינער אידענע! איך האָב דאַרום געליטען און געשוויגען, און מיין אַלטע האָט אויך געליטען און געשוויגען.

ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין שול, האָט אונז אַ שעהן־געקליידעטער מאַן אָנגעצייגט סיטס און געהייסען זיך זעצען איינע נעבען די אַנדערע. דער מאַן איז געגאַנגען אָהן אַ העט, און איך האָב דאַרום אָנגענומען, אַז ער איז דער שבת־גוי, וואָס לעשט אוים שבת און יום טוב די ליכט אין שול און מאַכט ווינטער דעם אויוועז.

„ווי געפעלט דיר, פייגע," זאָג איך צו מיין אידענע, „אַן אמעריקאַנער שבת־גוי? זעהסט, אַ גאַנצער פריץ, ניט ווי ביי אונז איוואַן מיט די לאַפּטשעס."

„דער שבת־גוי," זאָגט זי, „איז מיר שוין גאָר געפעלען, די שול איז אויך אַ גאַנץ שעהנע, טאַקע אַ בית־המקדש; אבער וואו איז דאָ די ווייבערשע שול? ניטאָ דאָ גאָר קיין ווייבערשע שול?"

„סעי," זאָג איך צום מאַן וואָס האָט אונז אָנגעצייגט די סיטס, „ווהער איז דהי וואָומען שול? מאַי וואַיף וואָנטס טו דהי וואָומען שול."

„סיט דאַון, יו פול יו," טהוט ער אַ געשריי און שיסט אוים מיט אַ געלעכטער. איך קוק זיך אַרום אין אַלע זייטען, איך זעה עס זיצען מענשען, אמת, ניט זעהר פיעל, אבער אַלע זוגות זוגות, פּאָארווייז מענער און פרויען. שלעכט, טראַכט איך, איך בין דאָ מסתמא אריינגעפאַלען אין אַ טעמפּעל, און מען דאַווענט נאָך דאָ אודאי אָהן היטלען אויך און איך האָב שטאַרק אָנגעהויבען ציטערען פאַר'ן יום הדין וואָס איך וועל כאַפּען פון מיין אידענע.

אין מיטען קריכען ווי פון אונטער דער ערד ארויס א גאַנצע באַנדע כלי־זמר, און מען הייבט אָן צו שפּיעלען. „וואָס איז דאָס?" מאַכט צו מיר די אַלטע, „משומד, אפּיקורס, וואוהין האָסטו מיך פערשלעפּט? ארויס־שלעפּען זאָל מיר דיר אויפ׳ן נייעם יאָהר.

„ששש," זאָג איך, דאָס איז מסתמא א כאָר־שול, און וואָס איז מיינסטו אז כלי־זמר שפּיעלען? אין בית המקדש האָבען אויך די לויים געשפּיעלט, אי וואָס זיי געהען אָהן היטלען, וועל איך דאַווענען אין א היטעל."

אזוי הייסט עס, האָב איך געוואָלט מיין אַלטע בערוהיגען; אבער געוואוסט האָב איך ביי זיך, אז איך בין אריינגעפאַלען אין א צרה און בין אליין אויך זעהר אונצופריעדען געווען.

„ווייסטו וואָס?" זאָג איך צו מיין אידענע, „לאָמיר שטילערהייד אָבדאַווענען אין געהן אהיים." ווי איך רעד אזוי ווערט פּלוצלונג פינסטער און מען הייבט אָן שרייען: העטס אָף! איך האָב מיין העט ניט אויס־געטהאָן און געבליעבען זיצען. „מיסטער, טהוט אויס די העט", טורקעט מיך אימיצער פון הינטען. איך האָב אַראָבגעכאַפּט די העט און אָנגעטהאָן די יאַרמולקע. עס האָט זיך אויפגעהויבען א מין פּרוכת און עפּעס א גאַנצע באַליאסטרע איז אָנגעקומען, גאָר ניט קיין חזן מיט משוררים, מיידלאך גאָר, צו שיקסעס, מען האָט אָנגעהויבען טאַנצען און זינגען, א קלאָג איז מיר, אזוי ווי אויף א גוי׳אישע חתונה! די אַלטע מיינע רייסט פון מיר שטיקער און שילט מיט טויטע קללות, אויף פּוסטע וועלדער, אויף וויסטע וועלדער זאָל עס פאַלען.

איך האָב פערמאַכט די אויגען און שטילערהייד אָבגעדאַווענט מעריב ביז שמונה עשרה. איך האָב זיך אוועקגעשטעלט שמונה עשרה און ווען איך האָב אָנגעהויבען זאָגען „ובכן תן כבוד ה׳ לעמך", האָט מען מיר פון הינטען אָנגעהויבען שלעפּען, קלאַפּען אין קאָפּ און שטעכען מיט פינס. „סיט דאַון, מיסטער" — האָבען זיך געהערט אייניגע קולות. נו, נו — טראַכט איך — א שעהנעם כבוד האָט דער רבונו של עולם פון זיינע קינ־דער, אז אום ראש השנה פּראָוועט מען אזא דאַווענען. איך האָב נאָך ניט צייט געהאַט ענדיגען די שמונה עשרה, זיינען געקומען צוויי יונגע לייט מיט מעשענע קנעפּלעך, מיר אָנגענומען פאַר׳ן קאַרק און פּשוט ארויסגעוואָרפען.

אבל וחפוי ראש בין איך מיט מיין גרינע אידענע אוועק אהיים, און א

וועטשערע האָב איך נאכדעם געהאַט, ניט אומקעהרען זאָלען זיך אזעלכע וועטשערס. אין דער המוציא מיט האַניג האָב איך געפיהלט דעם טעם פון כריין און עס איז געוועזן צעהן בראָכען צו מיר.

אויף מאָרגען האָב איך געפּרובט געהן אין שוהל דאַוונען, אָבער וואו איך בין געקומען האָט מען מיר ניט אריינגעלאָזען. אין איין שול האָב איך זיך אריינגעכאפּט; אָבער מען האָט מיר בחרפּתי ארויסגעוואָרפען ווי א פוילען עפּעל. איך האָב דארום קיין ברירה ניט געהאַט און ביידע טעג ראש השנה געדאַווענט אין דער היים. איך בין געוועזן דער חזן און מיין אידענע האָט מיר געדיענט אי פאר א משורר, אי פאר'ן עולם. אונטערגעהאָלפען האָט זי מיר מיט קללות און חרמות אויף מיר, אויף קאָלומבוס'ן און אויף גאַנץ אמעריקא. א נארישע אידענע קען, אימיצער איז שולדיג, אז איהר מאַן ווערט פערפאָלגט פון שלים־מזל.

ערשט נאָך יום טוב, אז איך האָב די געשיכטע דערצעהלט פאר מיינע בעקאַנטע, האָבען זיי מיר ערקלעהרט, אז איך בין עס גאָר געוועזן אין א טהע־אַטער. אין דעם זעלבען טהעאַטער דאַווענט מען אויך — האָבען מיר די בעקאַנטע געזאָגט — און אַנשטאַט צו קויפען טיקעטס צום דאַוונען, האָב איך מסתמא צום שלים־מזל איינגעהאַנדעלט טיקעטס צו דער פאָרשטעלונג.

בינו לבינו האָב איך געהאַט א פערשטערטען ראש השנה. זאָלען זיך שוין אזעלכע ראש השנה'ס ניט אומקעהרען.

---

## .9

## אַן עסק מיט כפרות.

א מעשה מיט צוויי העהנער, מיט א רב און א רבי'צין, מיט א פּוינטער א לץ און לאופערס, וואָס האָט פּאַסירט אום ערב יום כפור. — טוביה חייקעל בע־שולדיגט אין גנבה. ער מיט זיין ווייב האָבען חרפות וביושים און פאַסטען ערב יום כפור אויך.

---

י"ב תשרי, תרס"ח.

אז עס געהט, לויפט עס. איך האָב אייך דאָך דערצעהלט פון מיין שלים־מזל'דיגען ראש השנה, ווי וועלענדיג געהן אין א שוהל דאַוונען בין איך און מיין גרינע אידענע פערקראָכען אין א טהעאַטער און איך האָב צוליעב

דעם געהאַט געבראָכענע לײדן ; מײנט איהר, אַז איהר זײנט שױן פֿערטיג ? עס הױבט זיך גאָר ניט אָן ! מסתמא איז נאָך די מאָס פֿון מײנע צרות ניט פֿול געװען, האָט מיר דער רבונו של עולם די רעשטע דערלײגט ערב יום כפּור.

איהר װײסט דאָך מסתמא, אַז ערב יום כפּור איז דער בעסטער טאָג בײ אידען. עס איז אַ טאָג װאָס אײ דער קערפּער אײ די נשמה געניסען עפּעס. ערב יום כפּור איז אַ טאָג װאָס עסען און טרינקען איז בײ גאָט פֿערדעכענט אַזױ װי אַ תענית. װאָס בעסער מען עסט, אַלץ גרעסער איז די מצוה. װאָס האָט אָבער דער שלים־מזל געטהאָן ? האָט ער אַזױ אױסגעדרעהט, אַז ניט מיר איז געלעגען אין זינען צו עסען, ניט איך האָב געהאַט װאָס צו עסען און דער יום אכילה ושתיה איז בײ מיר אין הױז, ניט פֿאַר אײך געדאַכט, פֿער־װאַנדעלט געװאָרען אין תשעה באב.

הערט אַ טשיקאַװע זאַך װאָס אין לעבען קען פּאַסירען.

דעם טאָג פֿאַר ערב יום כפּור, מאַכט צו מיר די אידענע מײנע : װאָס װעט זײן, טוביה חײקעל, מכּח כּפּרות ? זאָג איך : אַ כּפּרה די כּפּרות. דו ביסט נאָך אַ גרינע, װאו װעסטו געהן זוכען כּפּרות ? װערט זי ברוגז, הױבט אָן ברעכען די הענד, זיפֿצען און קרעכצען אַקוראַט איך זאָל איהר װעלען פּיה־רען צום שמד ! ציה איך שױן מײנע װערטער צוריק און זאָג : אַלל רײט, קױף כּפּרות, אױב דו װילסט.

קום איך שפּעטער, דערצעהלט מיר מײן אידענע, אַז זי האָט אײנגע־האַנדעלט אַ רױטען האָהן ; אָבער ניט אַ האָהן, זאָגט זי, נור אַ שור הבר. װעסטו שלאָגען כּפּרות מיט די אײנגלאַך און איך מיט די מײדלאַך װעלען שלאָגען כּפּרות מיט געלד.

„איך בין צופֿריעדען — זאָג איך — זאָל זײן אַזױ — געה טשעפּע זיך מיט אַ גרינע אידענע !

װען די אַלטע מײנע האָט איהר „שור הבר“ געבראַכט אין הױז איז צװישען די קלײנװאַרג מײנע געװאָרען ששון ושמחה. מען האָט איהם אָב־געבונדען, געגעבען עסען און טרינקען און עס האָט זיך געטהאָן אַ לעבעדיגע װעלט. מײן מוזיניקעל בענילע איז אַרונטערגעלאָפֿען און ערגיץ אַרױסגע־גנב'עט אַ הױפֿען האָבער פֿון אַ פֿערד'ס טאָרבע. אמת, דער דרײװער האָט איהם דערלאַנגט מיט'ן בײטש און אײן באַק איז בײ איהם געשװאָלען גע־װאָרען װי אַ באַרג ; אָבער זײנס האָט ער אױסגעפֿיהרט. ער האָט די בײ־

סעל האָבער געבראַכט און עס אויסגעשאָטען פאַר'ן רויטען כפרה'ניק.

א האָהן איז דאָך אָבער אַן עזות פּנים. ניט אַכטענדיג דאַרויף וואָס מען האָט איהם געצערטעלט און געקיכעלט, האָט ער אָנגעהויבען פליהען אויפ'ן טיש, אויפ'ן ביורא, אויפ'ן מענטעל־פּיעס און האָט אָנגעמאַכט חורבונות. צובראָכען א האַלבען דאָזען גלעזער, א פּאָר וואַזעס, א זייגער און אַנדערע קלייניגקייטען וואָס לאַנדסלייט האָבען מיר אָנגעשיקט פּרעזענ־טען ווען מיין פאַמיליע איז געקומען. דער אונדאַנקבאַרער האָהן איז נאָך דערמיט ניט יוצא געווען, ער איז נאָך אַריינגעלאָפען צו מיין נעקסטדאָריגע אין הויז און צורעכט געמאַכט א בלעטעל לאָקשען, וואָס האָט זיך אויפ'ן טיש געטריקענט.

די נעקסטדאָריגע מיינע איז א רבי'צין, טאַקי אַן אמת'ע רבי'צין, ווייל דער מאַן איהרער איז א רב, אַזוי זאָגען די שכנים פון הויז. ביי דער רבי'צין אין הויז איז געווען צוגעבונדען צום פיסעל פון טיש א גרויסער, ווייסער, גאַלאַנסקער האָהן וואָס דער רב האָט עקסטרא געאָרדערט פאַר איהם א כפּרה. ווען מיין „שור הבר" האָט געטרויבערט דער רבי'צין'ס לאָק־שען, האָבען דער רבי'צין'ס קינדער אָבגעבונדען זייער ווייסען מזיק און יע־נער האָט אפּנים מיינעם ארויסגערופען אויף א דועל. די בני הרב זיינען אמעריקאַנער קינדער; זיי האָבען אַליין א היבשע ידיעה אין חכמת הקולאַק און האָבען ליעב צו זעהען ווי אימיצער פייט זיך. ווען די עהנער האָבען דועלירט איז פאַר זיי געווען א גאַנצער פּיקניק. זיי האָבען צוזאַמענגערופען אַלע טענענטס פון הויז און עס איז געווען ליהודים. מיין כפּרה האָבען זיי א נאָמען געגעבען „דהי אינדיען" און דעם רב'ס — „דהי ווהייט מען", און דער עולם האָט צוקוקענדיג די מלחמה, זיך ענדזשאָיעט.

ניט איך, ניט מיין אידענע, ניט דער רב און ניט די רבי'צין זיינען אין דער היים געווען ווען דאָס אַלעס איז געשעהן, נור ווען מיר זיינען ביינאַכט געקומען, האָט מען אונז דערצעהלט, אז צוליעב אונזערע העהנער איז די גאַנצע הויז געווען אויף רעדלאָך און מען האָט געהאַט א היבשע ביסעל פּאַן.

ווען די אַלטע מיינע האָט דערזעהן דעם חורבן וואָס דער „שור הבר" איהרער האָט געמאַכט אין הויז, האָט זי געזאָגט, אז דאָס האָט איהר גאָט גע־שטראָפט דערפאַר וואָס זי האָט געקאַרגט און געקויפט נור איין כפּרה. „אַלץ צוליעב דיר" — האָט זי זיך א ביסעל צובייזערט — „אז איך האָב דיר גע־

פרעגט מכח כפרות, האסטו זיך פערקרימט, אצינד זעה כאטש, אז פון א מצוה טאר מען ניט אבשפארען, אפשר ווען איך וואלט ניט אזוי קארג גע־ ווען און געקויפט כפרות פאר אלעמען, ווי גאט האט געבאטען, וואלט איך צו אזא היזק ניט געקומען."

אזוי האט די גרינע מיינע גע'טענה'ט, און איך האב געטראכט ביי זיך, אז עס איז נאך מיט חסד, וואס עס איז מעהר ניטא ווי איין האהן, ווען עס וואלטען חלילה געווען מעהר, וואלט שוין קיין טעלער אין הויז ניט געווען און זיי וואלטען אלע פענסטער אויך אויסגעבראכען.

און מיינט איהר, אז מיט די צובראכענע כלים האב איך שוין גע'פטר'ט? איילט זיך ניט! איך האב נאך פון דעם האהן געהאט א פעקעל צרות וואס איך וועל האבען צו געדענקען און צו גערענקען.

מילא אז די רבי'צין האט מיר און מיין אידענע איינגעצאהלט א פארציע פאר די לאקשען, וואס מיין חברה־מאן האט צופיקט, דארף איך אייך ניט דערצעהלען, אבער זי האט נאך געהאט א גרעסערע טענה: איהר מאן'ס ווייסע כפרה איז פערפאלען געווארען, אזוי ווי אין דר'ערד אריין און דאס, האט זי געזאגט, איז אויך אונזער האהן שולדיג. שכנים האבען איהר געזאגט, אז נאכ'ן פייט האבען זיי דעם רב'ס כפרה אליין געזעהן אין הויז, אלא וואו ער איז נעלם געווארען, ווייסען זיי ניט.

ערב יום כפור בעגינען האב איך מיט מיינע באיעם אבגעשלאגען כפרות מיט'ן רויטען האהן און איך אליין האב איהם געטראגען צום שוחט קוילענען. די אלטע מיינע האט איהם אבגעפליקט, אבגעסמאליעט, געעפענט דעם בויך און זי האט גאר אנגעקוואלען. — „א גאנז — האט זי געזאגט — האט ניט אזוי פיעל שמאלץ וויפיעל דער האהן, קיין עין הרע, קיין בייז אויג זאל איהם ניט זיין."

אבער קבצן'ישער מזל ווייסט איהר דאך שוין.. דארף זיך מסתמא מאכן א שאלה — א נאדעל אין פופיק! זאג איך צו מיין אלטע: „געה אריין נעקסט דאר צום רב און פרעג די שאלה. עס מאכט ניט — זאג איך — וואס ער איז ברוגז, ערב יום כפור איז עס, ער האט אונז שוין אודאי מוחל געווען און ער וועט די שאלה פסק'ענען". מיין אלטע האט מיר געפאלגט.

קודם כל האט דער רב גע'פסק'ענט, אז די כפרה איז טריף, און ווען די אלטע מיינע האט געוואלט אוועקגעהן, טהוט ער זיך א כאפ אויף מיט

קולות: „גנב׳טע! דאָס איז דאָך מיין ווייסער האָהן, ווי קומט ער צו דיר? דו אזעלכע און אזעלכע, סטייטש, ערב יום כפור גנב׳ענען!

לויף איך שוין אויך אריין, פאַלט דער רב אויף מיר אויך אָן מיט קולות, מיט זלזולים און צייגט מיר, אז אויפ׳ן פיסעל ביים טריפ׳ען האָהן איז אָנגע־בונדען א רויטער פאָדים. דאָס, זאָגט ער, האָט ער אָנגעבונדען פאר זכר ללשון של זהורית און אָן דעם האָט ער איהם דערקענט.

„אום גאָטעס ווילען" — האָב איך און מיין אַלטע כמעט אָנגעהויבען וויינען — „וואָס רעדט איהר, וואָס? אונזער האָהן איז דאָך גאָר געווען א רויטער", אָבער קיינע טענות האָט ניט געהאָלפען, דער רב האָט זיך געהאַל־טען ביי זיינס, אז ניט אנדערש איך אָדער מיין אַלטע האָט זיין כפרה גע׳גנב׳עט.

וואָלט זשע די פעדערן פון האָהן געווען אין הויז, וואָלטען מיר אונזער אונשולד געקענט בעווייזען, האָט שוין אָבער דער מיסט־מאַן די פעדערן לאַנג צוגענומען, הייגט גע׳ה טהו עפּעס!

„איהר האָט נאָך זכות אבות" — האָט דער רב ענדליך געזאָגט — „וואָס דער האָהן איז טריף געוואָרען, מען האָט אייך מסתמא פון הימעל ניט דער־לאָזען אז איהר זאָלט הנאה האָבען פון גע׳גנב׳עטע און דערפאר טאקע וועל איך מיט אייך קיינע ביזנעס ניט מאַכען, ווען ניט דאָס, וואָלט איך אייך גע־לאָזט ארעסטירען אום ערב יום כפור".

בינו לבינו האָט זיך די נייעס צוטראָגען איבער דער גאַנצער פּראָפּערטי און צווישען די שכנים איז געוואָרען א גאַנצע חתונה. עס פערשטעהט זיך, אז קיין דינער, קיין סאַפּער האָט שוין מיין אידענע ניט געקאָכט, וועמען ליגט עס אין זינען עסען, ווען מען האָט אויף זיך אזא מיאוס׳ען בלבול? איך און מיין אידענע האָבען געוויינט ווי קליינע קינדער, אז איין גאָט אין הימעל האָט זיך געמעגט דערבאַרמען אויף אונז.

פאר נאַכט ווען איך, מיין אַלטע און די קינדער זיינען ארונטערגעגאַנ־גען צו געהן אין שוהל צו כל נדרי, זיינען שכנים געשטאַנען ביים סטופּ און זיך געוויצעלט. „בעט אויס א גוט יאָהר פאר׳ן גע׳גנב׳עטען האָהן אויך" — האָבען זיי געזאָגט, און לאופערס זיינען אונז געלאָפען פאָראויס, געטי־קעט מיט די פינגער און געזונגען:

העי גרינהאָרנס,

העי פּאפּקאָרנס,
געהט גנב'עט אַ כּפּרה;
שטעקט אָב מיסטער
דעם רב'ס רוסטער,
קומן זאָל אויף אייך אַ צרה.

ווי פערשטעהט איהר? איז עפּעס גוט צו הערען אַזא פּזמון? און נאָך ערב יום כּפּור פּאר נאכט! אז מיר האָבען עס איבערגעלעבט זיינען מיר שטאַרקער פון אייזען.

נאָך כל נדרי, ווען מיר זיינען געקומען אהיים, האָבען מיר געטראָפען מר. פּלעטציל, דעם פּיינטער וואָס וואָהנט אויף מיין פלאָאר אין די בעק, זיטצענדיג אויפ'ן סטופּ און שיילענדיג פּינאַטס. ווען מיר זיינען אריינגע־גאנגען אין האָל, האָט ער געלאכט, דער ימח שמו'ניק, ער איז נור וואָס ניט דערשטיקט געוואָרען פון געלעכטער, אַ בריה'שאַפט האָט ער בעוויזען, ער קען עסען פּינאַטס אום יום כּפּור!

ווען איך האָב גענומען שליסען די טהיר פון מיין הויז, ערשט, קוקוריקו, קוקוריק! אַ האָהן קרעהט ביי אונז אין קיטשען! אויפגעציטערטע בין איך און מיין אַלטע געוואָרען, און זי, די אַלטע מיינע, האָט אָנגעהויבען שרייען, געוואַלד! פיעל מענשען עס זיינען געוועזן אין הויז זיינען זיך אַלע צוזאמענ־געלאָפען און דער האָהן אין קיטשען האַלט אין איין קרעהען. אריינגעהן אין הויז האָבען מיר מורא געהאַט, ווער ווייס וואָס דאָרט איז? אפשר אַ גלגול, אפשר אַ ניט אין שטוב געדאכט, די הויט, זאָג איך אייך, האָט אויף אונז געציטערט.

מר. פּלעטציל, דער פּיינטער האָט די טהיר געעפענט און אַלע זיינען אריינגעגאַנגען אין הויז. דער רב מיט דער רבי'צין זיינען אויך געוועזן. גע־זעהן האָט מען אין הויז קיין לעבעדיגען נפש, אָבער די שירה פון דעם אונ־זיכטבארען קרעהער האָט ניט אויפגעהערט.

נאכדעם האָט דער פּיינטער אויפגעעפענט די טהירעל פון אונטער'ן אויוועז, וואו מען האַלט די קאָהלען און אַ רויטער האָהן, עהנליך צו אונזער „שור הבר" עליו השלום איז ארויסגעלאָפען.

„שמע ישראל! — האָט מיינע אָנגעהויבען שרייען — זי איז פון שרעק ארויפגעשפּרונגען אויפ'ן טיש, אומגעוואָרפען די נשמה ליכט און שיער

געמאַכט אַ שרפה. מיר אַלע זיינען אויף זעהר צושראָקען געוואָרען, אויסער דער אפיקורוס, דער פיינטער האָט געלאַכט.

רבונו של עולם — זאָג איך — דאַכט זיך, אז דאָס איז דער האָהן מיט וועלכען איך האָב כפרות געשלאָגען, ווי קומט ער אהער?

„פאַ“ — רופט זיך אָב מיין בעני'לע איך די טאַפּאָרע אריינדעזעצט אין טאַטוך (איך האָב די כפרה אריינגעזעצט אין קאָטוך), איך דאָר פערדעסען (איך האָב גאָר פערגעסען).

— אזוי? — מאַכט דער רב — זעהט איהר שוין הא, ווי דער אמת איז ארויפגעקומען? דער באָיטשיק האָט אייער האָהן בעהאַלטען און אז איהר האָט איהם ניט געפונען, האָט איהר גע'גנב'עט מיינעם! שעהן אזוי, גוט אזוי.

„דאַט'ס אָלל! — האָט איבערגעשלאָגען דער פיינטער — „דאַט'ס ענאַף! איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך האָב דעם רב'ס ווייסען האָהן געכאַפּט, אָבגעפאַרבט רויט און אריינגעוואָרפען צו די גרינע אין הויז, איך האָב געוואָלט האָבען אַ ביסעל פאַן; אָבער אז עס זאָל אזוי ווייט קומען האָב איך אליין ניט גערעכענט. אצינד איז געסעטעלט די ביזנעס, יענער האָהן וואָס איז טריף געוואָרען איז טאַקע געווען דעם רב'ס; אָבער די לייטע האָבען איהם ניט גע'גנב'עט און זיי האָבען אפילו צומאָל ניט געוואוסט, אז ער איז ניט זייערער.“

אַלע האָבען אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער און איך און מיין אַלטע האָבען אזש אָנגעהויבען וויינען פאַר פרייד.

קיין גוטס, קיין נחת זאָל דער פיינטער ניט האָבען אויף זיין גאַנצען לע־בען דערפאַר וואָס ער האָט די העטצע אויפגעשפּיעלט, און לאַנגע יאָהר זאָל ער האָבען דערפאַר, וואָס ער האָט כאָטש צום סוף דעם אמת אויסגעזאָגט; ווען ניט, וואָלט אויף אונז פערבליבען אַן אייביגער בלבול.

דעם „שור הבר“ קאָרמעט מיין אַלטע. מיר וועלען איהם שעכטען איה"ש אויף סכות. מיט אַ סוכה בין איך שוין אויך פערזאָרגט. דער הויז־קיפּער פון דער הויז וואו איך וואָהן, האָט געמאַכט אַ סוכה פאַר זיינע טע־נאַנטס און פאַר די טענאַנטס פון נאָך אַ פּאָאַר הייזער. דער פּרייז פאַר יו־זען די סוכה איז ווי פאָלגט:

פאַר ליכט בענשען אין סוכה, 25 סענט; פאַר קידוש מאַכען און ליכט

בענשען, 50 סענט און פאר עסען אין סוכה, א דאָלער. איך האָב בעצאָהלט א גאַנצען דאָלער, כדי איך און מיין אידענע זאָלען עסען אין סוכה און האָבען א ביסעל נחת פאר אונזער צער.

---

10.

## א פערבלאָנדזשעטער צימעס.

אַ פּאַסירונג וואָס האָט פּאַסירט מיט טוביה חייקלען אין סוכה. — אַ היהנערשן פּאָלקע און אַ קאַטץ אַ נאַשערקע. — א שוחט מיט אַ שוחט'קע צוקריעגען זיך. — טובה חייקעל האָט הנאה, אָבער עס פאַלט איהם אַרויס באָקאָס. — אַ שמועס מכח אַמעריקאַנער סכות.

---

ב' דחוה"מ סכות, תרס"ח.

עסט איהר דיזען סכות אין סוכה? אויב יא, זאָל אייך זיין צו מצוה, און אויב ניט, האָט אייך אויך אַ גוט יאהר און בעקומט הושענא רבה אַ גוטען קוויטעל.

איך בין זיך מודה ומתודה, אז איך עס אין הויז און שמעק ניט אריין אין סוכה, ניט ווייל איך האַלט חלילה ניט פון דער מצות סוכה, נור צוליעב דעם, ווייל ביי דער ערשטער סעודה אין סוכה האָב איך געהאַט זעהר אַ מאוס'ן אָבשניט. דער שלים־מזל האָט זיך פער'גנב'עט צווישען די אושפיזין און ער האָט זיך מיט מיר אָבגערעכענט כדבעי.

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אז ווען איך זאָל זיין אַ רעפאָרמער און מען זאָל מיר געבען רשות אויסצובעסערען, פערלייכטערען, אָדער, ווי די רעפאָרמירטע דריקען זיך אויס, „פערפיינערען" די אידישע רעליגיאָן, וואָלט איך די ערשטע זאַך די איינוואָהנער פון די אויבערשטע פלאָרס אין די הויכע ניו יאָרקער טענעמענט הייזער מתיר געמאַכט צו עסען חוץ לסוכה, ווייל דאָס רוב אידען האָבען ניט קיין פיעל נחת פון דער סוכה. קיין גרעסערער יאָך, קיין שווערערע לאַסט, קיין ערגערע אָבקומעניש ווי שלעפּען זיך פון דער הויך אין סוכה אריין עסען, קען דאַכט זיך גאָר ניט זיין.

אויסער דעם איז אַ היגע סוכה ניט גלייך צו אַ היימישע סוכה. אין דער

היים אַז איהר מאַכט אַ סוכה, איז זי אייערע אַן אייגענע. איהר בויט איהר וואו איהר ווילט; איהר מאַרקירט אויס, אַז זי זאָל אייך זיין נאָהענט אונטער'ן נאָז, בעקוועם, צום האַנד און קיינער שטערט אייך ניט צו שלאָפען דאָרט, צו עסען דאָרט, ווען און וואָס איהר ווילט. דאָ אָבער, אין דער לאַנד פון קאָרפּאָריישאָנס, בויט מען זאָגאר אַ סוכה אויף בכנופיה, אין קאָרפּאָריישאָן. די מאַכערס, די גרינדער פון די סוכה־קאָרפּאָריישאָנס זיינען די הויזקיפּערס און די שעהנע אידען און די איבעריגע זיינען, ווי מען רופט עס אויף סוחר'שען לשון: שעהר האָלדערס, גלאַט אַזוי נאָכשלעפּעניסען.

דער וואָס האָט אַ ידיעה אין קאָרפּאָריישאָן ביזנעס וויים, אַז דאָס רוב ביזנעס פון דיזער ליין ווערען געפיהרט פון די מיסדים, פון די ערשטע גרינדער און די איבריגע האָבען אַ קליינע דעה. אין אַ סוכה פּארטנערשיפּ איז אויך אַזוי. אין יעדע טענעמענט הויז בעזעצט פון אידען, געפינט זיך איינער אָדער מעהרערע פּאטשאטנע בעלי־הבתים: אַ רעווערענד, אַ חזן, אַ שוחט, אַ מוהל, אַ בוטשער, אַ פּרומער ריעל־עסטייטניק, אָדער סתם אַ איד מיט אַ פעטען בייכעל און אַ לאַנגע באָרד. אָט די גיבען דעם הויזקיפּער אַן אָרדער צו בויער אַ סוכה און זיי זיינען די הויפּט בעלי הבתים, אָבוואָהל געלד פאַר'ן בנין קאָלעקטעד מען ביי אַלע שכנים.

די פּאָטשאָטנע בעלי הבתים פערנעהמען אין סוכה דעם אויבען־אָן, פּראַווען די סעודה בהרחבה מיט זייערע קינדער צוזאַמען; אַז זיי האָבען חשק, פערבעטען זיי געסט אויף קידוש; זיי זיינען טאקע ריכטיג מקים: „תשבו כעין תדורו“, זיי פערברענגען אין סוכה ווי ביי זיך אין הויז און די איבריגע פּאַרטנער דאַנקען גאָט אַבי זיי קריגען אַ שטיקעלע פּלאַץ, כאָטש אויף קידוש מאַכען.

די „פּני“ פון דער הויז וואו איך וואָוין זיינען: מיין נעקסטדאָריגער, דער רב און דער שוחט פון דריטען פלאָאר. אויף זייער בעפעהל האָט דער הויזקיפּער אויסגעבויט אַ סוכה אין יארד און קאָלעקטעד ביי אַלע שכנים קוואָדערס, האַלבע דאָלאַרס און דאָלארס פאַר דעם פּריווילעדזש צו בענוצען די סוכה. איך האָב נעגעבען אַ גאַנצען דאָלאר און גערענקט צו עסען מיט מיין פרוי און קינדער. לצים זאָגען אפילו, אַז דעריבער רופט מען דיזען יום טוב „זמן שמחתנו“, ווייל ווייבער זיינען פּטור פון סוכה און ווען מען האָט ניט די אידענע ביי דער זייט, איז די שמחה פאַר פול. איך אָבער

זאָג, אַז איך טאָר זיך צופיעל פערגנינען ניט פערשאַפען, און עס איז גלייכער צו האָבען די פלונית׳טע אין סוכה פאַר אַ זכר לחורבן. (ששש, מיינע וועט עס דערהערען, וועט מיר מעהר ניט פעהלען.) סאַי ווי סאַי, אַזוי האָב איך געדענקט; אבער אַזוי ווי איך וואוין אויפ׳ן טאָפּ פלאָאר און צוזאַמען מיט׳ן סטופּ און בייסמענט ביז צו דער סוכה איז עס אַ קימאַ־לן פון זיעבען פלאָאר, האָט די אַלטע מיינע ניט געוואָלט נעהמען אויף זיך אַזאַ הכבדה צו דרעהען זיך זיעבען הקפות, און זי האָט מיך געבעטען איך זאָל איהר אין סוכה מוצא זיין און זי וועט עסען אין הויז.

ווענען אַרונטערטראָגען עסען אין סוכה, בין איך געפאַלען אויף אַ שכל. איך האָב געהייסען מיין אידענע זי זאָל וואָס מען דאַרף אַרונטער־לאָזען מיט׳ן דאַם־ווייטער און איך וועל עס אין סעלער צונעהמען. דער ערשטער טאָג סוכות האָט גערעגענט, און מיר האָבען געגעסען אין הויז. ווען איך בין דעם צווייטען טאָג אַרונטער מיט מיינע באַיעס אין סוכה, האָט זיי דער הויזקיפּער באַלד משלח געווען: „נאָ פּליס פאַר טשילדרען", האָט ער זיך צובייזערט, „גאָ אַפּסטעירז". מיינע גרינוואַרג זיינען אַנטלאָפען אין הויז.

די גאַנצע סוכה אונזערע איז ניט מעהר ווי דלת על דלת. איך האָב דאָרט געטראָפען דעם שוחט מיט זיינעם אַ באָיטשיק, אַ פרעמדען אידען, משמעות זיינער אַן אורח און נאָך אייניגע שכנים. דער שוחט, אַ איד מיט אַ הויכען סטאָוו־פּאַיפּ און אַ לאַנגע רויטע באָרד, איז געזעסען ביי אַן אור החיים סידור און געהאַט אַ ויכוח מיט׳ן פרעמדען עפּעס ווענען אַ דין. יענער האָט אויך געהאַלטען נעבען זיך אַן אָפּענעם ספר און אַלע ווייַלע אין איהם אַריינגעקוקט. ער נעהמט זיך צייט דער שוחט, און איהם אַרט ניט וואָס נאָך אידען וואַרטען צו מקיים זיין מצות סוכה.

איך האָב אָבגעמאַכט קידוש און נאָכדעם בין איך אַרויס אין יאַרד און אַ געשריי געטהאָן: „פּייגע!" די אידענע מיינע אַפּסטעירז האָט שוין געוואוסט וואָס דאָס מיינט. דאָס איז געווען אַ צייכען, אַ סיגנאַל זי זאָל מיר אַרונטערשיקען די לאָקשען. אין דער צייט, ווען די שיסעל לאָקשען מיינע האָט זיך געגליטשט אַרונטער, האָט דער שלים־מזל אָנגעטראָגען קימיצען פון די שכנות אַריינוואַרפען אין דאַם־ווייטער אַ באַנדעל שמוץ, העלבער איז אַריינגעפאַלען פונקט אין שיסעל. ווען די פּאָסילקע איז מיר

אָנגעקומען, איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען. איך האָב עס אין א ווינקעלע אויסגעגאָסען און זיך געשעהמט גאָר אין סוכה אימיצען צו דערצעהלען.

גע׳פּטור׳ט די לאָקשען, נעקסט קומט די פליישׁ. איך האָב מיין אידענע געגעבען דעם צווייטער סיגנאַל און א געשריי געטאָן צו איהר, אז זי זאָל די פליישׁ צודעקען מיט עפּעס. דאַכט זיך שוין גוט בעוואָרענט, מאַכט זיך, אז אימיצער לאָזט אָפּען די טהירעל פון דאָם־ווייטער. א קאַץ, א נאַשערקע האָט דערשמעקט דעם ריח פון א היהנערשע פּאָלקע, וואָס מיינע האָט ארונטערגעשיקט צו מיר, זי איז אריינגעשפּרונגען און האָט עס בעקומען. ווען דער דאָם־ווייטער איז געוועזען אונטען, האָט די קאַץ, מיט דער פּאָלקע אין מויל, ארויסגעדזשאָמפּט און געמאַכט פליטה.

בלייב איך שוין זיצען און קאַי מיט נישטע חלה. א ברירה האָב איך? די לייטע אין סוכה האָבען מיך געפרעגט פאַר וואָס מען שיקט מיר ניט ארונטער עסען, און איך האָב פערגלעט די צרות: „איך בין ניט הונגעריג,“ האָב איך געענטפערט, „איך וועל עסען א ביסעל צימעס, און יוצא.“ און געטראַכט האָב איך ביי זיך: רבונו של עולם, הלוואי זאָל זיך כאָטש ניט מאַכען קיין סבה מיט׳ן צימעס.

פאַר יענע שכנים האָבען זייערע ווייבער ארונטערגעטראָגען עסען, און פאַר׳ן שוחט — זיין דיענסט. דעם שוחט׳ס דיענסט איז נור וואָס ארוים פון סוכה, זי האָט איהר בעל הבית עפּעס געזאָגט, אבער איך האָב ניט געהערט וואָס.

א ווײַלע שפּעטער בין איך ארוים אין יארד. די אידענע מיינע וואָס איז געזעסען ביים פענסטער האָט פערשטאַנען, אז דאָס גיה איך שוין רופען דעם צימעס. זי האָט צו מיר א מאַך געטהאָן מיט׳ן האַנד, ווי איינער רעדט: איך פערשטעה וואָס דו מיינסט.

איך בין צוגעגאַנגען צום דאָם־ווייטער מקבל פּנים זיין דעם ליעבען גאַסט. די שטריק פון דאָם־ווייטער ציהען זיך, די ארויף, די אראָב, און פון דער הויף הערט זיך א געשמאַקער ריח פון א יום־טוב׳דיגען צימעס. הונגעריג בין איך געוועזען אזוי ווי יום־כפור צו מנחה און איך האָב קוים דערלעבט זעהן דעם אורח.

ויבא הצימעס שלם, און דער צימעס איז געקומען גאַנץ, אונבעריהרט.

און א צימעס איז דאָס געווען, שוין איינמאָל א צימעס! צוזאַמענגעמישט פון אַלערליי פרוכטען, רויט צוגעברוינט, מיט א היבשע שטיקעל אָנגעפּילטע העלזעל. די פּאַרע פון איהם האָט זיך צוטראָגען איבער דער גאַנצער סוכה און עס האָט געשמעקט אין אַלע ווינקעלעך. היינט א טעם האָט ער געהאַט, טאַקע פּשוט פּיקוח נפשות! ער איז געווען טאַקע ווי מיין אַלטע זאָגט: רויט ווי עשיו און גוט ווי יעקב.

געטראַכט האָב איך ביי זיך: ווי קומט צו מיינער, א קליין־שטעדטעל־דיגע אידענע, זי זאָל קענען קאָכען אַזא צימעס? און איך בין ביי זיך שטאָלץ געווען וואָס איך האָב אַזא בריה א ווייב.

אין מיטען הער איך ווי דער שוחט זאָגט צו זיין באַיטשיק: געה ברענג דעם צימעס, די מויד האָט געזאָגט, זי וועט איהם אָרונטערשיקען מיט'ן דאָס־ווייטער. דער אינגעל איז ארויסגעגאַנגען און אריינגעטראָגען א טעלער עפּעס א מין שיטערע אויסמישעכץ פון פּאָטייטאָס און מעהרען און עס אוועק־געשטעלט אויפ'ן טיש. דער שוחט האָט עס גענומען צו די ליפּען און זיך פערקרימט; דער אורח האָט אפילו דעם לעפעל ניט איינגעטונקט און דער זאַגענאַנטער צימעס איז בחרפתו געבליעבען שטעהן.

א ווייל שפּעטער קומט אַראָב די שוחט'קע. איך ווייס ניט צי זי איז געקומען צייגען איהרע דיימאָנד־אוירינגלעך אָדער צו בערימען זיך וואָס זי האָט אַזא גוטע קעכין. „ווי געפעלט דיר, שמואל, דער צימעס?“ טהוט זי א פרעג איהר מאַן.

„אַזא מזל אויף דיר!“ ענטפערט דער שוחט מיט כעס, „איך זאָל זיך ניט שעהמען פאַר פרעמדע מענשען וואָלט איך דיר דיין קאָפּ אויסגעצוואָגען מיט'ן צימעס. שעהמען האָסטו זיך געדאַרפט עס אָרונטערשיקען אין סוכה.“ די שוחט'קע האָט עפּעס אָנגעהויבען רעדען, אבער דער שוחט האָט איהר איבערגעשלאָגען אין מיטען, און אָנצייגענדיג אויפ'ן טעלער מיט די מאָדנע געמישעכץ, האָט ער א געשריי געטהאָן: נעהם עס צו פון מיינע אויגען און, מאַרש!

די פרוי איז געבליעבען שטעהן א צוטומעלטע. דערווייל איז מיין אַלטע אַרונטערגעקומען, זי האָט מיר געדאַרפט זאָגען א נויטיגע זאַך, און דערזעהענדיג דעם טעלער מיט'ן מאָדנעם צימעס שטעהענדיג אויפ'ן טיש, מאַכט זי צו מיר: „טוביה חייקעל, פאַרוואָס האָסטו דעם צימעס ניט

געגעסען? און אז ניט אזוי גערא͏̇טהען, איז וואס? מען איז דאך מעהר ניט ווי א מענש, טרעפט מען אמאל ניט."

ערשט דאן האט זיך ארויסגעוויזען דער טעות, אז דער שוחט'קעס צימעס האט פערבלאנדזשעט צו מיר און איך האב איהם צורעכט געמאכט.

מילא, דער גאנצער עסק וואלט מיך ניט געאארט, גיט אבער די שוחט'קע מיין אלטער אלע מאל א גאב. ווען זי כאפט איהר אויף די שטיעגען, שטעלט זי איהר אב און טענה'ט מיט איהר: אז מען האט א מאן א שלים־מזל, א לעמעשקע, א שטיק בראך, האלט מען איהם אין הויז, און מען שיקט איהם ניט צווישען מענשען. מיינע ווייעדער לאזט אויס כל חמתה צו מיר און עס קומט אוים כאטש אנטלויף פון אמעריקא.

---

## 11.

## די גרויסע געווינס.

א שעהנע געשיכטע ווי אזוי טוביה חייקעל איז געווארען א גביר גדול; אבער אויף קורצע יאהר. — א פרעהליכער שמחת תורה און א טרויעריגער אסרו חג. לייט האבען הנאה און ער אליין האט קדחת מיט כשר'ע פאדים. חרפות פון לאנדסלייט און צרות פון דער אידענע.

---

כ"ח תשרי, תרס"ח.

האט איהר עפעס געהוליעט שמחת תורה? איך יא, און נאך ווי געהוליעט! איך האב נאך אויף מיין לעבען אזוי פיעל ניט געטאנצט און געהאפקעט. ניט צו פערזינדיגען. איך האב געהאט א גוטען און פרעהליכען שמחת תורה. די צרה איז אבער וואס מיין שמחה איז גיך פערשטערט געווארען.

מיינט איהר אפשר אז מיין פרייד איז געווען א שמחה של מצוה? ניין! ניט קיין שמחה של מצוה איז עס געווען, נור א שמחה של קישקע. איך האב זיך, אין אמת זאגענדיג, ניט געפרעהט מיט דעם סיום און התחלת התורה. מיין שמחה איז געווען א פריוואט שמחה און עס האט גאר ניט געהאט צו טהון ניט מיט דער תורה און ניט מיט די מצוות און אפשר טאקע

דערפאר האָט מיך גאָט געשטראָפט און מיין פרייד איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ טרויער.

איך האָב זיך משמח געווען צוליעב דעם, ווייל איך בין פּלוצלונג אַ גביר געוואָרען, אַ גביר פון פופציג טויזענד דאָלאַר, אבער דאָס איז בלויז געווען אַ חיי שעה, אַ גליק אויף אַ ווײַלע. אצינד בין איך צוריק דערזעלבער קבצן ווי געווען און אויפ'ן הארצען איז קאַלעמוטנע, זעהר קאַלעמוטנע.

איך וועל אייך דערצעהלען די גאַנצע געשיכטע פון אָנהייב ביז'ן סוף.

אז איך שפּיעל אַ לאָטערי צעטעל, האָב איך אייך שוין אַמאָל דער־צעהלט? דאכט זיך אז ניט. אלזאָ, וועל איך עס אייך ערשט דערצעהלען.

איך האַלט אַ צעטעל צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, ווייל אַן אָרימער לאַנדסמאַן מיינער האַנדעלט מיט צעטלען און איך מוז איהם געבען אַ שאָו און, צווייטענס, ווייל איך וויל טאַקע געווינען געלד. די אַלטע מיינע וויים אויך דערפון, און זי האָט ניט דאַגעגען. אדרבה זי האָט מיך נאָך אַליין צוגערעדט דערצו. גאָט וואַרפט ניט אַרונטער פון הימעל — האָט זי געזאָגט — און אז מיר וועלען האַלטען אַ צעטעל וועט אפשר דער אויבער־שטער העלפען און מיר וועלען אויפגעריכט ווערען. דאכט זיך נאָך גאָר אַ גרינגע, די אידענע מיינע, און צו געלד האָט זי חשק נאָך מעהר ווי איך. די דאָזיגע מידה האָט זי נאָך פון דער היים געבראַכט. קורץ דערפון, איך האַלט אַ צעטעל ביי מיין לאַנדסמאַן שמעריל פּייוויש, דער קאָסטאָמער פּעדלער, וואָס וואָהנט אין בראָנזוויל.

שמיני עצרת, ווען איך בין פון שוהל געקומען, לויפט מיר מיין אידענע אַנטקעגען אַזוי פרעהליך, אַזוי לעבעדיג, אַקוראַט ווי אַ חסיד צו הקפות. „טוביה חייקעל," מאַכט זי צו מיר, „זאָלסט זיך ניט איבערשרעקען, זאָלסט נור ניט איבערראַשט ווערען, איך וועל דיר אָנזאָגען אַ גוטע בשורה."

„וואָס?" כאַפּ איך אונטער, „אודאי דער צימעס אַרויסגעקומען געראָטהען". קיין אנדער בשורה טובה האָב איך ניט ערוואַרטעט.

„געה שוין, געה." זאָגט זי, און די פּיסלעך הייבען זיך איהר צו טאַנצען, „ס'אַרא גע'שמד'טע העלזעלע דו האָסט, דער צימעס ליעגט דיר אין זינען! נאַרעלע דו, מיר וועלען זיך שוין קענען פערגינען צו עסען אַ גוטען צימעסעל אפילו אין מיטען מיטוואָך. גאָט איז אַ פאָטער, ער האָט

אונז אָנגעשריעבען א גוט יאהר. א דאנק איהם און לויב איהם. מיר זיינען, טוביהחייקעל, נגידים געוואָרען."

אין די רייד האָט זי צוטאנצענדיג מיר דערלאנגט א פּאָסטאל קארד מיט פאָלגענדען אינהאלט:

ידידי ר' טוביה חייקעל, איך קען אייך אָנזאָגען א שמחה, אז איהר האָט געוואונען פופציג טויזענד דאָלאר. איך ווינש אייך א גוטען און פרעהליכען יום טוב. איה"ש נאָך יום טוב וועל איך עקסטרא קומען בעצאָהלען אייך דעם חוב און מיר וועלען אין קאָמפּאניע אביסעל א לעב טהון. ממני שמעריל פּייוויש דער קאָסטאָמער פּעדלער.

וואָס א שטייגער וואָלט איהר געטהאָן, ווען איהר האלט א צעטעל און איהר בעקומט פון קאָלעקטאָר אזא בריוועלע? איא איהר וואָלט ארומ־געכאפּט אייער אלטעטשקע און וואָלט געטאנצט א האָפּקע? האב איך טאקע אויך אזוי געטהאָן. איך האב געכאפּט מיין אידענע פאר די הענד און זיך געדרעהט מיט איהר א קאראָהאָד אפשר א פערטעל שטונדע נאָכ־אנאנד. די קינדער האָבען מיט אונז מיטגעטאנצט און עס איז געוועזן ליהודים. עפּעס א קלייניגקייט — 50 טויזענד דאָלאר! אנו, פּרובירט נור צעהלט איבער אזא סומע! איך קען זיך מיט אייך וועטען, אז עס קען ביי אייך נעהמען א שעהנע פּאָאר טעג ביז איהר וועט עס איבערצעהלען.

די נייעס פון אונזער גרויסע געווינס האָט זיך באלד צוטראָגען איבער'ן גאנצער פראָפּערטי און אלע שכנים האָבען אונז אָבגעגעבען מזל־טוב. לאנדסלייט האָבען זיך אויך דערפון דערוואוסט און זיי זיינען געקומען צו לויפען ווי אונטערגעשאָסענע. מאנכע אוים גוט־פריינדשאפט און מאנכע אזוי זיך אביסעל א לעב טהון. מען האָט געבראכט שנאפּס און ביער אויף מיין רעכנונג, א גאנצע חתונה געווען. איין זאך האָט מיר אביסעל געקימערט וואָס עס איז יום טוב און איך קען ניט פאָהרען קיין בראָנזוויל צו שמעריל פּייוויש'ן און זעהען זיך שוין מיט די ממתקים. עס איז דאָך שטענדיג אזוי, אז אן אָרימאן האָט א שמחה, מוז זיין אין דעם א שטיקעל שטערונג. די אלטע מיינע האָט אויך פּאראיבעל געהאט וואָס דאָס געווינס איז אָנגעקומען ניט אין דער ריכטיגער צייט. אָבער וואָס העלפט עס, מען האָט געוואַרט אזוי פיעל, וועט מען וואַרטען נאָך אביסעל, וועט משיח געבוירען ווערען מיט צוויי טעג שפּעטער.

שמיני עצרת ביינאַכט האָב איך אין שוהל געקויפט „אתה הראת". חברה האָבען געשטייגט אויף מיין קעשענע; אבער אָבלאָזען זיך האָט מיר ניט געפּאַסט. איך בין דאָך דער רייכסטער אין שוהל. א שפּיעלכעל איז עס פופציג טויזענד דאָלאר! מען קען איבערלעבען אין עטליכע גלגולים און צו אזא עשירות ניט קומען, היינט פאר וואס זאָל איך זיך טאקע ניט לאָזען געפינען?

אַן הקפה האָט מען מיר געגעבען די סאַמע ערשטע, און ווען דער שמש האָט אויסגערופען: הרבני, הגביר המפורסים ר' טוביה חייקעל מכבד מיט הקפה ראשונה, האָב איך אָנגעקוואָלען פון נחת. איך וויים, אז ווען ניט די פופציג טויזענדער, וואָלט מען מיר געווים מכבד געווען מיט דער הקפה „עוזר דלים". וואס דען? אַן אָרימאַן פערשטאָפּט מען דעם האלז מיט וואָס־עס־איז.

נאָך מעריב איז א היבשער עולם וויעדער אוועק צו מיר. מען האָט געטרונקען, געטאַנצט און געהוילעט אויף וואס די וועלט שטעהט. אויף מאָרגען האָט מען די זעלבע זאַך איבערגע'חזר'ט. איך האָב געקויפט „חתן תורה" און האָב מנדב געווען א גאַנצען הונדערטער „על החברה". אז גאָט האָט מיך בעגליקט, זאָל די חברה אויך הנאה האָבען. ווייניג וואָס מענשען זיינען געגאַנגען פון שוהל אהיים, כמעט אַלע זיינען אוועק צו מיר און מען האָט פערבראַכט דעם טאָג אין פערגניגען.

די צוויי טעג, איז ביי מיר אין הויז געווען אזא הו־האַ, אז איך האָב אפילו ניט צייט געהאַט דורכרעדען זיך מיט מיין אַלטע. דערלעבט ווי־עס־איז שמחת תורה פאַרנאַכט און איך מיט מיין אַלטע זיינען אוועק צום בריק צו פאָהרען קיין בראָנזוויל. געכאַפּט ווי־עס־איז האמבורג עווענין קאר און האַידא.

פאָהרענדיג מאַכט מיין אידענע צו מיר: דו ווייסט וואס, טוביה חייקעל, די ערשטע זאַך לאָמיר קויפען א הויז. עס רייסט, אויף נאמנות, ביים האַרצען, אז מען דאַרף יעדען חודש אַוועקלעגען 17 דאָלאַר דירה־געלד. א שאָד, איך זאָל אַזוי געזונד זיין, אזוי פיעל געלד אויסגעבען. דערמאָן זיך נור 17 דאָלאַר א חודש! אַן אונז איז מעהר מצוה ווי אַן לענדלאָרד."

„אָל רייט, זאָג איך, מיר וועלען קויפען א הויז און טאקע א שעהנע הויז. דו וועסט שוין, מיין ווייב, ניט דאַרפען קריכען אויפ'ן טאפ פלאָר.

איך קען בעשטעהן מיר זאָלען וואָהנען אין אַן אייגענע הויז אויפ׳ן סטופּ.“

„דו ווייסט וואָס נאָך איך וויל?“ מאַכט מיין אידענע, „איך וויל דו זאָלסט מיר קויפען אַ זייגעריל מיט אַ קייט, (צו דיימאָנדס האָט זי נאָך קיין השגה ניט.)

„געוויס,“ זאָג איך, „ווי דען? דו ווייסט וואָס נאָך, זאָג איך, אום צו צייגען איהר, אַז איך בין ניט קיין שלעכטער מאַן, „איך וועל דיר נאָך געבען אַ תוספת כתובה אויך, בין איך אַ פיינער מאַן?“

„אַזאַ יאָהר אויף מיר,“ ענטפערט זי צופריעדען און ווי איך האָב פערשטאַנען, וואָלט זי מיר געווען דערפאר אַ קוש געטהאָן אין שטערען, ווען עס זאָל אויסקומען סאַם נאַ סאַם, אונטער פיער אויגען, ווי מען זאָגט.

אַ פּגירה זאָל קומען אויף דער האַמבורג עוועניו קאַר. גראַדע דאַמאַלס ווען מען וויל גיכער, קריכט זי. אַ פערשלעפּטע קרענק איז זי, די האַמבורג עוועניו קאַר. דאָ נעהמט זי ארויף פּאַסאַזשירען, דאָ לאָזט זי אַרונטער פּאַסאַזשירען און אין מיטען פאַלט גאָר אַראָב דער שטאַנג פון דראָד און, פררררו! די אַלטע מיינע אפילו, וואָס האָט הנאה פון דורכפאָהרען זיך, איז איהר אויך די רייזע מיאוס געוואָרען.

„נעקסט טאַים,“ זאָג איך צו איהר, „ווען מיר וועלען זיך וועלען דורכ־פאָהרען קיין בראָנזוויל, וועלען מיר שוין פאָהרען מיט אַ קעררידזש אָדער גאָר מיט אַן אויטאָמאָביל.“

„טוביה חייקעל,“ זאָגט זי, „וואַרף זיך נור ניט אַזוי מיט געלד. וואָס טויג מיר אויטאָמאָבילס, שמויטאָמאָבילס. אַז דו וועסט זיך נעהמען פיהרען אַזוי מילד, וועט אונז אפילו דעם מלך׳ס אוצרות אויך ניט סטאַיען.“ זי איז אָפּט אַ קאַרגליכע, די אַלטע מיינע.

קורץ דערפון, מיר זיינען ווי־עס־איז געקומען קיין בראָנזוויל און פער־שלעפּט זיך צו שמעריל פּיוויש׳ן. ניט טויט, ניט לעבעדיג זיינען מיר אַריינגעפאַלען צו איהם אין הויז, אבער מיר האָבען איהם אין דער היים ניט געטראָפען. די פרוי זיינע האָט געזאָגט, אַז ער איז נור וואָס אוועקגעפאָהרען קיין ניו יאָרק פאַר ביזנעס. מיר האָבען דאָרט קיין שהיות ניט געמאַכט און פערקירעוועט די פערד צוריק. מיר האָבען געדענקט, אַז מיר וועלען איהם אודאי ביי אונז אין הויז טרעפען; אבער אַ נעכטיגער טאָג, ער איז גאָר ביי אונז ניט געוועזן.

איבערגעלעבט קוים די נאכט, אויף מארגען שמעריל פייוויש איז דא.

„מיר האבען אייך קוים דערלעבט זעהן, זאג איך צו איהם, באלד ווי ער איז די שוועל אריבערגעטרעטען.

„געוויס וועגען דער געווינס," זאגט ער, „וועל, איהר האט געוואונען, שיקט נאך א פיינט ביער אויף מיין רעכענונג."

„א פיינט ביער?" כאפט זיך ארוים מיין אלטע, „מיר וועלען מאכען א סעודה און פערבעטען אלע לאנדסלייט, מיר וועלען דינגען כלי זמר און מען וועט עפעס א לעב טהון! איך קען בעשטעהן עס זאל מיך קאסטען א הונדערטער, וואו שטעהט געשריעבען, אז עס דארף זיין פופציג טויזענד? וועט זיין ניין און פערציג מיט ניין הונדערט!"

שיסט אוים דער פעדלער מיט א געלעכטער: „אצינד פערשטעה איך וואס דא איז געוועזן. ניט אומזיסט, זאגט ער, רופט מען אייך שלים־מזל. איהר זיינט טאקע א שלים־מזל פון שלים־מזל לאנד. איהר געדענקט, אז מיר האבען זיך הושענא רבה געוועט אין א טריט. איך האב געזאגט אז דער היגער פרעזידענט נעהמט 25 טויזענד דאלאר א יאהר, און איהר האט געזאגט, 50 טויזענד. האב איך זיך נאכגעפרעגט און אויסגעפונען, אז איהר האט רעכט. נו, האב איך אייך אריינגעשריעבען א בריוועלע אז איהר האט געוואונען. טאקע 50 טויזענד. עס הייסט, דער פרעזידענט נעהמט 50 טויזענד דאלאר א יאהר, נור מסתמא האב איך פערגעסען צו שטעלען א פינטעלע פאר'ן ווארט „טאקע" און איהר האט געמיינט, אז איהר האט געוואונען די גרויסע געווינס, כא־כא־כא!"

איך האב זיך דערמאהנט, אז איך האב מיט איהם טאקע געהאט אזא וועטע, און אונזער שמחה איז פערוואנדעלט געווארען אין א טרויער.

אזוי האט שמעריל פייוויש אין איין מינוט געמאכט א תל פון מיינע 50 טויזענד דאלאר, פון מיין הויז, פון מיין אידענעס וואטש און טשיין, און פון איהר תוספת כתובה. דערצו נאך פערדיען איך עס אלע דריי טעג וואס דער עסק האט מיך געקאסט. מילא דאס, וואס איך האב מנדב געוועזן אין שול, וועט די שול ליידען; אבער ווער וועט מיר אומקעהרען דאס וואס חברה האבען אויפגעגעסען און אויסגעטרונקען?

בינו לבינו שעהם איך מיך ווייזען די אויגען פאר לאנדסלייט און די צרות וואס איך שטעה אוים פון מיין אידענע, זיינען ניט צו בעשרייבען.

.12

## געכאפּט שעהנע שדכנות־געלד.

טוביה חייקעל רעדט אַ בחור אַ שידוך און דוקא ניט קיין פּראָסטען בחור, נור אַ לאָיער. ער ריכט זיך כאַפּען אַ היבשע אַפּותיקי שדכנות געלד, לסוף קריגט ער קלעפּ און זידלערני פון ביידע צדדים.

ז' חשוון, תרס"ה.

אז עס געהט ניט, איז כאָטש זאָג לאַנג והוא רחום! אז דער מזל טהוט זיך אָב פון אַ מענשען, ווערען פאַר איהם אַלע וועגען און אַלע שטעגען פערשטעלט און וואָס ער זאָל זיך ניט אונטערנעהמען צו טהאָן, לאָזט זיך אַלעס אויס אַ בוידים.

וואָס דאַרפט איהר מעהר? איך האָב גערעדט אַ שידוך? — גערעדט און גערעדט, צוזאַמענגעבראַכט ביידע צדדים, זיי זיינען אויפ'ן בליק איינע די אנדערע געפעלען געוואָרען און ביידע זיינען מרוצה געוואָרען, איז אָבער געווען אַ שטיקעל חסרון אין דעם און איך האָב דאָך ניט געטראָפען — און נאָך ווי ניט געטראָפען! אי איך האָב צייט צובאַדערט; אי איך האָב כמעט אַ פּאָאַר שיך צוריסען; אי איך האָב ניאַגניאַטקעס (היהנער־אויגען) אָנגעמוליעט לויפענדיג פון איין צד צום צווייטען; אי איך האָב אַ סענט ניט פערדיענט; אי איך האָב געקראָגען געזידעלט פון ביידע צדדים, אי פון חתן'ס צד אי פון דער כלה'ס צד; אי קלעפּ געקריגען, און ואחרי ככלות הכל, האָב איך נאָך געכאַפּט אַ גוטען פערבייסען פון מיין אידענע.

קיין פּראָפעסיאָנעלער שדכן בין איך ניט, נור אז עס מאַכט זיך מן הצד, מהיכא תיתא, זאָג איך זיך פון שדכנות אויך ניט אָב. היינטיגע צייטען, וואו נור מען קען פעו'דיענען אַ דאָלאַר, דאַרף מען טרייען צו פערדיענען. מאַכט זיך אַזאַ מעשה: לעצטע וואָך בין איך געווען אויף אַ תנאים. זיצט מען אַזוי און מען שמועסט. רופט זיך אָב איינער פון די געסט: „ר' טוביה חייקעל, איהר זיינט דאָך עפּעס אַ וועלטליכער מענש, איהר קומט דאָך עפּעס צווישען מענשען, אפשר האָט איהר עפּעס אַ מיידעל פאַר מיר?“ דעם איינעם פון די געסט קען איך, מיסטער פּעטרושקעוויצקי הייסט ער. ער איז אַ בעטשעלאָר, אַן אַלטער בחור און ביים טרייד אַ לאָיער. ער

וואָהנט צוזאַמען מיט זיין אַלטע מוטער און אַ שוועסטער וואָס גערט אַין גיבען הייראַטהען; אבער רעדען איהם אַ שידוך איז מיר קיין מאָל ניט איינגעפאַלען.

— מיין מוטער איז שוין אַן אַלט מענש — האָט דער לאַיער פאָרטגע־זעצט — און מיין שוועסטער געהט חתונה האָבען, דאַרף מען האָבען אַ בעל־הבית'טע אין הויז. מען קען אַליין ניט זיין און איך קען קיין מיידעל ניט צו־קלייבען. סטאַרעט זיך אויס, ר' טוביה חייקעל, עפּעס אַלייטישע מיידעל, איך וועל אייך גאַנץ פיין בעפריעדיגען.

טהו איך איהם אַ פרעג: „מה יקר?" — געמיינט האָב איך הייסט עס, ווי איינער רעדט: וואָס קאָסט איהר, מיסטער? וויפיעל גדן וועט איהר פערלאַנגען? און ער האָט מיר געענטפערט אַזוי:

— פון געלד וועט קיין מניעה ניט זיין. ווער רעדט דאָ פון געלד? די הויפּט־זאַך איז, עס זאָל זיין אַ מיידעל אַ בריה, אַן אָרענטליכע און זאָל קע־נען זיין אַ בעל־הבית'טע אין הויז. איך וויל האָבען אַ היימישע, בעל־הבית'שע מיידעל. אַ שעהנע איז געווים גוט, איהר ווייסט דאָך, אַ שעהנע הוהן אין אַ הויז איז אויך שעהן, נאָר טאָמער ניט אַזוי שעהן אַארט מיר אויך ניט. פאַר גויטה אויב עס וועט זיך ניט מאַכען קיין מיידעל, איז אַ לייטישע ווייבעל אויך רעכט.

דאַכט זיך קלאָרע דבורים און מען דאַרף אויף זיי קיינע פּרושים ניט האָבען. מען זעהט בעשיינפּערליך, אַז דער בחור זוכט אַ כלה — וואָלט איהר דען אַנדערש געדענקט?

טראַכט איך ביי זיך: אַז אַך און וועה צו דיין משפּט. מען האָט דיר געווים אַ מאָל גערעדט גרויסאַרטיגע שדוכים, מיט שעהנע מיידלאַך און אַ סך נדן, האָסטו ניט געוואָלט און ערשט איז שוין פאַר דיר רעכט אָהן געלד, ניט קיין שעהנע און מיט אַ ווייבעל בראַקירסטו אויך ניט. אַזאַ סוף — קלעהר איך — זאָל אויסגעהן צו אַלע אַלטע בחורים.

הכלל, איך האָב איהם צוגעזאָגט אַז איך וועל עס אין זינען האָבען און ווען איך וועל וויסען פון עפּעס רעכטס, וועל איך איהם צו וויסען געבען.

קום איך אַהיים און דערצעהל מיין אידענע, אַז עס שטעהט מיר צו פערידענען אַ שעהנע שדכנות געלד, ווען איך זאָל נור קענען צופּאַסען אַ

גלייכען שידוך. פאלט איהר ארויף אויפ׳ן רעיון אונזער לאנדסמאן מר. קנאבעלמאן׳ס מיידעל, און איך בין דערצו אויך מסכים.

אצינד וועל איך אייך אבמעלדען די מיידעל: פון דער היים הייסט זי ביילקע. דא האט זי זיך שוין פינף מאל משנה השם געווען. אלע מאל קומט זי אראב מיט א שפאגעל נייעם נאמען און זי איז גוזר, אז מען זאל איהר רופען מיט׳ן נייעם נאמען. פריהער האט זי איבערגעלייגט איהר נא־מען אויף „בעקי“, נאכדעם האט זי געהייסען מען זאל איהר רופען „בעטסי“, שפעטער איז איהר געפעלען געווארען „בעללא“, נאך שפעטער האט זי זיך מיישב געווען, אז „בערטהא“ פאסט פאר איהר בעסער, און צום סוף איז זי גאר געווארען „ביטרים“. מרס. קנאבעלמאן, די מוטער איהרע, פערגעסט דאס רוב איהר טאכטער׳ס לייטעסט נאמען און זי רעכענט אפט אויס אלע כסדר: בעקי, בעטסי, בעללא, בערטהא, ביטרים און צום סוף קומט זי גאר ארויף אויף „ביילקע“. ביי דער מיידעל איז עס אזוי ווי אין טאטען אריין געשאלטען און וואלט מעגליך געווען, וואלט זי דער מאמע דערפאר איינגעשלונגען.

זי איז שוין א מיידעל, פאר אייך זאגענדיג, ניט קיין יונגע, אבער זעהר שווער צו א שידוך. אמאל האבען זיך בחורים צו איהר גע׳שדכן׳ט — דער טייפעל נעהמט איהר ניט, א שעהנע מויד איז זי — זי איז אבער אזוי ווי א שטעכעדיגע בהמה און טרייבט אוועק מענשען פון זיך. א מאדנע מיידעל איז זי, א מר נפש׳ניצע; שטענדיג רק ברוגז, פרעגט איהר: אויף וועמען? ווייסט זי אליין ניט. קיין מענש אין דער וועלט געפעהלט איהר ניט. דער שטעהט ניט גלייך, דער זיצט ניט גלייך, דער זיצט ניט גוט, דער רעדט ניט שעהן און דער מאכט ניט דעם „מודים“ דאס פערנייגען זיך, ווי זי וויל. אויף יעדען איינעם געפינט זי א חסרון און אלע זיינען ביי איהר לעמעשקעס, אידיאטען, און וואס איהר ווילט הערען און געדענקען. זי וואלט שוין אפשר לאנג חתונה געהאט, ווען ניט די פריאקלאטע נאטור איהרע.

דער טאטע מיט דער מאמע האבען פון איהר די גאל אין מויל. זי דערגעהט זיי די יאהרען און מאכט זיי צו אש און צו בלאטע. עס קומט ביי איהר אויס, אז דער טאטע און מאמע זיינען צו פראסט פאר איהר און זי איז שטארק איז כעס אויפ׳ן מלאך הממונה על היצירה דערפאר וואס ער

האָט איהר ערדעלע, געבילדעטע נשמה איינגעטהיילט צו אַזעלכע פּראָסטאַ־קעס. אַזוי, זאָגט מען, איז זי אפילו ניט קיין שלעכטע, אָבער איהר גאַנצען גיפט גיסט זי אויס אין הויז אויף איהר עלטערען אָדער אויף אַנדערע וואָס קומען צו זיי אריין.

ווען מען דערמאָהנט איהר וועגען א שידוך, זאָל דער אויבערשטער היי־טען! נאָך איהר מיינונג קומט אויס, אז קיינער פערשטעהט גאָר ניט איהר ווערטה און ניט אבי ווער איז גאָר ראוי צוריידען איהר א שידוך, אַזאַ בעל גאוה'ניצע איז זי. מרס. קנאָבעלמאַן וויינט אָפּט מיט ביטערע טרעה־רען, א מאַמע איז עס, זי וויל דערלעבען נחת פון איהר קינד, אָבער איהר, דער מויד אַארט עס ווי דער פּאַר־אַ־יאָהריגער שנעע און זי טהוט זיך איהרס.

אָט דאָס איז די מיידעל וואָס מיר און מיין אַלטע איז איינגעפאַלען צו ריידען אַ שידוך מיט'ן לאַיער. אונזער רעכענונג איז געווען, אז פון אַ לאַיער וועט זי זיך ניט אָבזאָגען; ער ווידער, דער חתן, וועט אויך מרוצה ווערען און דאָס איז אַ שידוך ווי אין קעשענע.

אַלזאָ איז ביי מיר און מיין אידענע פערבליבען, אז מיר זאָלען זיך נעהמען צום געשעפט. מיט מר. און מרס. קנאָבעלמאַן איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידען. זיי וועלען געוויס מסכים זיין. זיי וואָלטען איהר שוין חתונה געמאַכט מיט אבי וועמען, אבי אַראָב'פּטור'ן אַ האַרב פון פּלייצע. דער עיקר דאַרף מען איהר אליין, דער מויד הייסט עס, אַ טאַפּ טהאָן ביים דופק.

געה איך אַוועק צו מיין לאַנדסמאַן און דערצעהל דאָרט פון דרך שלום וועגען אַ ליגען, אז לאַיער פּעטרושקעוויצקי האָט בעקי'ן אָדער ווי זי הייסט דאָרט מיט די אנדערע נעמען ערגיץ געזעהן און זי איז איהם געפעלען גע־וואָרען און אויב נור זי וויל, קען דער שידוך ווערען איינס און צוויי — מיט די היגע מיידלאָך דאַרף מען וויסען ווי אָנצוגעהן — די מויד האָט זיך אפילו אָנפאַנגס אַ ביסעל צוגעקרימט; אבער אז איך האָב גענומען פערנאַנדער־ליינען די גרויסע גליקען וואָס עס ליגט פאַר אין דיזען שידוך, האָט זי שוין צוגעשווינגען.

איך בין אַוועק און דערצעהלט מיין אַלטע, אז מיט אַ האַלבע שטיקעל ארבייט בין איך שוין פערטיג און מיר האָבען צווישען זיך אָבגעז'סדר'ט, אז דער חתן זאָל געבען אַ פופציגער, ניט וויינינגער ווי אַ פופציגער, וואָס איז, קראַנק איז ער? ער האָט גענוג געלד און עס קומט איהם ניט אָן זעהר

שוועד צו פערדיענען, נישט־קשה ער מעג בעצאָהלען, דער אַלטער בחור׳עז. מר. קנאָבעלמאַן מעג אויך געבען א פינף און צוואנציגער. ער זאָל נעהמען אַן אנדער איידים וואָלט ער איהם דאָך דאַרפען געבען נדן און דאָ וועט מען זיך בעגעהן אזוי, מען וועט נאָך אפשר ביים חתן פועל׳ן, אז ער זאָל די חתונה אויך מאכען אויף זיינע הוצאות, נו, ניט ווערטה א שדכן זאָל פער־דיענען א פינף און צוואנציגער? מיר האָבען שוין אפילו אָבגערעדט וואָס מיר וועלען טהאָן מיט׳ן געלד און אין הויז ביי מיר איז געוועןן ששון ושמחה.

דאָ האָט זיך אָבער געשטעלט זעהר א הארבע שאלה: ווי אזוי ברענגט מען זיי צוזאמען, דאָס פּאארעל? בריינגען דעם חתן המדובר צו דער כלה אין הויז? האָט אָבער די מויד געזאָגט, אז זי וויל ניט. מען קען, זאָגט זי, א מענשען אין אזא הויז ווי זייערע ניט אריינפיהרען, און זי האָט דעם טאטען מיט דער מאמען אָנגעהויבען לייגען אין דר׳ערד אריין; די רומס געפעלען איהר ניט, די פאָרניטשור געפעלען איהר ניט. א לאָיער איז דאָך עפּעס ניט אַן אָפּערייטאָר, מען קען איהם ניט אריינפיהרען אבי אין א הויז, מען מוז זיך ארויסשטעלען שעהן, בעל הבתיש, אזוי האָט די מויד גע׳־טענה׳ט, און מר. קנאָבעלמאַן האָט געמוזט אָרדערען ביים קאָסטאָמער פּעד־לער עטליכע שטיקלאך נייע פאָרניטשור, א שטיקעל קאַרפּעט און אייניגע קליינינגקייטען, אבי חלילה ניט צו פערבלייבען אין ביוש.

אויף מאָרגען בין איך אוועק צום לאָיער אין אָפיס און איהם אָנגעזאָגט די בשורה, אז איך האָב פאר איהם א מיידעל, א שעהנע און א בריה, איי וואָן און ער קען זי געהן אָנקוקען. האָב איך איהם גראדע אָנגעטראָפען ניט אין גוטען הומאָר און ער האָט זיך עפּעס אַזוי ווי אָנגעבייזערט אויף מיר. „איך זאָל איהר געהן אָנקוקען! — האָט ער געענטפערט — זאָל זי קומען אהער וועלען מיר ריידען.“

לויף איך שוין צוריק צו מר. קנאָבעלמאַן און דערצעהל, אז דער חתן איז זעהר ביזי. ער האָט קיין צייט ניט ארויפצוקומען. בכן אפשר איז טאַקע א פּלאַן, אז מען זאָל מאכען דעם ראנדעוואו, די בעגעגענים ביי איהם אין אָפיס? וויל מסתמא די מויד ניט. לויף איך צוריק צום לאָיער און פּרוב איהם איינריידען, אז דער מיידעל׳ס פאָטער וויל איהם זעהן, ענטפערט ער מיר: „ערשטענס וואָס פאר אַן עסק האָב איך מיט איהר פאָטער? און צווייטענס אויב ער האָט מורא, אז ער זאָל חלילה זיין טאָכטער ניט אָריינ־

געבען אין שלעכטע הענד, זאָל ער קומען אהער, וועט ער זעהן ווער איך בין.״

קורץ דערפון איך בין א פּאָאר טעג ארומגעלאָפען ווי א פער׳סם׳טע מויז, צו אַלע צרות האָב איך דעם חתן המדובר ניט געטראָפען אין דער היים און איך בין אפשר צעהן מאָל געגאַנגען אומזיסט. ביז ענדליך האָב איך גע׳פועל׳ט, אז די מיידעל זאָל זיך מיט׳ן בחור בעגעגנען ביי איהם אין אָפיס (צוליעב א לאָיער איז אלעם כדאי).

די כלה האָט זיך אויסגעפּוצט טאקע ווי מען זאָגט: אין עסיג און אין האָניג און איך בין אוועק פאָראויס אָנזאָגען אז זי קומט און פאָרשטעלען זיי. די מיידעל איז באלד נאָך מיר געקומען, זיי האָבען זיך איבערגעוואָרפען מיט א בליק און ווי איך האָב פערשטאַנען זיינען זיי איינע די אנדערע גע־פעלען געוואָרען.

„מיס קנאָבעלמאַן און מיסטער פעטרושקעוויצקי״ — האָב איך זיי איינע פאר די אנדערע פאָרגעשטעלט; אָבער דער חתן דנן האָט זיך אפילו ניט אויפגעהויבען און האָט איהר צום מאָל די האנד ניט געגעבען. דער מויד׳ם געזיכט האָט בעקומען דעם קאָליר פון אן אנארכיסטישע פלעג און מיר האָט די זאך אויך פערדראָסען.

„זיינט איהר שוין אמאָל געוועזען אין פּליים?״ — האָט מר. פעטרוש־קעוויצקי דער מיידעל א פרעג געטהאָן אין פליין אידיש.

„איך אין פּליים?״ — האָט זי געענטפערט — „איהר בעליידיגט מיך. איהר מאכט א מיסטייק, איך בין קיין דיענסטמויד קיין מאָל ניט געוועזען.״

„וועל״ — מאכט ער — „אויב א דיענסט מויד איז ביי אייך א בעליי־דיגונג, נאָך וואָס זשע זיינט איהר געקומען אהער? וואָס האָט איהר גע־מיינט, א בוק־קיפּערין דארף איך? איך דארף א הויז־מיידעל וואָס זאָל מיר סקראָבען דעם פלאָר און וואשען וועש, דאט׳ם אָלל.״

פינסטער איז מיר געוואָרען אין די אויגען, דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער. איך האָב ערשט פערשטאַנען דעם טעות וואָס איך האָב געהאַט און איך בין געבליבען שטעהן א צומישטער.

מילא אז די מיידעל האָט זיך באלד אָבגעטראָגען, דארף איך אייך ניט דערצעהלען. איך האָב זיך געשטאַרקט און אויך געוואָלט כאַפּען די פּים אויף די פּלייצעס און טהאָן דאָס זעלבע, האָט זיך אָבער דער חתן־בחור מקדים געווען, אָנגענומען מיך פאר׳ן קארק און ארויסגעוואָרפען, מיט אזעל־

כע זידלעריי, מיט אזעלכע זלזולים, זאָל גאָט היטען! איך האָב איהם גאָר אין קאַפּעליוש געשאָסען, אז איך האָב איהם גערעדט א שידוך!

אצינד קריג איך אַלע טאָג געזידעלט פון מר. און מרס. קנאָבעלמאַן. זיי האָבען צו מיר טענות: ערשטענס, גיט זיי די מויד א גאָב, אז עס איז צעהן בראָכען צו זיי; והשנית, זאָגען זיי, אז איך האָב זיי אויסגעבראכט אומזיסטע געלד און אויפגעריסען לייטען די מיילער. אַלע לאַנדסלייט ווייסען, אז די טאָכטער זייערע געהט ווערען א כלה פאַר א לאָיער און זיי האָבען ניט וואו צו בעגראָבען זיך פאַר שאַנדע — אימיצער האָט זיי געהייסען, אז זיי זאָלען נאָך פריהער איידער וואָס ווען די זאַך אויספּויקען.

הייגט די אידענע מיינע! זי מאַכט מיר גאָר דעם טויט. אין אמת'ן, טאַקע א וועהטאָג אין הארצען; אָבער וואָס בין איך שולדיג? אודאי, ווען איך זאָל זיין א בעל מזל, וואָלט אַנדערש געוועזן.

---

## .13

## בעקלאָגט לעבעדיגערהייט.

צוליעב אַ פּערפּעהלטע פּינטעלע ווערט טוביה חייקעל אַ בר מנן; אָבער א בר מנן וואָס וויל עסען און פּיהלט אַ קלאַפּ. — ער הערט ווי זיין ווייב איז איהם מספיד און זאָגט נאָך איהם שבחים, אָבער ער ווייסט ניט פון זיין גדולה, אז זי מיינט עס איהם.

---

ט"ו חשוון, תרס"ח.

ברוך דין אמת. איך בין געשטאָרבען און מיין אידענע האָט מיך בעוויינט, שבחים נאָך מיר געזאָגט אזוי ווי נאָך יעדער בר מינן.

ברוך מחיה מתים. אצינד לעב איך ווידער; איך עס און טרינק און האָב צרות, ווי דער שטייגער איז.

דעם הספד און די שבחים וואָס מיינע האָט מיר נאָכגעזאָגט, האָב איך אַליין געהערט; איך האָב אָבער ניט געוואוסט, אז מען מיינט עס מיך. ווען איך זאָל עס געוועזן וויסען, וואָלט מיר שטאַרק הנאה געטהאָן — א חיי שעה איז אויך גוט.

געמאכט פאר א בר מינן האָט מען מיך, פערשטעהט איהר, אונטער מיינע אויגען, איך האָב דערפון גאָר ניט געוואוסט, און צו פערדאנקען האָב איך דערפאר מיינעם א בעקאַנטען און גוטען פריינד מר. פאמפושקעוויטש, א שטיקעל ריעל עסטייט מאַן פון בראָנזוויל. מיט איין פערפעהלטע פינ־טעלע האָט ער מיך גע'הרג'עט, געמאכט פאר א מת און מיר פערשאַפט א שעהן ביסעל לעבעדיגע צרות. אָט וועל איך אייך די גאנצע געשיכטע דערצעהלען.

אז איך בין קאנעקטעט אין ריעל עסטייט ביזנעס, האָב איך אייך שוין דערצעהלט. קיין אייגענע הייזער אָדער לאטס האָב איך ניט, נור איך בין אן אגענט, א מעקלער, און אז איך מאך אָפט א סייל, פערדיען איך קאָמי־שאָן. מר. פאמפושקעוויטש איז מיינער א ביזנעס קאָלעגע. ער וואָהנט אין בראָנזוויל און ער האָט זיך ניט לאנג צוריק ארייגעכאַפּט אין א הייזקע און ער קען פון איהר ניט ארויסקריכען. עס הייסט ער האָט געקויפט א הויז און ער האָט זיך אזוי פערפלאָנטערט מיט חובות און מאָרטגיידזשעס, אז ער מוז די גאנצע געלד וואָס ער האָט אין עסק אריינגעלייגט, לאָזען פאלען.

לעצטען מיטוואָך איז עס געווען, האָב איך איהם דורך א בריעף אָנגע־פרעגט, אויב ביזנעס איז אין בראָנזוויל א ביסעל לעבעדיגער געוואָרען — די לעצטע צייט איז דאָרט ריעל עסטייט ביזנעס זעהר טויט. אגב אורחא האָב איך איהם אלס גוטער פריינד אָנגעפרעגט, וואָס עס איז געוואָרען דער סוף פון זיין אייגענע קניה. צובאַדערען א טאָג און פאָהרען אהין האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב געדענקט, דאָס אויב איך וועל בעקומען א גוטע תשובה, וועל איך אונטערפאָהרען.

דערווייל האָב איך מיר געמאכט א רייזע אין בראָאה פארק זעהן אפשר קען מען דאָרט כאַפּען א שטיקעל פערדיענסטעל. איך בין געקומען אהין, ערשט דאָרט איז אויך שטיל. דערווייל א מענש איז מען, האָט מען זיך פער־קליבען מיט קאָמפּאני און, פאר אייך זאָגענדיג, געמאכט אן „אָקע". אז עס איז ניטאָ וואָס צו טהאָן איז גוט, אז מען פערברייננגט א ביסעל מיט חברה. בינו לבינו איז מען זיך אזוי אָבגעזעסען ביז שפּעט אין דער נאכט.

ווען איך בין געקומען אהיים איז שוין געווען אפשר ארום א זייגער צוועלף. אויב איהר זיינט ניט קיין גרינע ווייסט איהר דאָך, אז אריינגעהן

אין הויז שפעט ביי־נאכט איז א סכנה. די אידענע קען אפט איינצאה־לען א פארציע, אז מען זאל האבען צו געדענקען —די ווייבער ווילען זעהר ניט ליידען, ווען די מענער קומען שפעט אהיים, אזא נאטור האבען זיי. בין איך געפאלען אויף אן המצאה, איך זאל מיין אלטע אונטערבלאפען. איך וועל זיך אין הויז אריינ׳גנב׳ענען שטילערהייד — האב איך געטראכט — און וועל דעם זייגער א רוק טהון אויף צוריק. זאל עס הייסען, אז ער איז ערשט צעהן דער זייגער. — עס מאכט ניט וואס מען רופט מיך שלים־מזל, אויף אונטערבלאפען די אידענע פון דרך שלום וועגען, האב איך ב״ה שכל גלייך מיט אלע חכמים.

לאנגזאם און פארזיכטיג בין איך געגאנגען אויף די טרעפ און ווען איך בין געקומען צו מיין וואהנונג, האב איך דורך די שפאלטען פון טהיר גע־זעהען, אז ביי מיר אין הויז איז ליכטיג. אי — טראכט איך מיר — שלעכט. די אלטע מיינע שלאפט נאך ניט, זי וואטשט מיך אודאי, די גנב׳טע, און איך וועל כאפען א היבשען פסק. איך האב זיך אבגעשטעלט אויס־טראכטען עפעס א מין תירוץ מיט וואס צו שטילען מיין אידענעס גרימ־צארן און זי זאל צו מיר קיין טענות ניט האבען. ווי איך שטעה אזוי און טראכט, האב איך דערהערט א וויינענדיגע פרויען שטימע. איך האב צוגעלעגט דעם אויער צום טהיר און געהערט פאלגענדען מאנאלאג:

„מיין טהייערער ליעבער מאן, וואס וועל איך ערשט טהאן אהן דיר? א קלאג איז מיר, א בראך איז מיר, ס׳ארא גיכע פערכאפעניש דאס איז גע־ווען. אוועקגעפאהרען א געזונדער, א פרישער און ערשט ליגסטו א גע־הרג׳עטער. פינסטער און ביטער איז מיין וועלט, אין דער פריה האב איך זיך ניט געריכט, אז איך וועל ערשט זיין אן אלמנה.״

„וועה איז צו מיר, וועה איז צו מיר. עס טרעפט אפט א מענש איז קראנק, שטארבט אויף זיין אייגענע בעט, טישעט מען זיך כאטש אן א בי־טעל, און דא איז אזא פלוצלונגער גזר דין געשעהן! בעשערט געווען דיר, פויגעלע מיינע, שטארבען אין דער פרעמד און קיינער האט אודאי א ליכט ניט אנגעצונדען צו דיין יציאת נשמה.״

פערשטעה איך, אז איך האב פערבלאנדזשעט אין א פרעמדע הויז. איך בין אבער געווען א בעלן צו הערען דעם הספד וואס א ווייב זאגט נאכ׳ן מאן

און איך בין געבליבען שטעהן הינטער'ן טהיר, און די פרויען־שטימע האָט פאָרטגעזעצט:

„ליעבינקער, זיסינקער, ס'ארא חכמ'ל דו ביזט געװען, אוי װעה איז מיר, ס'ארא טהייערען אוצר איך האָב פרלאָרען. די יתומים'לאך נעבאך שלאָפען, זיי זיינען ניט מעהר װי קינדער; אָבער מיך נעהמט קיין שלאָף ניט. די אויגען װעלען מיר קיין מאָל ניט אויסטריקענען. אויביג װעל איך נאָך דיר װיינען און גאָר ניט אויפהערען."

טראכט איך ביי זיך: עט, דאָס איז ניט מעהר װי געזאָגט. איהר װעט װייבעל צו אידענע שלאָפען, די אויגען װעלען זיך אויסטריקענען, מיר האָבען שוין געזעהן אזעלכע מעשיות. װען אייער מאַן האָט געלעבט איז ער ביי אייך געװוען א שלאָק, א שלומיאל, א צרה און ערשט איז ער שוין א ליע־בינקער, א זיסינקער, א חכמ'ל. נאָכ'ן טוידט װערט געשמאַק.

„די שכנה טרייכט מיר" — האָט די שטימע זיך װיעדער געלאָזט הער־רען — זי רעדט מיר איין: איך װעל נעהמען 500 דאָלער פון לאָדוש, א פּאָאר הונדערט דאָלער פון דער חברה; אָבער װאָס טויג מיר די געלד, אז דער נפש איז ניטאָ. ניט טרעפען זאָל קיין אידישע טאָכטער אזא אונגליק װי מיך האָט געטראָפען. אוי, טהייערינקער מיינער, ניחאי װאָלסטו בעסער פערבליבען אַן אלמן, איידער איך אַן אלמנה."

קלעהר איך בעת מעשה: מיסעם לעבען, מאכט ניט אזא אָנשטעל, עס איז גאָר ניט אזוי געפעהרליך; באשר ערשט אויף דער הייסער שעה, דאכט זיך אייך אזוי. נישט־קשה, עס װעט זיך געפינען אַן אנדער נפש װאָס װעט זיך פערליעבען אין אייך צו אין אייערע הונדערטער, און איהר װעט אלעס פערגעסען. א נאָװינע איז עס, זאָל אזוי ניט טרעפען, װי עס טרעפט.

די שטימע איז שטיל געװאָרען און איך בין מיר פּאמעלאך ארונטער־געגאנגען.

אונטען טהו איך א קוק, ערשט דאָס איז טאַקע די הויז װאו איך װאָהן. קלעהר איך מיר: מסתמא בין איך פערקראָכען אויף אַן אנדער פּלאָאר. עס טרעפט אָפט, אז אפילו אין מיטען העלען טאָג װער איך צו־טומעלט דרעהענדיג זיך הקפות מיט די שטיעגען און איך געה אריין אין א פרעמדע הויז.

בין איך זיך מישב: אז איך בין שוין אונטען לאָמיר ערגעץ אריינגעהן

עפּעס אַ בים טהאָן. טאָמער וועט מיר ניט געלינגען אָפּבלאָפען מיין אי־דענע, וועט זי דאָך ראשית הכל ברוגז ווערען און ניט געבען עסען, און דאָ בין איך טויט הונגעריג. איך בין אריין אין נאָהענטען לאָנטש־רום און גע־אָרדערט אַ פּאָאר סענדוויטשעס. אין לאָנטש־רום האָב איך זיך אַ ביסעל פערשמועכּט און עס איז זיך פּאַמעלאָך געוואָרען אַ זייגער צוויי. איך בין אוועק אהיים און דיזען מאָל האָב איך שוין געצעהלט די פּלאָארס, איך זאָל ווידער קיין מיסטייק ניט מאַכען.

אין האָל איז געוועזען פינסטער, שטיל און מען האָט פון קיינעם קיין שאָרך ניט געהערט. ווען איך האָב פּאַמעלאָך אָנגעהויבען שליסען די טהיר, האָבען זיך אינעווייניג דערהערט קולות: געוואַלד! אַ גנב! פּאָליץ! „פייגע, דאָס בין איך" — זאָג איך הינטער'ן טהיר און וויל אריינגעהן; אָבער אימי־צער, וואהרשיינליך טאַקע די אידענע מיינע, האָט די טהיר צוגעשפּאַרט און איך האָב זי ניט געקענט עפענען. „עפען, וואָס איז דער מעהר מיט דיר, דאָס בין איך" — האָב איך אָנגעהויבען שרייען; אָבער אַ נעבטיגער טאָג; זי האָלט אין איין געוואַלדעווען און אַ פּאָאר קינדערשע קולות פון בעדרום העלפען איהר אונטער.

דענק איך: מסתמא וויל זי, די אַלטע מיינע, רייצען זיך מיט מיר און נקמה נעהמען דערפאַר וואָס איך האָב זיך פערשפּעטיגט. בין איך שוין מוכן ומזומן געווען צו איבערבעטען איהר פון הינטער'ן טהיר, אַ ברירה האָב איך? אָבער פּלוצלונג האָב איך דערהערט אימיצער לויפט אויף די טרעפּ מיט האַסטיגע טריט און איידער איך האָב צייט געהאַט אויסריידען אַ וואָרט, האָט מיר שוין אַ פעסטע האַנד געהאַלטען ביים קאָלנער. פון דער שיין פון אַ לעמפּעל וואָס יענער האָט געהאַלטען אין האַנד, האָב איך געזעהן, אַז דאָס איז אַ פּאָליסמאַן. קודם כל, האָט ער מיר אַלס אויפגאַב געשענקט עטליכע מלקות מיט'ן קלאָב. אי, איז עס געווען מלקות! איך וועל זיי אפילו איבער אַ יאָהר אין דער צייט אויך ניט פערגעסען. נאָכדעם טהוט ער מיר אַ פרעג:

„ווהאט דו יו דואינג היער?"

„אי ליוו היער" — האָב איך געענטפערט — „דהיס איז מאַי האוז, דהעיר איז מיי ווייף פייגע ענד מאַי טשילדרען."

דער פּאָליסמאַן האָט אַן עפען געטהאָן די טהיר, מיך אריינגעפיהרט

אין הויז און אנגעצונדען די גען.

ווי מיין אלטע האט אונז דערזעהן, איז זי געבליבען זיצען אויף א טשער כמעט א טויטע. לויף איך צו און זאג צו איהר: „גרינע חיה וואס דו ביסט, האסט זיך דערשראקען פאר די מעשענע קנעפלאך?" הויבט זי אן שרייען מיט אומגעלומפערטע קולות, אז איך בין א פערציטערטער געווארען.

דערווייל איז ארויפגעלאפען דער שכן וואס וואהנט אונטער מיר. קודם האט ער מיר עדות געזאגט, אז איך בין דער בעל הבית פון הויז און איך בין חלילה ניט געקראכען גנב'ענען, און נאכדעם האט ער זיך גענומען צו מיין צושראקענע אלטע.

„וואס איז דער מעהר מיט אייך, מיסעס" — האט ער געפרעגט.

„ער איז דאך געשטארבען. ער איז דאך גע'הרג'עט געווארען — האט זי געענטפערט און געציטערט ווי א בלאט.

„ווער געשטארבען? וואס געשטארבען?"

„ער, טוביה חייקעל מיינער, אט ליגט דארט די קלאגעדיגע פאסטאל-קארד וואס איך האב ערהאלטען שפעט אין אבענד.

דער שכן האט איהרע ווערטער פערטייטשט פאר'ן פאליסמאן. „וועל," — מאכ דער בלויער ראק — „זי איז משוגע, מען דארף שיקען נאך אן אמ-בולאנס און איהר אבפיהרען אין האספיטאל". איך האב אויך געדענקט ניט אנדערש, אז זי איז שונאי ישראל, געריהרט פון פערשטאנד און איך בין אויסער זיך געווארען. אויפ'ן ביורא האב איך געפונען א פאסטא-קארד, וועלכע האט זיך גערלייענט אזוי:

ידידי ר' טוביה חייקעל טויט אין בראנזוויל. הייזער זיינען געפאלען און א סך ריעל עסטייט לייטע זיינען בעשעדיגט געווארען, קוים מיט'ן לע-בען ארויס. איך האב אויך געהאט א גוטען קלאפ. איך האב געטרייט צו ראטעווען פיעל מעגליך, אבער איך האב גאר ניט געקענט מאכען. פערפאלען אלעם פערפאלען.

חאצקעל פאמפושקעוויטש.

איהר פערשטעהט דאך מסתמא, אז דאס איז געווען אן ענטפער אויף דעם בריעף וואס איך האב צו איהם געשיקט. ער האט זיך אבער פערגעסען אדער זיך געפוילט צו שרייבען די ווערטער. „ידידי ר' טוביה חייקעל" אין א בעזונדער ליין, אדער אמווייניגסטען מאכען א פינטעלע צווישען די ווערטער

„חייקעל“ און „טויט“ און די אַלטע מיינע האָט געלערענט דעם פּשט אַז איך בין טויט, אַז הייזער זיינען אויף מיר איינגעפאַלען און איך בין גע'הרג'עט געוואָרען.

איך האָב דעם טעות ערקלערט, און דער פּאָליסמאַן איז אוועק אָהן א גנב און מיין אַלטע איז געוואָרען אויס אלמנה.

ערשט איז די אידענע מיינע פון יענע שרעק נערוועז און פרעגט שוין גאָר ניט, וואָס איהר „טהייערינקער“ „ליעבינקער“, „זיסענקער“ ליידעט פון איהר. אַלע צרות טרעפען נור מיך, דעם שלים־מזל'דיגען טוביה חייקעל.

## .14

## אַ קאָמעדיע מיט טהעאַטער.

טוביה חייקעל מיט זיין ווייב און קינדער געהען אין טהעאַטער צו אַ בענעפיט פאָר־שטעלונג; אָבער מעשה שטן זעהען זיי דאָרט גאָר ניט און געלד קאָסט עס גענוג. — א באַנטש עובר'דיגע טיקעטס צוליעב אַ שפּיטצעל פון שכנים. — די פּראָפיטען פון זיין לאָדזש.

ערב עלעקשאָן־דעי, תרס"ח.

עס געהט מיר ברוך השם מארבע פינות העולם, געהט עס מיר. עס איז טאָקע ווי מען זאָגט, אין רגע בלי פּגע; אַלע טאָג אַן אנדער קלאָג; די צרה געהט אוועק און אַן אנדערע קומט. אַ טרפה'נע ביזי ביים שלים־מזל.

לעצטע וואָך האָב איך, מיין אידענע און מיינע קינדער געזאָלט האָבען אַ גוד טיים. מיר האָבען געזאָלט געהען אין טהעאַטער און זעהען אַ פאָר־שטעלונג, לסוף האָט זיך דער שלים־מזל אריינגעמישט און מיר האָבען בלויז געהאַט אַ האַלבען פּלעזשור. עס הייסט, געגאַנגען אין טהעאַטער זיינען מיר, אבער געזעהן די פאָרשטעלונג האָבען מיר ניט. אפשר האָט איהר עס געזעהן, מיר — אַ פייג.

די אידענע מיינע, האָב איך אייך שוין אַ מאָל דערצעהלט, איז פון נאַ־טור אַקאָרגליכע. זי איז ניט קיין בעלן אויסגעבען געלד אויף טהעאַטער; נור אונז האָט זיך געמאַכט, אַז מיר האָבען געהאַט טיקעטס פרי אָוו טשאַרדזש,

אָהן אַ סענט געלד און עס איז נאָך געשטאַנען צו פערדיענען אַ פּאָאר דאָלער, און במקום וואו עס קאָסט קיין געלד ניט און מען קען זיך אַמוזירען, זאָגט זיך כיין אַלטע ניט אָב.

עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואָס איך און מיין הויז־געזינד האָבען אויף דעם אבענד פון דער פאָרשטעלונג געהאָפט און געוואַרט מיט אונגעדולד, אַקוראַט ווי די וואָס לויפען פאַר סיטי עמטער וואַרטען אויף מאָרגען נאַכט צו וויסען די רעזולטאַטען פון די עלעקשאָנס.

אַצינד וועל איך אייך דערצעהלען די גאַנצע מעשה פון אָנהויב ביז'ן סוף.

נאָך מיט עטליכע מאָנאַטען צוריק האָט מען אין מיין לאָדזש אָנגעהויבען פערהאַנדלען וועגען פעראַנשטאַלטען אַ טהעאַטער בענעפיט. דער ברודער פּרעזידענט האָט אויפגעצייגט אַ קלאָרען חשבון, אַז דאָס איז אַ גליקליכער עסק און די לאָדזש קען דערפון אויסוואַקסען. צו דיזען חשבון דאַרפט איהר ניט זיין קיין מאַטעמאַטיקער, איהר דאַרפט זאָגאַר קיין בלייפעדער דערצו ניט האָבען; איהר קענט עס אויסרעכענען אויף די פינגער, ווייל דער פּראָפיט ליגט דאָ אויבען אויף און אַ זיכערער פּראָפיט, אַזוי זיכער ווי די באַנק אָוו ענגלאַנד.

ווען איהר זיינט אַהאָלסייל סוחר און. איהר קויפט אָב אַ גאַנצען טהעאַטער אויף אַן אבענד, בעקומט איהר עס פאַר אַ דריטעל געלד וואָס די טיקעטס ברייגגען אריין, אַזוי האָט דער ברודער פּרעזידענט ערקלערט. ווען מען לייגט אריין אין עסק אַ דאָלער בעקומט מען פאַר דריי דאָלער סחורה, און סחורה איז געלד. מיר זיינען, אונבעשריען, 100 מיטגליעדער אין לאָדזש, הייסט אַז מיר וועלען אויסלעגען, לאָמיר זאָגען, יעדער איינער צו דריי דאָלאַר, מאַכט עס אויס דריי הונדערט דאָלאַר, און טיקעטס וועלען מיר בעקומען פאַר ניין הונדערט דאָלאַר. אַצינד מאַכט אַ חיסור, נעהמט אַראָב די 300 פון די 900, פערבלייבט אייך 600 דאָלאַר נעט פּראָפיט. געדענקט־זשע, פאַר די דריי דאָלאַר וואָס יעדער איינער גיט, בעקומט ער סחורה און סחורה איז געלד, און אויסער דעם האָט יעדער מיטגליעד צו זעקס דאָלאַר ריוח.

דאַכט זיך חשבון צדק, און דאָך זיינען געווען געגנער און מען האָט געדאַרפט אָבהאַלטען מיטינגען און ספּעשעל מיטינגען, ביז מען האָט די זאַך דורכגעפיהרט. איך האָב די געגנער יענע געהאַלטען פאַר שוטים און

נאָך מיין שלים־מזל׳דיגען שכל איז אויסגעקומען, אז מען דאַרף אָזעלכע בענעפיטס פעראנשטאַלטען כאָטש יעדען מאָנאַט. אי, וואו וועט מען הינטהאָן די טיקעטס? א דאגה דאָס איז, טהעאַטער טיקעטס איז א ראיעלע סחורה, דערפאַר רופט מען דאָך די היינטיגע טהעאַטער שטיקער „רעא־ליסטישע דראַמאַס“.

קורץ דערפון, איך בין מיט דעם בעשלום פון מיין לאָדזש געוועזן צופריעדען. ווען איך האָב עס דערצעהלט מיין אַלטער און איהר אויפ־געציינט דעם חשבון, איז זי אויך צופריעדען געוועזן. עס איז אמת, אז די פערדיענטע זעקס דאָלאר קומט אפילו ניט אריין צו זיך אין קעשענע, אבער וואָס מאַכט עס אויס? געלד איז דאָך עס.

פון יענער צייט אָן האָבען די חברה מיינע אָנגעהויבען צעהלען די וואָכען מיט די טעג און אַלעס געוואָלט, אז דער אבענד פון אונזער טהעאַטער זאָל גיכער קומען.

אויסער פאַר די דריי דאָלאַר טיקעטס וואָס יעדער איינער פון די לאָדזשען ברידער האָט געמוזט נעהמען צו דעקען דעם קרן וואָס דער טהעאַטער האָט געקאָסט, האָב איך גענומען נאָך פאַר צוואַנציג דאָלאַר סחורה צו פערקויפען. נאָך איינינע מיטגליעדער האָבען אויף אזוי געטהאָן.

וואו אויסצוברענגען די טיקעטס איז קיין דאגה ניט. יעדער איינער האָט מחויבים וואָס מוזען איהם געבען א שאָו. אייער גראָסערי־מאַן מוז ביי אייך נעהמען א פּאָאר טיקעטס, איהר זיינט דאָך זיין קאַסטאָמער און ער קען ניט און טאָר אייך ניט ענטזאָגען. דער בוטשער, דער מילך־מאַן און דער באַרבער אויך דאָס זעלבע, און פאַרוואָס טאָקע ניט דער קויהלמאַן אויך? אין אַמעריקא איז שמור לי ואשמור לך, איך גיב דיר צו לעזען, דאַרפסטו מיר אויך געבען צו לעזען, ווי דען? היינט מאַכט זיך, אז עס קומען צו אייך געסט און איהר האָט טיקעטס, מעגט איהר זיי אויך איינ־טהיילען. קומט איהר ווידער ערגעץ צו־גאַסט, לאָזט אויך איבער א פּאָאר טיקעטס. היינט וואו זיינען שכנים און סתם אזוי זיך בעקאַנטע? — פערמעג איך די טויזענדער ווי פיעל טיקעטס מען קען צוטהיילען. פון דיזען כלל האָב איך פון לאַנג אָן געוואוסט און אויף דעם סמך האָב איך גענומען די טיקעטס און געדענקט, אז איך וועל מיט זיי פערטיג ווערען איינס און צוויי.

איינמאָל אין אַ שעהנעם אָבענד בין איך אַרויס אין סטריט און געטראָפען ביים סטופ שטעהענדיג מיין גראָסערי־מאַן, מיין בוטשער, דעם בעל־הבית פון מילך־סטאָר עקראָס די סטריט, דעם קויהלמאַן און אַ פּאָאַר שכנים פון דער הויז וואו אין וואוין. טראַכט איך ביי זיך: ערשט איז אַן עת לעשות; לאָמיך זיי אַלעמען איינטהיילען צו עטליכע טיקעטס און אַראָב פון מארק, און כך הוא: דער עולם האָט זיך ניט פיעל געלאָזט בעטען און מען האָט מיין ביסעל סחורה צוגענומען. אַ קליינינקייט איז מיר פערבליבען און איך האָב עס אַריינגעטראָגען צום באַרבער און גע'פּטור'ט. איך האָב בלויז איבערגעלאָזט עטליכע טיקעטס פאַר מיר און פאַר מיין פאַמיליע.

קיין קעש האָט מיר קיינער ניט געגעבען; אבער עס איז גוט געלד, הלואי וואָלטען זיי מיר נור שולדיג געווען אַ סך, וואָלט איך וועניג וואָס געזאָרגט, אַלץ גלייכער איידער איך זאָל זיי שולדיג זיין.

מיט אַ פּאָאַר וואָכען צוריק מאַכט צו מיר דער באַרבער מיינער: „ר' טוביה חייקעל, איך האָב אמאָל גענומען ביי אייך טיקעטס, לכן פערלאַנג איך איהר זאָלט ערשט מיר געבען אַ שאָו און מיר געבען צו לייזען פאַר די זעלבע סחורה. איך האָב אויך אַ טהעאַטער־בענעפיט און עס איז אַ יושר אַז איהר זאָלט מיר אָבטהון אַ טובה פאַר אַ טובה." ווי די זאַך איז, צי דאָס איז מיר געווען לרצון צי ניט; אבער קיין דבר אחר קען מען דאָך ניט זיין. איך האָב ביי איהם גענומען אַזוי פיעל, פיעל ער האָט ביי מיר גענומען.

מיט אַ פּאָאַר שטונדען שפּעטער אין דעם זעלבען טאָג, זיינען אַ פּאָאַר פון מיינע שכנים געקומען מיט דער זעלבער טענה. אין אַ פּאָאַר טעג אַרום האָט דער מילך־מאַן פערלאַנגט דאָס זעלבע. נאָכדעם איז געקומען דער קויהלמאַן און אַזוי כסדר כמעט אַלע וועלכע האָבען ביי מיר געקויפט טיקעטס. איך האָב קיינעם ניט געקענט ענטזאָגען און מיט אַלעמען געמאַכט סקווער, פּצע תחת פּצע, איינס פאַר איינס, הייסט עס; איך האָב ביי זיי אָבגענומען סחורה פאַר סחורה.

ווען זייערע פאָרשטעלונגען דאַרפען פאָרקומען האָב איך ניט געוואוסט און איך בין ניט נייגיעריג געווען צו וויסען. זיי האָבען מיר געזאָגט, אַז עס איז נאָך צייט גענוג, און איך האָב די טיקעטס בעהאַלטען אין ביוראָ און געוואַרט אויף אַ געלעגענהייט זיי אויסצובּרענגען.

מילא וואָס עס האָט זיך אָבגעטהאָן ביי מיר אין הויז די גאַנצע צייט,

איז ניט צו בעשרייבען. מען האָט זיך געלעגט מיט׳ן טהעאַטער און מען איז אויפגעשטאַנען מיט׳ן טהעאַטער. „נאָך א מאַנאַט צום טהעאַטער". „שוין מעהר ניט ווי א וואָך", קיין אַנדערע רייד האָט מען ניט געהערט, ניט פון מיין אַלטע, ניט פון די קינדער. קיין וואונדער ניט. אין דערהיים האָבען זיי עס ניט געזעהן, האָבען זיי געמיינט ווער ווייסט וואָס דאָס איז אזעלכעס.

געקומען דער גליקליכער טאָג און מען האָט זיך אָנגעהויבען צוגרייטען נאָך פון אין דער פריה. מען האָט געוואַשען, געביגעלט, געפּוצט זיך, געסטראָיעט זיך און עס איז געווען ליהודים. איך אליין האָב געהייסען מיין אַלטע, אז זי זאָל זיך מאַכען יום־טוב׳דיג, איך וועל דאָך איהר דאַרפען פאַרשטעלען פאַר איהרע שוואָגערס און שוועגערינס, מיינע לאַרדשען־ברידער און זייערע פרויען, הייסט עס, די אידענע מיינע איז נאָך אפילו כמעט א גרינע, פון דעסטוועגען ווייסט זי, אז ווען מען קלייבט זיך גהען אין טהעאַטער, דאַרף דער מאַן זיין א שקלאַף ביי דער ווייב. ער מוז שטעהן פאַר איהר אויף די שפּיץ פינגער און טהון אַלעס וואָס עס געהט אַרוים פון איהר כשר׳ן מויל. ער מוז איהר העלפען מאַכען די טואַלעטע, ער דאַרף איהר אַלעס צוטראָגען צום האַנד, פערבאַטענען, צופּינען וואו מען דאַרף און דערלאַנגען די לעכער פון די ארבעל ווען זי דאַרף אָנטהון דעם דזשעקעט. אָט די אַלע דינים ווייסט מיין אַלטע אַזוי ווי זי זאָל שוין זיין אין אַמעריקא יאהרען לאַנג. איך בין די אַלע דינים נאָכגעקומען, ערגעץ חס ושלום קיין פּגימה ניט געמאַכט, און אַלעס אזוי אריבער בשלום.

אַלע זיינען פערטיג געוואָרען אין א מזל׳דיגער שעה און מען געהט. געקומען צום טהעאַטער זעה איך זיך אַרום, אז דעם עיקר האָב איך פער־געסען. איך האָב די טיקעטס ניט מיטגענומען און אָהן דעם לאָזט מען ניט אַריין. הכלל, וואָס טהוט מען? לאָז איך איבער מיין ווייב און קינדער אין האָל פון טהעאַטער און איך לויף נאָך די טיקעטס. די פאַר־שטעלונג האָט זיך נאָך ניט געהאַט אָנגעפאַנגען און איך האָב גערעכענט אז איך וועל קומען צוריק סאַמע אין צייט.

איך האָב פונאַנדערגעלאָזען מיינע פּאָאַר רגלים אויף דער העכסטער אַקטאַווע און איך בין געלאָפען אָהן אַן אָטהעם הין און צוריק. דער גאַנצער עסק האָט געדויערט א האַלבע שטונדע, זאָל זיין דריי פיערטעל שטונדע;

מעהר געוויס ניט, לסוף אז איך בין געקומען צום טהעטאטער דערצעהלט מען מיר, אז עס איז שוין לאחר המעשה, נאך דער שפיעל הייסט עס. מיר זיינען אריין אינווייניג און נאך פערכאפט צו זעהן ווי דער העלד וואס האט זיך בלומרשט געשאסען איז געלעגען אויסגעצויגען ווי א פגירה, און באלד האט זיך דער פארהאנג ארונטערגעלאזט. דער עולם איז זיך צוגאנגען און מיר איז בלויז פערבליעבען צו זאגען א רבנן קדיש נאכ'ן פערשטעלטעז בר־מינן און נאך די פאאר דאלאר וואס מיך האט דער עסק געקאסט.

איז די אלטע מיינע אויף מיר אנגעפאלען: „שטיק שלאק, שטיק בראך, אזוי פיעל געווארט, אזוי פיעל געהאפט אויף א ביסעל פלעזשור, לסוף גאר ניט!" האב איך איהר געטרייסט, אז מיר וועלען אן אנדערם מאל אויף יענע טיקעטס וואס מען האט מיר איינגעטהיילט. מה רעש? וועט קאסטען א פאאר דאלאר. עס טרעפט אפט אז מען האט גרעסערע היזקות, קריעגען זיך צוליעב דעם לוינט זיך ניט." מיין אלטע האט זיך בערוהיגט.

איך קום אהיים, איך כאפ זיך צום באנטש טיקעטס, ערשט א דונער האט מיך געטראפען, די אלע טיקעטס זיינען די זעלבע וואס איך האב געהאט פערקויפט! זיי האבען זיך אלע הפנים צוזאמענגערעדט, מיט אבגעטהאן א שפיצעל און צוריק אבגעגעבען מיין אייגענע סחורה, וואס איז שוין יעצט א סענט ניט ווערטה.

אצינד הייסט מען מיר אין לאדזש בעצאהלען פאר די טיקעטס. אי, איך האב דאך די סחורה ניט פערקויפט, דאס איז ניט זייער עסק. די אלטע מיינע האט זיך דערפון דערוואוסט, דערלאנגט זי מיר סטאק, אז עס קומט מיר אויס כאטש אנטלויף ערגעץ און ווער אויף דער עלטער א פרוש.

און וואס איז דער רעזולטאט פון דעם גאנצען בענעפיט? אט איז דער רעפארט וואס איז שבת אבענד ביים מיטינג אריינגעקומען.

פאר אריבער הונדערט דאלאר טיקעטס איז פערבליעבען נשאר. פאר א פאאר הונדערט דאלאר האט מען פערקויפט אונטערן פרייז, עטליכע צעהנדליג דאלאר זייענן געפאלען זייטיגע הוצאות; לבד זאת, האט מען זיך פערפלאנטערט אין חשבון און עס פעהלט אזוי געלד. די אונטערשטע שורה איז, אז מען האט דעם קרן אויך ניט ארויסגענומען און מען געהט ערשט ראפלען עפעס א חפץ און טעקסען אלע מעמבערס מיט ראפעל־טיקעטס צו דעקען דעם שאדען.

אָט האָטסו זיך פּלעזשור, אָט האָסטו זיך פּראָפּיטען.

15.

## ברוך הבא, דער פעטער מענדעל איז דאָ!

א מעשה מיט אַן אורח הגון אויף וועלכען טוביה חייקעל און זיין ווייב האָבען געוואַרט אזוי ווי אויף משיח'ן. טוביה חייקעל האָט געמיינט, אז ער וועט דורך איהם אויפגעריכט ווערען, לסוף האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידים.
— אַ פעטער וואָס איז דער פיהרער פון אַ שטאָדט און איז א קבצן גדול.

ח' כסליו, תרס"ח.

איך האָב אַמאָל געהאַט אַ פעטער, איך האָב איהם היינט אויך, מענדעל רופט מען איהם, ער איז דאָ אין אַמעריקא שוין זייט שעהנע עטליכע יאהר.

אין דער היים איז ער געווען, לא עלינו, אַ קבצן גדול. דאָ איז איהם אויך די ערשטע צייטען ניט גוט געגאַנגען, נור נאכדעם ווי ער האָט אהער אריבערגענומען זיין ווייב, מיין מוהמע טריינע גיטעל, האָט מען דערצעהלט, אז אויף איהר מזל האָט זיך די רעדעלע אַ דרעה געטהאָן אין דער גוטער זייט און ער איז אַן עושר געוואָרען. די מוהמע מיינע האָט אריינגעשריעבען אַ בריעף אהיים, אז איהר איז דאָ וואויל ווי די וועלט. דער מאַן איהרער, עס הייסט מיין פעטער, איז אַ גאַנצער פריץ; ער פאָהרט אין אַזעלכע קאַרעטעס וואָס אין אונזערע מקומות זעהט מען דאָס גאָר ניט און ער פיהרט די גאַנצע שטאָדט. זיי וואוינען אין אַ שעהנעם מויער, מיט שעהנע מעבעל און זיי האַלטען אין הויז פינף מענשען, צוויי מענער און דריי מיידלעך.

די גאַנצע שטעדטעל האָט דאַמאָלס מיט דעם בריעף געקאָכט. פון וואַנען עס האָט זיך צו מיין פעטער מענדעל גענומען אַזאַ עשירות, האָט קיינער ניט געוואוסט. אפשר אַ געווינס אָדער אַ געפינס האָט איהם דער אויבערשטער צוגעשיקט. אבער וואָס מאַכט עס אויס? מסתמא, אז ער פאָהרט אום אין טהייערע קאַרעטען, איז אַ שטאָדט־פיהרער און פערגינט זיך צו האַלטען פאַראָבקעס מיט דיענסטען, מסתמא איז ער אַ גביר עצום.

פון יענעם בריעף אָן האָב איך פון מיין רייכען פעטער ניט געהערט. איך האָב איהם דאָ ארומגעזוכט, אבער איך האָב איהם ניט געקענט געפינען. איך האָב געוואוסט, אז ער וואוינט ערגעץ אין אַ קאַנטרי, אבער גיי טרעף אין וועלכער קאַנטרי! איך בין זעהר גערן געווען איהם אויסצוגעפינען. אַ פעטער אַ נגיד קומט אמאָל צוניץ. אַ רייכער פעטער איז בעסער ווי אַן אָרימער ברודער. אבער גיי זוך אַ שפּילקע אין אַ וואַגען היי! אז עס איז קיין מזל ניטאָ איז קיין רייכער פעטער אויך ניטאָ.

אָפט אין אַן ענגע צייט ווען מיר פלעגט אויספעהלען עטליכע דאָלאַר, פלעג איך דעם פעטער דערמאָהנען. וואו נעהם איך ערשט מיין פעטער מענדעל — פלעג איך זאָגען — ער וואָלט מיר געוויס אויסגעהאָלפען מיט עטליכע צעהנדליג דאָלאַר, און אפשר מיט אַ פּאָאר הונדערטער. וואָס פאַר אַ ראָלע שפּיעלט ביי אַ גביר אַ פּאָאר הונדערטער? און די אַלטע מיינע פלעגט שטענדיג טענה'ן: „נאַ דיר אַ גראָשען פאַר דיין גאַנצער משפּחה. ווען דיין פעטער זאָל זיין אַ רעכטער, האָט ער אַליין געדאַרפט אויפזוכען אַן אָרימען קרוב. ניש־קשה, ווען ער זאָל זיין אַ קבצן, וואָלסטו איהם אַלע מאָל געהאַט צו גאַסט, און אַז ער איז אַ מיליאָנשציק, וויל ער פון דיר ניט וויסען.“

אזוי פלעגט די אידענע מיינע בעמערקען, ווען עס פלעגט קומען צו רייד וועגען מיין רייכען פעטער, און איך האָב איהר שטענדיג געגעבען גערעכט.

נור קיין מאָל האָב איך נאָך מיין פעטער מענדעל אזוי געביינגט ווי די לעצטע צייט, זייט עס איז געוואָרען דער דוחק אויף געלד. אַ ביטערער עסק היינט. ווייבער טראָגען זיך אום מיט זייערע קניפּלעך פערשטעקט אין די פּאָמפּאַדורס, אין די שיך, אין די זאָקען, און דער עולם געהט אויס פאַר אַ סענט. איז אייך אימיצער שולדיג געלד, איז ענטוועדער ער צאָהלט גאָר ניט, אָדער ווען ער צאָהלט שוין יאָ, צאָהלט ער מיט עולם הבא, עס הייסט, מיט טשעקס וואָס וועט לעתיד לבא, אין אַ צייט ארום זיין געלד און דערווייל שטיק זיך און וואַרג זיך. האָב איך אַלעס געטראַכט, ווען איך קריעג ערשט מיין פעטער, וואָלט איך ביי איהם גע'פועל'ט, אז ער זאָל מיר באָרגען אָדער שענקען עטליכע הונדערטער און איך וואָלט זיך גאָר מחיה געווען, אַ קאַטאָוועס איז עס יעצטיגע צייט עטליכע הונדערטער מזומנים!

און דער גליק איז מיר געקומען גאָר אונערוואַרטעט. דאָנערשטאג קומט מיר אָן אַ פּאָסטאַל קארד מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

מיין ליעבער פּלימעניק טוביה חייקעל און פרוי און קינדער. שוין אַ שאָק מיט יאהרען, אז מיר האָבען זיך ניט געזעהן און זאָגאר ניט געהערט איינע פון די אנדערע. עס איז פּילייכט אַן עולה פון מיר וואָס איך האָב צו אייך קיימאָל קיין בריעף ניט געשריעבען; אבער ערשטענס האָב איך ביז ניט לאַנג צוריק אייער אדרעס ניט געוואוסט, והשנית ווייסט איהר דאָך, אז אין אַמעריקא איז דער קאָפּ דאָס רוב פערדרעהט און עס ליעגט ניט אין זינען שרייבען בריעף. איך פאָהר ערשט ארוים צו אייך און איך וועל אייך אַלעס מינדליך דערצעהלען.

פון מיר אייער אָנקעל. מענדעל.

פרעהליך איז מיר געוואָרען אויפ'ן הארצען, ווען איך האָב דעם דאָזיגען בריוועלע איבערגעלייענט. „דאָך אייגענע בלוט" — זאָג איך צו מיין אי־דענע — „אַלע אידען זאָלען האָבען פריינד, און רייכע פריינד. עס שאַדט ניט, אז עס פערוואַלגערט זיך אין דער משפחה אַ נגיד, זאָלען עס אונזערע שונאים פערמעגען וואָס איך וועל צו איהם צולייגען".

בין איך זיך מיט מיין אידענע מישב, אז עס פּאַסט ניט ארויסשטעלען זיך פאר'ן פעטער אזוי וויא קבצנים. אַ קבצן פּטור'ט מען מיט אַ קליינינג־קייט, גלייכער איז צו צייגען זיך מעשה בעלי הבתים, וועט מען ביי איהם קריגען אַ היבשע אפּותיקו. מיין אַלטע האָט דערמיט איינגעשטימט און טאַקע באַלד זיינען מיר ארוים אין סטריט, אַ ביסעל צוגעקליידט די קינ־דער, איינגעקויפט קליינינגקייטען אויף צופּוצען די הויז און מיט אונ־געדולד האָבען מיר ערוואַרטעט אונזער האָכווירדיגען גאַסט. איין זאַך איז אונז זעהר ניט אַנגענעהם געווען, וואָס מיר וואָהנען אויפ'ן טאָפּ פלאָאָר און דער רייכער פעטער מיינער וועט דאַרפען קריכען 5 שטיגען; אָבער וואָס קען מען העלפען? מען קען דאָך ניט נעהמען אין אַ מינוט און ארויסמופען.

אין אַבענד איז אונזער משיח געקומען. איך האָב געמיינט ווער ווייסט וואָס פאר אַ בער עס וועט אראָבפּאָהרען, לסוף גאָר ניט! אַ מענש וויא אַלע מענשען, אזוי וויא איך און איהר, גאָר ניט צו דערקענען אז ער איז אַן עושר.

מאַכט צו מיר דיא אידענע מיינע שטילערהייד: איך זעה אויף איהם ניט קיין גבירה'שאַפט. זאָג איך: וואָס האָסטו געוואָלט, ער זאָל זיין מיט

הערנער? זאָגט זיא: ניט מיט הערנער, אָבער ניחאי וואָלט ער כאָטש געהן רייך געקליידעט, א נגיד מעג זיך פערגינען צו טראָגען א צילענדער־הוט, א דימענטענעם פינגעריל, פאר וואָס ניט?

האָב איך איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז דיא אמת'ע גבירים קעהרען ניט פאר דער הלבשה. אָט — זאָג איך — איז דאָ געװען א גרויסער גביר, ראָסעל סיידזש האָט מען איהם גערופען, הלואי אויף אונז געזאָגט כאָטש איבער דריי יאָהר וואָס ער האָט פערמעגט, פון דעסטוועגען האָט ער גע־טראָגען פליודערען פאר 75 סענט. אגב — זאָג איך — ווען מען פאָהרט אונטער־וועגענס לוינט ניט ארויסצוצייגען זיך פאר אן עושר. וויינינ גזלנים זיינען דאָ פאראן? אז מען דערשמעקט ביי אימיצען געלד, דערשיסט מען איהם און מען נעהמט צו דיא עטליכע גראָשען. וואָס אַרט דיר, דער פעטער וויים וואָס ער טהוט, אז ער איז מיינער א פעטער, איז ער מסתמא קיין נארר ניט.

לאכט זיא, דיא אידענע מיינע, און זאָגט: אז דוא ביסט יא אזא חכם, ניחאי וואָלסטו אויך רייך געװען וויא דער פעטער? זאָג איך צו איהר: זאָרג ניט, מיין ווייב, מיר וועלען נאָך א מאָל אויף רייך זיין, עס וועט קומען דיא צייט, אונזער גאָט איז אויך ניט געשטאָרבען.

א סאפּער האָט מיין אידענע געמאכט כיד המלך. מיינע, אז זיא וויל קען זיא. ביים טיש האָט דער פעטער אָנגעהויבען פערנאַנדער פרעגען וואָס מיר מאכען, וויא אונז געהט; און איך האָב איהם געענטפערט: א דאנק גאָט, ניט צו פערזינדיגען. עס פאסט דאָך ניט צום ערשטען ברוך הבא שוין אָנשטעלען דעם צער בעלי חיים פּנים, — וויא זאָגט איהר? ניט אזוי?

ביים סאפּער און נאָך סאפּער האָבען דיא קינדער מיינע געקראָגען קלעפּ און בוכטשעס אי פון מיר, אי פון דער מוטער. איך האָב זיי, דאכט זיך, דיא מזיקים טויזענד מאָל אָנגעזאָגט, אז עס וועט קומען אן אָנקעל, א ריטש מען, און זיי זאָלען זיין רוהיג, אָבער א נעכטיגער טאָג, זיי טהוען זייערס; זיי שטיפען, פייטען זיך און עס איז גאָר ניט זייער עסק ווער עס איז פאראן אין הויז.

א שבת האָט מיינע געמאכט לכבוד דעם גאסט, שוין איינמאָל א שבת. איך האָב געקויפט א באָטעל וויין אויף קידוש, א גוט ביסעל בראנדע, ביער, זעלטצער אויפ'ן גבירישען אופן. איך אַליין קען אויסקומען אהן דעם, אָבער

דער פעטער איז דאָך געווים געוואָהנט צו דיא זאכען.

שבת פריה זיינען מיר געגאנגען אין שוהל. מאך איך צו איהם גע־הענדיג: „פעטעריל, דער גוטער יאָהר ווייסט אייך, אפשר האלט איהר ניט דערפון אָדער אפשר איז עס ביי אייך קיין מאָדע ניט; אָבער ביי אונז איז איינגעפיהרט, אז ווען מען רופט אויף צו דער תורה, מאכט מען „מי שברך׳ס" און מען איז מנדב אויף דער שוהל, אויפ׳ן גמילות חסדים און אויפ׳ן שמש. לכן, פעטעריל, האָט קיין פאראיבעל ניט וואָס איך זאָג עס אייך, זאָלט איהר זעהן ארויסשטעלען זיך שעהן, קיין בייז זאָל ניט זיין, וועט קאָסטען עטליכע דאָללער". אָלל־רייט — זאָגט דער פעטער — איך בין צופריעדען.

מען האָט מיין פעטער אויפגערופען שלישי, ווייל אזוי האָב איך פער־לאנגט, און ווען דער שמש האָט אויסגעשריען: „יעמוד הגביר ר׳ מענדיל בר׳ קלונימוס שלישי!" האָב איך געפיהלט אין זיך א מין שטאָלץ, וואָס איך האָב א פעטער מיט אזא שעהנעם טיטול. ער האָט מיר געפּאָלגט, גע־מאכט „מי שברך׳ס" מיר, מיין פרוי און מיינע קינדער און געספּענדט א גאנצען צעהנערעל. מיר האָט דיא זאך זעהר הנאה געטהאָן און איך בין געווען מלא שמחה.

שבת ביי טאָג, ווען דער פעטער מענדעל איז געשלאָפען, מאכט צו מיר דיא אידענע מיינע: „ווען וועט מען מיט׳ן פעטער א שמועס טהאָן מכח אכטצעהן און דרייצעהן?" זאָג איך: „זאָל זיין מאָרגען, זאָל ער זיך אויס־רוהען פון וועג, מיר האָבען נאָך צייט, וועט משיח געבוירען ווערען מיט א טאָג שפּעטער".

מאכט זיא: „דוא ביזט דאָך אָבער א שלים־מזל, און אז דוא וועסט נעהמען פערלייגען טענות מיט איהם, וועסטו נאָך קאליע מאכען, ניט פער־ריכטען". — א ציקאַווע זאך מיט דיא ווייבער, נאָך איידער וואָס ווען, זוכען זיי שוין חסרונות.

„ווייסטו וואָס?" — זאָג איך — „זיי דוא דיא חכמה און רייד דוא מיט איהם. מאכט זיא: „וואָס עפּעס איך? רייד טאקע דוא, נור האָב שכל וויא און וואָס צו ריידען". הכלל, פערבלייבט עס אזוי, אז מאָרגען, זונטאָג, זאָל איך דעם פעטער דערצעהלען דעם עיקר המעשה.

זונטאָג ווען מיר זיינען געזעסען ביים טיש און געגעסען דינער, טרעט

מיר מיין אַלטע אָן אויפ'ן פוס, וויא איינער רעדט: נו, וואָס שווייגסטו? הויב אָן ארויסגעהן מיט דבורים. טרעט איך איהר צוריק אויפ'ן פוס, וויא איינער רעדט: דוא ביסט דאָך עפּעס אן אשת חייל, רייד דוא. טהוט זיא מיר א ציה פאר'ן ארבעל, עס הייסט: מיט געלד בעט זיך קיינער ניט אָן, און אז דוא שווייגסט, וועט ער אויך שווייגען. טהו איך איהר צוריק א ציה פאר איהר אַרבעל. עס הייסט: פאַהר דוא אריין אין א רייד, וועל איך דיר שוין ארויסהעלפען. טהוט זיא מיר א טורזע מיט'ן עלענבויגען, טהו איך איהר צוריק א טורזע מיט מיין עלענבויגען. אזוי האָבען מיר געטורזעט איינע דיא אַנדערע אַ היבשע צייט, ביז איך האָב געזעהן אז עס נעהמט קיין ענדע ניט, האָב איך בעשלאָסען ארויסצוקומען מיט לשון.

איינגענטליך וואָלט איך זיך גאָר ניט געשפּאָרט, נור ווייל עס איז שוין פריהער געווען א רייד וועגען דעם האָב איך מורא געהאַט, טאָמער פועל איך ניט, וועט דיא אַלטע מיינע זאָגען, אז איך בין שולדיג. — איהר קענט ניט דיא ווייבער?

ד' שפתי תפתח, עפען אויף רבונו של עולם מיינע לעפצען — האָב איך ביי זיך געטראכט — און הינט מיך, אז איך זאָל חלילה ניט געשטרויכעלט ווערען אין מיינע רייד און מיין בקשה זאָל אָנגענומען ווערען. אָבער ווען איך האָב שוין געהאַלטען מיינע רייד אויפ'ן שפּיטץ צונג, האָט דער פעטער זיך מקדים געווען און אָנגעהויבען ריידען.

„איהר ווייסט נאָך וואָס איך בין צו אייך געקומען? — מאכט דער פעטער — „איך בין ניט געקומען גלאַט אזוי זיך צו גאַסט. מהיכא תיתא, ווען מען גאָט העלפט און מען קען זיך פערגינען פאָהרען צו גאסט, איז געווים גוט; אָבער איך בין ניט געקומען פאר ווערהלטאָג, נור פאר ווערהטאָג. אמת, איהר האָט מיך צוגענומען גאנץ שעהן; אָבער איז דען א תכלית איך זאָל זיטצען און עסען ביי אייך קעסט? איך זעה, אז גאָט האָט אייך געהאָלפען, און איהר זיינט פערמעגליך, פערלאַנג איך אז איהר זאָלט מיר שטיצען מיט פיעל אייער גוט הארץ וועט אויסטראָגען".

פינסטער איז מיר געוואָרען אין דיא אויגען הערענדיג דיא דאָזיגע ווערטער און דיא אַלטע מיינע האָט שיער ניט גע'חלש'ט.

— סטייטש — זאָג איך — וואָס איז אייך פעטעריל געוואָרען? דיא מוהמע האָט דאָך א מאָל געשריעבען, אז איהר זיינט א גאַנצער מאָנארכע,

איהר פאָהרט אין טהייערע קארעטען און איהר פיהרט די גאַנצע שטאדט? לאַכט ער דער פעטער און זאָגט: „איך לאַך פון צרות, לאַך איך. איך בין דאמאָלס — זאָגט ער — געווען אַ מאַטאַרמאַן אויף אַ סטריט־קאר און דיא מוהמע איז נאָך געווען אַ גרינע, האָט זי געמיינט ווער ווייסט וואָס פאר אַ גליק דאָס איז.

— אום גאָטעס ווילען — רוף איך זיך אָב — זיא האָט דאָך געשריבען, אַז איהר האַלט פינף מענשען און איהר איז וואויל וויא דיא וועלט!

— יאַ — כאַפּט ער מיר אונטער — איך האַלט היינט אויך פיער־פינף באָרדערס; אָבער וואָס דערלעבט מען היינט פון דיא באָרדערס? דער יקרות איז גרויס, אַלעס איז בראַנד טהייער און מען קען פון זיי ניט פער־דיענען אפילו וואסער אויף קאשע אויך ניט.

איך בין שיער פון טשער ארונטערגעפאַלען הערענדיג דיא דאָזיגע דבורים, און דער פעטער האָט פאָרטגעזעצט:

— איך זעה, טוביה חייקעלע, אַז דוא שעהמסט זיך מיט'ן אָרימען פעטער. שבת אין שוהל האָסטו געהייסען מען זאָל מיך אויפרופען „הגביר ר' מענדעל", דוא האָסט מיר געהייסען שנדר'ן וואָס מעהר, ווייל אַזוי פּאַסט דיר מסתמא צו דיין ראַלע; אָבער איך האָב שוין פון זיך דיא חרפה אראָב־געוואָרפען. מיר איז ניט גוט און איך מוז בעטען הילף."

נו, וואָס זאָגט איהר דארויף? וואָלט איהר זיך ווען געריכט אויף אַזאַ מפלה? אצינד ווייס איך ניט וואָס מען טהוט, ווען עס זאָל ניט זיין אַזאַ דוחק אויף געלד, וואָלט איך איהם בשתיקה אונטערגעשטופּט עטליכע דאָלער און זאָל ער זיך פּאָהרען געזונטערהייד, האָט ער אָבער פּונקט גע־טראָפען אין אַזאַ צרה'דיגע צייט און איך קען מיר קיין עצה ניט געבען.

אָט האָסטו זיך אַ גביר אין דער משפחה! אָט האָסטו זיך דעם רייכען פעטער מענדעל! אַז עס איז קיין מזל ניטאָ, זיינען קיין רייכע פעטערס אויך ניטאָ.

## .16

## זיין אבשניט ביי א חברה קדישא סעודה

טוביה חייקעל האט די סעודה פון ט"ו כסליו ביי איהם אין הויז, ווייל ער איז דער גבאי פון חברה קדישא. — ער מיט זיין אידענע האבען באדער און טרחה, אבער עסען ניט א לעק. — אלע עסען געבראטענע גענזלאך און פאר טוביה חייקלען פערבלייבט בלויז זויערע אוגערקעס.

י"ח כסליו, תרס"ח.

איך בין דער גבאי ראשון פון דער חברה קדישא פון מיין חברה. איך בין ערוועהלט געווארען מיט א גרויסע מאיאריטעט און איך בין שטאלץ אויף מיין עהרען־אמט.

הגם היינטיגע צייטען שפיעלט ניט א גבאי פון חברה קדישא אזא ראלע ווי אמאל, מיט יאהרען צוריק. פארצייטען פלעגט דיזען אמט בעקליידען דוקא אן איש חשוב, אן אנגעזעהענער מענש און היינט איז עס וואכעדיג געווארען, אבער וואס מאכט עס אויס? א גבאי איז א גבאי, יפתח בדורו כשמואל בדורו.

אפילו דיא חברה קדישא סעודות היינטיגע זיינען אויך ניט גלייך צו דיא אמאליגע. פון דעם ביל און פעיר פון דיא פערצייטיגע חברה קדישא סעודות, איז היינט בלויז האלב פערבליעבען. א מאל פלעגט מען מאכען סליחות פאר פאר־שפייז, תענית — פאר אן אפעטייז־דיעט, אפעטיט־גע־ריכט, הייסט עס, און נאכדעם ערשט האט זיך אנגעפאנגען דער עיקר סעודה פון געבראטענע גענזלאך, געפילטע העלדזלאך און אנדערע מאכלים; היינט אבער האט מען יענע פאר־שפייזען אויפגעגעבען, וואהרשיינליך זיינען זיי אין היינטיגע קאך־ביכער ניטא, און מען פאנגט אן דיא סעודות גלייך פון דיא געזלאך. אבער עס מאכט ניט, אהן סליחות און אהן תענית, קען מען אויך פון הונגער ניט שטארבען.

לעצטען דאנערשטאג איז געוועזן ט"ו כסלו, דער טאג אין וועלכען די חברה קדישא סעודה ווערט געפראוועט אין יעדע אידישע קהילה, לאדזש, חברה אדער סאסייעטי. אין מיין חברה איז נמנו וגמרו, האט מען אבגע־שטימט ביי א מיטינג צו בעוויליגען א געוויסע סומע אויף א סעודה פאר דער חברה קדישא און מיר, דיא חברה קדישא לייט, האבען בעשלאסען, אז דיא סעודה זאל זיין ביים גבאי ראשון, ביי מיר אין הויז, הייסט עס.

זעלבסט־פערשטענדליך בין איך געווען דער קעשיער, דער מענעדזשער און דער גאנצער מאכער און דיא איבעריגע האבען געדארפט קומען אויף אלעס פערטיגען.

צו א חברה קדישא סעודה, אויב איהר ווייסט, לאדעט מען אויך איין יחידי סגולה פון דער סאסייעטי, כאטש זיי בעלאנגען ניט צו דער חברה קדישא. איך האב זיך אלזא גערעכט אויף אן עולם פון א פאאר מנינים מענשען און געדארפט פערזארגען, אז זיי זאלען צופריעדען זיין.

גערעכט האט מען זיך ביי מיר אויף דער דאזיגער סעודה וואכען־לאנג. מיין פרוי און קינדער פלעגען עס אלע מאהל דערמאהנען און געווארט אויף דעם גליקליכען טאג אזוי וויא אויף משיח'ן. ראשית דיא עהרע, דיא בעלי־הבתים וועלען זיך אויפקלייבען און מען וועט מיר, דעם גבאי ראשון, צו־טהיילען כבוד, און צווייטענס — און דאס איז דער עיקר — וואס מען וועט כאפען א גוטען ביסען.

קאכען, באקען און בראטען צו דער סעודה האב איך בעשלאסען זאל מען ניט ביי מיר אין הויז, ניט צוליעב דעם ווייל איך האב מורא געהאט, אז מיין אידענעס ארבייט וועט אפשר אימיצען ניט געפעלען זיין. וואס אנבעלאנגט צו קיך ארבייט, בין איך גראדע מיט איהר זיכער. זיא וויעדער, דיא אידענע מיינע, וואלט זיך אויך דערפון ניט ענטזאגט. אדרבא, זיא וואלט דעם דזשאב אנגענומען מיט'ן גרעסטען כבוד — וועלכע אידענע וויל עס ניט צייגען אז זיא איז א בריה? נור היות אזוי וויא מר. מאלבינא־וויטש, דער רעסטאוראנט קיפער, איז א מיטגליעד פון אונזער פעראיין, האב איך געדענקט, אז עס איז א יושר איהם געבען א שאו. דעם כבוד וועל איך האבען און איהם דארף מען געבען עפעס צו פערדיענען. וויא זאגט איהר, ניט אזוי?

איך בין אוועק צו ברודער מאלבינאוויטש און געארדערט ביי איהם דיא גאנצע סעודה. און אין דער שמחה האב איך ניט פערגעסען אן זיך אליין און איהם געהייסען אויסבראטען פאר מיר אן עקסטרא גוטע גענזעל און אויספרעגלען א פאאר פונט גריוועז און עס שיקען גאר בעזונדער. גענ־זענע גריוועז איז ביי מיר דער לעבען מיט דער נשמה, דיא אלטע מיינע און דיא קינדער גלייכען עס אויך, האב איך בערעכענט, בשעת חדוה איז חדוה, זאלען זיי אויך וויסען, אז איך בין א גבאי.

דערלעבט וויא עס איז דאָנערשטאג. אין הויז ביי מיר איז ששון ושמחה, א קלייניגקייט איז עס? ביי נאכט וועט זיין אזא גרויסע סעודה! דיא קינדער מיינע האָבען פון גרויס שמחה כמעט פערגעסען, אז מען דארף עסען און ווען זיי האָבען זיך יא דערמאָהנט און עפּעס גענומען א ביס טהאָן, האָט דיא מוטער אויף זיי אָנגעשריען: שטאָפּט זיך ניט חזירים! און וואָס וועט איהר טהאָן ביי נאכט צו דער סעודה? דיא חברה האָבען געפּאָלגט און איבערגעקומען דעם טאָג מיט שהי פּיהי.

אין אבענד איז זיך דער עולם צוזאמענגעקומען. מר. מאַלבינאָוויטש האָט אריינגעשיקט דעם אָרדער אין א גרויסע קאָרב. דיא באָיעס וואָס האָבען דיא קאָרב מיט דיא גוטע זאכען געבראכט האָבען מיר דערלאַנגט א ביל וואָס דער רעסטאורַאנט קיפּער האָט געשיקט. דיא ביל האָב איך בעהאַלטען אין קעשענע און אָנגעזאָגט, אז איך וועל איהם מאָרגען זעהן און איך וועל איהם בעצאָהלען. וואָס מאכט עס אויס? א דאָלער מעהר, א דאָלער ווענינער, קהל וועט ניט בדלות ווערען.

איך האָב זיך גענומען צו דער קאָרב, אויסגעצעהלט דיא געבראָטענע עופות און אַנדערע זאכען אום צו וויסען וויא צו סערווירען. צווישען דעם אָרדער האָב איך געפונען א היבשען פּעקעל איינגעוויקעלט אין א פּאַפּיער. דאָס, האָב איך געוואוסט, איז מיין ספּעשעל אָרדער — דיא גענזעל מיט דיא גריוועו וואָס איך האָב דעם ברודער מאַלבינאָוויטש געהייסען שיקען עקסטרא פאַר מיר און פאַר מיין פאַמיליע. איך האָב דעם פּעקעל בעהאַלטען אין אייז־באָקס, דער עולם האָט זיך געזעצט צום טיש און איך מיט מיין אידענע האָבען זיך גענומען סערווירען.

„זעה נור, טוביה חייקעל, פערטהייל נור ניט זיך אַליין.“ — מאכט צו מיר דיא אידענע מיינע.

„זאָרג ניט, מיין ווייב“ — זאָג איך — „האָסטו שוין ווען געזעהן א סאַרווער זאָל זיך אַליין פערטהיילען? קוק און שוויינ און קלייב עולם הבא. ווען דער עולם וועט אָבעסען וועלען איך און דוא און אונזערע קינדערלאך מאכען א בעזונדערע סעודה׳לע. בעסער לייננער געוואַרט, אבי נישט גענאַרט“.

דער עולם האָט זיך גענומען טרייבערען דיא קאַטשקעס מיט דיא גענזלאך. דערווייל האָט מען זיך אַרומגעזעהן, אז ברודער מאַלבינאָוויטש

האָט פערגעסען שיקען פּיקעלס אָדער זויערע טאָמייטאָס און מען האָט גע־וואָלט שיקען עס ברייגנען. „וואָס טויג אייך דיא טרומייטערס?" — האָט זיך אָבגערופען מיין אַלטע — ביי מיר איז דאָ זויער־קרויט, רעגולע איינ־געמאַכץ, זאָג איך אייך, מיר קוויקען זיך דערמיט, נאָט עסט אייך געזונ־טערהייד, דאָס איז צעהן מאָהל בעסער וויא אייערע טרומייטערס". און ריידענדיג, האָט זי דערלאַנגט אַ פולע שיסעל קרויט צום טיש און דער עולם האָט פּשוט געלעקט די פינגער. — די אַלטיטשקע מיינע האָט געוואָלט קריגען אַ קאָמפּלימענטעל, אַז זי איז אַ בריה און זי האָט עס בעקומען.

די קינדער מיינע זיינען געשטאַנען און געשלונגען די שפּייעכץ; אָבער איך האָב זיי צום טיש ניט צוגעלאָזט. איך האָב פיינד אַז קינדער מישען זיך צווישען גרויסע. איך האָב זיי געהייסען וואַרטען ביז די אידען וועלען אוועקגעהן און דאַן וועלען מיר אַליין מאַכען אַ סעודה. דערוויילע האָב איך זיי גע'פּטר'ט מיט אַ שטיקעל ספּאָנדזש־קייק, אַ קיכעלע און זיי זיינען צופריעדען געוועזן.

אין מיטען עסען רופט זיך אָב איינער פון דיא חברה קדישא לייט: „וואָס האָט איהר עס דאָרט, ר' טוביה חייקעל, בעהאַלטען אין אייז־באָקס?" — חברה האָבען געוואָרפען אַן אויג אויף מיין בעהאַלטענעם אוצר און גע־וואָלט וויסען וואָס דאָרט איז.

„וואָס איז עס אייערע ביזנעס? — זאָג איך שטאָלץ, מעשה גבאי.

„דאָרט מוז זיין גוטע זאַכען און מיר ווילען עס זעהן" — רופען זיך אָב איינִיגע קולות. — גע'שמד'טע העלדזער דאָס זיינען, עס ווילט זיך זיי!

זאָג איך: „און אַז גוטע זאַכען, איז אַן עולה? וועל, אי עם דהי באָס און איך בין אינטייטעלד דערצו. איה"ש איבער אַ יאָהר אויב אַן אַנדערער וועט זיין ביים שיסעל, וועט זיך יענער נעהמען דעם בעסטען חלק".

קורץ דערפון, דער עולם האָט אָבגעגעסען און עס איז געוועזן לא נשאר פּרסה, אפילו אַ ברעקעל איז ניט פערבליעבען. זאָגאַר אַ שטיקעל אָדער אַ ביסעל צימעס האָב איך פערגעסען איבערלאָזען פאַר מיר און פאַר מיין פאַמיליע; אָבער איך האָב זיך וועגען דעם ניט געקימערט, פיש און צימעס עסען מיר אַלע שבת און עס איז גאָר ניט אַזאַ לאַקאָמער ביסען. זעהט איהר, מיט דער גענזעל און מיט דיא גריוועז, האָב איך זיך יאָ געוואָלט זעהן, ערשטענס בין איך געוועזן הונגעריג ווי אַ וואָלף און צווייטענס איז

דאָך ניט אַלע טאָג יום טוב און ניט אַלע טאָג עסט מען געגזלאַך מיט גריווען. אָבער איך האָב בעסער געוואָלט וואַרטען ביז דער עולם וועט אוועקגעהן, ווייל קנאַפּער עולם איז מעהר שמחה.

צו להכעיס אָבער זיינען אייניגע פון די חברה קדישא לייט פערבליע־בען. איך האָב זיי חושד געווען, אז דער ריח פון מיינע געזונענע גריווען האָט דערגרייכט זייערע נעזער און זיי ווילען אויך דערפון עפּעס געניסען. דער זייגער איז שוין 12 און יענע ריהרען זיך ניט פון אָרט. רופט מיר אָב דיא אידענע מיינע אָן א זייט און פערטרויט מיט א סוד, אז זיא איז טויט־הונגעריג און דיא קינדער האַלטען זיך אויך קוים אויף דיא פיס. זיי האָבען פון אין דער פריה אָן כמעט גאָר ניט געגעסען און שוין צייט צו נעהמען עפּעס אין מויל אריין.

בין איך זיך מיישב: וואָס האָב איך דאָ מורא צו האָבען. איך האָב פון אייז־באָקס אַרויסגענומען מיין פּעקעל, פאַנאַנדערגעוויקעלט די פּאַפּיער, ערשט אינווייניג איז א גרויסער פּייפּער־בעג. איך האָב אויפגעעפענט דעם בעג, ערשט אויבען ליגט פּיקעלס מיט זויערע טאָמייטאָס. טראַכט איך ביז זיך: גוט האָט ער געטהאָן, דער ברודער מאַלבינאָוויטש, צו א פּעטע געגזעל און קאַלטע גריווען זיינען דיא דאָזיגע זאכען וויא געוואונשען. איך האָב אָנגעהויבען אַרויסנעהמען פּיקעל פאר פּיקעל, טאָמייטאָ פאר טאָמייטאָ און אַרויסגעלייגט אויף א טעלער. דיא אידענע מיינע האָט זיך אָבער גיכער געוואָלט זעהן מיט׳ן עיקר — מיט דער געגזעל און גריווען, און זיא האָט אויסגעשריען:

„א מאַנסביל בלייבט א מאַנסביל! (אין אַן אַנדער צייט וואָלט זי געזאָגט שלים־מזל, נור פאר פרעמדע מענשען האָט זי מיר ניט געוואָלט מביש שטעלען) וואָס איז, אייער איז עס? דו האָסט מורא עס וועט זיך צוברעכען? מען נעהמט און מען קעהרט אריין דעם גאַנצען זעקעל אין שיסעל אריין און געגוג!" ריידענדיג דיעזע ווערטער, האָט זי א כאַפּ גע־טהאָן דעם בעג פון מיין האַנד. איך האָב די שיסעל אָרומגענומען מיטביידע הענד, אלס א פעסטונג, אז די פערבליעבענע חברה קדישא לייט זאָ־לען די גריווען ניט כאַפּען. די קינדער האָבען מיט נייגעריגע אויגעלאַך געקוקט ווי די מאַמע וועט עס מאַכען גיך און שאַרף, און די אַלטע מיינע האָט איבערגעקעהרט דעם בעג מיט׳ן מויל אראָב. און... פינסטער איז מיר

אין די אויגען געוואָרען, ווען מיר האָבען דערזעהן, אז מעהר ווי פּיקעלס און טאָמייטעס איז דאָרט ניט געווען. חברה האָבען זיך צולאַכט און איך האָב געמיינט, אז איך חלש פון פּעררדרוס.

איך האָב נאָכדעם אַ קוק געטהאָן דעם רעסטאָראַנט קיפּער'ס ביל און געפונען פּערצייכענט עטליכע דאָזען פּיקעלס און אַ פּאָאָר דאָזען זויערע טאָמייטאָס און צום סוף איז געווען אַ בריוועלע צו מיר, וועלכער האָט געלויטעט אזוי:

„ברודער טוביה חייקעל, גבאי ראשון של חברה קדישא, איך האָב אָנגעגרייט פאַר אייך אַן עקסטרא פעטע גענזעל מיט אַ פּאָאָר פונט גריווען; אָבער דיא פרוי מיינע ניט וויסענדיג, אז דאָס איז פאַר אייך, האָט זיא עס פערקויפט. איהר וועט זיך אַלזאָ מוזען טהיילען מיט די איבעריגע ברידער מיט דעם וואָס איך שיק אייך. מיר טהוט עס זעהר לייד, אָבער איך קען ניט העלפען."

דער סוף איז געווען, אז מיר האָבען שוין כאָטש געוואָלט איבעררייבען די צייהן מיט פּיקעל מיט ברויט, איז אָבער קיין ברויט אויך אין הויז ניט געווען און מיר האָבען זיך געלייגט שלאָפען הונגעריגע.

## 17.

## אַ מעשה מיט אַן אינדיק.

דער מזל טהוט אַ שיין אין טוביה חייקעל'ס פענסטער; אָבער ער פערשווינדעט גיך. — טוביה חייקעליכע דערשרעקט זיך פאַר אַ לעבעדיגע געווינס און עס טהוט זיך יעלות. — עס קאָסט געלד און מען האָט קיין הנאה ניט. — מען פערבעט געסט און מען פטור'ט זיי מיט אַ שטופּ אין די צייהן.

ב' חנוכה, תרס"ח.

איך האָב געפּרובט מזל, די פּראָבע איז געלונגען, נור נאָכדעם האָט זיך, ווי מען זאָגט, איבערגעריסען.

ביי מר. סאַלמאָן אין סאַלון, וואוהין איך קום אָפט אריין, האָט מען פאַר טהענקס־גיווינג דעי געראַפעלט אַן אינדיק. אַ קוואָדער אַ ראַפעל האָט גע־

קאַסט, האָב איך אויך איינגעשטעלט אַ קוואָדער אין קאָן, נאַ סטשאַסטיע, ווי אַ פּאָניע זאָגט. ממה נפשך, וועל איך קעטשען דעם זכה בגורל, איז מה טוב, און טאָמער ניט, איז אויך ניט קיין אונגליק, וואָס איז אַ קוואָדער, אַ פּוד זילבער?

דער אינדיק איז געוועזן אויסגעשטעלט אין פענסטער פון סאַלון און ער האָט זיך דאָרט געבלאָזן, דער פוסטער בעל גאוה, און געשריען „אָלדער־אָלדער" — בידנע בעשעפענים, אין גאַנצען קען מען דיר קריגען פאַר אַ קוואָדער און דו בלאָזט אַזוי פון זיך! אָבער וואָס דאַרף מען זיך חידוש'ן אויף אַ נאַרישען אינדיק, אַז צווישען מענשען זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע...

אין דער היים האָב איך ניט דערצעהלט וועגען דעם ראַפעל טיקעט וואָס איך האָב געקויפט. ווארום זאָל איך דערצעהלען? טאָמער וועל איך פערליערען, וועט מיר די אידענע מיינע יאָדען, אלא טאָמער וועל איך געווינען, וועל איך צייט האָבען שפּעטער אָנזאָגען איהר די גדולה.

געדענקט האָב איך, אַז אויב דער אויבערשטער וועט מיך בעגליקען און איך וועל דעם „אָלדערמען", דעם אינדיק, מיין איך, געווינען, וועל איך איהם לאָזען שעכטען אויף חנוכה, פערבעטען גוטע ברידער און מאַכען אַ גוטע וועטשערע לכבוד יום טוב. די קינדער מיינע זיינען שוין אפילו אַ ביסעל אמעריקאַניזירט און זיי האָבען געוואָלט האָבען אַ טוירקי לכבוד טהענקס־גיווינג דעי, כמנהג המדינה — אויך קיין עולה ניט! אויף וועמעס וואָגען מען זיצט, יענעם דאַרף מען אַ ליעדעלע זינגען, בפרט נאָך, אַז מיר אידען זיינען בערעכטיגט צום אויבען אָן פון וואָגען גלייך מיט אַנדערע; זאָבאַלד מיר געניסען די פרייהייט און גלייכהייט פון לאַנד, דאַרפען מיר זיך געוויס בעטהייליגען אין די היגע ימים טובים און אָבגעבען אַ שבח והודיה פריהער צו גאָט, נאָכהער צו קאָלאָמבוס'ען וואָס האָט דיזע לאַנד ענטדעקט; אָבער נאָך אַלעמען איז נאָך מיין שכל אויסגעקומען, אַז חנוכה איז בילכער, ווייל דאָס איז אונזער אייגענער יום טוב און איך האָב בעשלאָסען, דאָס אויב דער אינדיק וועט אַריינפאַלען אין מיין גורל, זאָל איך פון איהם מאַכען אַ סעודה לכבוד דעם אָנדענקונג פון די גבורי יהודה.

איך האָב זיך אַלזאָ יעדענפאַלס ניט געריכט צו האָבען אַ טוירקי אויף טהענקס־גיווינג דעי. וואָס טהוט אָבער גאָט? קום איך דאָנערשטאָג אַהיים און איך געפין אַ לעבעדיגע אינדיטשקע, ניט אַן אינדיטשקע ממש, נור די

אידענע מיינע איז עפּעס ברוגז געווען און זיך געבלאָזען ווי אַן אינדיטשקע. פרעג איך איהר: „אידענע, וואָס ביזטו ברוגז?" ענטפערט זי ניט. פרעג איך איהר וויעדער: „אידענע, וואָס ביזטו אַזוי פערטרויערט? דיינע שיפען אויפ'ן וואסער זיינען אונטערגעגאַנגען?" ענטפערט זי: „אַז אָך און וועה איז מיר, וואָס האָב איך זיך צו פרעהען?"

זאָג איך: „שוטה דו, אָך און וועה זאָל זיין אונזערע שונאים און דו מעגסט זיך טאַקע פרעהען. וואָס פעהלט דיר חלילה? עסען האָסטו, א דירה האָסטו און נאַקעט געהט מען חס ושלום אויך ניט, הלואי ניט ערגער כל זמן מיר וועלען לעבען. אי וואָס, ביי לייטען עסט מען היינט אינדיקעס און ביי אונז ניט, וועל, גאָט איז א פאָטער, אז ער וועט וועלען וועלען מיר האָבען אַן אינדיק אויף חנוכה". אַזוי האָב איך זיך א זאָג געטהאָן, כאָטש איך האָב שוין גאָר די האָפנונג פערלאָרען דעם אינדיק צו געווינען.

שפּאַרט אונטער מיין אַלטע דעם קאָפּ מיט ביידע הענד, קוקט אויפ'ן וואַנד און זיפצט.

— וואָס זיפצסטו, וואָס?" — פרעג איך. „וואָס דען האָסטו געוואָלט" — ענטפערט זי — „איך זאָל געהן טאַנצען? מיר טאַנצט זיך ניט. געהע, סאַלמאַן דער סאַלון קיפּער האָט דיר געלאָזט בעטען אויף א ברית. א קלאָג איז מיר, א בראָך איז מיר, וואָס איך האָב דערלעבט."

מאַך איך אין שפּאַס: „אַזוי, מיין ווייב? אָט דאָס ביזטו פערטרויערט וואָס מיסטער סאַלאמאַן מאַכט א ברית? נאַרעלע, וועסט נאָך אויך מאַכען א ברית, כדאי טאַקע צו ערגערן זיך."

זיפצט זי ווייטער, די אַלטע מיינע, און קוקט אַלץ אויפ'ן וואַנד. קלעהר איך ביי זיך: א נאַרישע אידענע דאָס איז, זי מיינט אודאי, אז מר. סאַלאמאַן האָט מיך געשיקט רופען צו איהם אויף א שמחה, בין איך אפשר חלילה א שכור און ליג שטענדיג ביי איהם אין סאַלון. גיב איך איהר צו ערקלערען, אז איך בין חס ושלום ניט קיין באָמער און זי דאַרף זיך ניט יאדען; אָבער זי טהוט זיך איהרעס, זיפצט, קרעכצט, אויקעט, ברעכט מיט די הענד און קוקט אַלץ אויפ'ן וואַנד.

בין איך זיך מישב, וואָס וועל איך דאָ האָבען ביזנעס מיט איהר? איך וועל טאַקע צוגעהן צו מיסטער סאַלאמאַן. וואָס דאָרט איז, א ברית אָדער א ברית'ניצע, וועט מען אַלץ עפּעס נעהמען אין מויל אריין און איך

וועל פערגעסען מיינע צרות. איך האָב מיין אַלטע געלאָזט זיצען א ברוגז'ע און גענומען אָנטהאָן מיינע שבת'דיגע בגדים. — עס פאסט ניט צו געהן אויף א שמחה אין וואָכעדיגע קליידער, ניט וואהר?

ווען איך האָב זיך אָנגעטהאָן האָט מיר די אַלטע נאָכגעקוקט, גע־סמאָקטשעט מיט די ליפען, געדרעהט מיט'ן קאָפּ, עפּעס ווי איינער רעדט: וואָס טהוט ער, דער משוגענער? אין מיטען דערזעה איך ווי טרעהרען ווי פּערל פאַלען פון איהרע אויגען און זי רעדט צו זיך אליין שטילערהייד:

„ער סטראָיעט זיך, דער בעל שמחה. ביטער איז מיר, פינסטער איז מיר, איך דארף עס מיט מיינע אויגען צוזעהן, מסתמא האָב איך ביים רבונו של עולם בעסער ניט פערדיענט." ווער איך אמת אין כעס, בייזער זיך אָן אויף איהר און געה אוועק. האָט איהר געהערט אויף אייער לעבען? א אידענע זאָל פון העלער הויט ברוגז ווערען און איך וויים ניט פאר וואָס און פאר ווען!

ווי איך בין אריינגעקומען צו סאלאמאן'ען, מאכט ער אזוי: שא, איהר זיינט דאָ? זאָג איך: שור בין איך דאָ. מזל טוב אייך! וואָס, טאקע היינט דער ברית?

קוקט ער מיר אָן, דער סאלון־קיפּער, און לאכט: מעהר פעהלט מיר ניט, זאָגט ער, אז מיין ווייב זאָל ערשט אָנהויבען קינדלען, ווער האָט עס אייך גע־זאָגט אזא ליגען?

די אידענע מיינע, זאָג איך, האָט מיר געזאָגט, אז איהר האָט מיך גע־שיקט רופען אויף א ברית.

לאכט ער ווייעדער, מר. סאלאמאן. די אַלטע אייערע, זאָגט ער, האָט אייך אָבגענארט. איך האָב אייך געשיקט א צעטעלע, אז איהר זאָלט קומען צונעהמען אייער געווינס, איהר וויסט אפשר גאָר ניט? נו, איך קען אייך אָבגעבען מזל טוב, איהר האָט געוואונען דעם אינדיק.

די בשורה טובה האָט מיך שטארק דערפרעהט; אבער די זאך איז מיר מעהר קשה געוואָרען. וויבאלד, אז מען האָט מיין אַלטע אָנגעזאָגט, אז איך האָב געוואונען אן אינדיק, היינט פאר וואָס האָט זי מיר געשיקט אויף א ברית, און וואָס איז זי ברוגז? געה טרעף וואָס זי האָט געמיינט דערמיט! מאַלע וואָס אַ אידענע קען איינפאַלען? וועל — האָב איך געטראַכט — אז איך וועל ברייננגען דעם אינדיק און איהר דערצעהלען, אז עס קאָסט אין גאַנ־

צען א קוואָדער, וועלען אַלע וואונדען פערהיילט ווערען און עס וועט זיין אַלל רייט.

נעהם איך מיין „אָלדערמען" און וויל געהן. שטעלען מיר אָב דער סאַלון קיפּער און נאָך עטליכע מענשען. וואָס הייסט — זאָגען זיי — ר' טוביה חייקעל, איהר וועט גאָר קיין טריט ניט געבען? קלעהר איך ביי זיך: מען קען טאַקע קיין דבר אחר ניט זיין, מען דאַרף זיי ארויסוואַרפען צו גלאָז ביער. חברה האָבען זיך אָבער מיט איין גלאָז ביער ניט בענוגענט, מען האָט אָנגעהויבען גיסען א גלאָז נאָך א גלאָז און איך האָב געמוזט בעצאָהלען א דאָלער מיט 75 סענט. קאָסט מיר שוין מיין געווינס ניט א קוואָדער, נור גאַנצע צוויי דאָלער; אָבער בעשלאָסען האָב איך ביי זיך, אז פאַר מיין אַלטע זאָל איך פון דעם טריט ניט דערצעהלען, זאָל עס הייסען, אז דער גאַנ־צער אינדיק קאָסט בלויז 25 סענט.

ווען איך בין געקומען אהיים איז שוין די אַלטע מיינע געשלאָפען. עס איז נאָך אפילו ניט שפּעט געווען; אבער די וויבער האָבען אזא נאַטור, ווען זיי זיינען ברוגז, לייגען זיי זיך פריה שלאָפען און אָפּט אָהן וועטשערע אויך. ווען איך בין אריין אין הויז, האָט זי אפּנים דערהערט און זיך א טשוכע געטהאָן. זאָג איך צו איהר: פייגע, דו שלאָפסט? איך האָב דיר גע־בראַכט א לעבעדיגע מתנה. אָבער א בחור׳על, אפשר א פּוד וועגט ער! איך האָב איהם קוים געבראַכט צו שלעפּען.

הויבט זי אָן וויינען, די אַלטע, „א קלאָג איז מיר, א בראָך איז מיר — זאָגט זי — ווי האָבּטו עס אזעלכע פערשטאָכענע אויגען און דו זאָגסט מיר אָן אזא שמחה? עס קומט דאָך מיר אוים כאָטש שפּרינג אריין אין וואַסער און דערטרינק זיך. סטייטש, דיינע ממזרים וועל איך האָדעווען?

קוק איך איהר אָן, וואָס רעדט זי, די אידענע! „וואָס — זאָג איך — „ביזט, שונאי ישראל, פון זינען אראָב? וואָס׳ערע ממזרים? דו ווייסט דאָך, אז ביי מר. סאַלאמאָן׳ען האָט מען געראַפּעלט אָן אינדיק, האָב איך איהם גע־וואונען, געה זעה אין קיטשען איז ער, אָן אינדיק, זאָג איך דיר, ווי א קאַלב, א קוואָדער קאָסט ער, לאָמיר איהם אזוי עסען געזונד, ווי א קוואָדער."

„כא, כא, כא" — צולאַכט זיך מיין אידענע — „צו מיינע שונאים׳ס קעפּ, אָן אינדיק גאָר? טפו זאָלסטו ווערען, איך האָב אויף נאָמנות געמיינט עפּעס אנדערש! טוביה חייקעלע, מיר וועלען אי"ה האָבען גוטע אייניק־

לאַך. איך שעהם זיך זאָגען, וואָס איך האָב דיר חושד געווען. הערסט דאָך, קומט צוגעהן אַ באָי און ברייננגט מיר אַ צעטעלע פון מר. סאָלאמאן דעם סאַ־לון קיפּער, איך לייען איבער, ערשט עס שטעהט דאָרט אזוי:

„מזל טוב אייך, ר' טוביה הייקעל, קומט נעהמט אָב אייער לעבעדיגע געווינס, איך וועל איהם ניט האַלטען ביי מיר אין הויז, ער פערשרייט די וועלט." נו, האָב איך געדענקט... איך וויל עס פון מיין מויל ניט ארויס־ברייננגען.

הערענדיג די דאָזיגע געשיכטע, האָב איך זיך אויך צולאַכט און מיר האָבעןביידע געלאַכט אפשר אַ האַלבע שטונדע נאָכאַנאַנד.

רייד איך אָב מיט מיין אידענע, אַז מיר זאָלען דעם אינדיק האַלטען ביז זאָנטאג, און דאַן וועלען מיר איהם שעכטען, פעררופען פריינד און בעקאַנ־טע און מאַכען אַ „פּאַדי" לכבוד חנוכה. איז איהר מיין עצה געפעלען גע־וואָרען און אזוי איז עס פערבליבען.

פרייטאָג האָב איך אין אַ ווינקעל אין קיטשען געמאַכט אזוי ווי אַ שטייג פון ברעטלאַך און דאָרט אונזער „אַלדערמען" פערזעצט איבער שבת.

שבת האָב איך אָנגעזאָגט צו פריינד און לאַנדסלייט, אַז זיי זאָלען זאָנ־טאג קומען, ווייל אַ גאַנצער אינדיק וואַרט פאַר זיי און מען וועט לעבען אַ גוטען טאָג. און דער עולם האָט געזאָגט, אַז מען וועט זיך ניט לאָזען בעטען.

דערלעבט ווי עס איז זאָנטאג, איך האָב דעם אינדיק אוועקגעטראָגען צו אַ שוחט און געקוילעט. איך האָב מיין אידענע געזאָגט, אַז עס וואָלט גע־ווען גלייך צו קויפען אַ פּאַאַר באָטעלס וויין צו דער סעודה — צו אינדיק פּאַסט זיך אַ גלעזעל וויין, און זי האָט ניט געהאַט דאַגעגען.

הכלל, די אַלטע מיינע האָט דעם אינדיק אָבגעפליקט, נעטהאָן איהם זיין רעכט ווי מען דאַרף, ענדליך ווען זי האָט איהם גענומען כשר מאַכען, ערשט אַ קלאָג, אַ צרה, אַ נאָדעל אין פּופּיק! איך בין געלאָפען צו אַ רב פרעגען אַ שאלה און... דער אינדיק איז טריף געוואָרען.

דער דאָזיגער אונגליק האָט אונז אזוי ווי אַ דונער דערשלאָגען, אָבער וואָס קען מען העלפען? טריף, איז טריף.

ביי נאַכט איז דער עולם געקומען מיט ליידיגע מאָגענס. זיי האָבען

זיך נעבאך געריכט אויף א גוטען מאהלצייט, לסוף איז די שמחה פערשטערט געוואָרען.

כאָטש עס איז אונז געווען ביטער אויף די הערצער, פון דעסטוועגען אוועקלאָזען מענשען גלאַט אזוי פאַסט דאָך ניט, האָט די אידענע מיינע אַנשטאָט אינדיק געמאַכט רעטשענע לאַטקעס און אָנשטאָט וויין, האָט מען פערטרונקען מיט קאָלאָמביא טהעע און דערמיט האָט זיך די פּאַרטי גע־ענדיגט.

---

.18

## א שלים־מזל'דיגער פּאָוקער.

טובית חייקלען פערגלוסט זיך מאַכען א קערטעל לכבוד חנוכה. חברת סטראָיען אַן א קלוגען שפּיטצעל צו פערבלאָפען מיסים טובית חייקעל, אז זי זאָל גאָר ניט וויסען וואָס איהר מאָן מאַכט א „גיימקע"; אָבער זי פּאַקט איהם ביי דער האַנד און גראַדע דאמאָלס ווען ער האָט דריי טייז. — רמזים מכח קאָרטען פון אַ גוטען אידען און פון טוביה חייקלען אליין.

---

ה' טבת, תרס"ח.

אמר טוביה חייקעל, טוביה חייקעל האָט געזאָגט: אז עס געהט ניט, געהט ניט מיט אַלעמען, אפילו אין קאָרטען אויך ניט, ווייל בתר עניא אזיל עניותא, נאָך אַן אָרימאַן שלעפּט זיך די אָרימענשיכע, מיין איך דער שלים־מזל, און ווען ער טרעפט איהם ביים קארטען טישעל, מישט ער זיך אריין גראָדע דאמאָלס ווען ער האָט א גוטע קאָרט און ער שלאָגט איבער אין מיטען. דבר זה, די דאָזיגע זאַך וויים איך פון מיין אייגענע פּראַקטיק און איך וועל עס אייך דערצעהלען, נור פריהער א שטיקעלע הקדמה.

א רב אָדער א גוטער איד האָט א מאָל געזאָגט, אז קאָרטען שפּיעלען איז א געוואַלדיגער חטא. קארטען — האָט ער געזאָגט — איז אַ מין קליפּה, רחמנא לצלן, און דער וואָס לאָזט זיך אריין אין דעם, ווערט פערשלעפּט אין די מ"ט שערי טומאה. והראיה, אז דאָס וואָרט „קרטן" (לויט די ספּעלינג פון די מאָדערנע העברעער) איז בגמטריא „שטן" — „קרטן" בעטרעפט 359 און „שטן" בעטרעפט אויך אזוי פיעל.

אַ געווייסער אפיקורס ווידער האָט געזאָגט, אז אַ גאַנץ יאָהר ווי אַ גאַנץ יאָהר, אָבער חנוכה מעג מען מאַכען אַ קערטעל און ניט נור איז דערויף קיין איסור ניטאָ, זאָנדערן עס איז נאָך אַ מצוה, אַזוי גוט ווי בענשען חנוכה־ליכטלאך, והראיה, אַז דאָס וואָרט „קרטן" (אויך נאָך דער מאָדערנער ספּעלינג) איז בגמטריא „בנר חנוכה".

ואני בעניי, און איך שלים־מזל'דיגער טוביה חייקעל, אַז מיר האַלטען שוין יאָ ביי גמטריאות, וועל איך אייך צייגען אַ רמז פאַר וואָס מען דאַרף חנוכה עסען לאַטקעס, ווייל דאָס וואָרט „לטקס" (אויך מאָדערנע אויסגעלייגט) איז בגמטריא „נס חנוכה", אויב איהר גלויבט מיר ניט, רעכענט עס איבער.

אָבער ניט דאָס בין איך אויסען. לאַטקעס, אויב נור גוטע און פעטע, דאַרף מען זיכער עסען גאָר אָהן שום רמזים און גמטריאות. דער עיקר וואָס איך וויל אייך דערצעהלען איז, דאָס איך האַלט אַ ביסעל מיט'ן אפיקורס, דאָרום האָב איך שבת נאַכט לכבוד די לעצטע ליכטעל געכאַפּט אַ קערטעל און מעגליך, אַז דערפאַר טאַקע האָט מיך גאָט געשטראָפט און איך האָב געכאַפּט אַ מיאוס'ע מפלה.

קאָרטען שפּיעלען איז אַ זאַך וואָס מוז געטהאָן ווערען בצנעה, אין בעהעלטענים, ווייל עין הרע איז אין דעם זעהר שולט. איבערהויפּט איז אַ ווייבערשע אויג דאָס רוב זעהר שעדליך דערצו. ערפאַהרענע מענשען זאָגען, אַז ווען די ווייב וואַרפט אַן אויגעל, ווערהרענד דער מאַן איז בעשעפטיגט אין אַ „גיים", קען ער שוין אפילו מיט פיער טייז אויך ניט געווינען און ער דאַרף נאָך דאַנקען גאָט, אַז ער געהט אַרויס מיט גאַנצע ביינער... אַזאַ טריפה'נע גבורה האָבען זיי, די ווייבער. נאַטירליך האָבען ניט אַלע חוה'ס טעכטער אַזעלכע בייזע אויגען; אָבער מעהרסטענטהייל דאַרף מען זיך פאַר זיי היטען אַזוי ווי פאַר פייער.

מיין אַלטע, האָב איך חושד געווען, איז אויך פון די וואָס קענען שאַדען ברייגנען אין קאָרטען שפּיעל. איך האָב דאָרום גאַנץ חנוכה געזוכט אַ געלעגענהייט צו שפּיעלען אַן אָקע אָדער אַ פּאָוקער בלא יודעים, אַז זי, די איידענע מיינע, זאָל ניט וויסען; אָבער עס האָט זיך גראַדע אַזאַ געלעגענהייט ניט געמאַכט.

שבת אבענד נאָך הבדלה און נאָך חנוכה ליכט בענשען, ווען איך האָב

זיך שוין אין גאַנצען געהאַט מיאוס געוועזען פון כאַפּען ערגעץ אַ קערטעל לכבוד חנוכה, קומט מיין לאַנדסמאַן'ס מר. געמבעלמאַן'ס אַ באַיטשיק און זאָגט צו מיר בזה הלשון: „פּאַפּאַ האָט געבעטען איהר זאָלט קומען. ער האָט פערלאָרען אַ האַנד און ער דאַרף אייך נויטיג האָבען." איך האָב פערשטאַנען, אַז דאָס מיינט מען אַ „האַנד" צו פּאָוקער און איך בין העכסט צופריעדען געוועזען.

ביי יענעם לאַנדסמאַן מיינעם האָט מען שטענדיג געהאַקט אין פּאָוקער אויף וואָס די וועלט שטעהט, דאָס האָב איך פריהער אויך געוואוסט; אָבער געהן אָנבעטען זיך אויף דער חתונה האָט מיר ניט געפּאַסט. דער „סעט" איז דאָרט אימער געוועזען פערפולט און מען האָט זיך ניט גענייטיגט אין „הענד", היינט ווי קומט מען גלאַט צו יענעם זיך אָנבעטען, נעהמט מיר אויך אריין אין חברה? ווען אָבער מען האָט דאָרט אַ „האַנד" פערלאָרען — וואהרשיינליך, ווייל עס פּאַסירט אָפט ביי קאָרטען — און מען האָט מיך געשיקט רופען, האָט עס מיר געפרעהט, זעהר געפרעהט.

איך האָב אויך געוואוסט, אַז דאָרט שפּיעלען ניט קיין פּראָסטאַקעס, נור איידעלע מענשען, וואָס פערשטעהען די שוואַרצע פינטעלאַך, ווייל די פּאָוקער־גיים געהט דאָרט אָן אויף לשון הקודש. די מעשה דערפון איז אַזוי:

מר. געמבעלמאַן'ס פּלונית'טע איז שוין געוואָהנט צו די צרות, זי שטערט ניט איהר מאַן, זי לאָזט איהם שפּיעלען פּאָוקער און האַלט פּיסק, האָט איהם אָבער גאָט צוגעשיקט אַן אַנדערע שטערערין — די אַלטע, בלינדע מוטער זיינע, וועמען ער האַלט ביי זיך אין הויז, ווייל ער ערוואַרטעט צו ירש'ענען איהרע קניפּלאַך.

איינרייסען מיט דער „פּליאַגע" — ווי ער רופט איהר — וויל ער ניט; ערשטענס, ווען זי וועט זיך חס ושלום דערוויסען, אַז דער תכשיט איהרער שפּיעלט אין קאָרטען, וועט זי איהם איינצאָהלען אַ פּאַרציע, אַז עס וועט איהם זיין פינסטער און ביטער. ביי איהר איז רעכט צו מביש שטעלען איהם פאַר מענשען און מאַכען אַזוי, אַז ער זאָל ניט קענען ווייזען די אויגען פאַר גוטע ברידער. והשנית: וואָס טהוט מען, אַז עס פערדרעהט איהר דער שגעון און זי שענקט אַוועק איהר פערמעגען אויף אירגענד וועלכען אַנשטאַלט? שטאַלט?

זייענדיג אַ גמרא־קעפּעל פון דער היים, איז דער לאַנדסמאַן מיינער

געפּאַלען אויף אַן המצאה, אַז מען זאָל ביים קאָרטען שפּיעלען רעדען לשון הקודש ווערטער, כדי די „פליאגע“ זאָל מיינען, אַז מען לערענט.

דער איינפאַל האָט זיך איהם איינגעגעבען און יעדע נאכט פלעגט מען דאָרט מאכען א פּאָוקער הגדול; אָבער אַנשטאָט צו ריידען און אמפּערן זיך אין פליין קאָרטען שפּראַך, האָט מען גערעדט לשון הקודש.

ווען דער באָיטשיק איז מיר געקומען רופען, איז די אידענע מיינע ניט געווען אין דער היים. זי איז ערגעץ אוועק צו גאַסט און האָט זיך פערזאמט ביז שפּעט אין אבענד. איך האָב זיך ניט געקענט דערוואַרטען ביז זי וועט קומען און איך בין אוועקגעגאַנגען. — וואָלט איהר געהאַט געדולד צו וואַרטען, ווען איהר זאָלט וויסען, אַז א פּאָוקער הגדול וואַרט אויף אייך? און נאָך אַזא אמוזירענדער פּאָוקער, אויף לשון הקודש!

הכלל, איך בין געקומען אהין און מען האָט גענומען רייבען די גיים. 5 סענט „לימיט“ האָט מען געשפּיעלט. אַז איך האָב פערשפּילעט גיים נאָך גיים, דאַרף איך אייך ניט דערצעהלען, — וואָס דען? טוביה חייקעל וועט געווינען? אָבער א ביסעל „פאַן“ האָב איך געהאַט. שטעלט זיך פאָר אַזא מין פּאָוקער:

איינער זינגט אוים מיט א גמרא ניגון: „אני ראשון“ (איך בין פּוירסט). רער צווייטער ענטפערט: „שלשה אבות“ (3 קינגס), א דריטער שרייט: „מי ידמה לך, מי ישוה לך ומי יערך לך (3 טייז). נאָך איינער ברומט צו מיט אַן איכה ישבה ניגון: „בתולות בערי יהודה“ (קווינס). אַן אַנדערער ווידער ליאַרעמט „גדול הבית הזה“ (א פולע הויז איז גרעסער). און נאָך איינער אמפּערט זיך: „הכל ממין אחד“ (פלאַש). און נאָך אַזעלכע און עהנ־ליכע פּראַזען, און די אַלטע, בלינדע מאַמע זיצט אין קיטשען ביים אויווען, הערט זיך צו אַלעם צו און פון איהרע בלינדע אויגען פליסען פריידען־טרעהרען.

„מיר פאַר זיין קאָפּ, מיין טהייערע פויגעלע“ — רעדט זי צו זיך אַליין — „האָרעוועט נעבעך א גאַנצען טאָג און ביי נאכט זיצט ער און לערענט די הייליגע תורה. מיין נחת, מיין קרוין, מיין נשמה, ניט פערשטערט זאָל ער מיר ווערען, טאַטע זיסער.“

ווי זאָגט איהר, הא? ניט קיין שלעכטער אמיוזמענט, האָט זיך אָבער

אריינגעמישט דער שלים־מזל, צושטערט די גאנצע שמחה און דעם גרעס־טען פסק האָב איך געכאפּט.

ווי מיר זיינען אזוי געווען פערטיעפט אין גיים, לויפט פּלוצלונג אריין מיין אידענע א פערסאָפּעטע, קוים וואָס זי האָט דעם אָטהעם געכאפּט און ווי זי האָט אונז חברה דערזעהן זיצענדיג ביים טיש מיט די קאָרטען אין די הענד, האָט זי זיך פערנאנדערגעלאָזט אויף'ן אויבער־קול מיט פאָלגענדען מענה־לשון:

„אין קארטען שפּיעלט מען גאָר? מיט'ן מלאך המות זאָלען מיינע שונאים שפּיעלען! אבי איך לויף אָהן א נשמה געוואָהר ווערען וואָס מיסטער געמבעלמאן מאכט! איך בין געקומען אהיים דערצעהלען מיר די קינדער, אז מיסטער געמבעלמאן'ס באָיטשיק האָט געזאָגט, אז זיין פּאפּא האָט פערלאָרען א האנד, האָב איך געמיינט אפשר חלילה ערגעץ איבערגעפאָהרען אָדער אין שאפּ א האנד צובראָכען, לסוף איז מען אלע געזונד ווי אייזען און מען שפּיעלט גאָר אין קאָרטען! טפו זאָלט איהר ווערען, קארטאָזשניקעס, צו אייערע קעפּ, צו אייערע הענד און פיס, צו אייער לייב און לעבען."

„און דו, כל־בו'ניק איינער" — האָט זי געזאָגט ווענדענדיג זיך צו מיר — „מעגסט זיך ריכטען אויף א גאָב וואָס דו האָסט נאָך כל זמן דו לעבסט ניט געהאַט. ווארט, ווארט, איך וועל דיר שוין איינצאָהלען א פּאָרציע, דער לעצטער מאָל וועט דיר שוין זיין אין קאָרטען שפּיעלען!"

איך האָב ניט געוואָלט ווארטען אויף כבוד און זיך אָנגעהויבען פּאמע־לאך ארויסרוקען; אָבער מר. געמבעלמאן'ס בלינדע מאמע האָט מיר פער־שטעלט דעם וועג און מיט א ברום אָנגעהויבען דרעשען איבער מיין קאָפּ. מיינען האָט זי זיכער געמיינט איהר קדיש דערפאר וואָס ער האָט איהר אזוי מיאוס געבלאָפט, אָבער געטראָפען האָט זי מיך און שיער מיינע אויגען אויסגעפּאָרקעט.

אז איך האָב אין דער היים געכאפּט א שווארצען סוף פון מיין אידענע, פרעשטעהט איהר דאך מסתמא אליין. אז איך האָב שעהנע עטליכע סענט פערשפּיעלט, דארף איך אייך ניט דערצעהלען; אָבער דאָס אלעם אארט מיר ניט זעהר פיעל. מעהר פון אלעם פערדריכט מיר, וואָס פונקט דאמאָלס, ווען מיין אלטע איז אָנגעקומען, האָב איך געהאט דריי טייז און מיין לאנדס־מאן האָט מיך געבלאָפט מיט א פּאָאר דזשעקס — שאדע בנאמנות, איך האָב

געהאַט אַ געלעגענהייט צו שינדען פון איהם אַ פעל, ווען דער שטן זאָל זיך ניט געווען אריינמישען.

---

.19

## ער ווערט אַ גראָסערי־מאַן.

טוביה חייקעל קויפט אַ פּערטיגען געשעפט מיט סחורה און קאַסטאָמערקעס. — אַ מעשה מיט שליסלען, גנבים און אַ פאָוקער גיים. — ער האָט געוואָלט זיין אַ העלד און געבליבען אַ נאַר. — די פּפליכטען פון אַ גראָסערי־מאַן און וואָס ער איז מחויב צו טהאָן פאַר זיינע קאַסטאָמערקעס.

---

י"ג טבת, תרס"ח.

איהר קענט מיר, פריינדע, גראַטולירען. איך בין געוואָרען מיט מזל אַ גראָסערי מאַן אין סאַמע אידישען סענטער. ווינשט מיר, אז עס זאָל זיין מיט גליק.

די ביזנעס האָב איך געקויפט אַ פאַרטיגע זאַך. אַן איינגעפּיקסטע סטאָר מיט איינגעטרייטע קאַסטאָמער, טאַקי וויא מען זאָגט: אַ געבראָטענע טייבעלע. איך האָב גאָר ניט וואָס צו טהאָן, נור זיצען און לייזען געלד.

דער פריהעריגער גראָסערי מאַן, ביי וועמען איך האָב די ביזנעס איבערגענומען, האָט מיר איבערצייגט שוואַרץ אויף ווייס, אז דאָס געשעפט איז אַ גוט שטיקעל ברויט, אַ גאָלדענע פינגערל איז עס; אָבער אויב עס וועט ווירקליך זיין אַ גליק אָדער חלילה אַ שטריק, ווייס איך נאָך נישט.

אַנגעגעבען האָט מיר דער מוכר אַ קימא לן פון פיערציג סטעדי קאַסטאָמערס, אזוי האָט ער מיר געצייגט בפירוש פערשריעבען אין זיין בוך. 20 פון די קאַסטאָמערס האָבען געהאַט פערשריעבען גאַנצע בלעטער, ווייל זיי נעהמען אויפ'ן „ביכעל", אויף באָרג הייסט עס, און די אַנדערע 20 זיינען בלויז געווען פערשריעבען די נעמען, ווייל — האָט ער מיר ערקלעהרט — יענע צאָהלען שטענדיג קעש מאַני. די קאַסטאָמערס וואָס נעהמען אויפ'ן „ביכעל" האָב איך ביי איהם אָבגעקויפט, עס הייסט איך האָב איבערגענומען זייערע חובות אויף זיך און איהם איינגעצאָהלט מזומן. דיעזע האָט ער מיר

פאַרמאַלגע איבערגעגעבען, און די קעש קאַסטאָמערס, האָט ער געזאָגט אוים־וועניג, אז ער שענקט מיר זיי אוועק אַלס פּרעמיום, אַלס צוגאָב צו דער גאַנצער קניה.

רעכענענדיג אפילו אויף קליין־געלד, אז יעדער קאַסטאָמער זאָל געבען צו לייזען פינף דאָלאר אַ וואָך, איז דאָס אויך אַ חשבון פון 200 דאָלער אַ וואָך און פון אַזאַ פּדיון קען מען דעם מאָגען ניט קאַליע מאַכען.

אַזוי האָב איך און מיין אידענע אויסגע־חשבון'ט. אָבער דערווייל האַלט עס נאָך ווייט דערפון, פּיעלייכט וועט זיך שפּעטער פּערבעסערען. אויף מיין מזל זיינען די קעש־קונדען אָבגעשניטען געוואָרען אַזוי ווי מיט אַ מעסער און אפילו אַ פּוס זייערע שמעקט ניט אריין צו מיר אין סטאָר. איך וואָלט זיי געגאַנגען בעטען, אַז זיי זאָלען מיר געבען אַ שאַנס, אָבער ווער ווייסט וואו מען זוכט זיי? והשנית וואָס פאַר אַ טענות קען איך צו זיי האָבען? איך האָב עפּעס געלד בעצאָהלט פאַר זיי?

די אידענע מיינע זאָגט, אז דער פערקויפער האָט מיך געבלאָפט, ער האָט זיך אָנגעשריעבען נעמען סתם אַזוי אין דער וועלט אריין און מיך איינגעשמועסט, אז דאָס זיינען זיינע קאַסטאָמער. איך ווייס מיינט איהר? אפשר איז זי טאַקי גערעכט.

די מיסעסען וואָס נעהמען ביי מיר אין גראָסערי קען איך שוין אויס־געבונדען. איך געדענק זייערע נעמען אויסענווייניג און ווייס וואו יעדע פון זיי וואָהנט. די מענער זייערע קען איך קיין איינציגען ניט, ווייל איך האָב מיט זיי קיין ביזנעס.

ווי צו בעהאַנדלען מיינע קאַסטאָמערקעס, אַז זיי זאָלען זיין צופריעדען ווייס איך אויך. די הויפּט־קונץ פון אַ גראָסערי־מאַן איז ניט צו קענען וועגען און מעסטען — ניט דערוועגען און ניט דערמעסטען איז מעהר קונסט; אָבער דערצו בין איך נאָך ניט איינגעטרייט. וואָס אַנבעלאַנגט אָבער די אַנדערע זאַכען, בין איך אַ ביזנעס־מאַן פוירסט קלעס.

פרויען, ווייס איך, האָבען ליעב אַ חניפה'לע, אַ קאָמפּלימענטיל און איך זשאַלעווע זיי עס ניט. אַ פרוי וואָס לויבט איהר בייבי און דערצעהלט שטענדיג זיינע חכמות, ווייס איך, אז מען דאַרף איהר צו יעדער אָרדער געבען אַ צוגאָב אַ צוקער־לעקאַך אָדער אַן אַנדער נאַשעריי אַלס אַ פּרעזענט פאַר איהר „נייס ליטל דאָל". איך ווייס ניט מיט וואָס פאַר אַן אויסדרוק

און מיט וואָס פאַר אַ ניגון צו מאָהנען געלד. קודם מוז איך זיך אַליין אַ קיטצעל טהאָן אונטער'ן אָרעם, און אַרויסרופען ביי זיך אַליין אַ שמייכעל, כדי עס זאָל חס ושלום ניט אויסזעהן, אַז איך מאָהן צו שטרענג, און ווען איך בעקום אַ תשובה אַז איך קריג עס ניט, דאַרף איך זיך נאָך אַ מאָהל אַ קיטצעל טהאָן און זאָגען: „מיסעס סאָ ענד סאָ, אַ דאַנה האָב איך, הלואי וואָלט איך געהאַט אַ סך אַזעלכע קאָסטאָמערס וויא איהר, וואָלט איך שוין גאָר ניט געזאָרגט.“

אָט אַזוי מוז מען כמעט יעדער איינער זאָגען און אַלעס גוטמוטהיג, מיט אַ שמייכעל, עס זאָל אויסזעהן, אַז מען זאָגט עס אין שפּאַס. קיין ערנסטע אָדער שטרענגע מינע טאָר מען פאַר זיי דאָס רוב ניט צייגען, און אויב עס דריקט עפּעס אויפ'ן הארצען, ווען מען דאַרף סעטלען בילס אָדער אריינגעהמען וואָארע און עס פעהלען אוים די קלינגערס, מוז מען די צרות בעהאַלטען אונטער'ן ארבע כנפות, ווען ניט, ווערען מאנכע קאָסטאָמערקעס ברוגז און געהען אוועק אין אַן אַנדער גראָסערי.

איך וויים גוט מיין פּפליכט, אַז איך דאַרף אָפּט זיין אַ וואַטשמאַן ביי מיינע קאָסטאָמערקעס. אַ גראָסערי דיענט דאָס רוב פאַר אַ סטאָריידזש, וואו די ווייבער ליגען אָב זייערע פּעקלאַך וואָס זיי ברייגגען פון סטריט. איינע האנדעלט איין פיש און זי דאַרף נאָך ערגיץ געהן, לאָזט זי עס איבער אין גראָסערי ביז זי וועט קומען. אַ צווייטע לאָזט איבער איהר אָרדער פלייש אָדער אַ טשיקען וואָס זי האָט איינגעקויפט אויף שבת; אַנדערע ברענגען געשיר, שניט סחורה און שאר ירקות און לאָזען עס איבער אויף אַ וויילע, וויל זיי פוילען זיך צו קריכען די שטיגען און עס אַרויפטראָגען. מאנכע ברייגגען שווערע פּעקלאַך און לאָזען עס איבער אין גראָסערי ביז די מענער זייערע קומען און נעהמען עס ארויף.

אין דער פריה איז שטענדיג אַ סדרה מיט פּעילס, שיסלען און באַקסעס. די מיסעסען טראָגען אַרונטער די שמוץ און פאַר איין וועגס כאָפּט מען זיך אריין צום בוטשער אָדער מען שטאַטעט אָב אַ וויזיט די פּושקאַרט פּעדלערס, ניט מען דערווייל די כלים פון די שמוץ אָב אַ קוואָרטיר אין גראָסערי.

היינט דאַרף אָפּט אַ גראָסערי דיענען אַלס אַ באַרן פאַר בייבי־קערידזשעס. אַרויפטראָגען אַ בייבי קערידזש נאָך יעדען מאָהל וואָס מען

פיהרט דורך דאָס קינד, איז אַ שווערע מלאָכה, לאָזט מען עס איבער אין גראָסערי. הייגט שליסלען זייגען אין אַ גראָסערי פאראן גאנצע באַנטשעס. ווען די מיסעסען געהען אוועק אין סטריט, לאָזען זיי איבער די שליסלען ביים גראָסערי מאן און דער גראָסערי מאן מוז היטען, אז אַלעס וואָס ווערט איבערגעגעבען אונטער זיין השגחה, זאָל זיין גאנץ, קיין זאך זאָל ניט פעהלען.

אָט די אַלע כּללים ווייס איך און היט זיי אָפּ פּינקטליך, ווייל מיט קאָסטאָמער טאָר מען ניט איינרייסען.

פאר שבת דאָנערשטאָג האָט מיט מיר פּאסירט אַ שטיקעל עקסידענט. איך זיץ מיר אזוי אין גראָסערי, קומט אריין אַ מאן און דערלאַנגט מיר אַ באַנטש שליסלען. „פּליז", זאָגט ער — „הענגט עס אויף ערגיץ און ווען מיין פרוי וועט קומען זאָלט איהר עס איהר אַוועקגעבען". ווער איז אייער פרוי? — פרעג איך. „סטייטש — זאָגט ער — איהר קענט איהר ניט? די מיסעס סיימאָן פון דריטען פלאָר. זי איז דאָך אייערע אַ קאָסטאָמערקע". נעהם איך ביי איהם צו די שליסלען און הענג זיי אויף אַ טשוואָק.

דער מיסעס סיימאָן קען איך גאנץ גוט. זי איז אַ גוטע קאָסטאָמערקע, הלואי האָב איך אַ סך אזעלכע; איהם אָבער האָב איך קיינמאָל ניט געזעהן, דער גוטער יאָהר ווייסט זיי, די מענער, ניט זיי קומען צו מיר, ניט איך געה צו זיי.

אין אַ ווייל'ע ארום קומט דער מר. סיימאָן ווידער אריין און זאָגט צו מיר: „די אידענע מיינע האָט מיטגענומען דעם פּאקעט־בוך און איך דארף נויטיג האָבען פינף דאָלער, קענט איהר עס מיר פיעלייכט באָרגען ביז זי וועט קומען?" קלעהר איך ביי זיך: פאר וואָס ניט טהאָן אַ טובה אַ קאָס־טאָמער? די מיסעס סיימאָן, זעהט אויס, איז גוט אָב. זי דינגט זיך ניט, ווי אנדערע קושענירקעס, הלואי נעהמט זי נור אַ סך, וואָלט איך איהר גע־באָרגט מיט'ן גרעסטען פערגעניגען, הייגט וואָס האָב איך דאָ מורא צו האָבען? איך האָב איהם געגעבען אַ פינף דאָלער ביל און ער האָט מיר בעדאנקט און איז אוועקגעגאנגען.

עס איז שוין נאכט; עס איז שוין שפּעט אין אָבענד און מרס. סיימאָן קומט ניט נאָך די שליסלען. עס איז שוין זייגער עלף, שוין צייט צומאַכען די סטאָר און מרס. סיימאָן איז אַלעס ניטאָ! שלעכט, וואָס טהוט מען? פערשליסען די סטאָר? טאָמער קומט זי אָן, וועט דאָך איהר אויסקומען

נעכטיגען אין סטריט. ער איז אפשר ערגיץ אוועקגעפאָהרען און ווער ווייסט ווען ער וועט קומען, וועט זי דאָך גאָר ניט וויסען וואו איהרע שליסלען פון הויז זיינען. הכלל, מען קען דאָך אַ קאָסטאָמערקע ניט לאָזען אין אַזא קעלט נעכטיגען אין סטריט, בין איך געזעסען אַ משמר און געהיט מרס. סיימאַן׳ס שליסלען.

דער זייגער איז שוין צוועלף און פון דער מיסעס סיימאַן איז נאָך קיין זכר ניטאָ! אַ דערפראָרענער, אַ שלעפעריגער בין איך ווייטער אין געהאקטע ליידען געבליעבען זיצען אין סטאָר און ווען איך האָב דערהערט טריט אויפ׳ן סיידוואָק, בין איך ארויסגעגאנגען זעהן אפשר איז זי דאָס; אָבער אַ נעכטיגער טאָג! צעהנדליגע מענשען זיינען דורכגעגאנגען און די מיסעס סיימאַן איז אַזוי ווי אין וואסער אריין.

ארום אַ זייגער צוויי בין איך ארויס אין סטריט זעהן אפשר געהט זי, איך טהו אַ קוק אין דער הויך, ערשט ביי דער מרס. סיימאַן אין פראָנט־רום איז ליכטיג! וואונדער איך זיך, ווער קען דאָס דאָרטען זיין? קיין באָרדערס וויים איך האלטען זיי ניט און זיי אַליין זיינען ניטאָ, די שליסלען זייערע זיינען דאָך ביי מיר, מסתמא — טראכט איך — גנבים ליידיגען דאָרט אויס די ביורא. הכלל, וואָס זשע טהוט מען? בין איך געלאָפען און אויפגעוועקט דעם הויז־קיפּער. ניט טויט־ ניט לעבעדיג איז דער הויז־קיפּער אויפגע־שטאַנען און איז געלאָפען ברייננגען אַ פּאָליסמאַן.

קיין גרויסען רעש האָב איך ניט געוואָלט מאַכען, כדי די גנבים זאָלען ניט דערהערען און מאַכען פּליטה. איך האָב זיך אוועקגעשטעלט אין האָלל ביים טיהר און געוואָרט טאָמער וועלען זיי ארונטערגעהן איידער אַ פּאָליס־מאַן וועט אָנקומען, וועל איך כאַטש איינעם פון זיי קעטשען.

אין אמת זאָגענדיג, האָט מיר דער פּופּיק געציטערט, וואָס טהוט מען, טאָמער האָבען זיי אַ רעוואָלווער און שיסען אויס? אָבער דער געדאנקען, אַז אויב מיר וועט געלינגען זיי צו פּאַקען, וועל איך זיין אַ העלד און וועל ווערען פּאָפּולער, האָט מיך געשטאַרקט און איך האָב אויסגעקוקט, אַז די גנבים זאָלען וואָס פריהער ארונטערגעהן, כדי איך זאָל זיך אויסצייכענען מיט מיין העלדענשאַפט.

איך האָב מיר פאָרגעשטעלט ווי אויף מאָרגען וועט זיין בעשריעבען אין די פּייפּערס, אַז צו פערדאנקען די מוטהיגקייט און העלדישקייט פון טוביה

חייקעל דעם גראָסערי מאַן, געפינען זיך ערשט געפּעהרליכע רויבער ביי די פּאָליציי אין די הענד. דערביי וועט זיין בעשריעבען די גאַנצע געשיכטע ווי איך האָב זיך פערשטעקט אין האָלל און די באַנדיטען געפּאַקט און א וועלט מיט מענשען וועלען עס לייענען. די גאַנצע געשיכטע ווי עס וועט זיין געדרוקט און די פּייפּערס האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיינע אויגען, און איך האָב פון זיך אַליין אַנגעקוואָלען.

די גנבים זיינען אָבער ניט ארונטערגעגאַנגען ביז דער הויז־קיפּער מיט עטליכע פּאָליסלייט זיינען אָנגעקומען. טראַכט איך מיר: סיי ווי סיי קומט מיר דער קרעדיט און מיין נאָמען וועט זיכער זיין דערמאָהנט אין די צייטונגען, מען וועט מיך אַזוי אויך אָנרופען העלד, איך וועל ווערען פּאָפּולער און פּאָפּולער זייט שאַדעט קיינמאָל ניט צו ביזנעס.

קורץ דערפון, דער הויז־קיפּער, די פּאָליסלייט און איך זיינען אַלע ארויפגעלאָפען אויפ׳ן דריטען פלאָאָר, בלויז איין פּאָליסמאַן איז געבליבען שטעהן אונטען צו וואַטשען טאָמער לויפען ארונטער די רויבער דורכ׳ן פייער עסקייפּ.

די טהיר פון מר. סיימאָן׳ס הויז איז געווען געשלאָסען און ווען א פּאָליסמאַן האָט די טיהר א שטויס געטהאָן, האָט אימיצער פון אינסייד געפרעגט: הו איז דהער? דער פּאָליסמאַן האָט קיין אנטוואָרט געגעבען. ער האָט מיט׳ן אקסעל א שטאַרקער שפּאַר געטהאָן די טיהר און זי האָט זיך געעפענט.

מיר זיינען אַלע אריין אין הויז און געטראָפען עטליכע מענשען זיצענדיג ביים טיש מיט קאָרטען אין די הענד. די לייטע, ווי עס האָט אויסגעזעהן, האָבען זיך אפילו א ביסעל דערשראָקען, אָבער זיי האָבען זיך ניט געריהרט פון אָרט.

„וואָס טהוט איהר אין א פרעמדע הויז? — האָט איינער פון די פּאָליסלייט געפרעגט.

— וואָס הייסט א פרעמדע הויז? — האָט זיך איינער פון די קאָמפּאַניע אָבגערופען — איך בין דער בעל הבית פון דאנען און מיר פערברייננגען א ביסעל, קענט איהר עס אונז פערביטען?״

דערווייל האָט זיך ארויסגעכאַפּט א פערשלעפערטע פרוי פון בעדרום, איך טהו א קוק, ערשט דאָס איז די מיסעס סיימאָן, און איך האָב ניט געקענט

פערשטעהן וואס דא טהוט זיך. די פאליסלייט האבען מיט די לייטע און מיט דער מיסעס סיימאן עפּעס גערעדט, דאן האבען זיי אויפ'ן הויז־קיפּער א זאג געטהאן: „דעם פול" און זיי זיינען אוועקגעגאנגען.

איך האב נאכדעם דער מיסעס סיימאן דערצעהלט די מעשה מיט די שליסלען און מיט די 5 דאלאר וואס איהר מאן האט ביי מיר געבארגט און אלע האבען אויסגעשאסען מיט א געלעכטער. די מיסעס סיימאן האט מיר אנגעצייגט אויף איינעם פון דער קאמפּאניע, אז דאס איז איהר מאן און מען האט מיר געגעבען צו פערשטעהן, אז אימיצער האט מיר אבגעבלאפט און ביי מיר אויסגענארט די עטליכע דאלאר.

פון גרויס שמחה וואס איך האב געדענקט צו ווערען א העלד, האב איך פערגעסען פערשליסען די סטאר און ווען איך בין ארונטערגעגאנגען, האב איך געפונען אז אימיצער האט זיך מרחם געווען איבער די ביסעל טשענזש וואס איז געלעגען אין טיש־קעסטעל און מען האט עס צוגענומען.

---

.20

## דער גראסערי באי און די קאסטאמערקע.

טוביה חייקעל דערצעהלט ווי זיין משרת שפּיעלט ליעבעס מיט מיידלאך קאסטא־מערקעס. — פרעזענטען אויף טוביה חייקעל'ס חשבון. — האלבע קאסטא־מערקעס און שטיקלאך קאסטאמערקעס. — א בארבער טהוט איהם אב א שפּיטצעל און די אידענע צאהלט איהם דערפאר א פּארציע.

---

י"ט טבת, תרס"ח.

מיט מיין גראסערי האב איך ניט אזוי גוט געטראפען. דערוויילע געהט די ביזנעס גאר ניט מהודר'דיג, פיליכט וועט זיך מיט דער צייט פערבע־סערען, וועל איך אייך צו־וויסען געבען.

און געהן געהט די ביזנעס שלעכט צוליעב פערשיעדענע טעמים. ער־שטענס האט מיר יענער, ביי וועמען איך האב די גראסערי געקויפט, אביסעל אבגענארט; והשנית בין איך ארומגערינגעלט מיט קאנקורענטען אזוי ווי א איד איז ארומגערינגעלט מיט מלאכים בשעת ער לייענט קריאת שמע; און דריטענס, טויג דער עסק גלאט אזוי אויף כפּרות.

איך האָב אפילו אריינגעקראָגען נייע פּאטראָנייזער, שעהנע עטליכע קאָסטאָמערקעס איז מיר צוגעקומען; אָבער מען קען פון זיי ווייניג־וואָס זוכה זיין. ווען מען זאָל די אַלע קאָסטאָמערקעס צוזאמענלייגען, וואָלט עס קוים אויסגעמאכט איין רעכטע קאָסטאָמערקע.

איך האָב, למשל, צוויי בוטשערס שכנים, איינער ביי איין זייט און דער צווייטער ביים אנדערען זייט. זיינען ביידע בוטשערקעס מיינע קאָס־טאָמערקעס; איינע קויפט ביי מיר ברויט און געבעקס און די צווייטע איז ביי מיר א קאָסטאָמערקע אויף צוקער.

צוויי בארבערס האָב איך נעמען מיין גראָסערי. איין בארבערקע גיט מיר צו לייזען פאר פוטער און קרים־טשיז און די צווייטע גיט מיר א שאָו און נעהמט ביי מיר זאלץ, פעפער, ציבעלע און אנדערע קליינינקייטען.

די שוסטערקע עקראָס דהי וועי פון מיר, האָט זיך פערליעבט אין מיינע הערינג און איך לייז ביי איהר פאר א האלבען דאָזען הערינג א וואָך; די שוסטערקע ווידער פון קאָרנער גיט מיר אָפט צו לייזען פאר א טאָמייטאָ הערינג, אָפט פאר א סענט וואש־סאָדא און איין מאָל אין צוויי וואָכען פאר א שטיקעל זייף.

דאָס גיבען זיי מיר אָב, ווי מען זאָגט, א שטופּ אין די צייהן פאר א שטופּ אין די צייהן. איך וויל דאָך זיי אריינקריגען פאר קאָסטאָמער, גיב איך זיי אַלעמען צו ביסלאָך א שאָו. איך דאַרף צוויי פונט פלייש א טאָג, נעהם איך איין פונט ביי איין בוטשער און נאָך א פונט ביים צווייטען. אין איין שוה־סטאָר האָב איך געקויפט א פּאָר שיכלאָך פאר א קינד און אין דער צווייטער בין איך געגאנגען זיי אויסטרעטשען און צוגעזאָגט, אז איך וועל דאָרט זיין א סטעדי קאָסטאָמער. ביי איין בארבער נעהם איך א הער־קאָט און צום צווייטען געה איך צוטרימען די באָרד. מען קען דאָך ניט אוועקגעבען איינעם גאָר און דעם אנדערען גאָר ניט. אין ביזנעס מוז מען זעהן געווינען די סימפּאטיע פון יעדען איינעם.

איז אָבער מיט זיי אויך די אייגענע מעשה. זיי מוזען אויך אַלעמען געבען א שאָו, ווארפען זיי צו יעדען איינעם א ביינדעל — וואָס איז, ווייניג גראָסערים זיינען? גיבען זיי אַלעמען צו לייזען צו ביסלעך.

געשעדיגט זאָל ווערען מייקעלע דער בארבער. ער האָט מיר לעצטע וואָך אָבגעטהאָן א שפּיצעל, וואָס איך וועל עס קיינמאָל ניט פערגעסען. איך

האָב גענומען א הער־קאָט ביים צווייטען בארבער, נאָכדעם בין איך געגאַנ־גען צו איהם אונטערשערען א ביסעל די באָרד, האָט איהם מסתמא פער־דראָסען וואָס איך גיב זיין קאָנקורענט אויך א שאָו און ער האָט צו להכעיס א ביסעל איבערגעכאַפּט די מאָאָס. אָבגעהאַקט זאָלען אזוי ווערען מיינע שונאים׳ס יאָהרען, ווי דער משומד האָט מיר די גאַנצע באָרד אָבגעהאַקט. ווען איך בין געקומען אהיים, האָט מיר די אַלטע מיינע כמעט ניט דערקענט און זי האָט מיר איינגעצאָהלט א היבשע פּאָרציע פאר קאָסטאָמערקעס אין די אויגען.

„קוק איהם נאָר אָן — האָט זי זיך געבייזערט — שלים־מזל, ווער האָט עס דיר אזוי פיין ארומגעסקראָבעט? א סוף אָן עק, ניחאַי וואָלסטו זיך שוין געווען אין גאַנצען אָבגאָלען, וואָלט שוין שעהנער געווען! דו האָסט דאָך ניט קיין פּנים ניט ווי א איד און ניט ווי א גוי, עפּעס א מין טומטום און גענוג“.

אזוי האָט זי מיר געלייגט אין דר׳ערד אַריין עטליכע טעג כסדר. היינט איז זי שוין צוגעוואָהנט צו מיין שטיקעל טימן באָרד און זי שווייגט שוין.

רעגולע קאָסטאָמער וואָס נעהמען ביי מיר אַלעס וואָס זיי דארפען, האָב איך אפילו אויך א ביסעל; אָבער דאָס רוב נעהמען זיי אויפ׳ן ביכעל און קעש סוחרים האָב איך זעהר ווייניג.

אָבער דאָס אַליין וואָלט נאָך קיין גרויסער אונגליק ניט געווען. די וואָס נעהמען אויף באָרג טהוען עס פילייכט ניט פון פערגעניגען וועגען, נאָר ווייל די צייט איז שלעכט. עס קען זיין, דאָס ווען די צייט וועט זיך פער־בעסערען, וועלען זיי אָנהויבען צאָהלען מזומן, האָב איך אָבער גאָר אָן אַנדער צרה.

איך האָב גענומען א באָי וואָס זאָל פאנאנדער טראָגען אָרדערס און מיר העלפען טענדען אין גראָסערי, איז אָבער וואָס מיינס איז ניט לייטיש, האָב איך פון איהם גרויסע צרות.

דזשייק רופט מען איהם, דעם באָי מיינעם, און וואָלט איהר זעהן א בחור׳עץ, אזוי גרויס ווי איך! א יונג מיט פּלייצעס און ניט קיין נארר און דאָך טויג ער אויף כפּרות.

מען קען ניט זאָגען, צום געשעפט טויג ער דוקא זעהר גוט. איך וועל איך זאָגען דעם אמת, אז ער פערשטעהט בעסער די גראָסערי־ביזנעס ווי

איך, אַ ברען איז עס ניט אַ בחור! זיין פּיסק, זיין אויסטענה׳ן זיך מיט די ווייבער איז אַ זעלטענהייט. אַלטע גראָסעריליים מעגען ביי איהם אין פּעטשערע הייצען.

די ווייבער וואָלטען פאַר איהם אַ זאַק ציבעלע ניט אוועקגעגעבען. ווען זיי קומען אין גראָסערי, פרעגען זיי באַלד אויף דזשייק׳ן. ער, זאָגען זיי, טענדעט בעסער ווי איך, איך זאָג עס אַליין אויך; איך בין ניט אַזוי ריהרעווודיג ווי ער, וואָס אמת איז אמת.

אין דער הויז וואו איך האַלט די גראָסערי, האָט דער אַנטקעגענדיגער גראָסערי־מאַן געהאַט עטליכע קאָסטאָמערס. געווים האָט עס מיר געשניטען ביים הארצען, ווען איך האָב געזעהן ווי יענעם׳ס גראָסערי באַי טראָגט אָר־דערס אין מיין הויז — ווער וואָלט בעסער געוועזן? מאַך איך צו איהם ליינגער: „דזשייק, דו וועסט ביי מיר קריגען אַ גוטען טריט, אַז דו וועסט יענעם גראָסערי מאַן פערטרייבען פון אונזער הויז און אַריינקריגען די קאָס־טאָמער צו אונז“. מאַכט ער: „אָלל־רייט, בעל־הבית, איך וועל איהם שוין פיקסען“. און מיינט איהר ער האָט איהם ניט געפיקסט? אַזאַ יאָהר אויף מיר ווי פיין ער האָט איהם געפיקסט.

מיט צוויי טעג שפּעטער קומען צוויי פון דעם אַנטקעגענדיגען׳ס קאָס־טאָמערקעס צו מיר נאָך מילך, אגב אורחא האָבען זיי שוין גענומען בייגעל, פּוטער און אַנדערע קליינינגקייטען אויף ברעקפעסט און צוגעזאָגט, אַז זיי וועלען ווערען מיינע סטעדי קאָסטאָמערס. אויף מאָרגען האָבען זיך נאָך אַ פּאָר איבערגעקליבען צו מיר און ערשט האָב איך זיי שוין כמעט אַלע.

„זעהט איהר שוין, בעל־הבית, אַז איך קען עפּעס אויפטהאָן“, מאַכט דזשייק צו מיר, „איך בין דערפאַר ווערטה אַ שעהנעם קריסטמעס־פּרעזענט“.

— אַ פּרעזענט — זאָג איך — וועסטו קריגען, נור ניט קיין קריסטמעס־פּרעזענט, ווייל מיר אידען האָבען גאָר ניט צו טהאָן מיט קריסטמעס; אָבער דערצעהל מיר, דזשייק, ווי אַזוי האָסטו עס געמאַכט?“

לאַכט ער, מיין גראָסערי באַי און דערצעהלט מיר אַזאַ געשיכטע:

„איך האָב געוואַטשט ווען דער באַי פון יענער גראָסערי האָט בעגינען ארויפגעטראָגען די אָרדערס און עס איבערגעלאָזט ביי די טיהרען פון די קאָסטאָמערס, נו האָב איך איהם אָנגעפייפט. די מילך פון די פּיטשערס האָב איך אָבגעטרונקען און דערגאָסען מיט וואַסער, גוטע בייגעל אָדער זעמיל

האָב איך אומגעטשענדזשעט אויף אונזערע בראַקאַוונע סחורה, זאָלען בעסער אונזערע קאַסטאָמערס האָבען אַ שאָו. אַזוי האָב איך געטהאָן אַ פּאָר מאָל, ביז זיי האָבען מיט יענעם גראָסערי־מאַן אָבגעשלאָגען כּפּרות, דערפאַר וואָס ער גיט זיי ניט קיין ראַיעלע סחורה".

ווי געפעהלט אייך אַזא מאַדים? דאַכט זיך גוט הא? האָב איך אָבער אויסגעפונען אַן אַנדער חסרון.

איך האָב אַ קאַסטאָמערקע, מרס. ציפּקין הייסט זי, איז זי ניט פאַר אונז געדאַכט קראַנק, געהט איהרע אַ מיידעל שטענדיג אַרונטער נעהמען אין גראָסערי וואָס מען דאַרף. אַט מיט דער מיידעל, גאָסי רופט מען זי, איז מיין דזשייק אַ גאַנצער חבר־לאַפּ. עס מעגען אין סטאָר זיין צוואַנציג קאַסטאָמער, קוקט ער זיך אויף קיינעם ניט אום, און האָט נור אַן עסק מיט גאָסיטשקען. וואָלט ער איהר זשע אָב'פּטור'ן און זאָל זי אַוועקגעהן, לאָזט ער איהר שטענדיג אויף צום סוף. עס איז ביי איהם אַ קרן חכמה'נען זיך, לאַכען צו איהר און מאַכען חן'דעלאַך. זי ווידער האָט עס אויך ניט פיינט און זי קומט עקסטרא אַרונטער פינף און צוואַנציג מאָהל אַ טאָג.

איך האָב געהאַט אַ קאַסטאָמערקע מיס בלום, אַן עלטערע מיידעל פּראַוודא, מען זאָגט אַז זי איז שוין אַריבער שלושים, האָט זי דזשייק פערטריבען. די מעשה איז אַזוי געווען:

איך געדענק ניט וועלכער טאָג דאָס איז געווען. זיינען אין גראָסערי ביי מיר געווען גאָסי, מיס בלום און נאָך עטליכע ווייבער. גאָסי איז געקומען די ערשטע, אָבער אַטענדעט האָט דזשייק די אַנדערע וואָס זיינען געקומען שפּעטער און ער האָט זיך דערוויילע געוויצעלט. ווען ער האָט צוגערופען די מיס בלום און געפרעגט וואָס זי פערלאַנגט, זאָג איך צו איהם: „סיי, דזשייק, אין אַמעריקא געהט מען נאָך נעקסט, גאָסי איז געקומען פריהער, דאַרפסטו איהר אַטענדען פריהער און זאָל זי געהן געזונטערהייד". איך האָב איהר פּשוט געוואָלט אַרויס'פּטור'ן פון סטאָר, ווייל איך האָב ניט געקענט צוהערען די חוכא וטלולא'ס.

רופט זיך אָב דזשייק: „מיס בלום האָט שוין נעבאַך גענוג געוואַרט, זי קען שוין מעהר ניט וואַרטען; אָבער גאָסי איז נאָך אַ יונג ציגעלע, נעווער מיינד, זי מעג וואַרטען אַ ביסעל". מיס בלום האָט זיך געפונען בע־

לײדיגט, איז אװעק א ברוגז'ע און פון דאמאלס אן האב איך איהר נישט אנגעזעהן.

די מיסעס ציפקין נעהמט אויך אויפ'ן ביכעל. ביי איהר מאן איז ערשט סלעק און זי האט ניט צו צאהלען מזומן. די חשבונות איהרע פיהרט דזשייק. ער גיט גאסי'ן די ארדערס און ער פערשרייבט אין איהר ביכעלע — אזוי פיהרט זיך ביי אונז, גראסערי לײט, יעדע קאסטאמערקע האט א ביכעלע און אלעס וואס זי נעהמט ווערט דארט פערשריבען און אויסער דעם פער־שרייבט עס אויך דער גראסערי מאן ביי זיך אין בוך.

דזשייק קען גאנץ פײן שרייבען און רעכענען. דעם שווערסטען חשבון מאכט ער אײך איינס און צוויי. ווען אבער עס פלעגט קומען צו פערשריי־בען אין מיסעס ציפקין'ס ביכעלע, פלעגט עס ביי איהם געדויערען אפשר א האלבע שטונדע. „דזשייק, וואס שרייבסטו דארט אזוי לאנג ? — האב איך איהם א פאר מאל געפרעגט. „איך שרייב אן א גוט יאהר" — האט ער מיר געענטפערט. איך האב געדענקט, אז ער באדערט זיך עקסטרא, ווייל עס איז איהם שווער צו שיידען זיך מיט דער מיידעל, מיט גאסי'ן, און איך האב וועגען דעם קיין פירוש ניט געמאכט. כאפט איהם דער רוח, האב איך געקלעהרט, אבי ער אטענדעט זיין דזשאב.

נעכטען בין איך ארויפגעגאנגען צו דער מיסעס ציפקין אברעכענען זיך. גאסי איז דאמאלס אין הויז ניט געװען. מיסעס ציפקין האט אויפ־געזוכט איהר ביכעלע, אום צו זעהן אויב עס שטימט מיט מיין בוך און אט וואס פאר א צעטיל דארט איז געווען :

„מאנטאג — 4 סענט בייגעל, 3 אײער און א פיערטעל פוטער. ס"ה 22 סענט.

„טהייערע גאסילע, מיר ווילט זיך יעצט זעהר דיר א קוש טהון ; אבער דער אלטער אשמדאי שטעהט אין וועג. קום אריין סאם טיימס ביי טאג ווען קיינער וועט אין סטאר ניט זיין. איך האב איינגעפאקט עטליכע קייקלאך פאר דיר, דו זאלסט זיי עסען געזונטערהייד.

„דיטא מאנטאג — א פונט רייז, 2 שמאלץ הערינג און א האלב פונט ציבעלע. ס"ה 17 סענט.

„טהייערינקע, אין אבענד ווען מיר וועלען פערשליסען די סטאר

זאָלסטו מיר אָבוואַרטען, וועלען מיר אַ ביסעל פערברייננגען. איך האָב שוין אָנגעגרייט אַ פּאָר גוטע אָראַנדזשעס און אַ פּאָר צעהן־סענטיגע שטיקלאַך טשאָקאָלאַד פאַר דיר.

„דיענסטאַג — אַ קוואָרט מילך און אַ קרים־טשיז. ס"ה 13 סענט.

„ליבינקע, זיסינקע. איך האָב אַריינגעגאָסען אַ האַלב קוואָרט מילך עקסטרא פאַר דיר. גיס עס אַריין אין דיין טהייערער העלזועלע און זאָל דיר וואויל בעקומען.

„דאָנערשטאַג — אַ פונט בעבלאַך, אַ פּעקעדזש יונידאַ ביסקיט און אַ פּאָמפּאַרניקעל. ס"ה 18 סענט.

„מאַי סוויט־האַרט, איך האָב דיר קוים דערלעבט זעהן. איך שיק דיר צעהן קושען פון דער ווייטענס און צוגאָב האָב איך איינגעפּאַקט פאַר דיר אַ 15־סענטיגען פּעקעדזש ביסקיט. היט זיך נור, אַז דער באָס זאָל עס ניט בעמערקען".

ווי געפעהלט אייך אַזאַ צעטיל מיט ליעבעס־בריוועלאַך? ווער ווייסט אויף וויפיעל דער באָי האָט מיר שוין בדלות געשטעלט. איך האָב נאָך דזשייק'ען וועגען דעם ניט איבערגערעדט, ווייל דער אַנטקעגענדיגער גראָ־סערי־מאַן חלש'ט אַרויסצוכאַפּען איהם פון מיר, און אַז איך וועל מיט איהם איינרייסען, וועט ער טאַקי אַוועקגעהן און וועט מיין גאַנצען טרייד איבער־פיהרען. איך וואַרף שוין היינט אויגען און היט איהם; אָבער געה היט איין אַ שטוב־גנב?

דער מיסעס ציפּקין האָב איך אויך גאָר ניט דערצעהלט. אליין לייענען קען זי ניט און זי וועט עס אפשר קיינמאָל ניט וויסען. גלייבער אַזוי, אַ קראַנקע פרוי נעבעך, זי קען זיך נאָך דערפון ערגערען און עס וועט איהר פערשאַדען. בינו לבינו שטיק איך די צרות אויפ'ן האַרצען און וואָס דער סוף דערפון וועט זיין ווייס איך ניט.

.21

## א נס אזוי ווי מיט לוט׳ס ווייב.

א מאָדנע פּאַסירונג מיט געזאָלצענע וועטשערעס. ביי אלע טוביה חייקעל׳ס קאָס־טאָמערקעס טרעפט דער דאָזיגער נס. — גוי׳אישע קאָסטאָמערקעס קריגען פון זייערע מאַנען אונטערגעקלאַפּט די אויגען און כל חמתו געניסט טוביה חייקעל. — א מחתנת׳טע געשטעלט אין ביוש און אנדערע צרות.

---

כ"ו טבת, תרס"ח.

איך בין, ליעבע אידען, אריינגעקראָכען אין א צרה און קען ניט ארויס־קריכען. א גראָסערי האָט זיך מיר פערגלוסט, נו, האָב איך פון איהר נחת, אויף מיינע שונאים געזאָגט.

איך בין ערשט דריי וואָכען אין די שלים־מזל׳דיגע ביזנעס און עס איז מיר שוין מיאוס געוואָרען. איך וואָלט גערן פּטור ווערען דערפון און אראָב פון מארק, די פראַגע איז אָבער: וואו נעהמט מען נאָך א טוביה חייקעל, וואָס זאָל עס ביי מיר איבערנעהמען?

דער פריהערדיגער גראָסערימאַן ביי וועמען איך האָב דאָס געשעפט געקויפט, האָט מיר ניט שלעכט אָנגעפּייפט. אלע טאָג זעה איך זיך אלץ מעהר אָרום ווי ער האָט מיך אָנגעבלאָפט, דער מאַשעניק, דער ימח שמו׳ניק, עס איז מיר גאָר א שאַנדע צו דערצעהלען, ווי איהר זעהט מיך א אידען.

ווען איך האָב די גראָסערי געקויפט, האָב איך דאָרט געפונען א שעהן ביסעל סחורה. צווישען אנדערע זאכען: עטליכע פולע זעקלאָך רייז, גרויפּען און בעבלאָך. דאָס איז אלעס אזעלכע ארטיקלען וואָס זיינען עובר לסוחר, א גאַנגבארע סחורה, וואָס איז שטענדיג ווערטה געלד. די סחורה האָט מען איינגעשאַצט אין געלד לויט דעם ריכטיגען פּרייז דערפון און אויסערדעם האָב איך דעם מוכר געגעבען א הונדערטער „שליסעל געלד", ווי מען רופט עס. אז די קניה איז געווען ניט קיין ראַיעלע, האָב איך זיך באלד אָרומגעזעהן פון פיעלע לעערע באָקסעס וואָס איך האָב געפונען אויף די פּאָליצעס; אָבער אויף אזוי פיעל האָב איך זיך ניט גערעכט.

פון לוט׳ס ווייב, שטעהט אין חומש, איז געוואָרען א שטיק זאלץ, און ביי מיר אין גראָסערי זיינען זעקלאָך רייז און גרויפּען פערוואַנדעלט געוואָ־

רען אין זאַלץ. דיעזע זאָנדערבארע ערשיינונג איז ענטדעקט געוואָרען לעצטע וואָך. איהר מעגט עס הערען, עס איז אַ שעהנע מעשה, נור אַ קורצע.

מיטוואָך איז צוליעב דעם געוועזן אַ גאַנצע סומאַטאָכע אין דער הויז וואו איך האלט די גראָסערי. די גאַנצע פּראָפּערטי איז געוועזן אויף רעדלאָך און עס האָט זיך געקעהרט וועלטען. מיט אַ מאָל האָבען עטליכע מיסעסען איבערגעזאַלצען זייערע וועטשערעס און מען האָט ניט געוואוסט פון וואַנען דאָס האָט זיך גענומען. ביי מיר אַליין האָט אויך די זעלבע סיבה פּאסירט און איך האָב זיך מיט מיין אידענע שיער צוקריעגט דערפאר, נאָר אזוי ווי איך בין אַ שטילער מענש, איז עס איבערגעגאנגען אָהן סכנה, אין אנדערע הייזער אָבער איז דערפאר געוועזן מחלוקת און כל חמתם האָב איך גענאָסען.

מיטוואָך האָב איך גראדע געהאט אַ שעהן ביסעל פּדיון. עס איז דאָך עפּעס געוועזן קריסטמעס, האָבען אייניגע פון מיינע קאָסטאָמערקעס געהאט געסט און מען האָט זיך פּאָרבערייטעט צו קאָכען גוטע וועטשערעס. — אַ שמחה אויף זייערע קעפּ, יעזוס איז געבוירען געוואָרען!

צוויי גוי׳אישע קאָסטאָמערקעס האָב איך. פון די האָב איך יענעם טאָג פיין געלייזט. שפּעטער אָבער האָט מען מיר אַלעס באַקאָם ארויסגעשלאָ־גען. אי, אַן אבענד האָב איך געהאט, ניט אומקעהרען זאָלען זיך שוין אַזעלכע אבענדען.

די אַלטע מיינע האָט געקאָכט קאַשע אויף סאַפּער. איך נעהם זיך צו די קאַשע ערשט עס ברענט אַזש אין צונג פון געזאַלצענקייט. „פּייגע“ — זאָג איך — „דער גלגול פון לוט׳ס ווייב האָט זיך אין דער וועטשערע אריינגע־כאַפּט. עס איז דאָך אַזוי געזאַלצען, אַז מען קען עס אין מויל ניט נעהמען“.

פערזוכט זי אויך דעם מאכל און פערקרימט זיך. „איך וויים“ — זאָגט זי — „עס קען זיין, אַז איך האָב צוויי מאָל געזאַלצען. דער קאָפּ איז ב"ה פערדרעהט, פערגעסען מסתמא.“

די זאַך האָט מיר אפילו גאַנץ שטארק פערדראָסען. אַ אידענע דאַרף היטען איהר פּפליכט און קאָכען ווי געהעריג איז, אבער געהן מאַכען אַ פּירוש צוליעב דער אכילה לויט זיך ניט. „וועל“ — זאָג איך — „מיר וועלען דער־פאַר צום רב ניט געהן. היינט האָט זיך דיר דער קאָפּ פערדרעהט, האָסטו איבערגעזאַלצען, דערפאר וועט זיך דיר אמאָל דער קאָפּ פערדרעהען אין אַן אַנדער זייט, וועסטו גאָר ניט זאַלצען.“

מיין אלטע„ פיהעלנדיג אז זי איז אונגערעכט, האט נעבאך דעם שטאך װארט ארונטערגעשלונגען און שא.

װי איך רייד אזוי מיט מיין אידענע, הער איך װי מיין נעקסטדאריגער בייזערט זיך שטארק אויף זיין פלונית׳טע. איך הער, אז עס איז שוין אריין אין הויכע דרכים ; ער באט איהר אן צו װארפען די שיסעל אין קאפ און גיט איהר אזעלכע קאמפלימענטען, פון װעלכע א פרוי איז גאר ניט צופריעדען. געה איך אריין זעהן װאס דארט האט פאסירט, דערצעהלט ער מיר, אז די אשת חיל זיינע האט אבגעקאכט א זופ, האט עס א טעם װי הערינג ראסעל. זאג איך צו איהם : „ביי מיר האט אויך אזא סיבה פאסירט, פון דעסטװעגען מאך איך ניט קיינע בארװאריעס. א מענש איז מען, מאלע װאס עס טרעפט זיך ? קיין גרעסערע אונגליקען װי אזעלכע זאל ניט טרעפען“. ער האט זיך אמת געלאזט אנריידען און זיין צארן איז געשטילט געװארען.

איך געה ארונטער אונטען, ערשט עס איז א גאנצער יריד׳ל פון װייבער, אלע מיינע קאסטאמערקעס. איינע דערצעהלט, אז זי האט געסט, גרויסארטיגע געסט פון אפטאון, האט זי אפגעקאכט א טאפ געדיכטע רייז און זי קען עס צום טיש ניט געבען. זי װייס ניט פון װאנען, פון װאס, די רייז איז רעגעלע זאליץ און זי האט ניט װאו אהינצוטהאן זיך פון שאנדע. אגב איז טאקי א װעהטאג אין הארצען, עס קאסט געלד און מען דארף עס ארויסװארפען.

נאך איינע שטעהט און בעדויערט. אז אך און װעה איז מיר, האט מיר דער שװארץ יאהר אנגעטראפען פערבעטען היינט מיין מיידעל׳ס חתן אויף סאפער. איך האב אבגעקאכט א קאשע פון מאננע גרייפלאך, האט אפילו קיינער אלעפעל ניט איינגעטונקט. צום שלים־מזל האט עס דער חתן יא פערזוכט, האב איך געמיינט אז דער יונג װערט נור װאס ניט פערברענט, װאס רעדט איהר, װאס ? רעגולע זאליץ און גענוג.

„צרת רבים חצי נחמה“ — רופט זיך אב א דריטע — „ביי מיר האט אויך דער זעלבער אונגליק פאסירט און מיין דאלעניק האט מיר איינגעצאהלט א שעהנע פארציע. לאמיר איהם כאטש געהן דערצעהלען, אז ניט נור זיין װייב איז א שלים־מזל׳ניצע, עס זיינען פאראן נאך שלים־מזל׳ניצעס אויף דער װעלט.“

קלעהר איך ביי זיך : רבונו של עולם, װאס איז דאס פאר א מאדנע

געשעהעניש? אַן עפּידעמיע אויף געזאָלצענע וועטשערעס גאָר! אין איין הויז און אין איין אבענד זאָלען אזוי פיעל סבות טרעפען! וואָס זשע האָב איך געדענקט? דער אנטקעגענדיגער גראָסערימאַן, מיין קאָנקורענט, האָט מיר עפּעס א שפּיצעל אָבגעטהאָן כדי אָבצוציהען מיינע קאָסטאָמערקעס. איז דאָך אָבער די קשיא, ווי קומט ער אין זייערע טעפּלאָך?

איז מיר איינגעפאַלען אַן אנדער סברא. אפשר האָט דער אנטקעגענ־דיגער אונטערגעקויפט דזשייק'ן, מיין גראָסערי באָי, אז ער זאָל אריינשיטען זאַלץ אין די רייז און גרויפּען? א קשיא אויף דזשייקלען? אז ער האָט גע־קאָנט אָנגיסען וואַסער אין יענעם גראָסערימאַן'ס מילך, כדי מיר טהאָן א טובה, האָט ער דאָס אויך געקענט טהון, כדי יענעם א טובה טהון.

לויף איך אריין אין גראָסערי און פאַנג אָן צו ריידען מיט דזשייק'ן מיט גוטען.

„דזשייקעלע, הערצעלע; זאָג מיר דעם אמת, האָסטו עפּעס אָבגעטהאָן די מיסעסען? האָסטו בעזאָלצען זייערע וועטשערעס? עס קעהרט זיך וועל־טען, אין דער גאַנצער פּראָפּערטע איז די געקעכצען געזאָלצען און איך בין חושד, אז דאָס איז דיין ארבייט.

די ווייבער, ווי עס זעהט אויס, האָבען אָבגעהאַלטען א קאָנפערענץ און ביי זיי איז אויך געבליבען בהסכם, אז די צרה קומט פון גראָסערי, און איי־דער דזייק האָט מיר צייט געהאַט ענטפערען, זיינען אריינגעלאָפען א גאַנ־צע כאַליאַסטרע קאָסטאָמערקעס מיינע און מען האָט אָנגעהויבען געבען א גאָב.

„איהר האָט דאָך געקענט מענשען פער'סם'ען" — האָט איינע געליאַ־רעמט — „לעמעשקע וואָס איהר זיינט, אודאי ערגעץ אָנגעשאָטען זאַלץ אין די גרויפּען!"

„א זכיה אויף אייך, אז איך וועל שוין מעהר אין אייער חזיר'שע גראָ־סערי אריינשמעקען" — האָט נאָך איינע געקוויטשעט — „ווען איך זאָל אפילו וויסען, אז עס איז א מינוט פאַר'ן טויט, וועל איך ביי אייך עפּעס קויפען? איך וועל אייך נאָך, מיסטער לעבען, מאַכען צו בעצאָהלען פאַר היינטיגען סאַפּער, וואָס דען האָט איהר געמיינט, איך וועל אייך שאַנעווען?

אָט אזעלכע און נאָך ערגערע מענה לשון'ס האָב איך אויסגעהערט פון נאָך א פּאָאר קאָסטאָמערקעס. איינע האָט זאָגאר געסטראַשעט, אז זי וועט

ארונטערטראָגען איהר טעפּעל געזאַלצענע זופּ און מיך אָבגיסען.

דערוויילע, פערשטעהט זיך, איז נעבען מיין גראָסערי געוואָרען א קראוד און די סטריט איז אויף געוועזן.

איך, דזשייק און מיין אידענע האָבען גענומען אונטערזוכען די זעקלאך גרויפּען, רייז און הירז און מיר האָבען ווירקליך אויסגעפונען, אז אלעס איז געמישט מיט דינע זאַלץ. מיר האָבען א זוך געטהאָן א ביסעל טיעפער אין די זעקלאך און זיך איבערצייגט, אז עס איז גאַלע זאַלץ. ערשט דאן אז ארויס דער סוד, אז דער פריהערדיגער גראָסערימאַן האָט מיר געפייקט און פערקויפט זאַלץ אַנשטאָט אנדערע סחורה. אָט וואָס א מאַשעניק קען! קיין גוטס, קיין נחת זאָל ער דערפאר ניט האָבען, אויסקרענקען זאָל ער מיין געלד, רבונו של עולם.

דעם בעסטען חלק האָב איך געכאַפּט פון מיינע גוי'אישע קאַסטאָמער־קעס. ביי זיי האָבען אויך די זעלבע סבות געטראָפען און די מענער זייערע האָבען זיי דערפאר די אויגען אונטערגעקלאַפּט, זיינען זיי געקומען און אויס־געלאָזען כל חמתו צו מיר.

---

## .22

## טוביה חייקעל סטרייקט.

ער בעקומט אַן איינלאַדונג צו ווערען א מעמבער אין די גראָסערימען אסאָסיאיישאָן. — ער שליסט זיין גראָסערי צעהן דעם זייגער אין אבענד און נאכדעם איז „ניעט פּראָדאַדזשו". — אַ קאָפּ פון א גנב אין אייז־באקס. — א פּאָליס־מאַן קעטשט א פּיטשער מיט מילך. — די לאַגע פון אַ גראָסערימאַן אין אלגעמיין.

---

ה' שבט, תרס"ח.

איהר מעגט זיך זאָגען וואָס איהר ווילט, אידען זיינען דאָך א פאָלק וואָס בעזיצט גוטע מדות; א פאָלק וואָס פיהלט מיט דעם אַנדערנ'ס ליידען און מיט דער אויסנאַהמע פון א ביסעל שלעכטע מענשען, האָבען זיי דעם טיטול „רחמנים בני רחמנים" כשר פערדיענט.

איך האָב אייך דערצעהלט פון דער סיבה מיט די איבערגעזאַלצענע ווע־

טשערעס, וואָס ביי מיינע קאָסטאָמערקעס האָט פּאַסירט. איך האָב זיך דאָ־מאָלס שטאַרק דערשראָקען. איך האָב מורא געהאַט, אז זיי וועלען מיך אַלע אַוועקוואַרפען און איך וועל מיין גראָסערי מוזען פערקויפען פער אָקשען. לסוף האָט עס מיר גאָר קיין רעה ניט געטהאָן. פערקעהרט, די קאָסטאָמער־קעס סימפּאַטיזירען מיט מיר נאָך מעהר, אוים מיטלייד וואָס דער פריהערי־גער גראָסערימאַן האָט מיך אָבגענאַרט און מיר פערקויפט זעקלאַך זאַלץ פאַר רייז, גרויפּען און אנדערע טהייערע אַרטיקלען.

און ניט נור האָבען מיינע קאָסטאָמערקעס און בעקאַנטע מיטלייד מיט מיר, זאָנדערן אַפּילו פרעמדע, וואָס איך קען זיי ניט און וויים זיי ניט, נור זיי האָבען פון מיר געהערט, האָבען רחמנות אויף מיר. א וועלט שלאָפט ניט. מען וויים, אז עס לעבט ערגעץ אַן אונגליקליכע בעשעפענים. מען אָפּפערט פון מיינטוועגען א קרעכץ, א זיפץ און מען דערמאָהנט מיין שלים־מזל'דיגען נאָמען אין פערשיעדענע קרייזען. — וועל, אין א שלעכטע צייט איז דאָס אויך גוט.

און ניט נור האָט מען מיך אָפּט אין זינען אין ניו יאָרק, וואו איך בין א שטענדיגער תושב, זאָנדערן אַפּילו מעבר לנהר, אין ברוקלין און אין בראָנז־וויל, זיינען אויך פאַראַן אַזעלכע וואָס אינטערעסירען זיך מיט מיין שלים־מזל'דיגע לאַגע און מען באָט מיר זאָגאַר אָן מאָראַלע שטיצע.

לעצטע וואָך האָב איך ערהאַלטען א בריעף מיט אן אַפּליקיישאָן פון די ברוקלין היברו ריטייל גראָסער'ס פּראָטעקטיוו יוניאָן, אין וועלכען מען לאַ־דעט מיך איין צו ווערען ביי זיי א מעמבער. אויב איהר ווילט מיר ניט גלויבען, וועל איך אייך איבערגעבען דעם בריעף וואָרט פאַר וואָרט. ער איז אַפּילו געשריעבען ניט אויף אונזער לשון; אָבער עס מאַכט ניט, אבי די כונה איז צו גוטען. היער איז דער בריעף:

ווערטהער ברודער.

ווי איך האָבע געהערט זינד זי איין גראָסער פאַר די לעצטע דריי וואָ־כען אונד זי זינד נאָך אין אונזער בוך אַלס מעמבער ניכט פערשריעבען. עס איזט אייערע אינטערעסע ביי אונז איין מעמבער צו ווערדען. דאַרום שלי־סע איך איהנען איין אַן אַפּליקיישאַן, וועלכען זיי מוסען אויספּיהלען אונד צו איינער מיטינג מיטברייננגען. וויר מיטען יעדען מיטוואָך אין — — — —

מיט ברודער גרוס — — סעקרעטער.

איך בין מיינע אחים לצרה פון יענער זייט וואסער העכסט דאנקבאר פאר זייער גוטהערציגקייט, וואס ניכט אכטענדיג דארויף וואס איך בין, ניט פאר קיין גראסערימאן געראכט, א שלים־מזל, דאך האלטען זיי מיך פאר א שטיקעל סוחר און זיי ווילען מיך ארייננעהמען אין זייער חברה פון מיין טובה וועגען.

אבער פון די אלע זאכען קען מען קיין שבת ניט מאכען. נאך די אלע זיעבען גליקען, מוז איך זיך האלטען מיט דער צרה און ווי ארויסדרעהען זיך אין גאנצען פון דער גראסערי, ווייס איך אליין ניט.

איך ווייס ניט, ברידער גראסערילייט, ווי אייך; אבער מיר איז די דא־זיגע ביזנעס מיאוס געווארען, מיאוס ווי דער טויט, און הלואי וואלט איך געווארען אב חבר מיט אייך, וואלט איך געדאנקט און געלויבט גאט.

אייך טרעפט אפשר ניט אזעלכע סיבות ווי מיר, פיהלט איהר ניט אזוי פיעל דעם גלות. מיר אבער שטעהט די גראסערי אזוי ווי א ביין אין האלדז, און אויב איך וועל מיט איהר ניט אבעקען, ווייס איך ניט וואס עס וועט זיין.

א מפלה זאל קומען אויפ׳ן גראסערימאן ביי וועמען איך האב די שלים־מזל׳דיגע ביזנעס איבערגענומען. קיין גוטס, קיין נחת זאל ער ניט האבען דארט וואו ער איז דערפאר וואס ער האט מיך אבגענארט, און פאר די צרה׳־דיגע איינפיהרונגען וואס ער האט איינגעפיהרט. ער האט איינגעפיהרט, דער ימח־שמו׳ניק, צו האלטען אפען די גראסערי ביז איינס דעם זייער פאר־טאג און איך מוז איהם נאכטהאן! איך האב שוין ניט קיין אויגען, קיין קאפ און איך בין אויס מענש, — א קלייניגקייט איז עס, א מענש דערשלאפט ניט! צוליעב דעם אליין איז עס מיר טריף ווי חזיר און איך וואלט בעסער כל עבודת פרך געטהאן, אבי קיין גראסערימאן ניט זיין.

באלד ווי איך בין אין די קלאגעדיגע ביזנעס אריינגעטראטען און איך האב פון דעם דאזיגען מנהג ניט געוואוסט, האב איך מיין סטאר פערמאכט ארום א זייגער צעהן; נו, נו, האב איך אויף מארגען געכאפט א פארציע פון די יענטעס.

איינע איז געקומען מיט א טענה, אז צוליעב מיר האט איהר בענילע א גאנצע נאכט געוויינט, די גאל צוריסען שרייענדיג, עס האט זיך איהם פערגלוסט א טשאקלאד קייקעל, איז זי ארונטערגעקומען עס נעהמען; אבער די גראסערי מיינע איז שוין געווען פערמאכט. אן אנדער מיסעם האט זיך

געבייזערט, אז זי איז געגאנגען מיט איהר מאן פון טהעאטער, האט זי אין זינען געהאט נעהמען א הערינג און איבעררייבען די צייהן, איז אבער די גראסערי געווען געשלאסען און זיי האבען זיך געלייגט שלאפען הונגעריגע.

א דריטע וויעדער האט מיר דערצעהלט, אז איך האב נעכטען ביי־נאכט פערלארען פדיון. זי איז ארונטערגעגאנגען נאך א פינף סענטיגע באקסעל סערדינס און זי האט געמוזט געבען צו לייזען דעם אנטקעגענדיגען. נאך א פאאר ווייבער האבען מיר אויך דערצעהלט די זעלבע סקאזקע, אז צוליעב דעם וואס איך האב מיין סטאר צו פריה פערמאכט, האט דער אנטקעגענדי־גער געהאט א שאו. עס קען זיין, אז דאס איז אין גאנצען ווערטה אן אוים־געבלאזענע איי. יענער גראסערימאן האט אפשר פון זיי ארום און ארום גענייזט א געשוואלענעם ניקעל, און מעגליך, אז דאס אויך ניט; אבער דער־וויל האט דאס הארץ וועה געטהאן.

איינע א פאטשאטנע בעל הבית'טע, האט זיך אוועקגעשטעלט ווי א מגיד און מיר אבגעזאגט א גרויסע שטיק מוסר.

„מיסטער לעבען" — האט זי גע'טענה'ט — „ניט אזוי פיהרט מען ביז־נעס. אז איהר וועט ארבייטען אפים שטונדען ווי א דאקטאר, וועט איהר גאר ניט אויסמאכען. א גראסערי דארף מען האלטען אפען א ביסעל שפע־טער, וועז ניט, פערטרייבט מען קאסטאמער. איך בין נעכטען ארונטער־געאנגען עפעס נעהמען, עס איז נאך געווען גאנץ פריה, נור וואס מען האט די געז אין האל אויסגעלאשען, זיינט איהר שוין ניט געווען, איך האב געמיינט איהר זיינט חלילה געשטארבען. ווייטער זאלט איהר, מיסטער, אזוי ניט טהאן. אויב איהר מיינט די ביזנעס אנצוהאלטען, זאלט איהר אייערע קאס־טאמער טענדען ווי געהעריג איז."

אזוי האט זיך די אידענע יענע אבגעזאגט און אלע ווייבער האבען איהר פאטאקעוועט. פון דאמאלס אן האב איך זיי שוין נאכגעגעבען די שמד. איך בין געזעסען אין גראסערי פיעל זיי האבען געוואלט און די צרות וואס איך האב צוליעב דעם געהאט איז ניט משער צו זיין.

נאכט פאר נאכט בין איך געזעסען אין געברענטע ליידען און געווארט טאמער וועט א יענטע ארונטערקומען עפעס געבען צו לייזען; אבער אויף מיינע שונאים געזאגט וואס איך האב דערפון זוכה געווען.

דריי לייהטס געז מוז איך ברענען אין מיין סטאר. צוויי אין פענס־

טער און איינע אין מיטען סטאָר. א גראָסערימאַן, זאָגען די ווייבער, דאַרף ניט זיין „סטינדזשי" אויף א ביסעל געז; אין א גראָסערי דאַרף זיין שעהן, ליכטיג; ווען ניט לייזט מען ניט. — אויף מיינע שונאים געזאָגט וואָס איך לייז סאַי ווי סאַי. זאָל איך צער האָבען, אויב איך נעהם אפילו ארויס פאַר די געז, אזוי פיעל טויזענדער זאָל איך פערמעגען פיעל איך דערלייג גאָר צום עסק.

א מענש איז מען, מען ווערט אָפּט אנדרעמעלט; ווען עס רייסט זיך יא א מאָל אויס א קאָסטאָמערקע וואָס וועקט מיך אויף פון שלאָף, ווייס איך ניט אויף וואָס'ער וועלט איך בין און איך וועג איבער און מעסט איבער. לייגנער האָט מיר א מיסעס ארום צוועלף דעם זייגער ביי נאַכט געגעבען צו לייזען צוויי סענט, זי האָט מיר אריינגערוקט אפאַלשען האַלבען דאָלער און איך האָב איהר געגעבען 48 סענט טשענדזש. הײנט וויפיעל נעהמט מען אויף באָרג און איך פערגעס זיך דערפון גאָר אין גאַנצען?

אָפּט זיץ איך און דרעמעל און מיר חלומ'ט זיך גוטע חלומות, קומט א קאָסטאָמערקע און שלאָגט מיר אין מיטען איבער צוליעב א סענט פדיון, איך וואָלט איהר בנאמנות מוחל געווען דאָס לייזונג, אבי זי זאָל מיר לאָזען שלאָפען; אָבער גאָה רייס איין מיט קאָסטאָמערקעס.

איינמאָל, עס איז שוין געווען נאָך האַלבע נאַכט און איך האָב שוין געוואָלט די סטאָר פערשליסען, ערשט פון אפּ־סטערז שרייט א פרוי דורכ'ן פענסטער: „מיסטער גראָסערימאַן, וואַרט א ווײלע, איך גאָה ארונטער עפּעס נעהמען!" וואַרט איך שוין; אבער יענע איילט זיך ניט ארונטערצוגעהן. אפשר אין א פערטעל שטונדע ארום: זי איז דאָ! בכן וואָס איז? זי דאַרף פאַר א פּעני א פיקעל מיטצוגעבען מאָרגען איהר מאַן אין שאָפּ און אנב אורחא זאָל איך איהר באָרגען די מייז־פּאַסטקע, ווייל די מייז לאָזען איהר ניט שלאָפען. מאָרגען, זאָגט זי, וועט זי זיין אין סטריט וועט זי שוין אין זינען האָבען צו קויפען א פּאַסטקע. — ווי געפעלט איך, הא? כדאי געווען צו וואַרטען!

אַן אנדערע קומט אַראָב נאָך האַלבע נאַכט מיט א פּיטשער, איהר מאַן האָט זיך פערגלוסט ביער און אזוי ווי איהר פּאַסט ניט צו געהן אין סאַלון, זאָל איך איהר א טובה טהאָן און געהן נעהמען ביער פאַר איהר.אגב אורחא

האט זי פערגעסן נעהמען איהר פאקעט־בוך און איך דארף נאך אויסלייגען פאר איהר די צעהן סענט אויך.

עס האט אמאל געטראפען, אז וועהרענד איך בין שוין געגאנגען שלאפען, האט מיך א מיסעס אומגעקעהרט פון די טרעפ. איך האב געמוזט אבשליסען די סטאר, אנצינדען פייער און וואס האט זי געדארפט? דער מאן איהרער איז ערשט געקומען פון א מיטינג, וויל עפעס א בים טהאן, פעהלט איהר אוים א ציבעלע צי הערינג, לכן זאל איך איהר געבען א ציבעלע און מארגען וועט זי נעהמען א גאנצען פונט, וועט זי מיר אבגעבען. — טהייערע ביזנעס, ניטא וואס צו ריידען!

לעצטע וואך האב איך צוליעב מיין ביי נאכטיגע אווערטיים געהאט אן אומזיסטע שרעק. איך בין מיר אזוי געזעסען און גערדרעמעלט, פלוצלונג האב איך זיך אויפגעכאפט, ערשט איך זעה מיט מיינע פערשלאפענע אויגען א קאפ פון א מענשען אין דער הויף אין אייז באקס ביי די פוטער. האב איך געקלעהרט, אז דאס איז מסתמא א גנב. הכלל, וואס טהוט מען? האב איך געכאפט דעם גרויסער מעסער וואס איך שנייד ברויט און א געשריי גע־טהאן: „גיראדי היער!“ אבער דער גנב האט זיך ניט געריהרט, בין איך גע־פאלען אויף אן המצאה: איך האב זיך פאמעלאך ארויסגערוקט, צוגעהאלטען די טיהר אויטסייד און אנגעהויבען שרייען: א גנב! א טיעף! מענשען זייי־נען זיך צוזאמענגעלאפען און עס איז געווארען א גאנצע מהומה, ביז א פאָ־ליסמאן איז אנגעקומען און מיט'ן רעוואלווער אין האנד איז ער אריין אין גראסערי.

איך האב איהם אנגעצייגט וואו דער גנב איז, און ווי ער איז צוגעגאנגען האט ער געפונען, אז דאס איז גאר געווען א פארצעלייענער פיטשער מילך צוגעדעקט מיט א העט. איך האב זיך נאכדעם דערמאנט, אז איך אליין האב אויפ'ן פיטשער מיין העט אנגעטהאן, כדי די קאץ, די נאשערקע, זאל זיך ניט צוקלייבען צו די מילך. בינו לבינו, האט דער גאנצער בלאק אויף מארגען געהאט צו ריידען און צו לאכען און איך האב געהאט חרפות וביושים.

דאנערשטאג האב איך איינמאל פאר אלע מאל ארויסגעגעבען אן אוקאז, אז נאך צעהן דעם זייגער איז „ניעט פראָראזשי“. איך קעהר ניט אויב אנ־דערע גראסערי־לייט וועלען אויך אזוי טהאן ווי איך. זאלען זיי זיך, די פערד,

נעכטיגען אין די סטאָרס; אָבער איך זאָג, אז א גראָסערימאַן איז אויך א מענש און אז אויך בעערכטיגט צו האָבען א ביסעל רוה.

אַלזאָ, איך סטרייק מיט מיינע קאָסטאָמערקעס. העלפט מיר, אידען, דעם גערכטען סטרייק צו געווינען.

---

23.

## מען האָט איהם געקידנעפּט.

איבער אַ מאָדנע מיספערשטענדניס ווערט טוביה חייקעל בעשולדיגט אין ביגאמי. — מען פערנאַרט איהם אין אַ הויז און מען הייסט איהם גט'ען זיין ווייב. — אַ סעקאָנד־הענדיגער קאפּעליוש און אַ שכנה אַן איינגעהערקע צו איהם אין הויז פּעראורזאכען איהם א היבשע ביסעל שרעק.

---

י"ג שבט, תרס"ח.

איה"ש איבער הונדערט יאָהר, ווען איך וועל האַלטען ביים שטאַרבען, וועל איך מיינע קינדער איבערלאָזען א צוואה, ערשטעס, אז זיי זאָלען זיין גוט און פרום און צוויטענס, אז זיי זאָלען זיך היטען פאר זייערע נעקסט־דאָריגע אזוי ווי פאר פייער. די דאָזיגע צוואה וועל איך זיי הייסען איבער־געבען צו זייערע קינדער און זייערע אייניקלאך און אזוי ווייטער און ווייטער, עד סוף כל הדורות.

און אייך אַלעמען וועל איך אָנזאָגען פאר מיין לעבען, אז אין דער צייט ווען אייערע א נעקסטדאָריגע איז ביי אייך אין הויז, זאָלט איהר זיין שטום ווי א פיש אין וואסער און א וואָרט ניט ריידען, ווייל איהר קענט נאָך אונ־שולדיגערהייד, גאָר אונערוואַרטעט, אריינפאַלען אין א צרה אזוי ווי איך, טובה חייקעל בין אריינגעפאַלען. טאָמער ווילט איהר מיר ניט גלויבען אויפ'ן וואָרט, וועל איך אייך דערצעהלען דעם פאקט, אָבער פריהער מוז איך אייך דערצעהלען אן אנדער געשיכטעלע, וואָס האָט צו טהאָן מיט'ן עיקר המעשה, מיט מיין שלים־מזל'דיגע קידנעפּינג געשיכטע.

לעצטע וואָך איז עס געווען, האָב איך געדאַרפט פאָהרען קיין פילא־דעלפיא אויף א חתונה. בין איך לכבוד דער שמחה געגאַנגען קויפען מיר אַ העט. די אַלטע מיינע איז מיט מיר אויך מיטגעגאַנגען. געהייסען האָט

עס כּלומרשט, אַז זי גערט פּאַר אַ מבין'טע, געמיינט האָט זי אָבער אַז איך זאָל ניט ספּענדען צופּיעל געלד.

מיר זיינען אריין אין אַ סטאָר, ניט זעהר קיין גרויסאַרטיגע, מיינע האָט פּיינד צו קריבען אין די הויכע פּלעצער. דער סטאָרקיפּער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אָוקשען־וואַארע; אָבער ווי איך דענק, איז עס געווען אַ סעקאָנד־הענד קלאָדינג סטאָר, ווייל אויסער אַ גרויסען אויסוואהל פון העטס איז דאָרט געווען אנדערע בגדים אויך און מיר דאכט, אַז ניט קיין נייע. ער האָט אונז געצייגט אויף אַ פּאָליצע מיט העטס, אויף וועלכע עס זיינען גע־ווען געמארקט פּרייזען און ערקלעהרט, אַז ביי איהם איז וואָן פּרייז. איהר קענט זיך נעהמען — האָט ער געזאָגט — עני וואָן יו לייק, אָבער אָבדינגען וועט איהר אפילו אַ סענט אויך ניט. די אַלטע מיינע האָט געוואָרפען אַן אויג אויף אַ סטאָוו־פּייפּ און מיר געהייסען זי נעהמען, ווייל זי פּיט מיר זעהר גוט. די סטאָוו פּייפּ האָט אפילו געהאט אַ שפּעלטעל אין דעק, אַ שפּעלטעל אין זייט און אַ קליינעם קנייטש אין סאַמע פּראָנט; אָבער דער סטאָר־קיפּער האָט געשוואָרען, אַז זי איז ברענד ניו (מסתמא נור וואָס פון מיסט בארעל), נור דערפאר ווייל זי איז אַ ביסעל געדעמעדזשט פערקויפט ער איהר ביליגער. מיין אַלטע האָט מיר ערקלעהרט, אַז עס איז ניט קיין אחריות. די תורה דיינע פון קאָפּ — האָט זי געזאָגט — וועט ניט ארויספליהען, און זי האָט די מציאה איינגעהאנדעלט.

אין פילאדעלפיא האָט מיר פערכאפּט אַ רעגען, ערשט דאמאָלס האָב איך ערפאהרען, אַז די סטאָוו־פּייפּ מיינע איז אַ געפּארבטע. דער פּארב איז אָבגעשווייגקט געוואָרען, מיין גאנצער פּנים איז פערגאָסען געוואָרען מיט אַ שווארצע פליסיגקייט און מענשען אין סטריט האָבען זיך אָבגעשטעלט און געלאַכט. איך בין שטארק בייז געוואָרען, אוועקגעוואָרפען מיין אידענע'ס מציאה און געקויפט אַן אנדער העט.

קומענדיג אהיים האָב איך מיין אידענע דערצעהלט, אַז איך האָב די סטאָוו פּאיפּ אוועקגעוואָרפען. זי איז ברוגז געוואָרען, די אַלטע, און זיך אָנגעהויבען בלאָזען ווי לונגען אין טעפּעל.

צו יענער צייט איז צו מיר אין הויז אריינגעקומען אַ נעקסטדאָריגע מיינע. זי איז ביי מיר אַן אָפּטער גאַסט, די נעקסטדאָריגע. קיין מאָל האָט זי קיין צייט, שטענדיג שטעהט זי אַזוי ווי אויף שפּילקעס, אַזוי זאָגט

זי, און האַלט זיך ביים קליאַמקע אוועקצוגעהן, פון דעסטוועגן שטעהט זי אָפּט אָב אַ פּאָאר שטונדען. דיזען מאָל איז זי אָנגעקומען אויף פאָלגענדען געשפּרעך צווישען מיר און מיין אידענע:

זי: דו האָסט איהר טאַקע אוועקגעוואָרפען? ווארפען זאָל מיינע שונאים דאָס זיבען יעהריגע קדחת.

איך: וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען? שור, האָב איך איהר אוועקגעוואָרפען.

זי: וואו? אין פילאַדעלפיא?

איך: שור, אין פילאַדעלפיא?

זי: פאַר וואָס דהיינו? וואָס האָט איהר געפעהלט? משומד, אפּיקורס.

איך: ווייל זי איז געווען אַן אַלטע שמאַטע, אַ פערשמירטע, עס האָט פון איהר גערונען און געשוואומען. עס איז מיר אַ שאַנדע געווען צו צייגען זיך צווישען לייטען.

זי: למאי־זשע האָסטו איהר גענומען? אז עס געפעלט ניט, נעהמט מען ניט; כל־בו'ניק איינער, האָסטו געזעהן אויף דיין לעבען?

איך: וועלל, האָב איך ניט געטראָפען. מען פאַלט אָפּט דורך אין גרעסערע ביזנעס אויך.

זי: פון דעסטוועגן, גלאַט נעהמען און אוועקוואָרפען? אז ווארפען זאָל מיינע שונאים די צייהן פון מויל.

איך (שפּאַסענד): נאַרעלע, ווען איך זאָל קענען וואָלט איך דיר אויך אוועקגעוואָרפען און וואָלט געזוכט אַ שעהנערע און אַ איינגערע.

ביי דיזע ווערטער האָט זיך מיין אַלטע איינגענאָרעט אין קישען און אָנגעהויבען כליפּען, ווי די מאָדע איז.

איהר פערשטעהט דאָך מסתמא, אז דער גאַנצען געשפּרעך אונזערער האָט זיך בעצוינגען אויף דער סטאָוו־פּאַיפּ, וואָס איך האָב אוועקגעוואָרפען. די שכנה מיינע, וואָס האָט דעם שמועס אויסגעהערט, האָט אבער אנדערש געלערנט דעם פּשט און איך האָב צוליעב דעם געהאַט אַ היבשען פּעקעל צרות.

אין יענעם טאָג האָבען די שכנות פון הויז אָנגעהויבען קוקען קרום אויף מיר. ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען דעם סטופּ, האָט מען אויף מיר געטייט מיט די פינגער, געדרעהט די קעפּ און געשושקעט זיך. וואָס דאָס בעדייטעט אַזעלכעס, האָב איך ניט געוואוסט.

אויף מאָרגען קומט מיר א בריעף פון אן אונבעקאַנטע פּערזאָן, מיט אן אָנגעגעבענעם אדרעס ערגעץ אין האַרלעם, אז איך זאָל למעה"ש וואָס גיכער קומען פאַר ביזנעס. עס שטעהט מיר צו פערדיענען זעהר א גרויסער קאָמישאָן, — דערביי מוז איז אייך בעמערקען אז איך האַנדעל ערשט מיט לאָטס אין בראָנזוויל. (עס קען זיין אז אויף מיין מזל ליעגט דאָרט ריעל־עסטייט אזוי אין דר'ערד.) מילא גאָר נישט. איך בין העכסט צופריעדען געוועזן און געדאַנקט גאָט וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט א פערדיענסטעל אין הויז אריין, און איך בין אוועקגעפאָהרען.

איך בין געקומען אהין און דאָרט געטראָפען א דריי פיער אידען, אויסער די בעל הבית'טע פון הויז און קינדער. ווי איך בין אריינגעקומען און זיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט, האָט מען מיך געבעטען זיצען. איך האָב זיך אוועקגעזעצט און א ווײַלע שפּעטער טהוט מיר איינער א פרעג: „פון וואַנען איז א לאַנדסמאַן?" די פראגע איז מיר עפּעס ניט געפעלען געוואָרען, עס איז עפּעס ניט מעשה סוחר'יש.

— וואָס מאַכט עס אויס פון וואַנען איך בין? — האָב איך געפרעגט — זאָל זיין פון כּאַנדריקעווע, פון בױבערעק, וואָס איז די נפקא מינה? איהר האָט דאָך מיך גערופען וועגען ביזנעס, טאָ לאָמיר רעדען ביזנעס.

— אָלל־רייט — רופט זיך יענער אָב — לאָמיר רעדען ביזנעס. אלזאָ מיר פערלאַנגען פון אייך, איהר זאָלט גט'ן אייער ווייב. אויב איהר וועט עס טהון מיט גוטען, זיינט איהר א פיינער מאַן, און אויב איהר וועט מאַכען מאַנקי ביזנעס, וועלען מיר אייך איבערגעבען צו די פּאָליציי.

עס איז מיר קאַלט געוואָרען אין פּופּיק, דערהערענדיג די דאָזיגע ווערטער. איך בין געזעסען ווי געלעהמט און פערשידענע געדאַנקען זיינען דורך מיין מח געפלויגען. וואָס הייסט עפּעס גט'ן מיין ווייב? פאַר וואָס? פאַר ווען? אפשר — האָב איך געטראַכט — האָבען זיי געוואָרפען אן אויג אויף מיינער? א קשיא? אמעריקא איז דאָס.

— סטייטש גט'ן מיין ווייב? — האָב איך קוים געשטאַמעלט — נאַרישע מענשען. זאָל אייך גאָט צושיקען עפּעס אינגערס, עפּעס שעהנערס, איך פערשטעה ניט וואָס איהר ווילט פון מיר.

— מיר מיינען ניט, מיסטער לעבען, אייער איצטיגע פרוי. — חאַפּט זיך איינער פון די לייטע אָבגערופען — לעבט זיך מיט איהר געזונדערהייט,

מיר פערגינען איהר דעם גליק. מיר מיינען יענע פרוי, וואס איהר האט אוועקגעווארפען אין פילאדעלפיא. שעהן אזוי? גוט אזוי? אונגליקליך מאכען א אידישע טאכטער און איבערלאזען איהר אן עגונה. שעהמען האט איהר זיך געמעגט.

— איהר האט א מיסטייק, מיסטער. — האב איך זיך אבגערופען — מיינע איז ביי מיר די ערשטע ביז הונדערט און צוואנציג יאהר, איהר מיינט מסתמא אן אנדערען.

— מען קען אייך, פעטער! — כאפען זיך אלע ארוים אין איין קול — איהר וועט פון דאנען ניט געהן ביז איהר וועט ניט האבען אייער ווייב אב־גע׳גט. מיר האבען צו איהר טעלעגראפירט און זי וועט שפעטעסטענס מארגען פריה קומען, דאן, מיסטער לעבען, וועט איהר אזוי גוט זיין און איהר געבען די צוועלף שורות, און אויב ניט, וועלען מיר וויסען וואס מיר האבען צו טהון. איהר ווייסט וואס עס קומט אין אמעריקא פאר ביגאמי, פאר האבען צוויי ווייבער? עס שמעקט מיט סינג סינג, שמעקט עס.

קורץ דערפון, איך האב געוויינט, געבעטען און קיין זאך האט ניט געהאלפען. מען האט מיך פון הויז ניט ארויסגעלאזט און שרייען האב איך מורא געהאט. ווער ווייסט? זיי קענען מיך נאך אפשר שיסען.

שפעטער איז געקומען עפעס אן עלטערע פרוי, ניט קיין גרויסע יפת תואר און קענטיג א היבשע שלים־מזל׳ניצע. ווי זי האט אויב מיר א קוק געטהאן, האט זי פערבראכען מיט די הענד און כמעט וויינענדיג געזאגט: „וויים איך וואס, עס איז ניט ער, אבי געשלעפט מיך אזא וויטעניש.״ ערשט דאמלס האט מען מיר געזאגט, אז איך בין פריי און איך קען געהן אהיים.

אזוי ווי אן אלטע מויד דערלעבט קוים צו הערען די ווערטער: „הרי את מקודשת,״ אזוי האב איך קוים דערלעבט הערען די ווערטער: „איהר קענט געהן אהיים״. איך בין צו זיך געקומען און אליין ניט געוואוסט וואס צו טהון פון שמחה. איך האב די לייטע געפרעגט, ווי קומט עס וואס זיי האבען אויף מיר אזא מיאוס׳ן בלבול אויסגעטראכט? און אט וואס זיי האבען מיר דערצעהלט.

זיי זיינען לאנדסלייט מיט מיין נעקסטדאריגע. די פרוי, די עגונה וואס איז געקומען פון פילאדעלפיא איז אויך זייערע א לאנדסמאניכע, און

אזוי ווי די שכנה מיינע האָט געהערט ווי איך אַליין האָב זיך מודה געווען פאַר מיין איצטיגע ווייב, אז איך האָב א ווייב אוועקגעוואָרפען אין פּילאַ־דעלפיא און נאָך מיט אַלע אותות ומופתים: אַן עלטערע, ניט קיין שעהנע און א שלים־מזל'ניצע וואָס עס רינט און שווימט פון איהר, האָבען זיי גערעכענט, אז דאָס איז די לאַנדסמאַניכע זייערע. זיי האָבען מיר דארום אריינגענאַרט אין זאַק און געוואָלט ארויסקריגען א גט. אַצינד, אז ניט איך בין איהר מאַן, האָבען זיי צו מיר גאָר ניט.

ווי געפעלט אייך אַן עסק? א שעהנער מיסטייק, פון א סטאָור־פּאיפּ צו א ווייב!

## 24.

## נאָ מאָר גראָסערי.

טוביה חייקעל גיט אויף די ביזנעס; אָבער ניט אזוי גיך טהוט זיך ווי עס רעדט זיך. — זאָגט אויף זיין פּלונית'טע חסרונות צוליעב ביזנעס און ער כאַפּט אריין א גוטע פּאַרציע. — ווי מען אדווערטייזט א ביזנעס צו פערקויפען און אנדערע איינצעלהייטען ווי אזוי מען ווערט פּטור פון א שלעכטען עסק.

כ"א שבט, תרס"ח.

ביי מיר און מיין אידענע איז פערבליעבען, אז מיר זאָלען אונזער גראָסערי פערקויפען, — פערקויפען ווי פאַניע זאָגט: „פּאַטשאָם ווטאָרג", אבי פּטור ווערען פון א צרה.

א ביזנעס וואָס שטעהט צו פערקויפען איז אזוי ווי, ניט צוגעגליכען, א מיידעל ווענען וועלכע מען דאַרף אַנהייבען מיט לייטען רעדען. ער דאַרף זיין צוגעקליבען, צוגעפּוצט, אויסגעסטראָיעט, כדי עס זאָל נושא חן זיין ביי די סוחרים.

פערבלענדען יענעם די אויגען איז אייגענטליך אפשר ניט אזוי יושר'ליך; אבער אז מען פאַלט אריין אין א צרה, קען מען זיך ניט העלפען, כאשר עשה כן יעשה, ווי מען האָט מיר אָבגעטהאָן, אזוי מוז איך צוריק אָבטהון.

ווען איך האָב די שלים־מזל׳דיגע גראָסערי געקויפט, איז זי אויך געווען אויסגעפּוצט שעהן, ריין, פיין, אקוראט ווי, להבדיל, א כלה. איך האָב געמיינט, אז איך כאַפּ אריין א גליק, לסוף האָב איך זיך ארומגעזעהן, אז דאָס איז געווען א פּגר, א טויטעס געשעפט, פון וועלכען מען מוז וואָס שנעלער לויז ווערען; ווען ניט, קען איך נאָך אויך א בר־מנן ווערען און אפילו תחית המתים ניט אויפשטעהן.

איך האָב דארום קודם כל מיין „פּגר" אויסגעפּוצט ווי א ליאַלקע. איך האָב אויסגעקלינט די פענסטער און אויסגעפּיקסט שאָר־ווינדאָוס, א מחיה צו קוקען. איך האָב אויסגעשטעלט באקסעס סארדינס, סעמאָן און אנדערע אַרטיקלען אזוי ווי א טהורעס, אונטען ברייט און אויבען שמאָל. סאמע אין דער הויף האָב איך אויסגעלעגט פּעקעדזשעס קאָלומביא טהעע, וועלכע האָבען אויסגעקוקט ווי א שעהנע פּאַמפּאַדור אויף א מיידעל׳ס קאָפּ. ביי די זייטען האָב איך אויסגעלעגט זעקעלעך מעהל און אנדערע גראָסערי זאכען, דערצו האָב איך אוועקגעשטעלט ליימענע פיגורען, וואָס איך האָב עקסטרא געקויפט ביי אן איטאַליענער. די געז־רעהרען האָט די אידענע מיינע ארום־געפּוצט מיט קאָלירטע טישע־פּייפּער צושניטען אזוי ווי לעקשלעך און אַלעס האָט געלעבט, זיך אָבגעשפּיגעלט גרויסארטיג אזוי ווי די גרויסע געשעפטען אויף בראָדוויי.

אין סטאָר גופא האָב איך אויך געמאכט אָרדנונגען, פערשטעלט און פערלעגט אַלע פּאָליצעס, כדי עס זאָל אויסזעהן לייטישער. די דאָזיגע ארבייט האָט ביי אונז געדויערט א פּאָאר טעג. איך און מיין אידענע האָבען געאַרבייט שווער און ביטער ביז מיר האָבען אַלעס אויפגעפּיקסט און אונזער ארבייט איז געווען אָנגעלעגט. די קאָסטאָמערקעס אונזערע האָבען צו־געגעבען, אז מיר האָבען א גוטען געשמאַק און זיי האָבען אונזער ארבייט געלויבט.

דער עולם האָט הפּנים פערשטאַנען, אז מיט מיין פּוצען און סטראָיען די גראָסערי, לעג איך בלומענקראַנצען אויף א קבר, אויף א קבר, אונטער וועלכען עס ליגגען בעגראָבען א שעהנע פּאָאר דאָלאר אייגענע און פרעמדע, און מאַנכע פון זיי האָבען געשמייכעלט, ווי איינער רעדט: רעכט אויף דיר, שלים־מזל, האָסט ניט געזאָלט קריכען.

געלד האָבען א סך קאָסטאָמערקער אויפגעהערט געבען, אבסאָלוט

אויפגעהערט. וואָס האָבען זיי מורא? עניוועי וועט דאָס געשעפט איבער־געהען אין אנדערע הענד, היינט וואָס וועל איך זיי טהון?

און געגעבען האָב איך אַלעמען סחורה אויף גאָט׳ס בערױאָט. ווען מען וויל אָבשניידען פון ביזנעס, טאָר מען זיך פון קאָסטאָמער ניט אָבשלאָגען. אין אַ ביזנעס וואָס שטעהט צו פערקויפען, דאַרף זיך רודערן, קיינער וועט דאָך ניט קויפען אַ טויטע זאַך. בינו לבינו איז פון טאָג צו טאָג געוואָרען אַלעם מעהר חובות און ווייניגער סחורה און איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל אין גאַנצען אַ נשרף און איך וועל ארויס פון די ביזנעס ווי איך שטעה און געה.

אַז איך האָב אדוועטייזט, אַז איך האָב אַ גראָסערי צו פערקויפען, האָבען אָנגעהויבען געהען שדכנים, ביזנעס־אגענטען הייסט עס. — קיין אַגענטען פעהלען ניט, זיי זיינען פאַראַן מעהר ווי סוחרים, און אַלע דער־צעהלען זיי, אַז זיי האָבען שוין פערקויפט ביזנעס פאַר צעהנדליגע טויזענדער דאָלארס, און ווער עס וויל עפּעס פערקויפען און לייזען אַ גוטען פּרייז, מוז עס דורכגעהן דורך זייערע הענד.

איין אַגענט איז צו מיר געקומען, אויסגעפּרעגט „פּערטיקולערס" וועגען מיין גראָסערי און מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיין דער גוטער שליח און מיר ברענגען אַגוטען סוחר; אבער באופן, אַז ער וועט וועגען מיין גראָסערי אַליין אדווערטייזען.

„איהר ווייסט, מיסטער לעבען" — האָט ער געזאָגט — „אַז אויף אייער אדווערטייזמענט וועט זיך קיינער ניט אָברופען. מען דאַרף אדווערטייזען מיט אַ קנאַק, עס זאָל אַ נעהם טהון; ווען ניט, טויג עס ניט. לכן גיט מיר אַ פּאָאר דאָלאר וועל איך אַליין אריינשטעלען אַן אַנאָנסע און איך וועל אייך ברענגען צעהן קאָסטאָמערס פאַר איינעם.

קלער איך: אַז מען איז אין באָד איז נאָך אַ שמיץ; האָט דער עסק געקאָסט אַזוי פיעל, וועט קאָסטען נאָך אַ קלייניגקייט. איך האָב איהם די געווינשטע סומע דערלאַנגט און ער איז אוועקגעגאַנגען פערשפּרעכענדיג מיר, אַז עס וועט זיין אָל־ראַיט.

אויף מאָרגען האָב איך אין אַ ציטונג געלייענט פאָלגענדע אַנאָנסע:

עקסטרא! כאַפּט אַ מציאה!

אַ באַרגיין וואָס טרעפט איין מאָל אין הונדערט יאָהר. אַ גוט־געהענדע

גראָסערי מיט איינגעטרייטע קאַסטאָמער צו פערקויפען אין די בעסטע נאכבארשאפט. מען קען זי קויפען מיט 50 סענט דעם דאָלאר. אורזאכען פאַמיליען־טראָבעל. פערזאמט ניט די געלעגענהייט און מעלדעט זיך זאָפאָרט צום אגענט..... נומער... אָרטשארד סטריט.

צייג איך עס מיין אידענע, און זאָג צו איהר: הלואי זאָל גאָט צושיקען עפּעס אַ סוחר אויף אונזער שלים־מזל׳דיגע גראָסערי, וואָלטען מיר די געקויפט, אויב קיינער וועט ניט אויסכאַפּען. פערגעס ניט, זאָג איך, מיט 50 סענט דעם דאָלאר! דאָס הייסט דאָך פאר העלפט געלד. ווען קריעגט מען אזא מציאה?

„ווייסטו גאָר וואָס?“ — זאָג איך צו מיין אידענע — „דו לויף אונטער און ווער געוואָהר וועגען דער גראָסערי וואָס שטעהט אין פּייפּער. אזא זאַך טאָר מען ניט פערלענגערן, און אויב קיינער האָט עס נאָך ניט אויסגעכאפּט, וועלען מיר מיט אונזער גראָסערי אָבעקען, ווי עס וועט זיך מאַכען, און קויפען יענע.“

געהט אוועק מיין אידענע און קומט צוריק מלא שמחה. „טוביה חייקעל“ — זאָגט זי — „זה כפרתי, זה חליפתי, זה תמורתי, שלאָג אָב כפרות מיט די צרה׳דיגע ביזנעס און לאָמיר קויפען יענע גראָסערי וואָס עס שטעהט אין פּייפּער. עס איז אַ גליקליכער עסק. מען קען עס קויפען פאר אַ קלייניגקייט, פאר האלב געלד, טאַקע ווי אין פּייפּער שטעהט. יענער גראָסערי־מאַן, ניט פאר אונז גערעכט, האָט ניט קיין גוט לעבען מיט דער ווייב, זיי רייסען זיך ארום ווי די קעץ, האָט מיר דער אגענט געזאָגט, דעריבער איז איהם די ביזנעס ניט ליעב, דער לעבען ניט ליעב און ער וויל דערפון פּטור ווערען. פאַרנאַכט האָט מיר דער אַגענט געהייסען קומען און מיר וועלען עס קויפען איינס און צוויי.“

בין איך העכסט צופריעדען און איך וואַרט נור אַ סוחר זאָל קומען און איך זאָל פון מיין „פּגר“ פּטור ווערען.

שפּעטער קומט מיין אגענט. „האָט איהר שוין אדווערטייזט מיין גראָסערי אין פּייפּער?“ — פרעג איך. — „געוויס,“ זאָגט ער, „איך האָב שוין אפילו אַ סוחר׳טע אויך. נור אום דער מסחר זאָל שנעל אָבגעמאַכט ווערען, דאַרפט איהר אָברעדען מיט אייער אַלטע, זי זאָל כלומרשט ניט

וועלן פערקויפען, אדער פערקעהרט: זי זאל וועלן און איהר זאלט ניט וועלען, כדי די סוחר'טע זאל אננעהמען מעהר חשק.

„עס שאדט ניט" — זאגט ער — „איהר זאלט זיך בלומרשט צור־ווערטלען מיט אייער אידענע. איהר זאלט בלומרשט מיט איהר פראווען צו־להכעיס. וועט איהר זאגען „יא", זאל זי זאגען „ניין". וועט זי זאגען „ניין", זאלט איהר שרייען אין איין קול „דוקא יא", און וואס מעהר איהר וועט זיך מיט אייער פלונית'טע קריגען, וואס מעהר איהר וועט זיך אמפערען, אלץ מעהר יצר הרע וועט די סוחר'טע בעקומען די גראסערי צו קויפען.

טראכט איך ביי זיך: מה רעש? קריגען זיך אויף שפאס איז קיין אונגליק ניט; אבי חלילה ניט אויף אן אמת. און איך האב איהם צוגעזאגט, אז איך וועל אזוי טהון, ווי ער הייסט.

איך האב מיין אידענע וועגען מיין אבמאך מיט'ן אגענט ניט געזאגט. עס איז דאך ניט אזא גרויסע תורה וואס מען דארף איינשטודירען, האב איך געקלערט, איך וועל עס איהר צייט האבען צו זאגען שטילערהייט דאמאלס ווען דער קונה וועט קומען.

פארנאכט איז מיין אידענע וויעדער אוועק צום אגענט זעהען וועגען דער גראסערי וואס שטעהט אין פייפער. אביסעל שפעטער, עס איז שוין געווען פינסטערלעך, קומט וויעדער מיין אגענט מיט א אידענע איינגעוויקעלט אין א שאול און ער מאכט צו איהר:

„אט דאס איז די גראסערי און דאס איז דער מאן. עס איז א טהייערע ביזנעס, זאג איך אייך, א גאלדענער פינגער'ל, דער מאן וואלט עס אפילו פאר טויזענד דאלאר ניט פערקויפט, נור ער האט נעבעך א ווייב אן ארורה, א מרשעת, גאט זאל היטען, אז ער זאגט טאג, זאגט זי נאכט, א בייז לעבען ביי זיי, ניט פאר קיין אידען גערעדט, מוז ער אבשניידען פון די ביזנעס."

איך האב פערשטאנען אז דאס איז בלויז אן אנשטעל, און איך האב אין זיך געשמייכעלט. אבער פלוצלונג האט די אידענע אנגעהויבען שרייען מיט קולות:

„הא? איך בין א מרשעת? צוליעב מיר מוזטו אויפגעבען די ביזנעס? שלים־מזל וואס דו ביזט, אז דו כאפסט זיך אריין אין א צרה, בין איך שולדיג? איך צופראסקע דיר באלד די צורה דיינע!"

ערשט דאמאלס האב איך זיך ארומגעזעהן, אז דאס איז טאקע מיין

פלונית'טע פיינע, און איך האב פערשטאנען, אז די אנאנסע מיט די גרויסע גליקען, מיינט מען עס מיין גראסערי, און דער אגענט, ניט קענענדיג מיין אידענע, האט איהר געבראכט פאר א סוחר'טע אויף איהר אייגענעם געשעפט.

דער אגענט, ערפאהרענדיג זיין טעות וואס ער האט געהאט, האט זיך באלד אבגעטראגען און איך האב געכאפט א פארציע, אז עס איז מיר געווען ביטער און פינסטער.

ענדליך האב איך זיך מיט מיין אלטע איבערגעבעטען. איך האב איהר געגעבען צו פערשטעהן, אז איך בין דא גאר ניט שולדיג, און מיר זיינען שלום געווארען.

אן אנדער אגענט האט מיר אויף מארגען געבראכט א סוחר, און איך האב די גראסערי פערקויפט. וויפיעל איך האב פאר איהר גענומען, פרעגט שוין גאר ניט. איך בין, ניט פאר קיינעם גערעכט, גוט אבגעברענט געווארען, אבער אבי אראב פון מארק.

אצינד, ווי זאגט מיין אידענע: ברוך שלעפט די טראנטע (ברוך שפטרני). א דאנק גאט פטור געווארען פון א צרה.. די פראגע איז אבער, וואס טהוט מען ווייטער? איך בין ערשט געבליעבען ווי א צובראכענע שיף אין מיטען ים און איך קען מיר קיין עצה ניט געבען וואוהין צו קעהרען זיך.

אידען, רחמנים בני רחמנים! אפשר האט אימיצער פאר מיר א שטיקעלע ביזנעס אדער אירגענד וועלכע בעשעפטיגונג: א הויז־קיפער־שטעלע, א וואטשמאן־שטעלע, אדער וואס־עס־איז, פליז גיט מיר צו וויסען. איך בין בערייט אלעס צו טהון און פאר צופריעדענהייט גאראנטיר איך, דער אונגליקליכער טוביה חייקעל.

---

.25

## ער איז שוין א הויז־קיפער.

**טוביה חייקעל קריגט א דזשאב אלס דזשעניטאר, אבער דאס גליקט איהם אויך ניט. — א מיספערשטענדניס צווישען איהם און דעם מיסט־פיהרער. — גלות פון די טענאנטס. — א מעשה מיט א שכנה'ס קאנצערט און א פערברענטען צימעס. — קריגט א גוטען חלק פון דער אידענע.**

---

כ"ו שבט, תרס"ח.

ווי עס זעהט אויס, בין איך ווידער אריינגעקראכען, ווי מען זאגט,

מיט א געזונדען קאָפּ אין א קראַנקער בעט. איך האָב אָנגענומען א הויז־קיפּער שטעלע און איך האָב מורא, אז עס וועט זיין א דורכפאַל.

איך בין ערשט עטליכע טעג אויף דיזען דזשאָב און איך זעה שוין, אז עס טויג ניט. ווען איך זאָל געוועזן פריהער וויסען וואָס פאַר א מאכל דאָס איז, וואָלט איך עס ניט אָנגענומען.

צו א פרעמדע מכה זיינען פאַראַן א סך רפואות. ווען איך האָב מיין גראָסערי פערקויפט און איך בין געבליעבען, ווי מען זאָגט, אָהן א קנעלונג, האָבען זיך געפונען גוטע פריינד מיט פערשיעדענע עצות, מיט פערשיעדענע פאָרשלעגע. אייניגע האָבען מיר געראַטהען איך זאָל ווערען א בוטשער; אַנדערע האָבען געזאָגט, אז מלמדות איז פאַר מיר די פּאַסענדסטע בעשעפ־טיגונג, און נאָך אַלעמען האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן א הייסען שטיין — אָן הויז־קיפּעריי.

דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך נאכדעם ווי איך האָב די גראָסערי מיינע פערקויפט, חרטה געהאַט אויפ׳ן עסק.איך האָב זי אָנגעהויבען זשאַלעווען און איך זשאַלעווע זי נאָך היינט אויך. מיר בענקט זיך נאָך איהר און ווען איך דערמאָן זיך אָן איהר, גיט מיר עפּעס א צופּ ביים הארצען. דאָך אָן אייגענע זאַך געווען, קיין זאַך האָט ניט געפעהלט; ווען און וואָס מען האָט געוואָלט האָט מען געקראָגען. האָט מען געוואָלט עסען, האָט מען אין גראָ־סערי גענומען וואָס דאָס הארץ האָט געגלוסט; האָט מען געוואָלט א נאַש טהאָן, האָט אויך ניט געפעהלט. בשעת מעשה קוקט מען ניט ווי שפּעט עס איז. עס איז פאַראַן ביים האנד און קיינער שטערט ניט, שטופּט מען אין צורה.

עס ציהט מיר נאָך היינט אויף אהין, וואו איך האָב געהאַט די פריי־הייט אריינצוכאַפּען אין מויל א ראָזשינקע, א ניסעל, א טרוקענע פלוים אָדער אַן אַנדער נאַשעריי. פריהער האָב איך דעם נחת ניט געפיהלט, אצינד אָבער ווייס איך, אז מיר פעהלט עפּעס.

דאָס ליעגט שוין אין מענשענס נאַטור. נאָכ׳ן טויט ווערט געשמאַק. די זאַך וואָס מען פערלירט ווערט טהייער. א רייכער וואָס באָדט זיך אין כל טוב, בעגרייפט ניט ווי גוט איהם איז; ערשט דאַמאָלס ווען ער ווערט חלילה אָרים, זעהט ער זיך ארום און פערשטעהט, וואָס פאַר א גוטע זאַך ער האָט פערלאָרען.

אָט האָבען מיר אַלע ערשט מיט איינינע טעג צוריק פערלאָרען דעם גרויסען האַלסיילער וואָס האָט אונז דעליווערט „ראַזשינקעס מיט מאַנדלען" און אנדערע ארץ ישראל פּירות — אברהם גאָלדפאדען, האָט ער געהייסען. מיר האָבען אַלע געכאַפּט א נאַש אין זיין האַלסייל סטאָר, הפקר פּעטרושקע איז עס געווען, ווער עס האָט געוואָלט האָט גענומען, פולע הויפענס גענומען און קיינעם איז גאָר אין זינען ניט געלעגען פון וואנען דאָס קומט, וועמעס דאָס איז — א מציאה א גרויסע! עס איז געווען פאר די אויגען, האָט מען גענאַשט! ערשט דאן וועז דער האַלסיילער האָט אונז פערלאָזען און קיין אנדערער וואָס זאָל אונז דעליווערען אזעלכע גודס איז ניטאָ, האָט דער עולם אָנגעהויבען פיהלען, אז עס פעהלט איהם עפּעס.

עס קען זיין, אז ווען גאָט זאָל מיר צושיקען עפּעס א גוטע פּרנסה וואָלט איך זיך אָן דער גראָסערי פערגעסען; איך האָב אָבער מורא, אז איך בין אריינגעפאַלען אין אן ערגערע צרה.

די הויז־קיפּער־שטעלע האָב איך געקראָגען דורך א רעקאָמענדיישאָן. דער וואָס האָט מיך רעקאָמענדירט האָט מיט'ן לענדלאָרד גענוג געקנעלט ביז ער האָט גע'פועל'ט, אז ער זאָל מיך צונעהמען. א הויז־קיפּער, האָט דער לענדלאָרד געזאָגט, איז א פעראנטוואָרטליכע שטעלע און מען קען עס אויף אבי וועמען ניט אָנטרויען, און עס איז גאַנץ שווערליך אָנגעקומען ביז ער האָט מיר דעם גרויסען פעראַנטוואָרטליכען דזשאָב איבערגעגעבען.

געזאָגט האָט מיר דער לענדלאָרד, אז ער גיט מיר איבער א הויז מיט 36 שכנים. אצינד אָבער זעה איך, אז ניט ער האָט מיר די שכנים איבער־געגעבען, נור ער האָט מיך אוועקגעגעבען צו זיי, ממש אוועקגעשענקט במתנה גמורה פאר א שקלאַף, פאר א פּאַנטאָפעל אויף זייערע פיס און זיי האָבען רשות צו טרעטען אויף מיר, צו טהאָן מיט מיר וואָס זיי ווילען און איך בין הפקר כעפּרא דארעא.

קיין קאָנטראַקט האָב איך מיט'ן לענדלראָד ניט געשריעבען. ער האָט מיר אויסווייניג געזאָגט, אז ער מאכט מיך פאר א פאַלשטענדיגען בעל הבית אי־בער'ן הויז. איך דארף זעהן, דאָס אין די האָלס, אויף די טרעפּ און ארום הויז זאָל זיין ריין. איך בין פערפּפליכטעט צו מאכען דריי אָדער פיער מאָל א וואָך דעם אינדזשען און בעזאָרגען די טענאַנטס מיט וואַרימעס וואַסער. איך דארף אָנצינדען די גאַז אין די האָללס און דארף זיין עקאָנאָמיש, שפּאר־

זאם מיט גען און קאַהלען, כאדם העושה בתוך שלו, אזוי ווי א בעל הבית פאר זיך.

בשכר זה האָב איך א וואַהנונג פון פיער רומס אויפ'ן סטופ אין די בעק, בעהייצונג און בעלייכטונג פריי און נאָך עטליכע דאָלאר א מאָנאט צוגע־צאָהלט, און אלס פרעמיום, 50 סענט שליסעל געלד פון יעדען נייעם טע־נאַנט וואָס מופט אריין.

אמת, קיין לעבען קען מען דערפון ניט מאכען; אבער א שטיקעל פאַר־פאַרע איז עס דאָך. אגב האָב איך געמיינט, אז הויז־קיפּערייַ איז אַן עהרען־אמט — א בעל־הבית וואָס האָט אונטער זיין האנד אזוי פיעל מענשען, אָהן עין הרע, לסוף אָבער איז עס ניט ווי איך האָב געדענקט.

אין דעם ערשטען טאָג וואָס איך האָב מיין עהרען־הערב — דעם ברום — גענומען אין האנד, האָב איך שוין דערפיהלט, אז איך בין עפּעס פעררע־כענט פאר א נידעריגע בריאה, פאר א בעשעפּענים וואָס האָט קיין ווערטה און שפיעלט זעהר א קליינע ראָלע אויף דער וועלט. איך האָב געזעהען, אז די, איבער וועלכע איך בין בעל הבית, שעהמען זיך צו ענטפערען אויף מיין „גוט מאָרגען". זיי קוקען אויף מיר עפּעס אזוי ווי אויף א קנעכט וואָס איז בעשאפען געוואָרען עקסטרא צו בעדיענען זיי און עס פּאַסט זיי ניט מיט מיר צו ריידען.

מיט זעהן, אז אין און ארום הויז זאָל זיין קלין, האָב איך איינגעזעהן, וועל איך ניט יוצא זיין. מען דארף ארבייטען שווער און ביטער. מען מוז קעהרען, ראמען און וואשען, מען דארף זיין איינגעשפּאַנט אין ברום, אזוי ווי א קאַטאָרזשניק אין טאַטשקע, איז פיעל מען טהוט איז אַלץ ווייניג.

א שעהנעם קבלת פנים האָב איך געהאַט פון בארבער וואָס וואָהנט אויפ'ן גראונד פלאָאר. דאָס איז געווען דער ערשטער טאָג וואָס איך האָב די שלים־מזל'דיגע שטעלע איבערגענומען. איך שטעה מיר אזוי ביים סטופּ, קומט צופאָהרען דער מיסט־פיהרער מיט זיין וואָגען. ער האָט מיך דער־זעהן, א פנים חדשות, מאכט ער: „אר יו דהי דזשעניטאָר?" „יעס" — זאָג איך. טהוט ער אויף מיר א קוק מיט זיינע טרפה'נע אויגען, רוקט אריין זיין גרויסע לאַפּע מיט דער הענטשקע אין מיסט בארעל און זאָגט: איט איז נאָו גוד.

טראכט איך ביי זיך: א פאַיערשער מוח דאָס איז, פערשטעהט זיך, אז

עס איז נאָר גוד. ווען עס זאָל זיין עפּעס רעכטס, וואָלט מען דאָך עס ניט ארויסגעוואָרפען. טהו איך א שפּיי און מאַך צו איהם: „שור דזשאַני, איט איז נאָ גוד, פּע!"

הערט ער ניט וואָס איך זאָג, טהוט א וויאָקע צו זיין פערדעל און פאָהרט אוועק. שריי איך: „טייק דהים! און ער הערט מיר ניט און פאָהרט אוועק ווייטער. מיט אַן אַנדער מיסט־פיהרער איז אויך דאָס זעלבע געווען. בינו לבינו זיינען די באַרעלס געבליבען שטעהן. איז ארויסגעלאָפען דער באָר־בער און האָט מיך געזידעלט, געמאַכט צו אש און צו בלאָטע. „איך וועל אייך" — האָט ער געשריען — „די מיסט ארויפשיטען אויף אייער קאָפּ. איך וויל ניט, אַז די שמוץ זאָל שטעהן אונטער מיינע פענסטער, נעהמט עס צו אייך אין פראָנט־רום, קאָכט דערפון קאַשע און ביים הויז זאָל עס ניט שטעהן."

אָט האָסטו זיך א ברוך־הבא! איך בין שולדיג, אַז דער מיסט־מאַן האָט עס ניט געוואָלט צונעהמען! ערשט נאָכדעם האָב איך זיך דערוואוסט, אַז מען דאַרף די שמוץ סאָרטעווען, יעדע זאַך בעזונדער, און ווען עס איז ניט אַזוי כשר, דאַרף מען דעם מיסטוואָגען־מאַן עפּעס נתנ'ען אין יד אריין אָז ער געפינט שוין א היתר צוצונעהמען עס.

היינט דער גלות פון די שכנים, זאָל גאָט היטען! אַלעס אויפ'ן הויז־קיפּער — א גוט יאָהר, רבונו של עולם, אויך אויף איהם. מטריח זיין מיך, שלעפּען מיך אויפ'ן טאָפּ פלאָאר צוליעב א קליינינקייט, צוליעב א נאַריש־קייט, איז ביי זיי גאָר ניט. זיי מיינען הפנים, אַז ביי מיר איז קהל'שע פּיס.

לענגער וואָלט איהר זעהען, הער איך געוואַלדען אויפ'ן טאָפּ פלאָר און מען שרייט אין איינע קולות: הויז קיפּער! אין האַרצען איז מיר איינגעפאַ־לען, איך האָב געמיינט, ווער ווייסט וואָס דאָרט איז געשעהן. איך בין קוים א לעבעדיגער ארויפגעלאָפען, ערשט וואָס איז? א מיסעס האָט דערזעהן א מויז אין קיטשען! דער גליק איז געווען, וואָס איך האָב אויסגעפונען, אַז דאָס איז גאָר קיין מויז ניט געווען, א שמאַטקע האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך איהר קלייד און זי האָט געמיינט, אַז דאָס איז א מויז, זאָנסט וואָלט זי פערלאַנגט איך זאָל די חיה'לע קעטשען, אָדער איך זאָל זיצען פאַר א שומר ביי איהר אין הויז ביז דער מאַן איהרער וועט קומען.

פרייטאָג איז עס געווען. די אַלטע מיינע איז אוועק ערגעץ אין סטריט

און מיך האָט זי געלאָזען אין הויז אכטונג צו געבען אויף די טעפּלאך וואָס האָבען זיך געקאָכט אין אויווען, לויפט ארונטער א באָיטשיק פון פיערטען פלאָאר און רופט מיך. די מאמע, זאָגט ער, האָט געזאָגט איך זאָל שוין ארויפקומען, זי דארף מיך נויטהיג האָבען. געה איך.

איך קום ארויף, בעט זי מיך זיצען. זעץ איך זיך אוועק אין קיטשען און זי זעצט זיך אויפ'ן ראָקינג טשער אין פראָנט רום און גיט אָב קאָנצערט פאר איהר בייבי. קלעהר איך ביי זיך: צו וואָס האָט זי מיך גערופען, די פרוי? אָבער אז זי שווייגט, שווייג איך אויך.

אפשר א שטונדע בין איז אזוי געזעסען, ביז ענדליך האָב איך זיך שוין ניט געקענט איינהאַלטען און טהו איהר א פרעג: „מיסעס, איהר האָט מיך עפּעס גערארפט?"

„יעס" — זאָגט זי — „איך האָב אייך עקסטרא אהויפגערופען איהר זאָלט הערען ווי די אַפּ־סטעירזיגע קלאַפּען אין די קעפּ, אין די מוחות זאָל זיי דאָרט קלאַפּען. ערשט איז גראדע שטיל; אָבער וואָלט איהר געוועזען הע־רען פריהער, איך האָב געמיינט, אז דער סילינג פאַלט איין. איהר הערט? אויב איהר וועט זיי ניט מאכען צו סטאַפּען, וועט זיך טהאָן חושך".

„אָלל־רייט" — האָב איך גענטפערט און אין הארצען האָב איך גע־טראַכט: אלע בייזע חלומות צו דיין קאָפּ, האָסט דאָך באַלד געקאָנט זאָגען.

ווען איך בין ארונטערגעאַנגען, האָט מיר א קלאַפּ געטהאָן אין נאָז א שבת'דיגער ריח — א ריח פון פיש, איך בין אריין צו מיר אין הויז, האָב איך געפונען די פיש און דעם צימעס פערברענט אויף קאָהל, די זופּ אויסגעלאָפען און די פלייש צוגעברענט צום טעפּעל.

איהר פערשטעהט שוין מסתמא אליין, אז די אלטע מיינע האָט געגונג בעוויינט די דאָזיגע שרפה. וואָס צו עסען האָבען מיר ניט געהאַט, אָבער מיר האָט די אידענע איינגעטהיילט א חלק, אז איך האָב געהאַט גענוג אויף ביי־נאַכט, אויף אין דער פריה, אויף שלש סעודות און עס איז מיר נאָך פערבלי־בען אויף מלוה מלכה אויך.

איך ווינש אייך אסור, אז אייערע פלונית'טעס זאָלען אייך אַזעלכע חלקים איינטהיילען.

## .26

## אַ טענערקע הענגט אויפ'ן וועש־ליין.

צוליעב אַ קליינע מיספערשטענדניס האָט טוביה חייקעל אַן אומזיסטע שרעק. — ווייל רייך ווערען פון יענעמס אונגליק. — קריגט גאַנץ גוט אויסגעזידעלט פון אַ גאַליציאַנערקע. — מען מאַכט איהם אי מילכיג, אי פליישיג. — אַ דור הפלגה אין זיין פּראָפּערטי און ער לעקט דערפון ניט קיין האָניג.

ג' אדר ראשון, תרס"ח.

רבותי, איך בין, ניט פאַר אייך געדאַכט, אויף צרות — אויף גרויסע, אי־בערגעלייגטע צרות; איך האָב מיט מיין הויז־קיפּער שטעלע גאָר ניט גע־טראָפען און איך האָב שוין חשק געהאַט צו זוכען עפּעס אַנדערש.

ווען איך זאָל דערביי מאַכען אַ לעבען, וואָלט איך געמוזט ליידען; אָבער אַז קיין לעבען מאַך איך דערביי ניט און צרות האָב איך אויפ'ן פוד, איז עס געוויס ניט קיין עסק — פערקויפען די בכורה פאַר אַ טאָפּ לינדזען לוינט זיך ניט.

אין מיין פּראָפּערטי, עס הייסט, אין דער פּראָפּערטי וואו איך בין הויז־קיפּער, איז אַ מין בבל, אַ מין דור הפלגה, אַן אויסמישעניש פון פערשיעדענע לשונות. צווישען די 36 טענאַנטס וואָס איך האָב אונטער מיין האַנד, זיינען פאַראַן ליטוואַקעס, רומענישע, גאַליציאַנער און אויך עכט רוסישע וואָס ריי־דען פּאָ מאָסקאָווסקי.

מילא פון די מאַנסבילען האָב איך נאָך ביז ערשט קיין סך עגמת נפש ניט געהאַט — הלואי ווייטער; פון די ווייבער אָבער איז ניט אויסצוהאַלטען. די ליטוואַטשקעס מיט די גאַליציאַנערקעס האָבען ניט קיין שלום צווישען זיך, די רומענישע ווידער האָבען ניט קיין גוט לעבען מיט די ביידע, אי מיט די ליטוואַטשקעס, אי מיט די גאַליציאַנערקעס, און אלע בלבולים דאַרף איך אויסשטעהן.

וואונדערבאַר! שכנות זאָלען זיך ניט פערהאַלטען פריינדליך צווישען זיך! וואָס האָבען זיי, דאַכט זיך, איינע צו די אַנדערע? און דאָך געפינען זיי אייך אלע מאָל פּריטשעפּקעס און רייסען זיך אַרום ווי די קעץ.

בעריהרט איינע דער אַנדערער'ס וועש ליין, איז הימעל עפען זיך! טהוט

איינער'ס א קינד א דזשאַמפּ אין האַל, לויפט די אנדערע באַלד ארונטער מיט א מסירה; שמוצט אימיצער אָן אין האַל, ווארפען זיי די שולד איינע אויף די אנדערע; די זאָגט: די מאַמעליגע (רומעניש) האָט עס געטהאָן, און יענע וויעדער בעשולדיגט די הערינג פרעסערקע (ליטוואטשקע). דער סוף איז, אז מען צוקריעגט זיך גאנץ געשמאַק און כל חמתן געניס איך.

ווארפט עפּעס איינע ארויס אָדער גיסט ארויס דורכ'ן פענסטער אין יארד אריין — עס קען זיין, אז זי איז גאָר ניט אויסען, נור דורך א סיבה פערשמוצט זיך אָן אנדערער'ס וועש וואָס הענגט אויפ'ן ליין — נו, נו, איז די גאנצע פּראָפּערטי אויף אָן ווען איך געה מאכען א ספּראַווקע, קריג איך גוט אויסגעזידעלט.

קיין גוטער איד זאָל זיי ניט קענען, ס'ארא פאסקודנע שכנות איך האָב. לייגנער שטעה איך אזוי און קעהר דעם יארד, ערשט אימיצער האָט פון אפּכטעירז א פּליוכע געטהאָן א טעפּעל מילכיגע לאָקשען, וואהרשיינליך נעבטיגע וועטשערע, און מיך אָבגעגאָסען פון אויבען ביז אראָב. האָב איך פערקוקט אין דער הויך אפשר וועל איך קעטשען ווער עס האָט מיך געמאַכט די מילכיגע וואננע און איך האָב פון אָן אנדער מיסעם בעקומען מיט א באָנטש היהנערשע קישקעלאך גלייך אין פּנים אריין.

איך בין געאַנגען פון פלאָאָר צו פלאָאָר און געמאַכט א חקירה ודרישה; אָבער ווייסט איהר עפּעס? אזוי ווייס איך ווער עס האָט מיך אי מילכיג, אי פליישיג געמאַכט.

איך טענה מיט זיי מיט גוטען: „ווארפט ניט אין יארד אריין, אז עס וועט זיין קלין אין יארד וועט דאָך פאר אייך אליין זיין שעהנער; דאָס איז גוט — זאָג איך — אז איהר האָט געטראָפען מיך, א שלים־מזל'דיגען הויזקיפּער; ווי וואָלט אָבער געווען ווען דער לענדלאָרד אליין וואָלט גראדע געווען אין יארד און איהר וואָלט איהם מכבד געווען מיט די מילכיגע לאָקשען און מיט די היהנערשע קישקעלאך?" — אָבער רייד צו זיי, רייד צו דער וואנד, זיי טהוען זיך זייערס; זיי שליידערן אלערליי שמוץ, אלערליי צרות, מיינע שונאים, אין יארד אריין, און דו, טוביה חייקעל, ברעך דעם קאָרק, שטעה נור שטענדיג מיט'ן ברום און קעהר.

אין דער פריה, ווען מען טראָגט ארונטער די שמוץ, עס איך מיר אָב די גאַל מיט די ווייבערישצעס. איך בעט זיך ביי זיי אזוי ווי ביי גזלנים;

„מישט ניט אויף קאשע מיט באָטשווינע; איהר ווייסט דאָך, אז עס איז אַ גזירה, אז אַשעס דארף זיין סעפּערייט, פייפּער סעפּערייט און אַנדערע מיני מיסטען ווידער סעפּערייט. „מען טאָר עס ניט" — טענה איך מיט זיי — צוזאמענמישען אקוראט ווי מען טאָר ניט צוזאמענמישען מילכיגס מיט פליישיגעס"; אָבער קען עפּעס א „מי שברך" העלפען א טויטען? אזוי הלעפט מיינע רייד; זיי טהוען זיך ווי זיי ווילען און איך האָב נאכדעם גע־ברענטע ליידען ביז איך פועל ביי די מיסט־פיהרער, אז זיי זאָלען עס צו־נעהמען.

א צוגאָב צו מיינע צרות האָט נאָך גאָט אָנגעשיקט דעם שנעע. מען טאָר עס ניט ריידען; מיט איהם איז אזוי ווי, להבדיל אלף הבדלות, מיט די ווייבער: איך קעהר און ראַם און ער שיט ווייטער, — אוי, דער וואָס ווינשט מיר בייז, זאָל זיין א הויז־קיפּער.

לעצטע וואָך, איך געדענק ניט וועלכער טאָג דאָס איז געווען, האָב איך געהאַט א שרעק און נאָך דערצו געקראָגען געזידעלט און געשאָלטען אומזיסט און אומגישט. ביידע תוכחות האָט א טענערקע מיינע אויסגעגאָסען אויף מיר, כאָטש איך האָב איהר חס ושלום קיינע שלעכטס ניט געטהאָן. אז איך וועל עס אייך דערצעהלען, וועט איהר לאכען.

אויפ'ן פיערטען פלאָר, ביי מיר אין הויז וואָהנט א ליטוואַטשקע און א גאַליציאַנערקע. די ליטוואַטשקע וואָהנט אין די פראָנט און די גאַליציאַנער־קע — אין די בעק. די צוויי ווייבער שטימען ניט איינע מט די אַנדערע, אקוראט ווי פייער מיט וואַסער קען ניט שטימען. זיי שילטען זיך און זיד־לען זיך, ווען נור זיי טרעפען זיך צוזאמען; אז ניט, עפענען זיי אויף די פענסטער פון זייערע קיטשענס, וואָס קומען אויס איינע אַנטקעגען די אַנ־דערע און זיי שיקען איינע די צווייטע די קללות פער טעלעפאָן, עס הייסט, דורך די שטריק אויף וועלכע מען הענגט די וועש. אַלע מאָל האָבען זיי סכסוכים צווישען זיך און מען קומט צו מיר מיט מסירות, אקוראט איך זאָל זיין א דזשאָדזש אָדער א רב, להבדיל.

קומט צולויפען לעצטע וואָך דער ליטוואַטשקעס א באָיטשיקעל און זאָגט: „הויז־קיפּער, לויפט גיכער אַפּסטעירז, די גאַליציאַנערקע העגנט אויף אונזער ליין." ווער איך זעהר דערשראָקען און וויל פרעגען דעם באָי, אויב זי לעבט אָדער זי איז שוין טויט; אָבער ער האָט זיך זיינס אָבגעזאָגט און

**איז נעלם געוואָרען** — איהר ווייסט ניט אַמעריקאַנער לאופערס? **אַט זיינען זיי דאָ און אַט ווערען זיי פערשוואונדען.**

הכלל, לויף איך אָהן אָטהעם, איך האָב שיער די פיס געבראָכען לויפענ־דיג מיט די שטיינער, א קאַטאַוועס איז עס? א פרוי, א מוטער פון קינדער האָט זיך אויפגעהאַנגען! זי איז אפילו א מרשעת, די גאַליציאַנערקע, זי באַ־דערט מיך שטענדיג און מאַכט מיר א האַלבען טויט מיט איהרע קאָמפּליימענטס אויף דער ליטוואַטשקע; אָבער דאָך א רחמנות, א יונגע פרוי נאָך און זי קען נאָך לעבען און לעבען.

א מאָדנע זאַך, עס כאַפּט זיך אָפּט אריין אין א מענשען א נאַרישער געדאַנק. איך בין, דאַכט זיך, געווען אזוי דערשראָקען און הענד און פיס האָבען זיך מיר געטרייסעלט, פון דעסטוועגען איז מיר לויפענדיג ארויפגעקו־מען אויפ'ן זינען צו זעהן בעקומען די שטריקעל פון דער געהאַנגענער, ווייל אזא שטריקעל, זאָגט מען, איז מזל'דיג.

געווים האָב איך חלילה ניט געוואונשען, אז איך זאָל איהר געפינען טויט, פערקעהרט, איך האָב בעסער געוואָלט, אז איך זאָל איהר טרעפען א לעבעדיגע און קענען איהר ראַטעווען — ראַטעווען א נפש איז קיין קליי־ניגקייט ניט; אָבער טאָמער ניט, האָב איך געטראַכט, אז איך מעג דערביי אויך עפּעס פּראָפּיטירען. מישטיינס געזאָגט, איהר איז דאָך שוין נעבאָך אַלעס איינס, וואָס ווערט זי דערלייגען, אז איך וועל זיך איינקויפען אין איהר מזל?

קורץ דערפון: איך בין קוים א לעבעדיגער ארויפגעלאָפען אויפ'ן פיער־טען פּלאָאר און בין גלייך אריינגעלאָפען צו דער גאַליציאַנערקע אין קיטשען.

ווי נור איך האָב די טהיר געעפענט, ערשט זי איז מיר אַנגעקומען אנט־קעגען פון פראָנט־רום און איך בין געבליבען שטעהן א צומישטער און אליין ניט געוואוסט אויף וואָס'ער וועלט איך בין.

„טפו זאָלט איהר ווערען" — זאָג איך — „וואָס איז דאָ געווען? קומט צו לויפען דער באָיטשיק פון די פראָנט און זאָגט, אז איהר האָט זיך, שונאי ישראל, אויפגעהאַנגען, און איך בין געלאָפען אָהן א נשמה".

„לויפען זאָלט איהר פון הויט" — מאַכט די ווייבעל — **„פּאַסקודנער צאַילעם (צלם) קאָפּ וואָס איהר זיינט,** אויפהענגען זאָלט איהר זיך מיט אייער לאַנדסמאַניכע, די הערינג פּרעסערקע אויף איין שטריקעל, האָט עטץ (איהר)

געהערט אויף אייער לייבען (לעבען) ? אז איך האָב געוואָלט אויפהענגען א דייפער אויף איהר ליין, האָב איך געמיינט, די כאָלעריע כאַפּט איהר, אזוי האָט זי זיך פערצאַפּעלט, די מיאוסקייט.״

ערשט דאן האָב איך פערשטאַנען, אז איך האָב דעם באַיטשיק ניט גוט פערשטאַנען און איך האָב געמאַכט א שטיקעל מיסטייק. איך האָב זיך פּאַוואָליע ארויסגערוקט פון איהר הויז, און ווען איך זאָל געווען דאָרט פער־בלייבען לייננער, וואָלט איך זיכער נאָך א גרעסערע פּאַרציע געכאַפּט.

אָט אזעלכע און עהנליכע צרות האָב איך טאָג טעגליך, און איך זאָג אייך, רבותי, אז א הויז־קיפּער שטעלע איז, פּע !

---

## .27

## עפּטער דהי באָלל.

טובית חייקעל׳ס פרוי און קינדער געהען צו א מאַסקערייד באָל און זיין טאָכטער שפּיעלט מיט איהם א קאָמעדיע אונטער די אויגען. — א טאָכטער שפּיעלט די ראָלע פון טאַטען און ערוועקט אייפערזוכט ביי דער מאַמע. — א ביסעל וועגען מאַסקערייד באָלס אין אלגעמיין.

---

ח׳ אדר ראשון, תרס״ח.

הערט איהר, אידען, האָב איך עס נעכטען געהאַט א טאָג, ניט אומקעה־רען זאָלען זיך שוין אזעלכע טעג. זייט איך בין א שטיקעל מענש, זייט איך לעב, האָב איך מיר קיין מאָל ניט פאַרגעשטעלט, אז מיר זאָל אזעלכעס טרע־פען, נו, נו, האָט מען מיר אָבגעטהאָן א שפּיצעל, אז איך האָב זיך געהאַט צו קראַצען און צו קראַצען. איך האָב געהאַט קאַלט און וואַרים און איך זאָג אייך אז איך דאַרף גומל בענשען וואָס איך האָב זיך פון דער צרה ארויסגעדרעהט.

כא, כא, כא, איך לאַך, אָבער איך לאַך מיט יאַשצערקעס, מיט טשוועק־קעס לאַך איך. ווען פרעמדע זאָלען מיר דעם שפּיצעל אָבטהאָן, וואָלט מיר ניט געאַרט ; אָבער אז אייגענע קינדער מאַכען „פּאָן״ פון דעם טאַטען מיט דער מאַמע איז פערדראָסיג, עס שניידט ביים הארצען און עס ווילט זיך בע־סער וויינען איידער לאַכען. אי, אי, אי, האָדעווע קינדער !

געוואָלד געשריען, למי אני עמל? פאַר וועמען האָרעווע איך? פאַר וועמען אַרבייט איך? צוליעב וועמען דרעה איך מיין קאָפּ צו פאַרדיענען וואָס מעהר, צו ווערען רייך? אַלץ צוליעב קינדער, און זיי קריכען אויפ'ן קאָפּ! דער טאַטע מיט דער מאַמע איז ביי זיי אַ שפּיעלצייג און זיי לאָזען זיי טאַנצען אויפ'ן פּלעקעל ווי מאַנקים אַבי זיי זאָלען זיך „ענדזשויען"! פע, ניט כדאי דער גאַנצער עסק.

איך האָב אַן עלטערע טאָכטער, איז זי שוין אַ שטיקעל פאַרדיענערקע און אַז זי איז אַ פאַרדיענערקע, איז זי אַ גאַנצע קנאַקערקע, כאָטש זאָלען עס מיינע שונאים פאַרמעגען וואָס מיר וועט פאַרבלייבען פון איהרע פאַרדיענסטען. עס איז מעהר ניט דערוויל איז זי, ווי מען זאָגט, אַ שטיקעל פּאָדפּאָרע און אפשר דאָס אויך ניט, אָבער מיינען מיינט זי, אַז זי איז מיין ברויט-געבערקע. האָט די טאָכטער מיינע מיך אָנגעהויבען דרעהען אַ קאָפּ נאָך מיט עטליכע וואָכען צוריק, אַז מיר זאָלען געהן צו אַ מאַסקערייד באָל.

איך בין אפילו ניט פון די מענשען וואָס האַלטען ניט פון דער וועלט, אין געגענטהייל איך בין מיט דער מיינונג, אַז אַלע זאַכען פון וואָס אַ מענש קען הנאה האָבען, אַלע זאַכען וואָס קענען איהם פאַרשאַפען פאַרגעניגען דאַרף זיך אַ מענש פאַרגינען ווען ער איז נור אימשטאַנדע עס צו ערגרייכען, אזוי ווי די גמרא זאָגט: כאַפּ אַריין און לעב אַ גוטען טאָג, ווייל די וועלט איז גלייך צו אַ חתונה. און ווייסט איהר צו וואָס פאַר אַ חתונה די וועלט איז גלייך? טאַקע צו אַ היגע חתונה אין אַ האָל, וואו עס קומען אָן מחותנים און ניט מחותנים מארבע פנות העולם און ווער עס איז אַ שלים-מזל'ניק און כאַפּט ניט אַריין אַרונטערצוגעהן צום סאַפּער איידער דער מאַרטש ענדיגט זיך, בלייבט זיצען אַ פאַרשמאַכטער. ווייל די שיסלען מיט די טעלער ווערען אויסגעליידיגט און ווען דער ווייטער דערלאַנגט איהם די „טיפּ" טוט פּיקס, קען ער זיצען רוהיג און רייניגען מיט זיי די נעגעל.

אַז זי, די עלטערע טאָכטער מיינע מיט די קלענערע קינדער האָבען מיר אָנגעהויבען האַקען אין מוח מכח אַ באָל, האָב איך געזאָגט, לאָ מיט אַ גרויסען אלף, ניט ווייל איך וויל ניט האַנה האָבען פון דער וועלט, נור צוליעב דעם, ווייל דאָס איז ביי מיר קיין אַמיוזמענט ניט. גיט מיר אָן די טאָכטער מיינע אין נדן: וואָס אַרט דיר, פּאַפּאַ, דו וועסט זיך דאָרט פיין ענדזשאָיען, דו וועסט זעהן ווי שעהן עס איז ווי מענשען פאַרשטעלען זיך פאַר־

אַקסען, עזלען און פערד און נאָך אַזעלכע דברים נפלאים. ענטפער איך איהר: נארעניו, עס איז דאָך פונקט פערקעהרט, אַט די אַלע חיות וואָס דו זאָגסט פערשטעלען זיך גאָר פאר מענשען און מען קען זיי זעהן יעדען טאָג, יעדע שעה, יעדע רגע פרי און טשארדזש, גאָר אָהן א סענט געלד. ווערט די טעכטעריל מיינע ברוגז און פערקרימט די נאָז. אויף איהר קוקענדיג בלאָזען זיך די קלענערע אויך אָן און ווערען מעד מיט'ן טאַטען.

אארט עס מיר ווי פאר א יאָהריגער שנעע. איהר זיינט ברוגז — טראכט איך זיך — טאָ זייט אייך ברוגז. ניט איך קען פון אייער שלום פער־דיענען, ניט איך קען צו אייער ברוגז צולעגען, אויך מיר א דאגה.

אז מען קען ניט אויבּפיהרען מיט'ן טאַטען, נעהמט מען זיך צו דער מאמע, און אַ אידענע איז דאָך גרינג אויף דער דעה, האָט מען מסתמא באלד ביי איהר גע'פועל'ט.

אז אייך איז ליעב, איז מיר ניחא — האָב איך געקלעהרט — זאָל איך זיך איינשפּארען דוקא ניין? — דארף מען זיך דאָך קריעגען, דארף מען דאָך מאכען בארוואריעס, און וועמען ווילט זיך עס? א סוף, אן עק, איהר ווילט געהן, טאָ געהט, אבי לאָזט מיר צורוה.

נו, האָט מען זיך אָנגעהויבען מכין זיין צום גרויסען יום טוב; זאָג איך אייך, אז איך האָב קיין ברוהטע מינוט ניט געהאַט. מע האָט גענעהט, געוואשען, געפּרעסט, געשייערט, זיך גע'ישוב'ט, זיך עצות געהאלטען און גלאַט אזוי זיך אָהן כלי זמר, אָהן אלעמען געכאַפּט א טענצעל. און ווען מען איז ארויסגעקומען פון אונטערשטען פלאָאר און געקאמפּליינט אז מען קלאַפּט זיי אין קאָפּ, זיינען מיינע חברה געפאַלען אויף אַן המצאה; מען פלעגט אראָבוואַרפען די שיך און טאַנצען אין זאָקען.

און וואָלט איהר זעהן, איז עס דעם טאָג פון דער שמחה געוואָרען א ירידל, טאַטע דערבארעמדיגער! מען האָט געבראכט באקסעס, באַנדלאָך און פּעקעדזשעס פאר מיינע חברה און זייערע חברים און חבר'טעס און עס האָט זיך געטהאָן אויף טיש און אויף בענק. איך האָב קוים דערלעבט אָבעסען די־נער, די פּיס אויף די פּלייצעס און מארש.

ווען איך בין געקומען אין אבענד אהיים, ערשט שאַ, שטיל, קיין פּוס פון קיינעם ניטאָ. אויף די טישען, אויף די בעטען און אויף די טשערס איז געוועזן אָנגעוואָרפען קליידלעך, פּעטיקאָוטס, שיך, זאָקען, קאָרסעטען און

ווייספלאַך און איך האָב געהאַט אפשר אויף א שטונדע צו ראַמען. קלעהר איך ביי זיך: וואָס וועל איך זיצען אין הויז איינער אליין, מען דאַרף ער־געץ אונטערגעהן א ביסעל פערברענגען. נעהם איך זוכען מיין יום טוב׳די־גען סוט, ערשט עס איז ניטאָ! מיין נייע העמ, אויך ווי אין דער ערד אריין. נו, — טראַכט איך — זיי האָבן מיר שוין גוט פערדיענט, אודאי געלאָזט אָפען די טהיר און א גנב האָט זיך אויף מיין סוט מרחם געווען און איהם צו־גענומען. עס האָט מיר פערקלעמט ביים הארצען און איך האָב זיך פאַר צרות גאָר געלייגט שלאָפען.

פאַר טאָג, צו אפשר איז שוין טאָג געווען, ערשט מיינע חברה זיינען דאָ! וואָס? שעהנער מענש, דו מאַכסט זיך גאָר שלאָפעדיג? — מאַכט צו מיר די אַלטע מיינע — זיך אויסגעהאָפעט דאָרט מיט די מוידען און גאָר ניט איהם מיינט מען עס!

קוק איך איהר אָן. צו זי רעדט פון וועג? צו א בייזער חלום האָט זיך איהר גע׳חלום׳ט? און ביי איהר האָט זיך געעפענט דער מויל אַקוראַט ווי א וואולקאַן, ווי א פייער־שפייענדער באַרג און זי האָלט אין איין שיטען שווע־בעל און פעך, מיט אזעלכע קללות, מיט אזעלכע זלזולים, אז גאָט זאָל מציל ומשמר זיין און איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען איהר.

מילא האָט זי געשאָלטען, געשריען, געזידעלט, געמאַכט מיר צו אש און צו בלאָטע און טוביה חייקעל שווייגט! איך זעה אָבער אז עס נעהמט קיין סוף ניט, מאַך איך צו איהר: רבונו של עולם, צו דיר חלום׳ט זיך, צו מיר חלום׳ט זיך; וואָס פאַר א טענץ, וואָס פאַר א מיידלאַך? איך וויים ניט פון וואָס צו זאָגען, איך בין א גאַנצען אבענד און א גאַנצע נאַכט ערגעץ פון הויז ניט ארויס געגאַנגען און דערביי האָב איך איהר דערצעהלט די געשיכטע פון מיין סוט און העמ וואָס מען האָט גע׳גנב׳עט.

„וועלכען סוט? — פרעגט זי. ענטפער איך איהר „דעם שווארצען, יום טוב׳דיגען סוט מיינעם.“

„משומד! אפיקורס! — דו ביזט דאָך אין דעם סוט געגאַנגען דאָרט אויפ׳ן באַלל; דו ביסט דאָך אפשר צעהן מאָל געווען נעבען מיר און גערעדט מיט מיר, ביסט נאָך כל־בו׳ניק איינער, ניט יוצא געווען דערמיט, וואָס די האָסט געטאַנצט מיט פרעמדע מיידלאַך, ביסט דו נאָך געקומען רייצען זיך מיט מיר! ווי שעהמט עס זיך ניט א איד וואָס האָט שוין ערוואַקסענע קינ־

דער אָנצוטהאָן א מאַסקע אויפ'ן פנים און אזוי הוליען ווי דו האָסט גע־הוליעט?"

אזוי האָט זיך איהר דער מויל ניט פערמאַכט שטונדען לאַנג. וואָס איך האָב זיך צושוואָרען, וואָס איך האָב צורעדט, געוויינט פשוט פאַר איהר מיט ביטערע טרעהרען און זי האָט גע'טענה'ט איהרס.

כמעט ביז פאַר נאַכט זיינען די קינדער מיינע געלעגען ווי פגירות און מיין פייגע'ן האָט קיין שלאָף ניט גענומען, און אין הויז וואָלט איהר זעהן וואָס עס האָט זיך געטהאָן? א גאַנצער מוזעאום: אַלערליי מאַסקעס, קליידער מיט גלעקלאַך, פּאַרוקעס, בערד, היטלען מיט הערנער, בייטשלאַך און נאָך און נאָך, ווער קען עס גאָר אויסרעכענען?

פאַר נאַכט ווען די יונגוואַרג זיינען אויפגעשטאַנען און געהערט די ליע־בעס ערקלערונגען און קאָמפּלימענטען וואָס די מאַמע גיט דעם טאַטען, זיינען זיי געלעגען און זיך געשטיקט פון געלעכטער.

„וואָס לאַכט איהר?" — פרעגט די אַלטע מיינע, „וואָס איז אויף אייך די שמחה?" — פרעג איך — און זיי לאַכען ווייטער, נור מיט מעהר פרייש־קייט. וואָס זאָל איך אייך פיעל ברייען, איך האָב געמיינט, אז איך ווער משוגע; עפּעס א קלייניגקייט? א פרוי האַלט אין איין גרישען א גאַנצען טאָג און איך וויים ניט פאַר וואָס, פאַר ווען.

אין אבענד, אהא! מיין באַלעבאָסטע הויבט אָן חלש'ן און חברה לאַכען ווייטער. הויב איך דאָך אָן שרייען: געוואַלד, גזלנים, די מאַמע חלש'ט, לויפט רופט א דאָקטאָר! ערשט דאַמאָלס האָט די עלטערע אריסטאָקראַטקע מיינע אויסגעשאָסען מיט א פרישען געלעכטער און זיך גאַנץ קאַלטבלוטיג דערצעהלט, אז די בגדים מיינע האָט זי צוגענומען, זיי געטראָגען אויפ'ן באַלל און געמאַכט דאָרט פוילע שטיק, עקסטרא כדי די מאַמע זאָל מיינען אז דאָס איז דער טאַטע, וועט זי ווערען דזשעלים און זי מיט די קלענערע קינדער וועלען נאָכדעם האָבען פּאַן.

.28

## געוואָרען אַ קאַפּוליער דייטש.

אויף אַ בעפעהל פון זיין לענדלאָרד, פערשטעלט זיך טוביה חייקעל פאר א דייטש. — ער קריגט אן אנדער שטעלע אפּטאון. — אַ מעשה מיט אַ קאַטץ און פיער קעצעלאך.—ווערט אַן עסקן אַ בעל צדקה און קריגט געזידעלט. — אַנ־דערע צרות פון די טענאַנטס.

---

י"ט אדר ראשון, תרס"ח.

וואָס זאָגט איהר אויפ'ן קאַפּוליער דייטש? אה, איהר זעהט מיך ניט? אָבער ווען איהר זאָלט מיך ערשט זעהן, וואָלט איהר אסור דערקענט, אז דאָס איז דער זעלבער טוביה חייקעל דער הויז־קיפּער. איך האָב, וואָלט איהר זעהן, מיין באַקען באָרד געלאָזט אָבשערען מיט'ן מאשינקע הארט ביים לייב און איבערגעלאָזט אַ לענגליכע בערדעל הארט ביים מאָרדע, די וואָנצעס האָב איך אויסגערייזעלט; אָנגעטהאָן אַ פּאַלעשענע היטעל מיט א דאשיק, גע־קויפט אַ ליולקע מיט אַ לאַנגען ציביק און איך בין מיר אַ רעגולער דייטש.

און אַ דייטש בין איך געוואָרען בפקודת הלענדלאָרד שלי, אויף דעם בעפעהל פון מיין לענדלאָרד, ווייל ער געהט מיר טראנספערירען פון דער הויז וואו איך בין ערשט הויז־קיפּער און ער גיט מיר א שטעלע ערגעץ ווייט אפּ־טאון אין זעהר א פענסי הויז. דאָרט, זאָגט ער, פּאסט זיך בעסער צום רומעל, אז דער דזשעניטאָר זאָל זיין א גוי, אַן איירישמען, אָדער לכל הפּחות א דייטש.

איך קען אזוי זיין א דייטש אַקוראַט ווי א שטייגער איך קען זיין אַן ארץ ישראל איד; אָבער פון פּרנסה וועגען טהוט מען אַלעס.

א ממלא מקום אויף מיין פּלאַץ, האָט דער לענדלאָרד אָנגעזאָגט די טע־נאַנטס, וועט ער ארייננשיקען א גוי'אישען הויז־קיפּער, וועלכער וועט זיי לער־נען דרך ארץ ווי צו בעהייווען זיך און זיי וועלען מיט איהם ניט פּראווען אזעלכע שטיק, אזעלכע צו להכעיס'ן, ווי זיי פּראווען מיט מיר.

איך בין אויף זיי בייז, אויף מיינע שכנים, שרעקליך בייז און איך וואָלט וועלען זיי זאָלען האָבען א הויז־קיפּער וואָס זאָל מיט זיי לערנען בלק און זיך אָברעכענען מיט זיי פאר מיר אויך; אָבער ווער וויים? יענער וועט אפשר זיין אזא גוי אזוי ווי איך בין א דייטש.

א ציקאווע זאך, ווי דער איד, דער גלות מענש איז שטענדיג אין גלות ביי זיינע אייגענע ברידער. אט לאמיר נעהמען א ביישפיעל טאקע פון אונזערע הויז־קיפערס. א גוי׳אישען דזשעניטאר, זאגט מען, דערגעהט מען ניט אזוי די יאהרען ווי א אידישען. מען האלט איהם ניט פאר אזוי נידעריג און מען רעספעקטירט איהם; מען באדערט איהם ניט אזוי פיעל און מען האלט איהם פאר א שטיקעל מענשען; א איד אבער וואס איז געבענשט פון הימעל צו זיין א הויז־קיפער, דארף ער זיין ניעדערטעניג צו אלעמען, ארביי־טען ווי אן עזעל צו מען דארף צו מען דארף ניט און עס איז נאך ניט אנ־געלייגט.

מען דארף, דאכט זיך, ניט בעסער ווי איך טענד מיין הויז. איך שטעה אויף אין דער פריה, נעהם איך מיין כלי־זיין — דעם ברום אין האנד און אזוי ווי איהר זעהט, איז נור קעהר און ראם, ראם און קעהר, דא ביים הויז, דא אין יארד, דא אויף די שטיגען, אז עס ווערט מיר אזש מיאוס און מאוס.

א גאנצען טאג לאזט מען מיך אין הויז ניט איינזיצען. איך קריך אויף די שטיגענן אלע מאל ארויף און אראב, אקוראט ווי יעקב אבינו׳ס מלאכים אויפ׳ן לייטער. ביי דער סמוקט דער אויוועו; ביי דער האט זיך ארויסגע־רוקט די טשימני; ביי דער הערט זיך עפעס א ריח אין הויז; ביי דער האט דער וואש־טאב בעקומען עצירות (פערשטאפונג) און די וואסער געהט ניט ארונטער; ביי דער ווייל די וועש־ליין ניט מופען; ביי דער איז דער פענסטער איינגעפראָרען און זי קען ניט צוקומען צום פייער־עסקייפ; די האט ארונ־טערגעלאזט דעם פעטענט שלאס און פערגעסען די שליסלען אין הויז, דארף איך קריכען דורכ׳ן פייער עסקייפ עפענען די טהיר; ביי דער איז אריין א מויז אין פאסטקע און ווייל איהר מאן איז ניטא, איז זי מיך מכבד איך זאל זיין דער תליון, אנטהאן דער געפאנגענער מויז א מתה משונה און אנשטעלען די פאסטקע אויף נאך אמאל.

אפט פוילט זיך ניט א מיסעס ארויפרופען מיך אויפ׳ן פינפטען פלאאר, בכן איז וואס? איהר קאץ האט זיך אבגעקעצעלט און אזוי ווי זי קען די קליינע קעצעלאך ניט ליידען, זאל איך זיי צונעהמען. וואוהין צונעהמען? דאס איז ניט איהר עסק, איך בין דאך איהר הויז־קיפער, דארף איך שוין גע־פינען אן עצה וואס צו טהון מיט זיי.

לעצטען מיטוואך ביי־נאכט אין דער סאמע זאווערוכע האב איך געהאט

א שרעק, גאט זאל היטען! א שטיק הארץ, זאג איך אייך, איז מיר ארויס־געפאלען, און אלץ צוליעב וועמען? צוליעב מיינע פאסקודנע שכנים.

אין מיטען נאכט הער איך ווי עפעס קוויטשעט הינטער'ן טהיר. דער קול איז א פערשטיקטער אזוי ווי פון א הונגעריגע עופה'לע וואס האט שוין קיין כח צו וויינען. ווער איך אן אויפגעציטערטער און טראכט ביי זיך: אודאי א ממזר אימיצער אונטערגעווארפען. מעהר ווי דאס פעהלט מיר ניט. ליג איך און ישב זיך וואס צו טהאן און די ציהען אין מויל טרייסלען מיר פון שרעק.

קלעהר איך: מען מוז עס אריינגעהמען אין הויז און געהען רופען א פאַ־ליסמאן. מיין אידענע האב איך ניט געוואלט אויפוועקען, א שוואכע, נערווע־זע פרוי; זי וועט מאכען גוואלדען, אנהויבען חלש'ן און וועט מיר דא אנמאכען א גאנצען עסק. האב איך געטראכט, ווי זאגט א היימישער גוי: ניכאי ביעדא ספיט. איך האב אנגעצונדען א מעטש און געעפענט די טהיר, ערשט וואס איז דארט געווען? פיער קליינע קעצעלעך, נור וואס געבארען געווארען — דאס האט א שכנה זיי ארונטערגעטראגען און אוועק־געלייגט ביי מיין טהיר.

אבי אזוי — טראכט איך — אבי חלילה ניט קיין ממזר בלבול. עס איז דאך אבער א רחמנות א גאט'ס בעשעפענים, האב איך זיי אריינגענומען אין הויז. די אלטע קאץ, די מוטער, איז אויך אריינגעלאפען.

אויף די שפיץ פינגער, מיין אלטע זאל ניט דערהערען, בין איך אריין צוריק אין בעד רום און זיך געלייגט שלאפען.

איך בין געשמאק איינגעשלאפען. פלוצלונג הער איך ווי די אלטע מיינע שרייט מיט קולות: גוואלד! „געוואלד! אוי וועה איז מיר, טוביה חייקעלע, גיכער, ראטעווע, זיי עסען מיך אויף!"

איך בין אויפגעשטאנען ניט טויט ניט לעבעדיג און אליין ניט גע־וואוסט אויף וואס'ער וועלט איך בין.

„ווער" — זאג איך — „וואנצען?" געה שוין געה, נארישע אידענע, עס האט זיך דיר געמוזט חלום'ען, ניטא היינט קיין וואנצען, ווי קומט וויי־טער וואנצען?"

„וואס'ערע וואנצען!" — שרייט זי נאך העכער אין איינע קולות — „גזלן, רוצח, גיכער צינד אן פייער, וועלען זיי אפשר צולויפען, מייז,

שטשורעם קריכען אויף מיר אום; אוי, אוי, האָב גאָט אין הארצען רט־טעווע!"

איך האָב אָנגעצונדען פייער און געמאַכט אַן אונטערזוכונג, ערשט די קאַץ מיט די קעצעלעך האָבען זיך פערקליבען צו מיין אַלטע אונטער'ן פּערענע.

נו, ווי געפּהלט אייך, איך בעט אייך, אזא געשעפּטיל? קיין אנדער פּלאַץ האָט אימיצער פון מיינע שכנים ניט געפונען ווי אוועקצולייגען די קעצעלאַך נור ביי מיין טהיר, און דו, טוביה חייקעל, האָב שרעק; זאָל דיר, שונאי ישראל, די נשמה ארויס, דיר קומט עס, ווייל דו ביסט אַ זינדיגער הויז־קיפּער.

די קעצעלעך מוז איך ערשט האַלטען אין באָארד און איה"ש, אַז זיי וועלען זיך אויסהאָדעווען און מען וועט פון זיי קענען אַ נוץ האָבען, וועלען זיך געפינען בארימהערציגע מיסעסען וואָס וועלען זיי צונעהמען.

היינט פון די מחלוקת צווישען די שכנות איז ניט אויסצוהאַלטען. שטענדיג נור זיי קאָמפּליינען איינע אויף די אַנדערע און כל חמתן געהט אויס צו מיין קאָפּ. האַלט איך מיט דער, איז יענע ברוגז; האַלט איך מיט יענער איז די ברוגז; ביני לבינו זיינען זיי מיר אלע שונאים און טהוען מיר אַן כל־ערליי נגישות, כל־ערליי צו־להכעיס'ן.

ווען דער לענדלאָרד קומט, זיינען זיי אלע דאָ מיט מסירות, מיט קאָמ־פּליינטס אויפ'ן הויז־קיפּער: דער הויז־קיפּער טויג ניט, דער הויז־קיפּער אַטענדעט זיי ניט גוט, פערשיעדענע בלבולים טראַכטען זיי אויף מיר אום און בעצאָהלען מיר אָרענטליך פאַר מיין טרייע דיענסט.

דער לענדלאָרד אָבער איז ניט קראַנק אויפ'ן שכל, ער ווייס אַז איך טויג שוין גאָר גוט, ער האָט מיר דארום פערשפּראָכען אַ בעסערע שטעלע אַפּטאַון, נור באופן איך זאָל ווערען אַ שטיקעל דייטש, ווייל אַנדערש טויג עס ניט.

איך בין אַלזאָ ערשט אַ דייטש מיט אַלע פישצעווקעס, בלויז דער לשון איז אַ ביסעל אַנדערש.

אַי דער לשון, דער לשון! ארויסוואַרפען זאָל די ערד די ביינער פון די מענשען פון דור הפלגה — אַ טהורעם האָט זיך זיי פערגלוסט בויען און דער־פאַר האָט גאָט צומישט די לשונות! וואָלט ניט גלייכער געווען, ווען אלע

מענשען וואָלטען גערעדט איין שפּראַך און איינער דעם אנדערען זאָל בע־
סער פערשטעהן ?

אַט האָב איך לעצטע וואָך געהאַט אַ היבשען פּעקעל צרות צוליעב דעם
וואָס איך האָב ניט פערשטאַנען דעם לשון פון מיינע אַ טענאַנטע און עס
איז ארויסגעקומען אַ טרויעריגע מיספערשטענדניס.

איך קעהר מיר אזוי דעם האָל אויפ'ן דריטען פלאָאר, הער איך ווי איין
מיסעס, אַ פּוילישע איז זי, זאָגט צו איהר נעכסטדאָריגע (מיט יענער איז
זי גראַדע שלום) : „באַרגט מיר אַ ברייטעל. ווען מיין מאַן איז געווען אַ
בילדער, האָב איך ניט געדאַרפט אַנקומען צו אימיצענס לאַסקעס און זינד
ער איז פון די ביזנעס ארויס, בין איך זשעדנע אַ שטיקעל ברויט אין הויז.“

האָב איך זיך געלערענט דעם פּשט, אַז זי מיינט ברויט צום עסען און
מיר האָט פערשניטען ביים הארצען. אַ קלייניגקייט איז עס, אַ פאַמיליע
מיט קליינע קינדערלאַך האָבען ניט קיין שטיקעל ברויט אין שטוב !

געה איך ארונטער צו מיין אידענע און דערצעהל איהר, אַז ביי דער פּוי־
לישער אויפ'ן דריטען פלאָאר געהט מען אויס פון הונגער. זיי האָבען נעבאַך
ניט אַ פּיצעל ברויט אין הויז און עס איז אַ ביטערער רחמנות.

„ווייסטו וואָס ? — זאָג איך צו מיין אַלטע — כאַפּ זיך ארויס צווישען
שכנים און מאַך עפּעס אויף, דו וועסט זיך אויף נאַמנות עולם הבא קויפען,
אַ קאַטאָוועס איז עס אזא מצוה !“

אויף עולם הבא איז מיין אַלטע אַ בעלן. קיין סך עולם הזה האָט זי
ניט, די אַלטע מיינע, האָבענדיג אַ מאַן אַ שלים־מזל, זאָגט זי, קען מען פון
דער וועלט ווייניג וואָס הנאה האָבען, וויל זי כאָטש אָנגרייטען עפּעס אויף
יענער וועלט. אז איך האָב עס איהר געזאָגט איז זי ארויס און אויפגע־
מאַכט אַ פּאָאר לעבלאַך ברויט, עטליכע זעמעל און אַליין אויך, ניט אוים־
גערעדט זאָל זיין, האָט זי מנדב געווען אַ פּאָאר הערינג, וואָס זי האָט גע־
האַט געקויפט אויף איינמאַרענירען און איך האָב עס ארויפגעטראָגען צו יע־
נער מיסעס.

„נאַט“ — זאָג איך — „מען באָרגט עס איך, אַז גאָט וועט אייך העל־
פען, וועט איהר אָבגעבען.“ קוקט מיך אָן די פרוי און מאַכט מיט אַ
קוויטש : „וואַוע ?“ (וואָס ?)

זאָג איך צו איהר : „איך האָב געהערט ווי איהר האָט אייער נקעסטדאָ־

רינגע געבעטען זי זאָל אייך באָרגען א ברייטעל, איהר האָט געזאָגט, אז איהר האָט ניט קיין שטיקעל ברויט אין הויז, נו, איז מען דאָך עפּעס אידען, באָרג איך אייך. עסט אייך געזונדערהייד, אָרימקייט איז ניט קיין שאַנדע, גאָט איז א פאָטער, ער וועט אייך א מאָל בעגליקען און איהר וועט עס דערצעהלען אין פריידען."

אז מיינע כאַפּט זיך ארויס מיט זידלעריי, מיט קללות: „פּאַסקודנער לאָטוואַק וואָס איהר זענט, שנאָרער, מיסט־ראַמער, איך בין ראַבער (רייכער) פון אָך (אייך), אזוי פיעל מכות, אזוי פיעל געשווירען אָך, פיעל הונדערטער איך פערמאָג, א דאַנק גאָט. איך האָב געבייטען א ברייטעל צו זאַלצען פלאַיש (פלייש)."

דערביי האָט זי געכאַפּט דעם ברום, מיר גאָר נישט־קשה׳דיג אָנגעבוכ־טשעט און איך בין קוים אנטלאָפען. דעם פּעקעל וואָס איך האָב איהר געבראַכט, האָט זי מיר נאָכגעוואָרפען אין האָלל.

ערשט נאָכדעם האָב איך פערשטאַנען, אז א „ברייטעל" אויף זייער לשון מיינט א „ברעטעל", א שטיקעל ברעט — היינט געה טרעף!

מיינט איהר, איך בין שוין פערטיג? נאָך ניט. די פּוילישע מיסעס האָט זיך נאָכדעם צוקריעגט מיט דער ליטוואַטשקע און יענע האָט איהר אויפגעוואָרפען, אז זי איז א קבצן׳טע, א שנאָרערקע און מען געהט פאַר איהר מיט׳ן פּאַטשיילקע. זי אליין — האָט זי געזאָגט — האָט דורך דער הויז־קיפּערקע געשיקט א לעבעל ברויט פאַר איהר, פאַר דער פּוילישער און אלע שכנים האָבען אויך געשענקט נדבות פאַר איהר.

נו, נו, פרעגט שוין גאָר ניט. זי און איהר מאַן האָבען מיר אָנגעבאָטען פּעטש און שיער, שיער האָב איך עס געקראָגען.

אצונד סטראַשען זיי, אז זיי וועלען מופען, אָבער קודם כל וועלען זיי מיר מיט מיין אידענע גוט אָנברעכען די ביינער.

אלזאָ בין איך ערשט העכסט צופריעדען וואָס מיין לענדלאָרד טראַנס־פּערירט מיך. איה"ש די וואָך וועל איך ארויסמופען, ווינשט מיר עס זאָל זיין מיט מזל.

.29

## פערקראָכען אויף אַ פרעמדען קבר.

דורך אַ מיסטיק קליובט זיך טוביה חויקעל מיט זיין געזינדעל און בעביכעס אריין אין אַ פרעמדע הויז אין די בראָנקס. ער מיינט, אז ער איז דאָרט הויז־קיפּער, לסוף קומט דער אמת'ער הויז־קיפּער און הייסט איהם נעהמען דעם וועג. — אַ יאזדע אזוי ווי אין שניפּעשאָק צו אַ יריד.

כ"ו אדער ראשון, תרס"ח.

ווייסט איהר אפשר וואו מיין לענדלאָרד וואָהנט? ער איז אַ דיקער, בייכיגער מאַן, מיט אַ פּאָר גראָבע באַקען און אַ פעטע מאָרדע. דער נאָמען זיינעם האָב איך פערגעסען, די שכנים פלעגען איהם רופען „דער גראָבער חזיר" און מעהר ווייס איך ניט. זיין אדרעס האָב איך אמאָל געהאַט, אָבער איך האָב איהם פערלאָרען און ערשט טאַפּ איך אַ וואַנד.

שוין עטליכע טעג אַז איך זוך איהם אַרום, דעם לענדלאָרד מיינעם, און קען איהם ניט געפינען. עס קען זיין, אַז ער זוכט מיך אויך, אבער ווער ווייס אויב מיר וועלען זיך צוזאַמעטרעפען? און טאָמער ח"ו טאָקע ניט, בין איך אויף גרויסע צרות.

איך בין ערשט, אידען, פערבליעבען ווי אַ שיף אָהן אַ רודער אין מיטען ים, און איך קען מיר קיין עצה ניט געבען, וואוהין צו קעהרען זיך און ווענדען.

איך האָב אייך שוין דערצעהלט, אַז מיין לענדלאָרד האָט מיר פער־שפּראָכען אַ הויזקיפּער־שטעלע אין אַ פענסי הויז ערגעץ אַפּטאַון. ער האָט וואָרט געהאַלטען און זאָנטאָג איז ער געקומען, מיר געגעבען דעם אדרעס פון מיין נייער דירה און מיר געהייסען מופען.

געזאָגט האָט ער מיר, אַז יענע הויז אַפּטאַון איז נאָך אַ נייע און קיינער וואָהנט נאָך אין איהר ניט. איך וועל פּאָרלויפיג דאַרום זיין דער איין־און־איינציגער בעל הבית איבער 36 וואָהנונגען, און וואָס איך האָב דאָרט צו טהון און וואָס פאַר אַ פּרייזען צו שטעלען פאַר רומס, האָט ער געזאָגט, וועט ער מיר שפּעטער קלאָר מאַכען. קודם כל זאָל איך אַהין אַריינמופען.

איך האָב עס ניט אָנגענומען פאַר קיין פעהלער וואָס די הויז איז אונ־בעזועצט. פערקעהרט, נאָך מיין רעכנונג איז עס גאָר אויסגעקומען אַ מעלה.

36 שכנים וועלען אריינמופען, וועט אריינפאלען 36 האלבע דאלארס שליסעל־געלד. 18 דאלאר ביי אזא אידען ווי איך, איז א היבשע מטבעה און ווען דאס פאלט אריין מן הצד, איז טאקע זעהר גוט. און אפשר — האב איך איבערגערעדט מיט מיין אידענע — גיט מען אפטאון צו דאלאר שליסעל־געלד, וועט טאקע אויסמאכען 36 דאלאר, צוויי מאל ח״י דאלאר, ביי היינטיגע צייטען געהט עס געווים ניט צופום.

הכלל, איך האב אויפגעפאקט מיין ביסעל בעל־הבתי׳שקייט און איך האב באלד אויף מארגען געקענט מופען. אבער איך האב עס אבגעלעגט אויף דיענסטאג, ווייל דיענסטאג איז א מזל׳דיגער טאג.

דער שלים־מזל פערקוקט אבער ניט אין די צייהן ; ווען ער וויל אויפשפיעלען א חתונה׳קע, שפיעלט ער אויף דיענסטאג אויך. איהם אארט ניט וואס דער עולם האלט דעם טאג פאר א מזל׳דיגען און ער טהוט זיך זיינס.

אן עקספרעס האב איך געדונגען א גרויסען און איך, מיין ווייב און מיינע קינדער זיינען מיטגעפאהרען מיט די פארניטשור. דער עקספרעסמאן האט געזאגט, אז דאס איז זעהר ווייט, אין די בראנקס ערגעץ או פאהרענדיג מיט׳ן טריין אדער מיט׳ן קאר וועלען מיר זיכער אהין ניט טרעפען.

ארויסגעפאהרען זיינען מיר אין דער פריה און געקומען זיינען מיר אהין שפעט ביינאכט, ווייל אויפ׳ן וועג האט אונז א סבה געטראפען. דער וואגען איז אריינגעפאהרען אין א בארג שנעע און די סוסים האבען אנגעהויבען זאגען „מעמדות“, — זיי האבען זיך אוועקגעשטעלט און ניט געוואלט ריהרען פון ארט. דער עקספרעסמאן האט געוויאקעט און גענאקעט, מיר זיינען אלע אראב פון וואגען, געבראדזשעט ביז איבער די קניע אין שנעע און אונטערגעשטופט די רעדער, אבער עס האט ניט געהאלפען. די פערד האבען ניט געוואלט הולך׳ן א טריט און מיר האבען געמיינט אז מיר וועלען דארט מוזען שבת האלטען.

גאט האט געהאלפען און מיר זיינען ווי־עס־איז ארויסגעקראכען ; אבער ביז מיר האבען זיך פערשלעפט אויפ׳ן ארט, איז שוין געווען אפשר האלבע נאכט.

די פראפערטי יענע שטעהט אין א פערוואָרפענעם ווינקעל. קיין סך הייזער איז ארום ניטא. ביים הויז איז געווען אנגעלעגט בערגלעך ציעגעל,

לעהם, ברעטער און העלצער — משמעות, אַז מען האַלט זי נאָך אין פינישען. איך האָב געוואָלט עפענען די טהיר, ערשט זי איז פערשלאָסען. איך האָב אָנגעהויבען קלאַפּען, אבער קיינער רופט זיך ניט אָב.

זאָגט דער עקספּרעססמאַן, אַז ער וועט מיינע בעביכעס ארונטערוואַרפען אין בלאָטע, אָדער ער וועט אַלעס אוועקפיהרען צוריק און איך וועל איהם מוזען בעצאָהלען כפל כפליים. ער איז פאַר זיך גערעכט, ער קען דאָך ניט בלייבען נעכטיגען אין דרויסען. אבער וואָס בין איך שולדיג?

הכלל, איך האָב אָנגעהויבען קלאַפּען אין טהיר שטאַרקער און א מאַן א גוי, טאָקע אַן אמת'ער גוי, איז ארויסגעלאָפען מיט א פּאָליציייסקען קלאָב אין האַנד. דער מאַן איז דאָרט געווען א וואַטשמאַן, און טרעפענדיג מיך ביים טהיר, האָט ער הפנים געמיינט אַז איך בין א גנב און זיך געכאַפּט שלאָגען. נאָכדעם אבער ווען ער האָט דערזעהן דעם עקספּרעס מיט מיין מיין ווייב און קינדער, וואָס זיינען געשטאַנען און געציטערט פון קעלט און פון שרעק, האָט ער זיך אָבגעלאָזען.

איך האָב איהם דערצעהלט, אַז איך געה זיין א הויזקיפּער אין דיזער הויז, און דורך א סבה האָבען זיך פערשפּעטיגט, און ער האָט אונז געלאָזט אריינמופען.

אריינגעמופט האָב איך אויפ'ן סטופּ אין די בעק אין דער לינקער זייט, אַזוי ווי דער לענדלאָרד האָט מיר געהייסען. קיין גאַז איז נאָך אין יענער הויז ניטאָ און מען האָט די ביסעל אָרימקייט אונזערע געשלעפּט דורכ'ן פינסטערען האָל פאַר די ליכט פון דעם וואַטשמאַן'ס א קליינעם קעראָסין לעמפּעלע.

דער עקספּרעססמאַן איז געווען אין כעס. עס איז איהם געווען ניט גוט אויפ'ן הארצען, האָט ער מיינע פאַרניטשור ניט געשאַנעוועט, צובראָכען מיר א שפּיגעל, אויסערדעם די פיסלעך פון טיש. א פּעקעל בעט-געוואַנד איינגעקאַטשעט אין בלאָטע, ארויפגעשטעלט די ביורא אויף מיין ווייב'ס העט, אייניגע זאַכען איבערגעלאָזט אין סטריט, אייניגע זאַכען גאָר פּער־געסען אראָבנעהמען פון וואַגען. הכלל, ער האָט מיר געמאַכט א תכלית.

אויף מאָרגען פריה זעה איך ווי א מאָווינג וואַגען מיט פאַרניטשור פאָהרט צו צום הויז און מען הייבט אָן אויספּאַקען. זאָג איך צו מיין אַלטע:

„מסתמא האָט דער לענדלאָרד פערדענט רומס. אָט וועט באַלד זיין א

א האלבער דאלאר אדער א דאלאר שליסעל־געלד אויף אן אנפאנג.“

געה איך ארויס און פרעג דעם מאן וואס איז געקומען מיט'ן וואגען: „אויף וועלכען פלאאר מופט איהר? און האט איהר א צעטעל פון לענד־לארד?“ קוקט ער מיך אן און מאכט צו מיר: „הו אר יו?“

— וואס הייסט, — זאג איך — אי עם דהי דזשעניטאר, און איך וועל אייך אהן א שריפט פון לענדלארד און אהן שליסעל־געלד ניט אריינלאזען.

קוקט מיך דער מאן ווידער אן און רופט זיך אן בייז: „מיסטער געהט שלאפט זיך אויס, ניט אנדערש איהר זיינט שכור אדער משוגע. וואס הייסט איהר זיינט דער דזשעניטאר? דער לענדלארד האט דאך מיך געדונגען פאר א דזשעניטאר.“

זאג איך: „ניט איך בין שכור, נור איהר זיינט שכור. וואס הייסט? איך וואהן דאך שוין דא פון נעכטען אן.“

זאגט ער: „וועט איהר אזוי גוט זיין זיך ארויסקלייבען פון דאנען.“

זאג איך: „ניט איך וועל זיך ארויסקלייבען, ניט איך וועל אייך לאזען זיך אריינקלייבען.“ פערדריסט עם איהם נאך מעהר, און ער הייבט אן באטען קלעפ. א גליק איז געוועזן וואס ארבייטער, וואס האבען טאקע דארט אין הויז געארבייט, האבען זיך אריינגעמישט און עס איז פערבליעבען מען זאל ברענגען דעם לענדלארד און ער וועט ענטשיידען ווער פון אונז איז דער אמת'ער הויזקיפער.

דער לענדלארד איז געקומען, און טאקע ניט מיין לענדלארד, נור גאר אן אנדערער וואס איך קען איהם גאר ניט, און ער האט בעשטעטיגט, אז טאקע יענער איז דער הויזקיפער, ניט איך.

ער האט מיר געהייסען נעהמען דעם פעקעל מיט'ן זעקעל און מופען, און אויב איך וויל וואהנען אין זיין הויז, זאל איך אזוי גוט זיין און בעצאהלען רענט.

איך האב זיך נאכדעם דערמאהנט ווי אזוי דיזער פלאנטער איז געקומען. אויף דעם ארט פון דער יעצטיגער נייער הויז איז אמאל געשטאנען אן אלטע הייזקע, אין וועלכע מייגער א לאנדסמאן האט געוואהנט. נאך לעצטען זומער האט ער מיר געגעבען זיין אדרעס און געבעטען איך זאל צו איהם קומען, און דורך א טעות האב איך דיזען אדרעס בענוצט אנשטאט דעם אדרעס וואס דער לענדלארד האט מיר געגעבען.

וואָלט איך זשע געהאַט דעם ריכטיגען אדרעס, וואָלט ניט אויסגעמאַכט, איך וואָלט פערקירעוועט דעם פערד און וואָלט ווייטער געמופט, האָב איך איהם אָבער פערלוירען און איך בין פערבליעבען ניט אהין און ניט אהער.

יענער לענדלאָרד האָט דעם דאָזיגען תירוץ ניט געוואָלט אָננעהמען, און מיר געהייסען אָבלעדיגען דעם פלאַץ פאַר'ן ריכטיגען הויזקיפּער. קוים מיט צרות, מיט לייד, מיט געוויינען, מיט תחנונים האָב איך און מיין אידענע גע'פועל'ט, ער זאָל אונז ערלויבען איבערוואָלגערן זיך אַ פּאָאָר טעג אין אַ לעערע סטאָר אין יענער הויז, ביז איך וועל מיין לענדלאָרד געפינען.

אָבער געה און זוך אַ נאָדעל אין אַ וואָגען שטרוי! איך בין געווען אויף מיין אַלטען וואָהנונג, האָט מיר דער נייער הויזקיפּער געגעבען דעם לענדלאָרד'ס אדרעס. איך האָב זיך געשלעפּט ערגעץ אין אַ דערפעל אין לאָנג איילענד, אַרומגעבלאָנדזשעט אויף פערשיעדענע קארס אַ האַלבע מעת־לעת נאָכאַנאַנד, לסוף איז עס ניט מיין לענדלאָרד! יענער האָט די הויז מיט אַ פּאָאָר טעג צוריק אָבגעקויפט און וואו דער אַלטער לענדלאָרד וואָהנט, וויים ער אויך ניט.

אַצינד וואַלגערן מיר זיך אין סטאָר אזוי ווי ציגיינער אין די פּאַלאַטקעס, אָהן אַן אויווען, אָהן געז, ניטאָ אפילו וואו אביסעל וואַסער אָנוואַרימען, און איך האָב מורא אַז היינט, מאָרגען וועט מען אונז פון דיזער קלאָגעדיגער דירה אויך אַרויסוואַרפען. ניט איך האָב מורא, נור איך וויים עס געווים. פרעגט זיך ערשט: וואָס טהוט מען?

גוטע און קלוגע מענשען, פליז גיט מיר אַן עצה.

---

.30

## געהאַט אַ גוטען פדיון.

טוביה חויקעל איז שוין אַ פּושקאַרט־פּעדלער. — פון שמחה צו טרויער. — וויל מאַכען זיין ווייב פאַר אַ בריה, ציינגט זיך ארויס וואָס פאַר אַ שלים־מזל ער איז. — די פּעדלערשע לאַגע אין אַלגעמיין. — דער פּושקאַרט־פּעדלער און דאָס פאָלק ישראל. — זיין מופען צוריק פון די בראָנקס.

---

**ה' אדר שני, תרס"ח.**

השיבנו נאַזאַד. איך וואָהן שוין צוריק דאון טאָון צווישען אייגענע

מענשען, פריינד, לאנדסלייט און בעקאנטע. מיין לענדלאָרד, וואָס האָט מיר געגעבען אַ הויזקיפּער־שטעלע האָב איך ניט געפונען, און דער לענדלאָרד פון די בראָנקס, אין וועמעס הויז איך האָב דורך אַ סבה פערבלאָנדזשעט און אריינגעמופט, ווי איך האָב אייך דערצעהלט, האָט פון מיינע בעביכעס געמאכט אַן „אויסשטעלונג", אַ פרי שאָו פאַר אלעמען. ער האָט פּליין געדונגען אַ פּאָאר גוים, וועלכע האָבען מיין ביסעל אָרימקייט ארויסגעשטעלט אין סטריט, און שוין.

קיין פּאַסענדען וואָהנונג פאַר מיר האָב איך אין יענע געגענד ניט געפונען, און קיינע אויסזיכטען אויף פרנסה האָב איך דאָרט אויך ניט געהאַט, — וואָס קען טהון אזא איד ווי איך אין אַ פערוואָרפענע געגענד, וואו מען זעהט קיין מענשען ניט אָן? איך האָב דארום גענומען מיין פּעקעל און מיין זעקעל און האָידא צוריק דאַון טאַון, וואו עס שוויבעלט און עס גריבעלט און וואו טויזנעדער מענשען זיינען זיך מפרנס איינע פון די אנדערע.

פערבליעבען בין איך ערשט, לא עליכם, אזוי ווי נאָך אַ שרפה אָדער אזוי ווי נאָך אַ פּאָגראָם. אז מען זיצט אויף אַן אָרט, זיצט מען, הייבט מען זיך אָבער אָן מיט מופעניש איז גאָר אַ דלות. אהין מופענדיג האָט מען מיר צובראָכען אַ שפּיעגעל, אַ טיש און מיין אַלטע'ס העט צודריקט אונטער דער ביורא. אויף טויט צודריקט. צוריק־מופענדיג ווידער האָב איך געהאַט אנדערע הזיקות.

די אַלטע מיינע האָט לעצטען זומער אָבגעפּרעגעלט אַלערליי איינ־געמאַכצען, איינגעלעגט קאַרשען און יאַגדעס. זי האָט עס אַלעס צוגעגרייט אפשר וועט גאָט געבען עפּעס אַ שטיקעל שמחה. קיין דערוואַקסענע קינדער אויף חתונה מאַכען, האָבען מיר נאָך אפילו ניט; אָבער גאָט קען צושיקען אנדערע שמחות. קיין אַלטע לייט זיינען מיר נאָך ניט, — איך רוף מיין פּלונית'טע „אַלטע" גלאַט אזוי זיך, ווייל עס רעדט זיך אזוי; אָבער זי קען נאָך מאַכען שמחות מיט שמחה'לעך, אבי געזונד... הכלל, וואָס־זשע איז געוואָרען פון די גוטע זאַכען וואָס מיינע האָט אָנגעגרייט? גאָר ניט מיט גאָר ניט. האָט איהר עפּעס פערזוכט דערפון? אזוי האָב איך עס פערזוכט און אזוי וועל איך עס פערזוכען. מופענדיג זיינען די פלעשער און די גענשערס מיט די געפּרעגעלעכצען צובראָכען געוואָרען, און לא־די וואָס דאָס אליין איז אַ היבשער שאָדען, זיינען נאָך מיינע און מיין אידענע'ס שבת'דיגע

מלבושים פערגאַסען געוואָרען, אַ תּל געוואָרען פון אַלעם און מען דאַרף זיי אַלע אַרויסוואַרפען. אויף מיין צילינדער־הוט האָט דער עקספּרעססמאַן אוועקגעשטעלט אַ שווערע משא און זי איז צובראָכען געוואָרען אויף פּיץ־פּיצלעך.

אָבער איך קימער מיך ניט זעהר פיעל וועגען דעם. הלואי זאָל עס, רבונו של עולם, מיין לעצטען אונגליק זיין. ניט מיין אַלטע איז געבאָרען געוואָרען אין אַהעט און ניט איך בין געבאָרען געוואָרען אין אַ סטאָוו־פּייפּ. דער גאָט וואָס האָט געהאָלפען ביז יעצט, וועט מסתמא ווייטער אויך העלפען און מען וועט אָבקויפען אַנדערע.

גענומען האָב איך זיך צו פּעדלען מיט אַ פּושקאַרט אַ פּאָפּולערע פּרנסה ביי אידען, אַ פּרנסה וואָס פּאַסט זיך זעהר פאַר גלות־מענשען, פאַר אַ פאָלק וואָס האָט ניט קיין שטענדיגע מקום מנוחה, — פאַר אַן עם מפוזר ומפורד בין העמים.

אַ פּושקאַרט־פּעדלער איז אַ קאָפּיע פון דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. אין פּושקאַרט־פּעדלער שפּיעגעלט זיך אָב די גאַנצע אידישע אומה, און קוקענדיג אויפ׳ן אָרימען סטריט־פּעדלער מיט זיין וועגעלע, קען מען לייענען ישראל׳ס געשיכטע, קען מען זיך פאָרשטעלען זיינע ליידען, רדיפות און פערפאָלגונגען פון אמאָל און אין מאַנכע מקומות היינט אויך.

איך האָב עס פריהער ניט אזוי פיעל געוואוסט, ניט אזוי פיעל בעגריפען, איך האָב זיך אויף מיינע יעצטיגע קאָלעגען ניט אַרומגעקוקט, און זייער לאַגע ניט פערשטאַנען. זייט אָבער איך בין אַליין אריין אין די ביזנעס, האָב איך עס אָנגעהויבען פיהלען און בעגרייף עס בעסער.

אַ פּושקאַרט־פּעדלער האָט ניט קיין בעשטענדיגען פּלאַץ, אַקוראַט ווי דער כלל ישראל האָט ניט קיין שטענדיגע מקום מנוחה. אַ פּושקאַרט־פּעדלער איז שטענדיג אין גלות, מען טרייבט איהם פון קאָרנער צו קאָרנער, פון בלאָק צו בלאָק, פון סטריט צו סטריט און מען לאָזט איהם ניט רוהען. געפינט ער זיך אַ שטיקעלע פּלאַץ אונטער גאָט׳ס הימעל וואו אוועקצושטעלען זיין וועגעלע, קומט דער לענדלאָרד אנטקעגען וועמעס הויז ער שטעהט און פּטרייבט איהם אוועק. אויב ניט דער לענדלאָרד, פּעריאָגט איהם דער סטאָר־קיפּער, דער סטריט־קלינער, אינספּעקטאָרס פון סטריט קלינינג דעפּאַרט־

מענט אָדער די פּאָליציי מיט די פּאָליציייסקע וואלגער־העלצער (קלאַבס).

ווען איך קוק אויף די פּאָליסליים, וואָס טרייבען מיך און מיינע קאָלעגען פון איין אָרט אויפ'ן אנדערען, דערמאָן איך מיך אָן נבוזראדן, טיטוס הרשע און אנדערע אידישע שונאים וואָס האָבען אמאָל, מיט פיעלע דורות צוריק, געטריעבען אונזערע אור־אור־עלטערן אין גלות.

אבער דאָס איז נאָך ניט אלעס. צו אלע צרות, ווי קלאָגעדיג, ווי טרויעריג עס איז דעם פושקארט־פעדלער אויפ'ן הארצען, מוז ער זיך נאָך מאַכען הארץ און ניט צייגען קיין אומעטיגע מינע. ער דארף זיין לוסטיג, פרעהליך, זינגען ווען עס ווילט זיך איהם וויינען, און שפאסען ווען איהם שפאסט זיך ניט. אקוראט ווי די שטרענגע פריצים אין די פינסטערע צייטען פלעגען צווינגען אידען צו זינגען „מה יפית".

א פושקארט־פעדלער מוז זיין א בעל דברן, מוז רעדען א סך, מוז מכריז ומודיע זיין דעם עולם וואָס ער האָט צו פערקויפען. ער איז געצוואונגען צו פּראָווען ברחנות, פּאַיאַצעסטוואָ, מאַכען זיך נאַריש און משוגע: זינגען, זאָגען גלייכווערטלעך און מאַכען זיך, ווי מען זאָגט: הוליע קבצן — ווען ניט טויג דער עסק אויף כפרות. א פּעדלער א פּער־שלאָפענער, וואָס שטעהט ביי זיין פושקארט און שווייגט, האָט א פנים ווי א חתונה אָהן כלי־זמר אָדער ווי א סאָציאַליסטישער מאַרטש אָהן די מאַרסעליעזע, ווייל דער עולם איז אזוי געוואָהנט און ווילענדיג אָדער ניט־ווילענדיג מוז דער פּעדלער זינגען „מה יפית" פון פרנסה־וועגען, כדי צו־צוציהען קאָסטאָמער.

שווער, זעהר שווער איז מיר אָנגעקומען צו שטעהן און זינגען „צוויי א פּעני וויבער", „א לעצטער סטאַק וייבער בחצי חנם" און עהנליכע פּעדלערשע זמירות; אָבער ווי זאָגט פּאַניע: „ביעדא נאַאוטשיט". איך האָב זיך די תורה אויסגעלערנט און איך בין אין דיזער הינזיכט ניט ערגער פון מיינע קאָלעגען. וואָלט איהר הערען, אידען, זינג איך אויס ביי מיין פושקארט נגונים'לעך, א כפרה אפּערא.

פּעדלען, פּעדעל איך מיט עפּעל, א ביליגע און לאָקאָמע סחורה, און ווען איך צולאָז זיך אויף מיינע כלים, ווערט מיין וועגעלע בעלאַגערט פון קאָסטאָמער. מען כאַפּט מיינע עפּעלעך ווי מצה־וואַסער און איך לייז געלד. עס קען אפילו זיין, אז פון גרויס התפעלות פון מיין צוזינגען און נאַריש

מאכען זיך, פערגעסען אנדערע צו משלם זיין אדער זיי מאכען א מיסטייק אין צאהל עפעל וואס זיי נעהמען. אבער אויב עס איז אזוי, איז אויך פערפאלען — וואס קען מען זיך העלפען?

א שטיקעל סבה האט מיט מיר פאסירט לעצטען פרייטאג און איך האב מורא, אז צוליעב דער דאזיגער סבה האב איך גע'פטור'ט דעם גאנצען ריוח וואס איך האב געהאט זייט איך בין א פעדלער. הערט וואס עס קען טרעפען.

איך האב זיך פרייטאג פריה ארויסגעשטעלט מיט א פרישען סטאק סחורה. כמעט צוויי בארעלס עפעל האב איך אויסגעפאקט אויף מיין פוש־קארט. געוועהנליך בין איך לכבוד שבת ניט געווען קיין בן יחיד מיט מיינע עפעל. עס זיינען געווען געגנוג פעדלערס אהן מיר אויך. א גאנץ פריה־מארגען בין איך געשטאנען, געריסען דעם גארגעל און פדיון איז געווען שוואך. ארום עלף דעם זייגער איז מיין אידענע געקומען מיך איבערנעהמען אויף א ווייל, און איך בין געלאפען אהיים עפעס א ביס טהון.

איהר ווייסט דאך מסתמא, אז ערב שבת זיינען די ווייבער זעהר ביזי. א רענדעל א מינוט ביי זיי. עס איז מיין אלטע די מינוט צו גרוים געווען צו שטעהען ביים פושקארט און זי האט אויסגעקוקט, אז איך זאל צוריקקומען. ווי נור זי האט מיך פון ווייטענס דערזעהן געהענדיג, האט זי זיך שוין אבגעטראגען און איך האב צוריק איהר פלאץ פערנומען.

איך קום צו מיין פושקארט, ערשט א דאנק גאט כמעט די גאנצע סחורה אויספערקויפט. בין איך פון איין זייט צופריעדען, און פון דער אנדערער זייט פערדריסט עס מיך, וואס איהר, מיין אידענע האט דאס גליק געטראפען און זי האט א פיינעם לייז געטהאן, ווערהענד איך בין געשטאנען שטונדען לאנג און האב אזוי גוט ווי גאר ניט געלייזט. — איהר ווייסט ניט א אידענע? אז עס טרעפט איהר איין מאל אין שמיטה א גליק, איז זי שוין א גאנצע בריה און וועט אייך שטענדיג פיקען די אויגען און אויפווארפען אייך, אז איהר טויגט אויף כפרות, נור זי איז די קנאקערקע!

קלער איך ביי זיך: איידער האבען א פערשטערטע וועטשערע, וועל איך איהר בעסער געבען א קאמפלימענט און אויפהייבען איהר אין הימעל אריין, צוגעבען אז זי איז א קאזאצקע ווייבעל און טויג צום עסק בעסער פאר

מיר. דעם לעצטען סטאק האָב איך פערקויפט אביסעל ביליגער, אבי אראָב פון מארק און איך בין אהיים געקומען גאנץ פריה.

„שוין פערקויפט די גאנצע סחורה?“ פרעגט מיין אלטע.

„דו לאכסט פון מיר, פייגע? — זאָג איך צו איהר — אמת, דו מעגסט מאקע לאכען. איך האָב אפשר דורך דער גאנצער צייט ניט פערקויפט אזוי פיעל סחורה פיעל דו האסט היינט פערקויפט אין איין פערטעל שטונדע. אזא יאָהר אויף מיר ס'ארא בריה א ווייבעל דו ביזט.“

קוקט זי מיר אָן, די אלטע מיינע. „איז דיר גוט,“ זאָגט זי, „אז דו ביזט א בריה. טאָמער האָט ער היינט פערקויפט א בארעל עפעל, איז ער שוין א גאנצער העלד. פאראן א סך העלדען ווי דו ביזט. נעהם נור און צעהל איבער דעם פדיון און זעה פיעל האסטו פערדיענט. פערקויפען איז קיין קונץ ניט, די הויפטזאך איז אז מען זאָל פערקויפען מיט פרנסה.“

„וועל,“ — זאָג איך — „חכמות אָן א זייט, פיעל האסטו געלייזט?“

„איך געדענק ניט,“ — זאָגט זי — „דריי אָדער פיער סענט.“

„אין אמת'ן“ — זאָג איך.

„וואָס דענקסטו, טוביה חייקעל“ — מאכט זי מיט א בייזער — „איך וועל גנב'ענען ביי דיר? איך זאָג דאָך דיר, אז דריי אָדער פיער סענט האָב איך געלייזט.“

איך האָב געזעהען, אז די אידענע מיינט עס ערנסט און איך בין שיער אין חלשות געבליעבען. איך האָב זיך אָנגעהויבען בעדענקען וואָס דאָ איז געוועזן, און איך האָב זיך דערמאָהנט, אז ווען מיין אידענע איז אוועק פון פושקארט איז דער נעכסטער פעדלער פון מיר, אָן איטאליענער אויך ניט געוועזן. איך האָב מסתמא אנשטאָט אוועקצושטעלען זיך נעבען מיין פולען פושקארט אוועקגעשטעלט זיך נעבען יענעמס לעדיגען און ווען דער איטאליע־נער איז געקומען און געזעהן, אז עס איז ניט קיין שלעכטער בייט פאר איהם, האָט ער געמאכט א שווייג און האָט זיך נאָכדעם מיט מיין פושקארט אָבגעטראָגען.

בינו לבינו האָב איך צום עסק צוגעלעגט א פאאר דאָלאר און די פארציע וואָס איך האָב געכאפט פון מיין אידענע איז ווערטה געוועזן א פינף־און־צוואנציגער.

## .31

## ער מיט זיין אידענע אין אָפּערא.

טוביה חייקעל מיט זיין אַלטע ווערען בעאויזנפּלוסט פון אַ שכן און זיי געהען אין דער אָפּערא, נו, האָט איהם דער שלים־מזל אויך נאָכגעפאָלגט. — פערבלאָנ־דזשעט אהין פאָהרענדיג און צוריק פאָהרענדיג און געקומען אהיים צום דאווגען. — אַ טיפּ פון אַ אידען, אַ מוזיק־ליעבהאָבער.

---

י"ב אדר שני, תרס"ח.

בין איך און מיין אַלטיטשקע לעצטע וואָך געווען אין דער אָפּערא! איך האָב געהערט גרויסע זינגערס און איך וועל צוליעב דעם האָבען צו זינגען און צו זאָגען ימים ושנים.

ווי קום איך קבצן אין דער אָפּערא? — וועט איהר דאָך פרעגען — וועל איך אייך ענטפערן, אז דער זעלבער שלים־מזל וואָס שלעפּט מיך אריין אין אַלערליי צרות, האָט מיך אהין אויך געבראַכט,

איך האָב אַ שכן, אַ לייבליכער שכן, וואָס וואָהנט מיט מיר אַ טהיר אין אַ טהיר און איז מיט מיר גוט בעפריינדעט. אָט דער דאָזיגער שכן מיינער איז אַ גרויסער ליעבהאבער פון אָפּערא. זיינע גאַנצע רעיונות ליעגען אין זינגען און מוזיק. וועגען קיין געגענשטאַנד רעדט ער ניט מיט אַזא התלהבות, מיט אַזא בעגייסטערונג ווי וועגען די אָפּערא. דער לעבען מיט דער נשמה איז עס ביי איהם, און פון זיינטוועגען מעג די גאַנצע וועלט חרוב ווערען אבי אָפּערא זאָל פערבלייבען.

אַ מאָדנער מענש דער שכן מיינער. ער וואָלט זיך געבאָדען אין אָפּערא. עס וואָלט איהם ניט מיאוס געוואָרען צו זיצען דאָרט טאָג און נאַכט. אָפּערא, זאָגט ער, איז אַ גייסטיגע שפּייז, און אָהן דעם קען מען ניט אויסקומען. אַ מענשען וואָס איז ניט אַזוי בעגייסטערט פון מוזיק, בעטראַכט ער אַלס אַ בעשעפענים מיט אַ ניעדריגע נשמה, אַלס אַ האַלב־טויטע זאַך וואָס האָט ניט קיין געפיהלען און בעגרייפט ניט וואָס גוט איז.

ווען איהר קומט זיך מיט איהם צוזאַמען, וועט ער אייך נור האַקען אַ טשייניק וועגען מוזיק. מוזיק, זאָגט ער, איז אַ הימעל־שפּראַך; אַ שפּראַך אויף וועלכע מלאכים רעדען. דורך די טענער פון מוזיק דריקט מען אויס אי לייד, אי פרייד, אי מיטלייד, אי גרויזאַמקייט, און אַלעס וואָס איהר ווילט

הערען און געדענקען. די פידלען רעדען, די באסען בייזערן זיך, די טראמ־פעטען קרעכצען, די קלארנעטען לאכען, און אלע צוזאמען דערצהלען זיי אייך גאנצע מעשיות, גאנצע געשעהעניסען ; אלעס, אלעס דריקען אויס די טענער פון מוזיקאלישע אינסטרומענטען, אזוי פערזיכערט דער שכן מיינער.

זיצט איהר מיט איהם צוזאמען און ער דערהערט א קאטערינקע שפיעלען, וועט ער אייך באלד א ציה טהון פאר'ן ארבעל און א פרעג טהון : „איהר ווייסט וואס ער שפיעלט ? דאס איז דאך לא טראוויאטא, אאידא, פאגליאטשי“. ער בעקומט עפעס בשעת מעשה אזעלכע התפעלות, אזוי ווי ער זאל דערהערען דעם שופר של משיח.

ער וועט אייך שוין דאמאלס ניט לאזען רוהען. ער וועט אייך דער־צעהלען ווי שעהן און ערהאבען די זעלבע שטיק מוזיק איז, ווען מען שפיעלט עס אין דער אפערא. ער וועט דער קאטערינקע צווינגען צום טאקט און ער וועט אייך געבען צו פערשטעהען, אז ביים ענדע פון דעם אדער יענעם סאנג פערגעהט זיך דער זינגער אדער די זינגערקע אין אפערא־הויז אפשר אויף א האלבע שטונדע, און עס פאלט א געוואלדיגער אפלאוז.

זיצט איהר מיט איהם אין קאמפאני אין א קאפע־הויז אדער אין א רעסטא־ראנט, וואו עס איז פאראן אן ארגאן, א מוזיק־באקס, וועט ער שטענדיג ארדערן א שטיקעל מוזיק. ער איז זעהר שטאלץ אויף דעם וואס ער ווייסט די נעמען פון אלע אפערעס, סימפאניעס, סערענאדעס און אנדערע שפיעלע־רייען. ווען דער ארגאן שפיעלט, דרעהט ער מיט איין האנד אזוי ווי א קאפעלמייסטער, און מיט דער צווייטער טורזעט ער אייך און זאגט אייך פאראויס : באלד וועלען די טענער ווערען הויך, באלד ניעדריגער, אט וועט איהר הערען ווי זיס, ווי אנגענעהם עס צוגעהט איבער אלע גליעדער, עס איז א מחיה נפשות.

טאמער פערשמועסט איהר זיך אין מיטען, אדער איהר זיינט פערטהאן אין אנאנדער ענין, איז ער אויף אייך בייז, אקוראט איהר זאלט כפסיק זיין אין מיטען שמונה עשרה.

און ווי שעהן דער בעסטער ארגאן שפיעלט, זאגט דער שכן מיינער, איז עס בקליפת השום, אזוי ווי א שאלעכץ פון א ציבעלע געגען דאס שפיעלען אין אפערא הויז. דארט, גיט ער צו פערשטעהן, רעדט די מוזיק ווערטער,

מען קען ממש יעדעס וואָרט אָנטאַפּען. היינט דאָס זינגען דאָרט! מלאכים זינגען דאָרט, ניט קיין מענשען.

הייבט ער אייך אָן דערצעהלען די נסים ונפלאות פון קארוזאָ, באָנטשי, אָדער אנדערע זינגער און זינגערקעס, זעהט מען אַז דער מאַן לעבט, ער איז זיך גאָר מחיה, ער האָט פערגניגען דערפון און ער רעדט וועגען זיי מיט אזא היץ, מיט אזא ברען, אקוראט ווי אַ הייסער חסיד, ווען ער דערצעהלט די מופתים פון זיין רבי'ן.

ווען איהר דערצעהלט איהם פון אנדערע גרויסע מנגנים, ווי למשל, פון בלינדען חזן, פון ווילנער בעל־הבית'ל וואָס האָט געהאַט זיעבען גאָרגלען, אָדער פון אדעסער חזן וואָס האָט אמאָל ראש השנה צו מוסף געגעבען אַ געשריי „הנני‟, איז די שוהל אויפגעטרייסעלט געוואָרען און אַ הענגלייכטער איז אראָבגעפאַלען, — וועט ער אַ מאַך טהון מיט'ן האנד: עט, בלאָטע שבבלאָטע, די אלע זיינען גאָר ניט, דער עיקר איז די אָפּערא מיט די קארוזאָס און מיט די באָנטשיס.

און אזוי ווי ער איז פערקאָכט אין דער אָפּערא, וויל ער אַז אלע זאָלען זיין פערקאָכט אין דעם. איהר מעגט גאָר ניט וויסען וואָס אָפּערא איז, איהר מעגט אין דעם קיין בעגריף ניט האָבען, קוים בעקענט איהר זיך מיט איהם, מיט מיין שכן, וועט ער אייך בעאיינפלוסען, אַז איהר זאָלט ווערען אַ בעזוכער אין דער אָפּערא. ער וועט ניט זשאַלעווען זיין טרחה און איינקויפען פאַר אייך אַ טיקעט און ער וואָלט אייך געבען צושטייער אויך, אבי איהר זאָלט געהן אין דער אָפּערא. איך וויים ניט אויב ער טהוט עס לשם מצוה, כדי די קונסט זאָל האָבען מעהר אנהענגער, אָדער מיינט ער עס לטובתו, כדי מען זאָל אנערקענען אַז ער איז אַ מענש וואָס איז אַ מבין אויף עפּעס רעכטס. אבער דאָס איז אַפּאַקט, אַז זייענדיג מיין שכן'ס אַ מקורב, מוז מען אויך בעקאַנט ווערען מיט אָפּערא.

איהר ווייסט דאָך ווי גוט מיר געהט, ברוך השם — אויף אלע אידישע שונאים געזאָגט אַזעלכע גליקען ווי איך מאַך. גלויבט מיר, אַז מיר איז אזוי אין זינען געלעגען אָפּערא, אקוראט ווי ראקפעלער'ן ליעגט אין זינען צו עסען „מן־טאַש אדער אפיקומן, פון דעסטוועגען האָט ער מיך און מיין אידענע איבערגערעדט און מיר האָבען שוין אויך פון דעם גייסטיגען פערגניגען, ווי

מיין שכן רופט עס, פערזוכט. וואס זאל איך אייך זאגען? —— אזא יאהר די נגידים מיט זייערע מאכלים.

ווי איהר קוקט מיך אן בין איך א מענש וואס האט א שטיקעל ידיעה אין נגינה. איך האב אייך שוין אמאל דערצעהלט, אז איך בין א בעל תפלה און קען דאווענען א ימים נוראים'דיגען מוסף. איך האב שטארק הנאה פון א שעהנעם ממקומך'ל, א יחדשהו'לע, א נעריצך'ל, אדער דאס שפיעלען פון א גוטען כלי־זמר. הייגט אז דער שכן מיינער האט מיר דערצעהלט, אז אין דער אפערא זיינען פאראן פידלען וואס רעדען, באסען וואס בייזערן זיך, טראמפעטען וואס קרעכצען און קלארנעטען וואס לאכען, בין איך געווען א בעלן עס צו הערען מיט מיינע אויערן. איך האב געזאגט צו מיין אלטע: אזוי א קבצן, אזוי אן ארימאן; די וועלט איז אויך א וועלט, אט לאמיר אויך געהן אין דער אפערא און הערען גאט'ס וואונדער, און זי, די אידענע מיינע, איז מרוצה געווארען.

דער שכן מיינער האט מיר איינגעקויפט צוויי טיקעטס אויף שבת נאכט און ער איז מלא שמחה געווען וואס ער האט מיך מיט מיין אידענע מזכה געווען מיט אזא גוטע זאך. ער האט אונז פערשפראכען אז מיר וועלען זיך זעהר גוט אמוזירען, און מיר וועלען קיין חרטה ניט האבען. נאך הבדלה האב איך און מיין אלטע ניט אויסגעטהאן די שבת'דיגע מלבושים און אויס־געפוצטע, אויסגעסטראיעטע זיינען מיר זיך ביידינקע אוועקגעפאהרען אין די אפערא.

געקומען אהין, איך צייג די טיקעטס, זאגט מען מיר אז זיי זיינען נא גוד. אט האסטו דיר א חתונה! בעצאהלט א דאלאר און א האלב און די טיקעטס טויגען ניט! הייב איך זיך אן נאכפרעגען פאר וואס זיינען די טיקעטס נא גוד, דערצעהלט מען מיר, אז עס איז פאראן נאך אן אפערא הויז, און די טיקעטס זיינען גאר פון דארטען.

ווערט שוין די אלטע מיינע ברוגז און שטעהענדיג אויפ'ן סיידוואק האט זי מיר אבגעזונגען פאלגענדע אפערא:

„גולם, שלים־מזל, שלומיאל, לעמעשקע, שטיק שלאק, שטיק בראך, נור דו פערבלאנדזשעסט! נור דו טרעפסט ווי א בלינדער פערד אין גרוב! וואו דו געהסט דארפסטו האבען אן אונטערפיהרער, און ווען מען לאזט דיך אליין קענסטו פערקריכען קיין בויבעריק."

הגלל, וואָס־זשע טהוט מען ? האָב איך זיך דערפרעגט וואו יענע אָפּערא הויז איז, פערזעצט נאָך צעהן סענט קארפער און מיר זיינען אהין געקומען.

דאָרט האָט מען אונז אָנגעצייגט דורך וועלכע טהיר מיר דארפען אריינ־געהן און מיר האָבען זיך גענומען דרעהען הקפות, עפּעס אזוי ווי מיט שווינדעל־טרעפּ, אַלעס העכער און העכער, ביז דער קאָפּ האָט זיך מיר אַזש פערדרעהט.

זאָגט מיין אידענע צו מיר: „טוביה חייקעל, מיר זיינען דאָך שוין באַלד ביים הימעל." מאַך איך צו איהר: „געה, ביזט א נארר. וואָלטען מיר האָבען כאָטש איינציגע פּענים צו צעהלען אויף דער צייט וואָס עס דארף נאָך געדויערן ביז צוצוקומען צום הימעל. ווייסטו ניט, אז ביז צום הימעל איז פינף הונדערט יאהר גאַנג ?"

מאכט זי: „ביים הימעל, ווי ביים הימעל; אבער ביים שפּיץ קלויסטער, להבדיל, זיינען מיר שוין געווים און איך האָב שוין קיין כח ניט ווייטער צו געהן."

„טאָ לאָמיר זיך אביסעל אָברוהען," זאָג איך. מיר האָבען זיך אוועק־געזעצט אָן א זייט און א היבשע ווייַלע אָבגערוהט.

א וואונדער איז עס מיר געווען צו וואָס דארף מען שפּיעלען אָדער זינגען אזוי אין דער הויך. קען מען דיזעלבע זאַך ניט טהון דאון סטעירז ? אבער מסתמא, האָב איך געקלערט, דארף מען אזוי. אויף א זאַך, אין וועלכע מען האָט קיין געפיהל ניט, פרעגט מען קיין קשיות ניט.

מיר זיינען נאָכדעם ארויפגעקומען אין סאַמע אָרט. ווי מיר זיינען אריינגעגאַנגען, האָט מען די געז אויסגעלאָשען און עס איז געוואָרען א פּאַטשעריי. זאָגט די אַלטע מיינע צו מיר: „א קלאָג איז מיר, א בראָך איז מיר, וואו זיינען מיר דאָ פערקראָכען ? צווישען אַנטיסעמיטען, צווישען רשעים, זעה נור, מען האָט עקסטרא געמאַכט פינסטער, כדי מען זאָל אונז קענען טהון רשעות. א כאָלירע זאָל זיי דערשטיקען די לאָופערס, קוק נור אָן ס'ארא פּאַטשעריי ס'איז געוואָרען, וואָס איז ? זיי האָבען דערזעהן א אידען מיט א בארד.

איך אַליין האָב זיך אויך שטארק דערשראָקען, און ווען איך און מיין אַלטע האָבען זיך אוועקגעזעצט אויף די פּלעצער וואָס מען האָט אונז

אנגעצייגט, האָב איך זיך אַלעס ארומגעקוקט הינטער זיך, אפשר דערלאַנגט אימיצער אין קאָפּ אריין.

א דאַנק גאָט, מען האָט אונז ניט געטשעפּעט. אונטען, ווייט, ווייט פון אונז, האָט מען געפידעלט. אין אמת זאָגענדיג, שעהן געפידעלט און מיר איז עס גאַנץ גוט געפעלען געוואָרען. אבער קיין ווערטער האָב איך פון די פידלען און די אנדערע אינסטרומענטען ניט געהערט. עפּעס האָט מען דאָרט געזונגען אויך; אבער איך האָב אפילו אַ וואָרט ניט פערשטאַנען.

נאָכדעם איז אראָבגעפאַלען עפּעס אַ מין גרויסער פּרוכת און עס איז געוואָרען ליכטיג. אַלע האָבען אָנגעהויבען פּאַטשען מיט די הענד און איך האָב אויך געפּאַטשט, ווייל איך האָב געמיינט אז מען דאַרף אַזוי, און ווען ניט, איז מען ניט יוצא. דער פּרוכת האָט זיך אויפגעהויבען, עס זיינען ארויס אַ פּאָאר פערשטעלעניסען און זיך פערנייגט, נאָכדעם האָט דער עולם אָנגעהויבען פּונאַנדערגעהן. איך און מיין אַלטע זיינען געבליבען זיצען. מיר האָבען געוואָלט עפּעס הערען אָדער זעהען, אבער מען האָט אונז שפּעטער פּשוט ארויסגעטריבען.

פון גרויס צוטומלעניש האָב איך אַ טעות געהאַט און ניט גענומען די ריכטיגע קאַר. מיר זיינען פערפאָהרען אין אַלדע שוואַרץ יאהר ערגעץ אַפּטאַון, און נאָכדעם געמוזט פאָהרען צוריק. ווען מיר זיינען אהיים געקומען, האָבען מיר שוין בענגענט אידען וואָס זיינען געגאַנגען דאַווענען מיט'ן ערשטען מנין.

מילא גיט מיר מיינע אַ גאָב, פרעגט שוין גאָר ניט. אבי וואָס וואַרפט זי מיר אויפ'ן קאָפּ די אָפּערא, און אַלע מאָל מאַכט זי איבער ווי איך האָב דאָרט געפּאַטשט און זינגט דערביי צו דאָס קינדערשע ליעדעלע:

> פּאַטש־זשע, פּאַטש־זשע קיכעלעך,
> דער טאַטע וועט נעהען שיכעלעך,
> די מאַמע וועט ארבייטען זעקעלעך,
> וועלען זיין רויט די בעקעלעך.

דער שכן מיינער זאָגט, אז מיר האָבען זיך פערשפּעטיגט און מיר האָבען בלויז געזעהן איין אַקט, ווען מיר וואָלטען אבער געזעהן אין גאַנצען און וויסען די גאַנצע האַנדלונג, וואָלט אפילו די אידענע מיינע אויך מודה געווען, אַז אָפּערא איז ווירקליך אַ גוטע זאַך וואָס איז ווערטה צו זעהען.

## 32.

## אַ קאָמעדיע מיט לייסענס.

**פּאָליציי באַדערט איהם און מען לאָזט איהם ניט פּעדלען אָהן לייסענס; געהט ער נעהמען לייסענס און טרעפט מסתּמא אין דער מערידזש לייסענס ביוראָ. — ער ווערט ארעטירט און בעשטראָפט מיט דריי דאָלער. — געשלעפּט אַ פּרעמ־דען פּושקאַרט אין סטיישאָן הויז און אַנדערע צרות.**

---

כ"א אדר שני, תרס"ח.

נישט גוט, אידען, מיט מיין פּעדלען מאַך איך אויך ניט אזוי יום־טוב'דיג און איך האָב מורא, אז איך וועל עס מוזען אויפגעבען.

דער שלים־מזל שלעפּט זיך מיר נאָך נאָכ'ן פּושקאַרט אויך. ניחאָ זשע וואָלט ער מיר געהאָלפען אונטערשטופּען דעם פּושקאַרט, דאָס ניט.

אַ ביטערע פּרנסה דאָס פּעדלען. ניט גענוג וואָס מען דאַרף שלעפּען אזא משא אָפּט איבער בערג שנעע און מיסט וואָס זיינען אָנגעוואָרפען אין די סטריטען, דאַרף מען נאָך דערויף האָבען לייסענס; אַ כח הרשאה, אַן ערלויבנים פון די פּאָליציי, ווען איהר האָט עס ניט, טאָרט איהר ניט פּעדלען.

לעצטען דיענסטאג האָט מען מיך געשלעפּט אין סטיישאָן הויז און דוקא ניט מיט מיין פּושקאַרט, נור מיט אַ פרעמדען'ס. איך האָב שוין גע־האַט מיין סטאָק אויספּערקויפט, איז אַ פּעדלער וואָס איז געשטאַנען נעבען מיר מיט אַ פּושקאַרט גלאָזוואַרג ערגעץ אַוועקגעגאַנגען און מיך געבעטען איך זאָל אויף זיין וועגעלע אכטונג געבען. דערווייל איז אָנגעקומען אַ וויי־בעל און עפּעס געוואָלט קויפען פון מיין שכן'ס פּושקאַרט און ווערענד איך האָב זיך מיט איהר געדונגען, איז אַ פּאָליסמאַן פּלוצלונג אזוי ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסען און מיך צוגענומען. עס האָט ניט געהאָלפען קיינע טענות, איך האָב געמוזט דעם פרעמדען פּושקאַרט שלעפּען אין אַל־די־שוואַרץ יאָהר אזש אין סטיישאָן הויז.

דער שכן מיינער איז נאַכדעם געקומען, עפּעס גע'טענה'ט מיט'ן דזשאַדזש און מען האָט מיך אָבגעלאָזט, אָבער אָנגעזאָגט האָט מיר דער דזשאַדזש, אז מען וועט מיך נאָך אַ מאָל קעטשען אָהן לייסענס ביי אַ פּוש־קאַרט, וועל איך מוזען בעצאָהלען שטראָף.

אויף מאָרגען האָב איך שוין מורא געהאַט ארויסגעהן פעדלען. אַן איינ־שטעלענים טאַקי צו פעדלען אָהן לייסענס, ווען די פּאָליסלייט האָבען שוין אַן אויג אויף מיר. עס איז דארום ביי מיר און ביי מיין אידענע פערבלי־בען איך זאָל געהן ארויסנעהמען לייסענס — אַ כפרה זיינען זיי ,וועט קאָס־טען אַ פּאָאר דאָלער, דערפאַר אָבער וועל איך ניט דארפען מורא האָבען און געהען, ווי מען זאָגט, אויף אַן אייזערנעם בריק. איך האָב זיך דערפרעגט דעם פּלאַץ וואו מען נעהמט ארוים לייסענס און בין אהין אוועקגעגאַנגען.

געקומען אויפ'ן אָרט, ערשט עס איז בּיזי, מען קען זיך גאָר ניט דער־שפּארען. עס שטעהן יונגע לייטלעך, עלטערע מענשען, ניגערס, ניגערטעס און ווייבלאַך און מיידלאַך פּעהלען דאָרט אויך ניט. אנדערע געהען גאַנץ פיין געקליידט, דזשענטעללייט און דזשענטעללעידיעס, פערקנאַקט אַזוי ווי צו אַ חתונה, און איך האָב זיך ניט געקאָנט אָבוואונדערען.

קלער איך ביי זיך: אַט דאָ קען מען ערשט זעהן דעם קריזיס, די ביטערע צייט וואָס עס איז ערשט אין אמעריקא. אזא נאַראַד, אָהן עין הרע, שטעהען און וואַרטען אויף לייסענס. אז אַך און וועה, מאַנכע פון די וואָס שטעהן דאָ זיינען געווים געוועזן בוכהאַלטערס אָדער גרויסע ביזנעס־לייטע און ערשט וועלען זיי מסתמא געהן פּעדלען מיט בענש־ליכט אָדער מיט מעטשעס — מיט קיין פושקאַרטס וועלען זיי ניט קענען פּעדלען, דאָס איז ניט פאַר זייערע כחות.

ווי איך שטעה מיר אַזוי און בעדויער מיינע צוקינפטיגע ברידער און שוועסטער, געהט צו אַ פּאָליסמאַן און טרייבט מיך אוועק. טראַכט איך מיר: מען זאָגט אַז אין אמעריקא זיינען קיין אנטיסעמיטען ניטאָ, וואָל־טען זיי טאַקע אַזוי ניט געווען, ווי זיי זיינען דאָ — אַ גלות אַ ביסעל, יונגע שנעקעס לאָזט מען שטעהן און מיך, אַן עלטערען אידען, טרייבט מען. אַזוי לאַנג קרענקסטו, קלעהר איך ביי זיך, דיזען מאָל וועל איך דיר ניט פאָלגען, זאָלסטו אפילו אויפגעלאָפען ווערען ווי אַ בארג, וואָס בין איך עס ערגער פון אַלמען? זיי דארפען מאַכען אַ לעבען און איך ניט?

בלייב איך שטעהן אויף מיין פּלאַץ און ריהר זיך ניט פון אָרט. געהט ווידער צו דער פּאָליסמאַן און פרעגט מיר: „וואַט דו יו וואָנט?“

„אַי וואָנט לייסענס“ — זאָג איך אַ ביסעל שטאָלץ.

„וועל" — זאָגט דער בלויער ראָק — ווהער איז יור בראַיד? גאָ בריינג יור בראַיד."

פערשטעה איך, אז ער מיינט עס מיין אַלטע און איך טראַכט ביי זיך: דער קאָפּ מעג דיר קרענקען, דאָס איז א בעזונדער זאַך; אָבער שכל האָסטו! די אַלטע מיינע נעהמט מיך אָפּט איבער אויף א האַלבע שטונדע און זי שטעהט ביים פּושקאַרט, איז טאַקע גלייכער, אז איהר נאָמען זאָל אויך זיין פערשריבען אין די לייסענס, כדי די פּאָליסלייט, די רשעים, זאָלען איהר ניט טשעפּען.

איך בין נאָכדעם צום שכל געקומען און פערשטאַנען, אז ניט אַלע ווייבלאַך וואָס שטעהען דאָרט געהען אַליין זיין פּעדלערקעס, נור זיי זיינען געקומען מען זאָל זיי פערשרייבען אויף זייערע מענר'ס לייסענס, אום זיי זאָ־לען אויך מעגען שטעהן ביי די פּושקאַרטס.

איך בין אוועק און גערופען מיין אידענע, אָבער ביז מיר האָבען זיך אהין פערשלעפּט איז שוין געווען צו שפּעט און מיר האָבען עס אָבגעלייגט אויף מאָרגען.

דאָנערשטאָג, ווען איך און מיין אַלטע זיינען אהין געקומען, האָבען מיר דאָרט ווידער געטראָפען א מאַסע מענשען. אין אַמעריקא איז דאָך ניטאָ עלטער און אינגער, דאָ געהט דאָך אַלעס נאָכ'ן נעקסט, האָבען מיר זיך אוועקגעשטעלט אין ליין און געוואַרט ביז אונזער נעקסט וועט קומען.

א סך פון די וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען, האָבען זיך געהאַלטען מיט זייערע ווייבלאַך אונטער די הענד. איך, אַן עלטערער מענש, וועל דאָך ניט שטעהן מיט מיין אידענע געאָרעמט צווישען אַן עדה מענשען, האָב איך אריינ־געטהאָן מיין האנד אין קעשענע פון איהר דזשעקעט, אום איך זאָל זי ניט פערליערען אין גערדרענג.

ווי מיר שטעהען זיך אזוי, כאַפּט מיך אָן א פּאָליסמאַן ביים קאָלנער און הויבט אָן שרייען: „ווהאט דו יו דואינג דהעיר?" און ער האָט מיך אָנ־געהויבען שלעפּען.

„דהיס איז מאַי וויף" — האָב איך זיך פערענטפערט — אַי קאַם וויטה האָר פאָר לייסענס. ווהאט דו יו וואָנט? אַי עם איי אנעסט מען." ער האָט אָפּנים פערשטאַנען, אז איך זאָג דעם אמת און ער האָט מיך אָבגעלאָזט.

אַלע האָבען אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער און איך האָב ביי זיך גע־

טראכט: אז אַך און וועה צו אייער משפט; ווארט, ווארט, איהר וועט זיך נור איינשפאַנען אין די האָליאַבליעס פון די פושקארטס, וועט איהר לאַכען מיט אַן אנדער געלעכטער.

דערוואַרט איך זיך ווי עס איז אויף מיין נעקסט. איך און מיין אי־דענע זיינען מיר צוגעגאַנגען צום מאַן וואָס גיט די לייסענס.

קודם כל האָט ער מיך געפרעגט שמי ושם אבותי, מיין נאָמען און די נעמען פון מיין טאַטע און מאַמע, עליהם השלום; נאכדעם — ווי אַלט איך בין און פון וואַנען איך קום. און כאָטש איך בין ניט קיין גרויסער ענגליש־מען, דאָך האָב איך פערשטאַנען אַלעס וואָס ער האָט מיך געפרעגט.

ווען ער האָט אַלעס פערשריעבען, טהוט ער מיר אַ פרעג: „איז איט דהי פוירסט טיים יו אר גאָאינג טו מערי?“ קלעהר איך ביי זיך: ער איז ניט קיין נאַר, דער ערל, אַ גאַנץ גלייכע זאַך האָט ער געזאָגט, געהן פעדלען מיט אַ פושקאַרט איז אַלעס איינס ווי חתונה האָבען. אַ פעדלער איז איינ־געשפאַנט אין יאָך און דאַרף שלעפען אַ משא און אַ מאַן וואָס האָט חתונה געהאַט אויך אַ יאָך אויף זיך, ער דאַרף שלעפען גאַנצע פעק משא אזוי ווי די גמרא זאָגט: רחיים על צוארו, אַ פערהייראַטהער מאַן טראָגט גאַנצע מיהל־שטיינער אויף זיין האלז; אַ פעדלער ווערט פערפאַלגט פון פאַליסמאַן און אז מען האָט חתונה, ווערט מען פערפאַלגט פון דער ווייב, און וועמען גאָט שיקט צו אַ ווייב אַן ארורה, איז נאָך ערגער ווי צעהן פאַליסלייט.

טהוט מיר דער מאַן אַ פרעג די זעלבע פראַגע נאָך אַ מאָל. ענטפער איך: „שור דהי פוירסט טיים“. וואָס דען, איך וועל איהם דערצעהלען, אז איך פעדעל שוין צוויי וואָכען? אַ מכה! אַ גוי איז אַ חזיר, אז איך וועל איהם דערצעהלען דעם אמת, וועט ער דאָך באַלד אָנהויבען פרעגען קשיות, פאַר וואָס האָב איך פריהער געפעדעלט אָהן לייסענס, נו, האָב איך איהם אונטערגעבלאָפט.

מיין אידענע האָט ער אויך געפרעגט די זעלבע שאלות וואָס מיר און ווען עס איז געקומען צו דער לעצטער פראַגע, האָב איך צו איהר אַ זאָג געטהאָן: אשתי, דבר צום ערשטען מאָל, און זי האָט מיך געפאָלגט. דער מאַן האָט מיר געהייסען בעצאָהלען אַ דאָלער און ארויסגעגעבען מיר אַ שריפט.

מיך און מיין אידענע האט זעהר הנאה געטהאָן וואָס מיר האָבען די לייסענס ארויסגענומען. ביליגער ווי באָרשץ — האָט די אַלטע מיינע צו מיר געזאָגט. אין אמת'ן לוינט זיך צוליעב א דאָלאר זיין שטענדיג אין שרעק און מורא האָבען פאר יעדער שווארץ־יאָהר? צו איך האָב לייסענס, בין איך מיר א פריץ. א פּאָליסמאַן וועט מיך אַוועקטרייבען פון איין פּלאַץ, וועל איך זיך שטעלען ערגעץ אנדערש — וואָס איז, ניו יאָרק איז קליין?

פרייטאג בין איך ארויס פעדלען מיט מעהר מוטה, מיט מעהר שטאָלץ, און ווען א פּאָליסמאַן איז געקומען אויף א רעוויזיע און גענומען פרעגען אַלעמען אויף לייסענס, בין איך מיר געשטאַנען זיכער, איך האָב א כתיבה, הער איך איהם ווי די ראַבע קאַץ, וואָס קען ער מיר טהאָן, וואָס? איך האָב איהם אין דער אדמה מיט זיין בלויען ראָק און מיט זיינע מעשענע קנעפּלעך.

ווען ער איז צוגעקומען צו מיר, האָב איך גאַנץ ברייטלאַך ארויסגענומען די לייסענס און איהם געציינט, לאַכט ער זיך פערנאַנדער, דער המן, אויפ'ן קול און פרעגט מיך „ווער איז יור לייסענס? קאם אָן, קוויק שאָו מיר יור לייסענס". טראַכט איך ביי זיך: ער איז מסתמא שכור. פרישינקע לייסענס, ערשט נעכטען ארויסגענומען, הייננט וואָס פאר א פגימה האָט ער אויף זיי געקענט געפינען? אָבער ער טרעט פון מיר ניט אָב און שלעפּט מיך אין סטיישאָן הויז. און אז ער שלעפּט, מוז מען געהן.

אין סטיישאָן הויז האָבען אַלע געלאַכט, ווען דער פּאָליסמאַן האָט מיינע לייסענס געציינט דעם דזשאָדזש, און עפּעס א איד, מסתמא איינער פון די מאַכערס, האָט מיר ערקלערט, אז דאָס איז גאָר מערידזש לייסענס, לייסענס אויף חתונה האָבען, ניט אויף פעדלען מיט א פושקאַרט. איך האָב, הייסט עס, פערבלאָנדזשעט, אַנשטאָט צו געהן אין דעם פּלאַץ וואו מען נעהמט ארויס לייסענס אויף פעדלען, בין איך פערקראָכען אין דער מערידזש לייסענס ביורא.

דער דזשאָדזש האָט מיך בעשטראָפט מיט דריי דאָלער און ווייל איך האָב ניט געהאַט קיין מזומן'ע שקלים צו בעצאָהלען, האָט מען מיך פערזעצט אין געפענגניס, וואו איך האָב שבת געהאַלטען און געזאָגט יוצרות פאר זיך, אָהן א מנין.

## .33

# טוביה חייקעל דער פליישיגער.

ער עפענט אַ בוטשער סטאָר, אָבער קיינער שמעקט אין איהר ניט אריין. — בשר כשר מיט אַ טהעאַטער־שטיק. — אַ שוחט אָהן אַ היטעל און אין גאַנצען אַ מאָד־נער פלאָנטער. — טוביה חייקעל שמועסט ארום די מערכה פון די בוטשערס. ער זאָגט, אַז דאָס פובליקום טהוט געגען זיין עולה.

---

כ"ז אדר שני, תרס"ח.

איהר ווייסט ? איך בין שוין אין אַ גוטע שעה אַ בוטשער געוואָרען — זאָל זיין מיט מזל און הצלחה.

צו דיזער פרנסה האָב איך זיך גענומען נאָכדעם ווי איך בין אָבגעזעסען אַ פּאָאר טעג בישיבה של מטה (סעל בלע"ז) פאר פעדלען אָהן לייסענס, ווי־איך האָב אייך שוין דערצעהלט, עס הייסט, דאמאָלס האָב איך אָנגעהויבען זוכען אזא ביזנעס; אָבער ניט אזוי טהוט זיך עס ווי עס רעדט זיך, מעהר ווי אַ וואָך צייט האָט עס גענומען ביז איך האָב אַ פּאַסענדען פלאַץ דארויף גע־פונען און לעצטע וואָך איז געווען די גרענד אָפּענינג פון מיין בוטשער־סטאָר.

מיין סטאָר האָב איך איינגעפיקסט אין אַ עכט אידישען געגענד, אין אַ געגענד וואָס איז בעזעצט מיט פוילישע און גאַליציאנער חסידים, וואו אמת'ע בשר כשר קען האָבען אַ גוטען אָנגאַנג.

מיר האָט זיך געמאכט צו קויפען אַ פערטיגעס געשעפט, מיט פיקטשורס, קאָסטאָמערקעס און מיט די ווערטער „בשר כשר משוחטים כשרים" אויסגע־פארבט אויפ'ן פענסטער; אבער מען האָט מיך דערפון אָבגעשלאָגען און אויף דעם ראטה פון אַ גוטען פריינד, האָב איך אליין איינגעפיקסט אַ „גרינע" סטאָר.

אַ קלעצעל, אַן אייז־באקס און אנדערע מכשירים וואָס אַ בוטשער דאַרף האָבען, האָב איך איינגעקויפט סעקאָנד־הענדיגע. איך האָב בעשטעלט אַ סיין־פּיינטער ער זאָל אויספּיינטען אויפ'ן פענסטער מיין נאָמען און „בשר כשר" מיט גרויסע אותיות; אָבער אזוי ווי עס איז פאר יום טוב און די פּיינטערס זיינען זעהר ביזי, האָט ער מיר אָבגעלייגט צו מאכען דעם דזשאָב איז עטליכע טעג ארום. מען קען דאָך אָבער ניט עפענען אַ בוטשער־סטאָר

אַהן א „בשר־כשר“ סיין, בין איך אוועק צו א בעקאַנטען פּרינטער און דער־וויל געמאַכט אַ טעמפּאָראַרי סיין אויף פּאַפּיער.

אויף דעם סיין איז בלויז געשטאַנען מיט גאַנץ גרויסע אותיות די ווער־טער „בשר כשר“, מעהר גאָר ניט. אַט דעם דאָזיגען „בשר כשר“ אויפ׳ן פּאַפּיר האָב איך אָנגעקלעפּט גאַנץ אָן אַנזיכטיגען פּלאַץ אויפ׳ן פענסטער און אָנגעהויבען טהאָן ביזנעס. איך האָב אָנגעשאַרפט די מעסערס, דעם טשאָ־פּער, געהייסען אַראָבפיהרען פלייש און געוואַרט אויף קאַסטאָמער.

ווי איהר ווייסט, איז איינגעפיהרט, דאָס אין א בוטשער סטאָר הענגט מען אויף פּאָוסטערס פון טהעאַטערע, קאָנצערטס, באָלס און אַנדערע פאַר־שטעלונגען. א בוטשער שאָפּ איז א פּאַבליק פּלייס — א פּלאַץ, וואו מענ־שען, מיין איך ווייבער, קומען אַריין, און אז זיי זעהען וואו מען שפּיעלט און וואָס מען שפּיעלט, נעהמט זיי אַפּט אָן א חשק צו געהן א ביסעל אַמו־זירען זיך.

בשכר זה, דערפאַר וואָס מען ערלויבט אויפהענגען די דאָזיגע פּאָוסטערס און פערשטעלען די פענסטער, קריגט דער בוטשער פרייע פּעטעס, עס הייסט, מען וואַרפט איהם אָפּט צו אַן אומזיסטען סיט, געווהנליך ניט אויבען אָן, נור ערגעץ אין דער הויך, אויפ׳ן בוידים.

אַט די דאָזיגע פּעסעס בעלאַנגען ניט צום בוטשער. ניט ער אליין, ניט זיין פאַמיליע געהען אויף זיי אין טהעאַטער. ער מוז עס אוועקגעבען צו זיינע פּאַטראָנייזערקעס, צו די קאַסטאָמערקעס וואָס נעהמען ביי איהם פלייש. דאָס איז זייער בענעפיט און זיי זיינען בערעכטיגט דערצו.

א אידענע נעהמט א פּאָאָר פונט פלייש, עס מאַכט ניט אויס צו פאַר געלד, צו אָהן געלד, מוז מען איהר צולייגען א שטיקעל פעטס, א ביין, א שטיקעל קישקע, אָדער זי וועט ביי אייך אויסרייסען א שטיק לונג און לע־בער אַלס צוגאָב, און נאָך אַלעמען, וועט זי אייך בעטען אָדער הייסען געבען א פּעס אין טהעאַטער — און געבען מוזט איהר, ווייל מען טאָהר מיט א קאַסטאָמערקע ניט איינרייסען.

אַט די דאָזיגע כללים האָט מיך געלערענט מיינער א לאַנדסמאַן, וועלכער איז א מאָל געוועזן א בוטשער און זיין פערמעגען איז געבליבען ביי די קאַס־טאָמער, וואָס האָבען גענומען פלייש און ניט בעצאָהלט. היינט איז ער אַן אונטער־בינלער און איז, ניט פאַר מיר געדאַכט, א קבצן מיט פּליטערלאַך.

און מיין לאנדסמאן איז ניט דער איינציגער וואס איז פון די בוטשער ביזנעס א קבצן געווארען. איך ווייס פון א סך אזעלכע וואס זיינען געווען בוטשערס, האבען איבערגעפיהרט זייער געלד און זיינען פערבליבען ווי מען זאגט: מיט'ן בייטש. איך קען אויך אזעלכע וואס שטעהען נאך ערשט אין די ביזנעס און זיינען גרויסע אביונים — אי איז דאך די קשיא, וואס האב איך זיך גענומען דערצו? איז דער תירוץ: אז ווען עס איז ניטא וואס צו טהאן, כאפט מען זיך כאטש אן א הייסען שטיין.

א ציקאווע זאך! אנדערע האבען זיך איינגעשמועסט, אז בוטשעריי איז א גלענצענדע ביזנעס. מענשען וואס האבען אויגען און זעהען ניט, רעכע־נען אונז בוטשערס צו צו דער קאפיטאליסטישער קלאסע, צו די וואס שינ־דען די הויט פון ארימען ארבייטער און זויגען זיין בלוט. געגען גראסערי־לייט, מילך־לייט, בעקערס אדער טאבאק־פערקויפער רופט מען ניט ארויס קיין סטרייקס — מען לאזט זיי צורוה, און געגען אונז העטצעט מען דעם עולם. די וואס קעמפפען געגען קאפיטאל, קעמפפען געגען אונז בוטשערס אויך און אלע מאל הערט מען, אז דא אדער דארט האט אויסגעבראכען א פלייש־סטרייק. מען רודף'ט אונז, אקוראט מיר זאלען זיין גרויסע עשירים און שארען געלד פון אונזערע פראפיטען.

א בוטשער מעלדען זיי אב אלס אן אבגעפרעסענער פוזאטער איד, מיט א רויטען פנים און א פאאר געזונדע הענד, כאטש עס זיינען פאראן בוטשערס אויסגעדארטע, אויסגעקוואורטע, בלויז הויט און ביינער. א בוטשערקע איז ביי זיי א דיקע, 300 פונטיגע אידענע וואס טראגט דיימאנדס גרויס ווי קארטאפעל! אט איז שוין, א דאנק דעם אויבערשטען, מיין אידענע אויך א בוטשערקע, כאטש זי האט ניט קיין דיימאנדס און דאס וואס איהר פעהלט צו 300 פונט, זאל עס מיר, רבונו של עולם, צוקומען אין געלד! און ניט נור איז מיין אידענע אזוי, זאנדערן עס זיינען פאראן אלטע בוטשערקעס, וואס זיינען אויך א שני בשני מיט איהר אין אלע פונקטים.

נור ניט דאס בין איך אויסען. איך וועל זיך אומקעהרען צוריק צו דעם ענין פון די פאוסטערס און איך וועל אייך דערצעהלען ווי צוליעב א פאוסטער וואס איך האב אויפגעהאנגען אין מיין סטאר, האב איך געהאט א שעהן ביי־סעל עגמת נפש. עס האט מיר געקאסט אי געזונד, אי געלד און א סעודה האב איך פורים געהאט, זאלען זיך שוין אזעלכע סעודות ניט אומקעהרען.

ווי איך האָב אייך שוין פריהער דערצעהלט, האָב איך מיין סטאַר גע־עפענט לעצטע וואָך. באַלד ווי איך האָב די סטאָר געעפענט, נאָך איידער איך האָב אָנגעזעהן א קאָסטאָמערקע אין די אויגען, זיינען געקומען צוויי יונגע לייט און מיר דערצעהלט, אז זייער סאָסייעטי געהט פעראַנשטאַלטען א בענעפיט פאָרשטעלונג, לכן זאָל איך זייערען א פּאָוסטער אויפהענגען ביי מיר אין סטאָר און דערפאר וועל איך האָבען אי א מצוה, אי א פרייען איינ־טריט צו דער פאָרשטעלונג. זיי האָבען מיך דערלאַנגט א פּאָוסטער און א טיקעט און איך האָב זיי צוגעזאָגט, אז איך וועל דעם פּאַפּיער אויפהענגען אין א פלאַץ וואו אלע זאָלען עס זעהן.

וואָס אין פּאָוסטער שטעהט איז ניט מיין עסק. ניט איך געה אין טהעאַטער אָדער אויף בעלער און ניט איך אינטערעסיר מיך דערמיט. איך האָב געזעהן, אז דאָרט איז עפּעס פאראן גרויסע און קליינע ווערטער און עפּעס א פיגור פון א מענשען איז דאָרט אויסגעמאָהלט; אָבער וואָס און ווען, מיין באָבעס דאגה איז עס. איך האָב שפּעטער גענומען דעם פּאָוסטער און אָנגעקלעפּט אויפ'ן פענסטער אונטער מיין „בשר כשר" סיין.

עס איז אוועק א שטונדע נאָך א שטונדע, קיינער שמעקט ניט אריין אין מיין סטאָר. איך זעה ווייבער געהען מיט בעסקעטס, שטעלען זיך אָב נעבען מיין פענסטער; קוקען זיך איין אויף דער סיין און געהען אוועק ווייטער. פון דער זעלבער הויז אפילו געהען ארונטער ווייבער און מענער, כאַפּען א בליק אויף מיין פענסטער, וואו עס איז אויסגעהאנגען און אויסגע־לייגט פלייש, לונגען, לעבער און שמאלץ; אָבער זיי פערדרעהען מיט די נע־זער און טראָגען זיך אָב.

ווער איך אָבהענדיג און עס ווערט מיר טרויעריג אויפ'ן הארצען. אוועק א טאָג און אפילו א סענט ניט געלייזט — היינט איז דאָך פלייש ניט זווי־ערע אוגערקעס, מען קען עס דאָך לאַנג ניט האלטען און טאָמער פערקויפט זיך עס ניט מאָרגען אָדער איבערמאָרגען, דארף מען דאָך עס ארויס־ווארפען.

מאַך איך א רייד מיט מיין אידענע: „סטייטש וואָס וועט זיין? א ביטערער עסק, מען הויבט ניט אָן צו לייזען און מען קען דאָך חס ושלום בדיל הדל ווערען". טרייבט זי מיר, מיין אַלטע, און גיט מיר צו פערשטעהן, אז איך פורים קויפט דער עולם טשיקענס, א סחורה וואָס ביי אונז אין סטאָר

איז ניטאָ, דערפאַר מאָרגען וועלען מיר איה"ש לייזען. קלעהר איך ביי זיך: אַ אידענע ווייס בעסער, מסתמא איז עס טאַקע אַזוי.

אויף מאָרגען — מען לייזט ווידער ניט אַ סענט, אָבגעזעסען אַ גאַנצען טאָג אין סטאָר און אפילו אָן אָנהויב ניט געהאַט. זאָג איך צו מיין אַלטע: איך וועל ארויפגעהן צו די שכנים און בעטען, אַז זיי זאָלען אונז געבען אַ שאָו און נעהמען ביי אונז פלייש. קום איך אריין צו אַ מיסעס און שטעל זיך פאַר, אַז איך בין דער בוטשער פון דאַון סטעירז און בעט איהר, אַז זי זאָל מיר געבען צו לייזען פאַר פלייש.

הויבט זי זיך אָן בייזערען, די מיסעס, און מאַכט אַזוי:

„ווהיסקעלע גנב. איהר טראָגט דאָך בלומרשט אַ באָרד און איהר פער־קויפט טריפה פלייש! און ווען איהר גיט מיר אומזיסט, ווען איהר צאָהלט מיר נאָך אפילו צו, וועל איך ביי אייך נעהמען?"

אַזוי האָט זיך די מיסעס אָבגעזאָגט און איך בין געבליעבען שטעהן אַ צוטומעלטער. איך האָב געוואָלט ענטפערען אַ וואָרט, אָבער זי און איהר מאַן האָבען אַ מאַך געטהאָן מיט די הענד: „געהט, מיסטער, וואַרפט זיך ארויס און באָדערט ניט."

קלעהר איך ביי זיך: מסתמא דער אַנדער בוטשער פון בלאָק האָט עס אויף מיר אַ בלבול אויסגעטראַכט, ווייל ער וויל האָבען די קאַסטאָמער פאַר איהם. איך בין אריין צו אַן אַנדער שכן און דאָרט האָט מען מיר געענט־פערט „מיר עסען ניט פון אַזאַ שוחט'ס שחיטה, און ניט נור מיר, נור קיי־נער וועט ביי אייך קיין פלייש ניט נעהמען. וואָס דאַרף מען נעהמען ביי אייך, אַז מען קען אַזעלכע פלייש קריגען ביי אַ גוי און אַ סך ביליגער?"

אָט האָסטו דיר אַ תשובה! הייב איך אָן פרעגען: טאַטע זיסער, פון וואַנען ווייסט איהר ווער דער שוחט איז, אַז איך אַליין ווייס אויך ניט! וואָס הייסט? — ענטפער מען מיר — מען זעהט דאָך אַ מאַן וואָס געהט אָהן אַ היטעל און רופט זיך הערר יאַקאָב, מיט אַ גוי'אישען נאָמען גאָר! אַלע זעהען דאָך עס און מען בטל'ט בייזע חלומות צו אייער קאָפּ.

ווייס איך שוין גאָר ניט אויף וואָס'ער וועלט איך בין און הייב אָן פרעגען: וואָס? ווען? ענטפערט מען מיר: געהט און זעהט אייער אייגענע סיין אויפ'ן פענסטער.

איך לויף ארונטער און טהו א קוק אויפ׳ן פענסטער פון מיין בוטשער שאפ פון דרויסען, ערשט עס שטעהט בפירוש אזוי:

בשר כשר

פון הערר יאקאב גארדין׳ס

שחיטה

איך האב בעטראכט די פיגור וואס איז אויסגעמאהלט אונטען און אונטער וועלכע עס שטעהט אונטערגעשריבען דער פריהער דערמאהנטער נאמען, ערשט עס איז טאקע א מאן מיט א בלויזען קאפ און איהם פאסט אזוי צו זיין א שוחט, אקוראט ווי מיר פאסט צו זיין א גובערנאטאר.

איך האב באלד פערשטאנען, אז דער פאוסטער האט עס מיר אנגעמאכט די צרות און איך האב עס ארונטערגעריסען.

דארט איז פריהער געשטאנען מיט קלענערע שריפט פאלגענדע ווערטער:

„דער גרויסער קינסטלער מר. לאבודרע מיט זיין קאמפאניע וועלען דעם ערשטען אפריל געבען א פארשטעלונג אין ניו־יארק האלל. עס וועט געשפיעלט ווערען איינינע זאכען און אויך דער ערשטער אקט“...

אבער דיזע פאאר שורות זיינען געווען פערשטעלט הינטער מיין „בשר כשר“ סיין און דער פאוסטער האט זיך אנגעפאנגען מיט די ווערטער „פון הערר יאקאב“ און אזוי ווייטער. מיין סיין מיט׳ן פאוסטער האבען זיך אלזא געלעזען צוזאמען. דער פלאנטער איז דארום דערפון ארויסגעקומען און דער עולם האט אזא מיאוס׳ען טעות געהאט.

איך האב נאכדעם ערפאהרען, אז „שחיטה“ איז אזא מין פלעי און די פיקטשור וואס דארט איז געווען, שטוים איך מיך אליין אן, איז מסתמא איינער פון די קאמעדיאנטשיקעס.

ווען מיין אידענע האט זיך דערוואוסט וואס עס האט פאסירט, האט זי מיר זעלבסט־פערשטענדליך ניט געשאנעוועט און האט מיר געמאכט א פערשטערטע סעודה.

די סחורה מיינע איז דערווייל געווארען „ישן“ און איך האב עס אויף מארגען פערקויפט צו א כשר רעסטאראנט קיפער מיט 6 סענט א פונט.

איך בין נאכדעם געגאנגען פון הויז צו הויז און פון מיסעס צו מיסעס און אלעמען ערקלערט וואס דא איז געווען. דאנערשטאג האב איך אריינ־

געגומען א פרישען סטאק פלייש, און פרייטא, א דאנק גאָט, כמעט אין גאַנ־צען פערקויפט. איך וויים? אפשר וועט זיך איינרייבען און דער עסק וועט אוועקגעהן גוט.

---

.34

## צוויי שלים־מזלות אויף איין חתונה.

טוביה חייקעל מיט זיין פרוי פאָהרען על פי טעות צו א קבורה אַנשטאָט וואָס זיי האָבען געדאַרפט פאָהרען צו א חופה. — די שלים־מזל'דיגע בעגעגעניס ביים אל מלא רחמים. — מחותנת'טעס הלש'ען און טוביה חייקעל האָט קאַלט און ווארים. — אַ ביסעל קריטיק וועגען אמעריקאַנער חתונות.

---

ד' ניסן, תרס"ח.

לעצטען דינסטאג בין איך געוועזען אויף א חתונה. איך האָב אפילו פון דער החתונה קיין פערגניגען ניט געהאַט, פון דעסטוועגען מעגט איהר מיר אָב־געבען מזל טוב — מזל שאַדט קיינמאָל ניט.

אין אמת זאָגענדיג האָב איך פיינד א היגע חתונה. א היימישע חתונה איז וואָס אַנדערש, אָבער אַ היגע — האָס איך ווי דעם טוידט. אַ חתונה דאָ, אין אַמעריקא, איז נור גוט פאַר יונגע לייטלעך, מאָר מענצער; אָבער אַן עלטערער מענש ווי איך, למשל, קען דערפון קיין פערגניגען ניט האָבען.

זייענדיג אויף א היגע חתונה, ווערט איהר פערמומעלט, מער גלושעט, א רעגולער יריד איז עס. ביי אונז אין דער היים, ווייס איך, געהען צו אַ חתונה בלויז געבעטענע מחותנים און דאָ אי. עס הפקר פעטרושקע! ווער עס האָט פיס געהט צו א חתונה, צו מען האָט עפּעס א שייכות מיט די חתן־כלה צו ניט.

בעט איהר אימיצען צו אַ חתונה, דאַרפט איהר וויסען, אַז ער וועט אראָבקומען מיט אַ גאַנצע פאַמיליע. פון זיין משפחה איז אָבגערעדט, ער וועט אויך נאָך מיטברענגען זיין באָרדער מיט דער באָרדערקע, און טאָמער האָט דער באָרדער א כלה אָדער די באָרדערקע א חתן, זיינען יענע אויך מחותנים. פעהאַלט זיך די פאַמיליע וואָס איז געלאַדען צו א חתונה גוט מיט זייערע נעקסטדאָריגע, וועלען זיי, די נעקסטדאָריגע אויך זיין געסט אויף אייער שמחה. היינט וואו זיינען אזוי בחורים מיט מיידלאך, וואָס ווילען

כאַפּען אַ טענצעל און האָבען אַ גוד־טיים? אַזעלכע זיינען פאַראַן אַ גאַנצע סך. פאַר אַ קליינינקייט וואָס עס קאָסט זיי איינטריט אין האַל, טאַנצען זיי זיך אויס אויף אַלע זייטען און פערבייסען נאָך מיט אַ גוטע וועטשערע. בינו לבינו איז אַ מיש־מאַש, אַ הו־האַ און אַן עלטערער מענש, מעג ער אפילו זיין אַ נאָהענטער מחותן, ווערט ער בטל בשישים.

איך וואָלט דאַרום שטענדיג ווען איך בין געלאַדען צו אַ חתונה מוחל געווען מיין מחותן׳שאַפט במחילה גמורה און איך וואָלט נאָך עפּעס צוגע־צאָהלט, אבי מען זאָל עס ביי מיר צונעהמען. ווען איך קען זיך אויסדרעהען פון געהן צו אַ חתונה, דרעה איך מיך טאַקע אויס. איך שיק אָב דעם דרשה־געשאַנק ניט הערענדיג דעם חתן׳ס דרשה און איך זיץ מיר אין דער היים.

פון דער דיענסטאַג׳דיגער חתונה האָב איך זיך ניט געקענט אַרויסמאַכען, ווייל דאָרט בין איך געווען אַ מחותן מצד זוגתי תחיה — פון מיין אַלטער׳ס צד, און במקום וואו די פלונית׳טע איז דער עיקר מחותנת׳טע, איז גאָר קיינע תירוצים ניטאָ און מען מוז געהן.

ווען עס איז אַ חתונה ביי אייער ווייב׳ס משפחה, וועט איהר זיך אויף קיין פאַל ניט אויסדרעהען און איהר מוזט דאָרט אויך זיין. מעגט איהר קיין צייט ניט האָבען, מעג אייך ניט ליגען אין זינען, מעגט איהר קראַנק זיין, מעג אייך וועה טהון דער קאָפּ, דער בויך, מוזט איהר צו דער חתונה געהן — אַז די ווייב איז אַ מחותנת׳טע, מוזט איהר זיין אַ מחותן. טאָמער ווילט איהר אייער מחותן׳שאַפט מוחל זיין, וועט זי, די אידענע אייערע, אייך אויפשפּיעלען אַ חתונ׳קע, אַז איהר וועט האָבען צו געדענקען. זי וועט אייך באַלד חושד זיין, אַז איהר שעהמט זיך מיט איהר און מיט איהר משפחה; זי וועט אייך פאַרלייענען איהרע יחוס־בריעף; אייך אויפציינען, אַז זי איז די יחסן׳טע, ניט איהר, און טרעהרען און קללות וועלען אייך אויך נישט פּהעלען.

און טאַקע מהאי טעמא, כדי איך זאָל ניט כאַפּען אַ פּאַרציע פון מיין אידענע, האָב איך זיך גאָר ניט געפּרובט אָבזאָגען פון צו געהן צו דער חתונה. אגב אורחא איז די כלה אַ יתומה, אָהן אַ מוטער, און אַ יתומה איז אַ מצוה צו משמח זיין.

געוואָרט האָט מיין אידענע אויף דער חתונה זייט אַ פּאָר מאָנאַטען.

זי האָט געצעהלט די וואָכען מיט די טעג און יעדע מינוט איז איהר געווען צו גרויס, ביז די גליקליכע שעה איז געקומען — ניט אזוי צוליעב דער שמחה ווי צוליעב איהרע אַ שוועסטער און אַ שוואָגער וואָס האָבען געזאָלט קומען צו דער חתונה.

איהר שוועסטער און שוואָגער וואָהנען ערגיץ אין אַ קאָונטרי ווייט פון דאנען. די אַלטע מיינע האָט זיי שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר ניט געזעהן, זאָגאַר כמעט ניט געהערט פון זיי. דער כלה'ס פאָטער האָט זיי געשיקט אַן אינוויטיישאָן צו דער חתונה און זיי האָבען געענטפערט דורך אַ בריעף, אַז זיי וועלען איה"ש קומען. עס איז דארום קיין וואונדער וואָס זי, די אַלטע מיינע, האָט אזוי אונגעדולדיג ערווארטעט דעם טאָג פון דער חתונה, ווייל זי האָט געוואָלט זעהן איהרע אייגענע, וועמעס געשטאַלט זי האָט שוין זאָגאַר פערגעסען.

דער כלה'ס פאָטער ווי אויך דער צווייטער מחותן מצד החתן, זיינען וואָהלהאבענדע בעלי הבתים און עכט פרומע אידען. זיי האָבען פערלאַנגט, אז די חתן כלה זאָלען פאַסטען דעם טאָג פון דער חופה און צוליעב דעם האָ־בען זיי אראַנזשירט, אז די חופה זאָל זיין פריה, ניט שפּעטער ווי פינף דעם זייגער פאר נאכט, אום די חתן כלה זאָלען האָבען אַ קירצערען תענית.

לכבודי ולכבוד זוגתי — פון מיינעם און פון מיין ווייב'ס כבוד וועגען, האָט דער כלה'ס פאָטער צוגעזאָגט צו שיקען אַ קערידזש אויף פאָהרען צו דער חתונה. מיין אַלטע איז געווען זעהר שטאָלץ אויף דעם, וואָס דער מחותן וולעכער איז די סמעטענע פון איהר משפחה, טהיילט איהר צו אזא כבוד.

דערלעבט ווי עס איז דיענסטאג, האָבען מיר באלד ווי איך בין פערטיג געוואָרען מיט מיינע קאַסטאָמערקעס אין בוטשער סטאָר, זיך אָנגעהויבען מכין זיין צו דער חתונה. געזאָגט האָט די אַלטע מיינע, אז דער קערידזש וועט קומען גאַנץ פריה, ווייל מען וועט פריהער דארפען פאָהרען צו דער כלה און פון דאָרטען אין האָל צו דער חופה. מיר האָבען אָבגערעדט, אז זאָ באלד ווי דער קערידזש וועט קומען, וועלען מיר ביידע אוועקפאָהרען און די קינדער אונזערע, וואָס האָבען קיין צייט ניט ביי־טאָג, וועלען קומען אין אבענד.

ארום אַ זייגער פיער איז דער קערידזש געקומען. דער קערידזשמאַן

האָט אונז אָנגעזאָגט, אז מיר זאָלען זיך ניט באדערען לאנג, ווייל ער קען פיעל ניט ווארטען. מיר זיינען שוין געווען כמעט פיקס און פערטיג און מיר זיינען א ביסעל שפּעטער ארונטערגעגאנגען.

אין אונזער בלאָק זיינען געשטאַנען א סך קערידזשעס. וואָס דאָס זיינען געווען פאר א קערידזשעס און אויף וועמען זיי האָבען געווארט, האָב איך ניט געוואוסט. איך און מיין אידענע האָבען זיך ארייגעזעצט אין קערידזש, וואָס איז געשטאַנען פאר'ן טיהר פון מיין בוטשער־סטאָר און א ביסעל שפּעטער זיינען מיר אוועקגעפאָהרען.

מיר זיינען זיך געפאָהרען פּאמעלאך ביז אונזער קערידזש האָט זיך אָבגעשטעלט און צוויי אידען זיינען אין איהם ארייגעגאנגען און זיך אוועקגעזעצט אַנטקעגען אונז. פערשטעה איך, אז די צוויי זיינען אויך מחותנים צו דער חתונה און דער מחותן האָט געדונגען איין קערידזש פאר אונז אַלע.

די צוויי אידען יענע זיינען געגאנגען אָנגעטהאָן גאָר ניט יום טוב'דיג, און מיך האָט פערדראָסען אויפ'ן מחותן וואָס ער האָט אונז צוזאמענגע־פּאָרט מיט א פּאָאָר שלעפּערס; אָבער פערפאלען, וואָס קען מען העלפען?

אין מיטען טהו איך א קוק, מיר פאָהרען גאָר אויפ'ן דעלענסי סטירט בריק. דער מחותן, ווייס איך, וואָהנט ערגיץ אין פאָרסייטהע סטריט, היינט ווי קומען מיר אויף א בריק? נור — קלעהר איך ביי זיך — מסתמא ווייס דער דרייווער וואָס ער טהוט. אגב וואָס האָב איך דאָ מורא צו האָבען? מיר זיינען דאָך ניט אַליין, עס פאָהרען דאָך נאָך מחותנים, אפשר דארף דער קערידזשמאַן נעהמען נאָך אימיצען פון ברוקלין, וועלען מיר זיך דער־ווייל דורכפאָהרען פאר די זעלבע געלד. די אידענע מיינע, פערשטעה איך, האָט אויך אַזוי געדענקט און זי האָט געשוויגען.

ווען מיר זיינען אריבערגעפאָהרען דעם בריק און ארייגעפאָהרען א שטיק אין ברוקלין, האָב איך עפּעס אָנגעהויבען פערדעכטיגען, אז מיר בלאָנדזשען. טהו איך א פרעג יענע צוויי: „איהר פאָהרט אויף צו דער חתונה?

„נעווים — זאָגען זיי — אוי א חתונה! אזעלכע חתונות זאָלען ניט טרעפען ביי קיין אידען.

ווערט מיין אלטע אן אויפגעציטערטע און טהוט א געשריי: „ווער איז מיר, וואס איז געשעהן?“

„וואס איז געשעהן? — ענטפערען יענע — „איהר פאהרט דאך צו דער לויה, ווייסט איהר דאך מסתמא, אז עס איז געבליבען אן אלמנה מיט זיעבען יתומים. אמת, ער האט בעלאנגט צו עטליכע חברות און לאדזשעס, די אלמנה וועט אבנעהמען אינשורענס געלד, אבער וואס קען א פרוי אויפ־טהאן?“

איך האב דאן פערשטאנען, אז מיר האבען זיך ארייננגעכאפט אין א פרעמדען קערידזש און מיר פאהרען גאר צו א לויה ניט צו א חתונה. איך האב בחרפתי געהייסען סטאפען די פערד און איך בין מיט מיין אידענע ארונטערגעגאנגען. מיר האבען גענומען א קאר אויף צוריק און געקומען אהיים און צו דער חתונה זיינען מיר געגאנגען צו פוס. א פארציע האט מיר, פערשטעהט זיך, מיין אידענע איינגעצאהלט ניט קיין קליינע און איך האב פערביסען די ליפען און געשוויגען.

דער חופה איז ניט געווען פינף דעם זייגער, ווי די מחותנים האבען געפלאנעוועט, ווייל דער עולם איז זיך ניט צוזאמענגעקומען, און חתן כלה האבען אנגעביסען פאר דער חופה.

מיין ווייב'ס שוועסטער און שוואגער זיינען ניט געקומען און זי, די אלטע מיינע, איז דערפון זעהר אונרוהיג געווען.

ארום א זייגער צעהן איז געווען די חופה. ווען מען האט געהאלטען ביי דער סאמע צערעמאניע, האט מען אנגעזאגט, אז א פאאר פאלק זיינען געקומען פון קאונטרי צו דער חתונה. דער רעווערענד האט דאמאלס געמאכט „אל מלא רחמים“ דער כלה'ס מוטער און די נור וואס אנגעקומענע מחותנים זיינען ארייננגעקומען אין דער צייט ווען דער מסדר קדושין האט געדרעהט מיט'ן גארגעל די ווערטער „בעבור שבתה הכלה נדבה צדקה“. באותה שעה האט זיך מיין אלטע א לאז געטהאן מיט אויסגעשטרעקטע הענד צו כאפען קושען די מחותנת'טע פון קאונטרי, וועלכע זי האט אנגענומען פאר איהר שוועסטער; אבער איידער זי איז צו איהר צוגעקומען, איז יענע געפאלען און גע'חלש'ט. מיין אלטע האט עס דערזעהן, באך! זי ליגענט שוין אויך אויפ'ן פלאאר א גע'חלש'טע.

עס איז געווארען א סומאטאכע, א מהומה, מען האט זיי גענומען מינ־

טערען, אָבער בשום אופן נים. עס איז אויסגעקומען — איך וויל עס פון מיין מויל ניט ארויסברייננגען — כאָטש הייס דעם רעווערענד ומסדר קדושין יר זאָל זיי שוין מאכען נאָך א „מלא".

ענדליך האָט מען זיי ווי עס איז אָבגעמינטערט, און ווי זיי האָבען זייערע אויגען געעפענט, האָט די פרעמדע אידענע געשריען „מאמעלע" און מיינע האָט געליארעמט: „שוועסטריל". א היבשע צייט האָט עס גענומען ביז מען האָט זיי צו זיך געבראכט און דאן איז ערקלעהרט געוואָרען פון וואנען דאָס חלש'ן האָט זיך גענומען.

די פאָר פאָלק וואָס זיינען געקומען צו דער חתונה זיינען גאָר ניט געווען מיין שוואָגער און שוועגערין. זיי זיינען זאָגאר קיינע מחותנים ניט געווען צו יענער חתונה און זיי האָבען אהין פערבלאָנדזשעט דורך א טעות.

דער מאן איז א שני בשני מיט מיר, א שלים־מזל פון ניי־הייווען. ביי זיין פרוי'ס שוועסטער, וואָס וואָהנט צוזאמען מיט איהר מוטער דאָ אין ניו־יאָרק, דארף זיין חתונה אין דעם זעלבען האָל מאָרגען. האָט ער אבער א טעות געהאָט אין דאטום און איז מיט זיין ווייב געקומען לעצטען דיענסטאג אויף א פרעמדע חתונה.

אין מיטען האָבען זיי נאָך פערשפעטיגט די טריין און זיינען געקומען צו שפעט. זיי זיינען דארום פערפאָהרען גלייך צום האָל און ווען די פרוי האָט געהערט, אז מען מאכט הזכרת נשמות דער כלה'ס מוטער, האָט זי געמיינט, אז איהר מוטער איז געשטאָרבען. עס האָט איהר פערקלעמט ביים הארצען און איז געפאַלען אין חלשות. מיינע ווידער, מיינענדיג, אז דאָס איז איהר שוועסטער, האָט אויך געמאכט די זעלבע קונץ.

שפעטער איז אָנגעקומען א טעלעגראמע פון מיין אידענע'ס שוועסטער און איהר מאַן, אז זיי ווינשען אלעמען א פיינעם מזל טוב און עס טהוט זיי זעהר לייד, וואָס זיי קענען צו דער חתונה נים קומען.

35.

## געוואָרען אַ גביר גדול.

טוביה חייקעל דערצעהלט אַ געשיכטע ווי אזוי ער איז אי א גביר עצום, אי אַ קבצן גדול. — ער קויפט אַ סאַלון צי עטליכע סאלונס און איז זשעדנע אַ גלעזעלע ביער. — ער וויצעלט זיך, דער שלים־מזל, און ער דערצעהלט די געשיכטע מיט רעטעניסען. — אָנפאנגס לעבט ער אַליין אויך אין טעות און ער מיינט, אז ער ווערט עולה לגדולה.

י״ב ניסן, תרס״ח.

פון מיין בוטשער סטאָר האָב איך ביז איצט קיין גליקען ניט געמאַכט. ביזנעס איז סלאָו און מען קען ניט ערוואַרטען דערפון אליין ארויפצואַרבייטען זיך. איך האָב דארום גענומען אונטערפּעדלען זיך מיט מצה כשרה און יין גפן ויין שרף של פּסח און בין עולה לגדולה געוואָרען.

אבער ניט פון די בוטשעריי און ניט פון די פּסח׳דיגע ביזנעס בין איך דערהויבט געוואָרען. פון די ביידע געשעפטען קען מען קיין באַנקיער ניט ווער׳ען; עס האָט זיך מיר אָבער געמאַכט אַ זייטיגער צופאַל פון וועלכען איך בין אַ לייט געוואָרען.

וועט איהר עס גלויבען, צי ניט, איך בין ערשט אַ פּאַלנער ביזנעסמאַן און טהו גרויסע ביזנעס. איך ווייס אַליין ניט וויפיעל מיין געשעפט טרעפט אָן, אבער זיכער בין איך, אז פיעלע פון אייך פערמעגען עס ניט.

איך בין פּלוצלונג, גאָר אָהן ערוואַרטעט, אַן עושר געוואָרען, אַ גרויסער עושר, מיין רייכטהום איז צוזעעט און צושפּרייט אין פיעלע פּלעצער, און ווען איך זאָל עס צוזאַמענגעהמען און פערקויפען, וואָלט עס ארייננעבראַכט אַ גוזמא געלד.

פון וואַנען דאָס האָט זיך צו מיר פּלוצלונג גענומען, וועל איך אייך שפּעטער דערצעהלען. פּאָרלויפיג וועל איך אייך בלויז זאָגען, אז עס געהט מיר פון אַלע זייטען און איך בין אַלל רייט אין אַמעריקאַ.

שטעלט זיך פאָר אז אין אַזאַ צייט, ווען דער עולם איז אזוי אָנגעשראָקען און מען איז זעהר פּאַרזיכטיג מיט געלד צוליעב דעם קריזיס; אין אַזאַ צייט וואָס איינער דעם אַנדערן האָט מורא צו באָרגען אַ גמילות חסד צוליעב די

באַנקען וואָס האָבען געקראַכט און צוליעב די פיעלע געשעפטען וואָס האָבען זיך אויפגעגעבען,— אין אַזאַ צייט פון געלד־מאַנגעל, האָט מיר גאָט געהאָלפען און איך האָב געקראָגען לייטזעליגקייט אין לייטענס אויגען. מען האָלט מיך פאַר אַ גרויסען בטוח און מען טרויט מיר אָן גאַנצע פערמעגענס, אויף וואָס קוקענדיג, ווייס איך אַליין ניט.

מען פאָרדערט פון מיר קיין געלד און מען גיט מיר איבער די געזעצליכע רעכטע אויף פערשיעדענע זאַכען גאָר אָהן אַ סענט. איך בעקום נאָך אַ יישר כח און עס איז רעכט, אַז מען זאָל מיר נאָך צוצאָהלען, אַבי איך זאָל עס נעהמען אונטער מיין רשות, אַבי איך זאָל אויסרעדען פון מיין מויל, אַז דאָס איז מיינס.

מען פערלאַנגט פון מיר קיינע אָבשרייבערצ, קיין גאַראַנטיע, קיין סעקיורימי; מען גיט מיר איבער פערמעגענס בלויז אויף מיין וואָרט און אויף אַ אידישען קבלת קנין מיט אַ נאָז־טיכעל. וואָרום זיי טהוען עס, פרעגט קיין קשיות ניט. אַז דער אויבערשטער וויל אויפהייבען אַ מענשענס מזל, ווערט אַלעס איבערגעאַנדערשט.

איך ווייס, אַז די זעלבע וואָס האָבען ערשט געטרויען גלויבען אין מיר, וואָלטען מיר אין אַן אנדער צייט מורא געהאַט צו באָרגען אַ קוואָדער, און היינט האָבען זיך זייערע הערצער אומגעקעהרט צו גוטען און מיין וואָרט איז ביי זי זיכער ווי די באַנק אָף ענגלאַנד.

און מיינט איהר אפשר, אַז איך בלאָף אומיצען, און איך מיין ביי אימיצען אריינצוכאַפּען? חס וחלילה! איהר קענט דאָך מיך, איהר ווייסט דאָך אַז איך בין אַן עהרליכער מאַן און פערלאַנג חס ושלום ניט קיין פרעמדע און וועו איך זאָל האָבען דעם מינדעסטען ספק, אַז מיין ביזנעס שטעהט ניט אויף אַ פעסטען באָדען, וואָלט איך עס גאָר ניט אָנגעפאַנגען.

און אויב איהר דענקט, אַז נור אונערפאַהרענע מענשען האָבען אין מיר אמונה, האָט איהר, במחילת כבודכם, אַ גרויסען טעות. ביזנעס לייטע, פעהיגע גראָסערי לייט און וואורשט סטאָר קיפּערס, זאָגאַר אויסגעמאַכטע, כיטרע סאַלון קיפּערס וואָס קענען, דאַכט זיך, פערדרעהען די קעפּ פון צעהן טוביה חייקעלס, ליעגען ערשט מיט זייערע פערמעגענס ביי מיר אין די הענד, און איך שווער אייך ביי מיין הן צדק, אַז ניט איך און ניט זיי דאַרפען עטוואָס מורא האָבען. זאָלען מיר אַלע אזוי זיכער זיין מיט אַ כשר'ן

פסח ווי איך בין זיכער, אז עס וועט קיינעם ניט נחסר ווערען אפילו איין פרוטה.

איהר דענקט פיליכט, אז איך רעד פון וועג, אָדער איך האַלט אייך פאַר משוגעים, פאַר דומקעפּ און וויל אייך איינשמועסען אַזאַ אונגלויבליכע זאַך; שווער איך אייך ביי מיין אידישקייט, אז אַלעס וואָס איך דערצעהל אייך איז אמת, אפילו איין האָאר ניט איבערטריעבען. איך בין ערשט דער אייגענטהימער פון אַ סך עשירות, וועלכע איך האָב ערוואָרבען אויף אַ זאָנדער־בּארען אופן, ניט אריינלעגענדיג אפילו איין סענט אַ מזומנ'עם. אויב איך זאָג אייך ליגען, זאָל איך קראַנק ליעגען.

און איך בין נאָך ניט פערטיג. דער רבונו של עולם האָט פאַר מיר געעפענט די קוואַלען פון הצלחה און עס געהט מיר פון אַלע זייטען. מען בעט זיך ביי מיר אָן מיט פערשיעדענע סחורות און אַלע טאָג קומט מיר צו מעהר רייכטהום. איך האָב אויסזיכטען, אז פאַר היינט און מאָרגען וועט מיין פערמעגען פערדאָפּעלט ווערען.

עס איז אמת, אז קיין מזומן האָב איך ניט. זאָל אַ שטייגער די צוקינפּטיגע מלכּה מיינע ערשט וועלען אַ שטיקעל דזשולערי אָדער אַ נייע קלייד אויף פּסח, וועט זי עס ניט קריגען, מעג עס מיר אפילו קאָסטען מיין מלוכה, וועט זי אויך גאָר ניט אויספיהרען, ניט ווייל איך בין חלילה אַ שלעכטער דאַליעניק, נור ווייל עס פעהלען פּשוט די קלינגערס; אין שוה כסף אבער בין איך רייך, און קוים איז עס ווערטה געלד, וועט עס מיט דער צייט זיין געלד.

הכלל אידען, איך בין גוט אָב. איך האָב געקראָגען געטרויען גלויבען און יעדער איד מעג זיך עס ווינשען פערמעגען, וואָס איך האָב ערשט אונטער מיין רשות און איך האָב פאָלקאָמענע רעכט עס צו פערקויפען אדער אוועק־שענקען וועמען איך וויל.

אזעלכע גליקען פּאַסירען ניט אַלע טאָג. דאָס קען נור טרעפען איין מאָל אין יאָהר און איך, טוביה חייקעל, האָב עס געקעטשט, ווי, וואָס, ווען? אָט וועל איך אייך דעם סוד מגלה זיין.

איהר ווייסט דאָך, אז ערשט איז ערב פּסח און היות אזוי ווי איך בין אַ מעורב עם הבריות, איך האָב קאָסטאָמער וואָס נעהמען ביי מיר פליייש און קאָסטאָמער וואָס האָבען ביי מיר געקויפט מצה און וויין, און היות אזוי

ווי זיי פוילען זיך אָדער זיי האָבען קיין צייט ניט אליין צו געהן צום רב פערקויפען דעם חמץ, האָבען כמעט אלע זייערע חמץ'ן אוועקגעשענקט אָדער פערקויפט צו מיר. איך בין אלזאָ ערשט בעל הבית איבער א פּאָאר סאלונס, א צוויי, דריי גראָסעריס, א וואורשט סטאָר און האָב אויך אונטער מיין האנד א שעהן ביסעל איינגעלעגטע קארשען, יאגדעס און אלערליי געפּרעגלעכצען. אויף די אלע זאכען האָב איך געזעצליכע רעכטע, אבער ווען איך זאָל עפּעס דערפון װעלען נעהמען, וועט מען מיר זיכער געבען איבער די הענד.

דער ערשטער וואָס האָט מיך אריינגעשלעפּט אין די „בוד־טאָ־בי" ביזנעס איז געווען דער סאלון־קיפּער פון עקראָס דהי וועי פון מיין סטאָר. דאָנערשטאג בין איך געווען ביי איהם אין סאלון. ער איז מיינער א קאָסטאָמער, דער סאלון־קיפּער, ער קויפט ביי מיר אָב אלע אָסטאָטקעס, שטיקלעך פלייש און ביינער וואָס קלייבען זיך אָן נשאר אין עטליכע טעג און ער קאָכט דערפון „האָט לאָנטש". דערפאר גיב איך איהם א שאָו און טרינק ביי איהם אָפּט א גלעזעלע ביער. דאָנערשטאג בין איך אויך אריינ־געגאנגען טרינקען א גלאָז ביער. ווי איך שטעה אזוי ביים באר, מאכט ער צו מיר:

ר' טוביה חייקעל, קויפט אָב מיין סאלון." זאָג איך: „דארף מען דאָך האָבען געלד." שמייכעלט ער, דער סאלון־קיפּער און זאָגט: „מען דארף ניט קיין געלד, איך וועל אייך איהם פערקויפען אָהן א סענט." פרעג איך: „איז עס עפּעס א גוטע ביזנעס?" מאכט ער: „אזא יאָהר אויף מיר, ר' טוביה חייקעל, פרעגט קיינע קשיות ניט, זייט זיכער, אז איך וועל אייך ניט אָבנארען."

קלער איך ביי זיך: „א פלאן, וויבאלד אז די ביזנעס איז א גוטע, און געלד וויל ער מיר אויך ווארטען, איז עס פאר מיר אָן עסק. איך האָב איהם געגעבען א תשובה, אז איך וועל זיך מיישב זיין מיט מיין אידענע און בין אוועקגעגאנגען.

ווען איך האָב וועגען דעם דערצעהלט מיין אלטע, האָט זי זיך אָנפאנגס געברעקעלט. זי האָט געזאָגט אז זי וויל ניט זיין קיין סאלון־קיפּערקע און האָבען עסקים מיט שכור'ע גוים. איך האָב איהר אָבער איינגערעדט אזוי לאנג און אזוי ברייט, ביז זי איז מרוצה געוואָרען.

אין אמת זאָגענדיג האָט זי פריהער אויך חשק געהאַט דערצו, נור איהר

ווייסט ניט די ווייבער? אזא נאַטור האָבען זיי: איך וויל ניט און דו שלעפּ מיך. מילא קורץ דערפון, עס איז ביי אונז פערבליעבען, אז מיר זאָלען לאַנג ניט וואַרטען און דעם סאַלון צונעהמען; אבער אזוי ווי מיר זיינען גרין אין די ביזנעס, האָט די אַלטע מיינע ג'עשיקט רופען איהרע קרובים פון אפּטאָון זיי זאָלען אונז העלפען זיך אָבשרייבען און זיך פערזיכערען מיט אַלעם וואָס נויטיג איז.

איהרע קרובים זיינען געקומען און מיר זיינען אריין צום סאַלון־קיפּער רעדען ביזנעס. מאַכט דער סאַלון־קיפּער א גרויסען געלעכטער און דערצעהלט אונז די מעשה, אז ער האָט עס געמיינט פערקויפען אין חמץ, ווייל ער האָט קיין צייט ניט אַליין געהן צום רב, אגב איז ער א איד א נגיד, וואָס עס פּאַסט איהם ניט צו געבען דעם רב א קליינינגקייט און גרויס געלד זשאַלעוועט ער פּשוט! נו, ווי געפעלט אייך אזא עסק?

קודם כל האָט מיר די אַלטע מיינע איינגעצאָהלט א היבשע פּאַרציע, און איהרע קרובים האָבען מיר גאַנץ גוט אויסגעזידעלט פאר וואָס מען האָט זיי אומזיסט געבאָדערט און זיינען אוועקגעפאָהרען ברוגז.

דעם חמץ האָב איך פון דעסטוועגען ביי איהם איבערגענומען. דאָך א קאַסטאָמער און א שכן, האָב איך איהם געמוזט די טובה טהון. דאָס ערגסטע וואָס מיר פערדריסט איז, וואָס די אַלטע מיינע האָט פאַר עטליכע קאַסטאָמערקעס פערטרויעט א סוד אז מיר געהען אָבקויפען דעם סאַלון, דערווייל האָט מען אָנגעהויבען מורמלען אז דער בוטשער האָט זיך פיין ארויפגעאַרבייט און איך האָב מורא, אז אויף דעם סמך וועלען זיי זיך געפינען א היתר ניט צו בעצאָהלען וואָס מיר קומט פון זיי פאַר פליייש.

---

.36

## א גרוס פון דער בוטשער סטאָר.

ווי א בוטשער מוז זיין א חונף און ווי אַלע פערלאַנגען זיינע חניפות. — ווי קאַסטאָמערקעס נעהמען איהם דעם לעבער. — א מעשה מיט א קאַסטאָמערקע וואָס טוביה חייקעל'ס א באָטשיק האָט איהר צוהאַקט א פוס. — ווי ער שטעהט מיט די ביזנעס אין אַלגעמיין.

---

**ב' דחוהה"מ פסח תרס"ח.**

מיט מיין בוטשער סטאָר האָב איך ניט אזוי גוט געטראָפען. איך

ווייס ניט ווי שפּעטער וועט זיין; אָבער דערוויל איז גרויסענע צרות.

אין דעם בלאָק וואו איך האָב זיך בעזעצט וואָהנען אפילו ניט קיין וועגעטאריאנער. ניט צו פערזינדיגען, לייזען לייז איך פאַר פלייש; אָבער אָהן מזל ברכה. איך שטעה ערשט אין די ביזנעס אַ פּאָר וואָכען און איך האָב שוין אַ היבשען צעטעל מיט חובות. איך האָב מורא, אז עס וועט מיר ניט סטאַיען, ווי מען זאָגט: די חלה אויף דער המוציא.

היינט פון די קאַפּריזען פון די ווייבער איז, ווי איהר זעהט מיך אַ אידען, ניט אויסצוהאַלטען. צו יעדער פונט פלייש נעהמען זיי ביי מיר הכרעה אַ שטיק פון מיין אייגענע הארץ, אַ טהייל פון מיין לעבען נעהמען זיי ביי מיר צו! מען דאַרף, זאָג איך אייך, זיין אַ מלאך, אום צו קענען צופריעדען שטעלען זיי.

די הויז־קיפּערקע, למשל, פון הויז פערלאַנגט, אז דער בוטשער זאָל איהר צוטהיילען כבוד. פון די טענענטס קען זי עס ניט קריגען, וויל זי דעם גאַנצען כבוד, די גאַנצע אכטונג געניסען פון בוטשער. ווען איהר עפּענט אויף אַ בוטשער שאַפּ אָדער איהר נעהמט איבער אַ פערטיגע סטאָר פון אַן אַנדערען, וועט די הויז־קיפּערקע ניט אריינשמעקען צו אייך אין סטאָר. זי וועט וואַרטען אז איהר זאָלט איהר אָבגעבען די עהרע און קומען צו איהר בעטען, אז זי זאָל אייערע אַ קאַסטאָמערקע ווערען.

און מיט'ן בעטען זיינט איהר נאָך ניט יוצא. איהר דאַרפט איהר ניט זשאַלעווען אַ חניפה'לע און שווערען אויף אייער הן צדק, און דערמיט וואָס זי וועט ביי אייך נעהמען פלייש, וועט זי אייך אַ גרויסע טובה טהאָן, וויל אויף איהר קוקענדיג וועלען אַלע טענענטס פון הויז אייך געבען צו לייזען. איהר דאַרפט איהר אויסער דעם לאָזען מיט אַ סענט ביליגער און צו־וואַרפען אָפּט אַ שטיקעלע קישקע אָדער אַן אַנדער לאַקאָמען ביסען, וויל זי איז דאָך די עקרת הבית, די בעל־הבית'טע פון הויז און מען מוז מיט איהר מטיב זיין.

אויב איהר זיינט אַ גרינער און איהר ווייסט ניט ווי צו עקטען מיט דער הויז־קיפּערקע, וועט זי אויף אייך געפינען כל־ערליי פּריטשעפּקעס, זי וועט אייך פער'מסר'ן פאַר'ן לענדלאָרד, פאַר די שכנים און דער עסק קען אייך אַמאָל טהייער קאָסטען.

היינט מעלדען זיך צו אייך אַזוי פּאַטשאַטנע אידענעס, וואָס דער־צעהלען אייך, אז זיי האָבען שטענדיג אַ שאָו ביי די בוטשערס און זיי

קריגען פלייש מיט א סענט ביליגער ווי דער געוועהנליכער פּרייז, ווייל זיי זיינען גוטע און ראַיעלע קאַסטאָמערקעס, און זיי פּועל'ן ביי אייך איהר זאָלט אויך מאַכען מיט זיי אַן אויסנאהמע. זיי זאָגען אייך אפילו צו, אַז דאָס וועט זיין א סוד און קיינער וועט דערפון ניט וויסען; אָבער האָט איהר שוין אמאָל געזעהן, אז א פרוי זאָל האלטען א סוד? זיי פּויקען נאָכ־דעם אויס פאר אַלעמען, אַז דער בוטשער איז מיט זיי מטיב, ווייל זיי זיינען אָנגענומענע מענשען און צווישען די אַנדערע קאַסטאָמערקעס ברעכט אָפּט אויס א גאנצע רעוואָלוציע.

אויסער דעם ווייס איך ניט אויב אימיצען אין דער וועלט נעהמט מען אזוי די געדערים ווי אונז בוטשערס. שטעלט אייך פאָר, אַז אויף אייער איין קלאָהרען קאָפּ, דאַרפט איהר טראָגען פופציג־ערליי משוגעת'ן! פיעל קאַסטאָמערקעס איהר האָט, אזוי פיעל משוגעת'ן דארפט איהר אויסשטעהן! וואָס פאר א חלקים פלייש איהר זאָלט זיי ניט געבען, טויג אַלעס ניט. אַלע ווילען נור דעם כהן'ס חלק, די חזה ושוק, די ברוסט און די ווייכע פלייש פון לאַפּאטקע — היינט גֶעה בעשאַף זיי אָקסען וואָס זאָלען זיין לויטער ברוסט און לאַפּאטקע! זיי מיינען אפנים, די ווייבער, אז א בוטשער האָט אָקסענע און קעלבערנע לונג און לעבערס, דאַרף ער שוין זיין אייגענעם לונג און לעבער אויסשפּייען. אוי, סאָ'רא פּאַסקודנע פּרנסה דאָס איז, די בוטשעריי, מען מעג עס, אויף נאמנות, פערגינען אפילו דעם גרעסטען שונא.

אויב איהר האָט א בעגריף און אויב איהר האָט אַ חשק צו הערען, וועל איך אייך זאָגען אַ שטיקעל תורה וואָס אָנבעלאנגט צו די קלאָגעדיגע בוטשער־ביזנעס.

די גמרא זאָגט, אז דער דור המדבר, די אידען וואָס זיינען געגאַנגען פון מצרים דורכ'ן מדבר, איז געווען א דור של דעה, א קלוגער דור, א דור פון לויטער חכמים. איז דאָך די קשיא: פון וואַנען האָט עס די גמרא גענומען? וואָס פאר א חכמה האָט מען פון יענע אידען געזעהן? דאַרוף וועל איך אייך ענטפערען א תירוץ.

אין חומש שטעהט, אז ווען די אידען זיינען געגאַנגען פון מצרים, האָבען זיי געגוואַלדעוועט: מי יאכילנו בשר — ווער וועט אונז געבען פלייש צו עסען! משמעות אז קיינע בוטשערס זיינען דאַמאָלס ניט געווען, און יעהט א קונץ, אז צווישען ששים רבוא אידען, צווישען 600,000 אידישע

פאמיליען לייט, האט זיך ניט געפונען אפילו איינער וואס זאל זיך אויסרופען אט איך וועל ווערען א בוטשער. נו, זיינען זיי ניט געווען חכמים? אזא יאהר מיר ווי קלוג זיי זיינען געווען! וואס דען, בוטשעריי איז א פרנסה? אויף מיינע שונאים געזאגט.

צו אלע גליקען, בין איך דאך טוביה חייקעל, טשעפען זיך נאך צו מיר זייטיגע צרות. אט האב איך לעצטע וואך געהאט א שרעק וואס איך וועל האבען צו געדענקען גאנץ לאנג. איך וועל עס אייך דערצעהלען.

איך האב א באי׳טשיק, הערי׳לע רופט מען איהם. ער איז א יונגער אינגעל, נאך קיין בר מצוה ניט; אבער א לאופער איז ער א גרויסער, א כוואטסקער יונגאטש איז ער, דער בן־אקעל מיינער, און עס קען זיין, אז ער וועט א מאל אויסוואקסען א לייט. די אלטע מיינע בענשט זיך מיט איהם, זי זאגט אז ער איז אין איהר געראטען און ער וועט ניט זיין אזא שלים־מזל ווי דער טאטע — מיט די ווייבער איז דאך שטענדיג אזוי, די מעלות פון די קינדער רעכענען זיי צו צו זייער חלק; געפינען זיי ווידער אויף א קינד א חסרון, זאגען זיי, אז דאס איז גענאשט פון טאטען.

ווען איך האב געעפענט מיין בוטשער סטאר, איז מיין הערילע געווארען אין סטאר א גאנצער מאכער. כאפט זיך אבוועגען א חלק פלייש, אבשניידען א קאסטאמערקע א שטיקעל לונגען, איבערהאקען איהר א ביין, צומאהלען האק פלייש — א געבארענער בוטשער, זאג איך אייך! איך לאז איהם ניט צו די דאזיגע מלאכות. — א קינד איז ער, ער וועט זיך נאך חלילה איינשניידען א פינגער, אדער וויים איך וואס; אבער ער הערט מיך אקוראט ווי איהר הערט מיך. קוים קעהר איך זיך אב אן א זייט, האלט ער שוין דעם טשאפער אדער דעם מעסער און העלפט מיר טענדען מיינע קאסטאמערקעס, אזא מזיק איז ער, הערי׳לע מיינער.

און ווען ער גנב׳עט אריין אבהאקען א שטיקעל פלייש, איז עס ביי איהם אן עולם ומלואו, ער איז שטאלץ דערויף און ער בעריהמט זיך, אז ער קען טהאן די מלאכה פון א גרויסען.

צו בדיקת חמץ איז עס געווען, בין איך גראדע ערגיץ אוועקגעגאנגען. געהענדיג צוריק א היים, לויפט מיר אן מיין הערי׳לע אנטקעגען, א פעררויטיגטער, א פערסאפעטער און מאכט צו מיר: „פא, איך האב די יונגע וויבעל פון עקראס דהי וועי צוהאקט א פוס". ווער איך אן אויפגעציטער־

טער. עס פעהלט מיר נאָך צרות — טראַכט איך ביי זיך — די ווייבעל יענע, מיסעס פינדזשיק, הייסט זי, איז אַזא ערדלע, אַזא צופּעשצעטע, קוים וואָס זי ריהרט זיך, אפשר שטארק צוקאַליעטשעט און זי קען נאָך חלילה אוועקשטאַרבען. וויל איך דעם אינגעל פרעגען ווי אַזוי דער אונגליק האָט פּאַסירט, אָבער אַן אַמעריקאַנער לאוּפער, האָט ער מיר אָנגעזאָגט די בשורה, אַ שפּרונג געטהאָן און ער איז שוין ניטאָ.

בלייב איך שטעהן אַ צומישטער און ווייס ניט וואָס צו טהאָן, צו לויפען צו דער מיסעס פינדזשיק זעהן וואָס זי מאַכט, צו לויפען זוכען מיין קדיש. נאָך אַלעמען איז ער דאָך ניט מעהר ווי אַ קינד, ער האָט זיך אודאי דערשראָקען און ער קען נאָך ערגעץ אַנטלויפען און פערפאַלען ווערען, אָדער וואָס טהוט מען אַזא חברה־מאַן, אַז ער שפּרינגט גאָר אריין אין ריווער?

און ווען אַ מענש איז צושראָקען, דאכט זיך איהם, חלום׳ט זיך איהם אַזעלכע זאַכען וואָס פּאַסירען גאָר ניט. דאַרף אויף צרות פאַרבייפאָהרען אַן אַמבולאַנס, ווייזט מיר אויס, אַז דאָס פאָהרט מען צונעהמען די פרוי מיט דער צוהאַקטער פוס אין האָספּיטאַל. דערזעה איך אַ פּאָליסמאַן, דאכט זיך מיר, אַז ער געהט עס מיך ארעסטירען פאַר דעם פערברעכען וואָס מיין קינד איז בעגאַנגען. איך וועל נאָך מעהר דערשראָקען און די צייהן אין מויל טרייסלען מיר.

אַ היבשע ווײַלע בין איך אַזוי געשטאַנען אַליין ניט וויסענדיג אויף וואָס׳ער וועלט איך בין און איך האָב זיך נאָכדעם געלאָזט לויפען צו דער מיסעס פינדזשיק אויפ׳ן טאָפּ פלאָאָר.

איך קום אריין אין הויז און געפין די ווייבעל ליגענדיג אויפ׳ן לאָנדזש. אַ דאַנק גאָט אַבי אַזוי — טראַכט איך ביי זיך — און מיר איז אַ ביסעל גרינגער געוואָרען אויפ׳ן הארצען.

— וואָס מאַכט איהר? — טהו איך אַ פרעג. די ווייבעל ענטפערט ניט און קוקט מיך אָן מיט פערוואונדערונג.

— נוט צוהאַקט די פוס? — טהו איך ווידער אַ פרעג.

— גוט, שלעכט — ענטפערט זי — וואָס איז די נפקא מינה? אַבי צוהאַקט.

קלעהר איך מיר: דאָס איז אַ הארטע בחור׳טע, און כאָטש איך האָב געזעהן, אַז קיין גרויסע סכנה איז מיט איהר ניט, דאָך האָב איך געדענקט,

אז זי וועט מיר אויפשפיעלען א חתונ׳קע וואס איך וועל האבען צו געדענקען.

— איך וואלט וועלען וויסען — זאג איך — מיט וואס האט ער אייך צוהאקט די פוס מיט׳ן האק אדער מיט׳ן טשאפער?

— וואס מאכט עס אוים — ענטפערט זי — אבי צוהאקט.

— איז מיין אלטע דערביי ניט געוועו? — טהו איך ווידער א פרעג. עס איז, האט מיר קיין פאראיבעל ניט, א ביסעל אן עולה פון אייך. גלייכער איז אז מען קומט ווען איך אדער מיין אלטע זיצט אין סטאר. נאך אלעמען איז ער דאך ניט מעהר ווי א קינד.

אז מיין ווייבעל כאפט זיך אויף פון לאנדזש און מאכט אזוי מיט כעס:

— איך פערשטעה ניט, וואס פאר א סליעדסטוואס זיינט איהר דא געקומען מאכען? איך האב חס ושלום די פוס ביי אייך ניט גע׳גנב׳עט, איך האב אייערע ווייב בעצאהלט, און אויב עס פעהלט אייך עפעס, געהט אייך זוכען ערגיץ אנדערש.

איך האב פערשטאנען, אז עס איז אין גאנצען געוועזען א מיספערשטענדניס. די פרוי האט ביי מיר אין סטאר געקויפט א פוס אויף פעטשאי, און מיין באיטשיק האט ניט דער מיסעם פינדזשיק׳ס, נור די קעלבערנע פוס צוהאקט. און א שטיין האט זיך מיר פון הארצען אראבגעקייקעלט.

איך האב דער ווייבעל ערקלעהרט דעם טעות און איהר איבערגעבעטען. אבער פון יענע שרעק בין איך נאך היינט אויף קראנק און הלואי זאל איך דערפון גוט אבשניידען.

---

## 37.

## ער איז געווארען א וואטשמאן.

טוביה חייקעל נעהמט אן א שטעלע צו היטען א געביידע וואס האלט זיך אין בויען און ער דערצעהלט ווי עס געהט איהם אויף זיין נייעם דזשאב. — א מעשה מיט א פאליסמאן א גוטען ברודער. — טוביה חייקעל מעסט אן דעם פאליסמאן׳ס בגדים און ער פטור׳ט דורך דעם זיין אויגענעם רעקעל.

---

כ״ג אייר, תרס״ח.

אמר טוביה חייקעל, טוביה חייקעל האט געזאגט: יתברך וישתבח, געלויבט און געדאנקט איז דער בורא עולם, וואס איך בין פטור געווארען בכן

מיין בוטשער סטאָר און איך בין ערשט אַ פרייַע פויגעלע. איך מאַך מיר אַ שטילען, רוהיגען לעבען, אָהן זאָרג, אָהן דאגה, אָהן קאָפּ דרעהעניש, אָהן הארץ קלעמעניש און איך בין אָלל־רייט אין אמעריקא.

מיט מיין בוטשער סטאָר האָב איך באלד נאָך פסח אָבגעעקט איינס און צוויי און האָב נאָכדעם געקראָגען אַ שטעלע אלס וואטשמאַן ביי אַ נייע געביידע, וואָס האלט זיך אין בויען. איך בין פון דיעזען דזשאב זעהר צופריעדען, ניט ווייל איך פערדיען דערביי פיעל געלד, חס וחלילה! מיין געהאַלט איז גראדע ניט גרויס; אָבער מיר איז געפעלען די בעשעפטיגונג גופא, ערשטענס: איז מיט שטומע ציעגעל און שטיינער, טויטע ברעטער און קלעטצער בעסער צו האָבען אַ עסק ווי מיט לעבעדיגע ווייבער; והשנית: איז מיר מיין קאָפּ רוהיג; איך האָב צייט צו דענקען, צו טראַכטען, צו הערען און צו זעהן וואָס ארום מיר טהוט זיך און איך קען דערפון עפּעס לערנען.

די הויז וואָס איך היט איז אין אַ אידישע געגענד. שכנים פון די ארומיגע הייזער זיצען ביי דער נייער געביידע ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט. מאנכע דערצעהלען מעשה׳לעך, מאנכע וויצלען זיך, מאנכע זינגען ליעדלעך, און אַנדערע זיצען און שפּילען טעמישקעס. בינו לבינו בין איך ניט עלענד און מיר איז גאַנץ פרעהליך. אין די הייסע נעכט ווערט אין דער געביידע וואָס איך היט, אַ שטיקעל באָרדינג הויז. דער עולם מאַכט זיך דאָרט גע־לעגערס און מען כאַפּט אַ פיינעם דרעמיל. אַלץ בעסער איידער פּארען זיך אין זייערע וואָהנונגען אָדער וואַלגערען זיך אויף די דעכער אָדער אויף די סטופּס.

איך בין זיי אָפּט מקנא די אורחים מיינע. איך וואָלט זיך אויך וועלען צושפּאַרען אַביסעל כאָטש אויפ׳ן היילען פלאָאר; אַבער סלוזשבאַ! איך מוז זיין וואַכעדיג ווען אַלע שלאָפען און ווען אַלע זיינען וואַכעדיג.

פון דעסטוועגען קען מען עס ניט אָנרופען אַ שלעכטע שטעלע, בפרט פאר אַ אידען ווי איך בין, איז געוויס ניט צו פערזינדיגען. איך זעה אפילו ניט איין ווי אַזוי מען קען פון אַזאַ שטעלע אויפקומען; אָבער לייט זאָגען מיר אַז אין אמעריקא איז אַלעס מעגליך. ביי אונז אין דער היים זאָגט מען: „דער וואָס היט אַ פרעמדען גראָשען, העלפט איהם גאָט און ער האָט

אייגענע״, היינט אז איך היט א פרעמדע הויז, קען טאקי זיין, אז איך זאָל א מאָל האָבען אן אייגענע.

טאָמער וועט מיר דער רבונו של עולם קיין הייזער ניט געבען, וועל איך צו איהם אויך קיינע טענות ניט האָבען. זאָל ער נור געבען א סך געלד וועל איך שוין אליין וויסען וואָס איך האָב צו טהאָן.

די איינציגע זאַך, וואָס מיר איז ניט אנגענעהם אויף מיין יעצטיגען דזשאב איז, וואָס לאופערס, וויסע חברה׳ניקעס רייצען זיך מיט מיר. שטעהט אָן דער אבענד איז פון זיי פשוט ניט אויסצוהאלטען. וואו מען דארף זיי ניט קריכען זיי און מען קען זיך פון זיי ניט אָבטרייסלען, כל־ערליי צו להכעיס׳ן טהוען זיי מיר, די שמד׳אדניקעס און עס פערדריסט מיר אָפט צום טויט.

איך בעט זיך ביי זיי מיט גוטען, אָבער זיי הערען מיך ווי די קאַץ; פרוב איך וויעדער מיט בייזען, דרעהען זיי זיך מיט מיר ארום הקפות, לויף איך אין דער זייט, זיינען זיי אין יענער זייט; לויף איך אין יענער זייט, זיינען זיי אין דער זייט, און זיי שטעלען מיר אויס א צונג די שקצים. עס איז ביי זיי רעכט אָבצו׳גנב׳ענען מיין העט, מיין רעקעל עקסטרא, אבי איך זאָל נאָך זיי נאָכלויפען, ווייל זיי האָבען הנאה דערפון.

דורך דער צייט וואָס איך בין וואטשמאן האָט שוין מיט מיר׳ אייניגע זאכען פאסירט, אָבער איך וועל אייך ערשט בלויז דערצעהלען א געלעכטער מעשה׳לע וואָס מיט מיר האָט פאסירט לעצטע וואָך אין די גרויסע היצען און די איבעריגע וועל איך לאָזען אויף אן אנדער מאָהל.

אויסער די שטענדיגע געסט וואָס זיצען ביי נאכט אויף די ברעטער און שטיינער נעבען דער הויז וואָס איך היט, האָב איך איינעם, אן אורח נכבד — א דיקער און גרויסער פאָליסמאן, וואָס שטאטעט מיר אָפּ וויזיטען כמעט יעדע נאכט, אָבער גאנץ שפּעט, דאמאָלס ווען דער עולם געהט זיך פערנאנדער. ווען מענשען זיצען נאָך שטעלט ער זיך ניט אָב, ער האָט מסתמא מורא פאר עין הרע. בעקענט האָב איך זיך מיט איהם באלד ווי איך בין אויף מיין שטעלע אנגעקומען. ער האָט זיך מיט מיר צוזאמענגע־רעדט א ביסעל מיט ווערטער, א ביסעל אויפ׳ן וואונק און איך האָב איהם פערשטאנען. ער האָט מיר געהייסען בריינגען ביער פון סאלון אויפ׳ן קאָר־נער און איך האָב איהם געפאָלגט. זייט דאמאָלס איז ער מיט מיר געוואָרען

א גאנצער פּאני בראַצי און ווען ער געהט דורך גיט מיר א שטורכע מיט זיין וואלגער־האַלז, ניט חלילה אויס שנאה, נור מעשה גוטער ברודער. איך ברייננ איהם אלע מאָל ביער, ער טרינקט און לאָזט פאר מיר אויך איבער א ביסעל שיריים.

איך האָב ביז די לעצטע צייט געציטערט פאר א פּאָליסמאַן אימת מות. איך בין מיט די חברה בעקאַנט געוואָרען ווען איך בין געווען א פּעדלער. איך האָב ניט איין מאָל פרעזוכט זייערע מלקות און איך האָב געמיינט, אז זיי זיינען בערען. אצינד אָבער בעטראַכט איך א פּאָליסמאַן פאר א מענש ווי אלע מענשען. ווי איך פערשטעה איז א פּאָליסמאַן אויך א וואַטשמאַן, נור אַנשטאַט וואָס איך היט איין הויז, היט ער א סך הייזער און דערפאר נעהמט ער מסתמא א גרעסערען געהאַלט פאר מיר.

איין זאַך קען איך ניט פערשטעהן פאר וואָס גיט איהם דער סאַלון־קיפּער ביער אָהן געלד; אָבער איך וועל נאָך מסתמא דעם סוד אויך דער־געהן. פאראַן א סך זאַכען אין אמעריקא וואָס איך וויים נאָך ניט.

דיעזער קאָליעגע מיינער איז צו מיר געקומען מיטוואָך ביי נאַכט, ווען די היטץ האָט געברענט און מיך געשיקט נאָך ביער כדרכו, ווי זיין שטייגער איז. נאָכדעם ווי ער האָט זיך גוט אָנגעכליאָבעט, איז ער אריין אינווענינ אין הויז, אויסגעטהאָן זיין ראָק מיט'ן קאַפּעליוש און זיך צוגעשפּאַרט אין א ווינקעלע א דרעמיל טהאָן. מיר האָט ער עפּעס אָנגעזאָגט, און אָבוואָהל דער לשון זיינער איז מיר נאָך א ביסעל פרעמדליך, דאָך האָב איך פער־שטאַנען, אז ער מיינט עס איך זאָל אכטונג געבען טאָמער וועט ווער פון זיי־נע מענשען אָנקומען, זאָל איך איהם אויפוועקען. איך האָב איהם דורך א שאָקעל מיט'ן קאָפּ געגעבען צו מערקען, אז זיין וואונש וועט ערפילט ווערען.

און הערט אויף ציקאַוועס וואָס א אידען קען איינפאלען. ווען דער פּאָליסמאַן איז איינגעשלאָפען, האָט זיך מיר פערגלוסט אָנמעסטען זיין קאַפּאָטע מיט זיין קאַפּעליוש. ווי פערשטעהט איהר? קען עפּעס פּאַסען זיין בגד אויף מיר? מיר דאַכט, אז דריי טוביה חייקעלס וואָלטען זיך אין זיין ראָק בעהאַלטען; פון דעסטוועגען האָב איך בשעת מעשה, ווען איך בין געווען אָנגעטהאָן אין די פּאָליצייסקע בגדים, געפיהלט עפּעס א מין גדלות. מיר האָט זיך דאַמאָלס אויך זעהר געשלעפערט און איך האָב גע־

פּראַכט ביי זיך: הלואי וואָלט איך געווען אַן אמת'ער פּאָליסמאַן, וואָלט איך זיך אויך געקענט אַ ביסעל צושפּאַרען.

דערווייל האָב איך דערזעהן פון ווייטען ווי מעשענע קנעפּלעך רוקען זיך און קומען אָלע מאָל נעהענטער און נעהענטער. איך בין אריינגעלאָפען און אַ טורזע געטהאָן מיין אורח און פון איילענים האָב איך זיך פערגעסען, אַז איך בין פערקליידעט, ווי מען זאָגט: אין אַ פרעמד פעל. מיין פּאָליסמאַן וויעדער האָט זיך אויפגעכאַפּט ניט טויט, ניט לעבעדיג, אַ כאַפּ געטהאָן מיין רעקעל וואָס איז נעבען איהם געלעגען און עס געוואָלט אָנטהאָן פיר זיינעם. ווי נור ער האָט געגומען רוקען זיינע גראָבע לאַפּעס אין די ארבעל, האָבען זיך די אַרבעל אויסגעריסען, די פּלייצע האָט געפּלאַצט פּונקט אין דער העלפט און פון מיין ראָק איז פערבליעבען אַ מין ארבע כנפות.

איך האָב זיך באַלד ארומגעזעהן וואָס דאָ געהט פאָר און איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקען. איך האָב שנעל אויסגעטהאָן זיינע בגדים און איהם אוועקגעגעבען. ער האָט זיך אָנגעטהאָן און איז אוועקגעגאַנגען בורטשענדיג עפּעס אין דער שטיל.

פון דאַמאָלס אָן האָב איך איהם שוין מעהר ניט געזעהן. משמעות, אַז ער איז ברוגז געוואָרען דערפאַר וואָס איך האָב זיינע קליינער אָנגעמאָסטען. מיין לעצטע דאגה זאָל עס זיין. דאָס וואָס איך בין אָהן אַ רעקיל געבליעבען אַארט מיך מעהר ווי זיין רוגז.

---

## 38.

## טוביה חייקעל קעטשט אַ קאָלד.

ער פערקיהלט זיך, ווערט קראַנק און פערלירט דורך דעם זיין שטעלע. — ער דערצעהלט סודות פון וואָטשמאַן טרייד. — אַ מסחר מיט צעמענט, טשוועקעס און אַנדערע מאַטעריאַלען. — זיין געניטשאַפט אין ריעל עסטייט ביזנעס. — טרינקט ביער אויף'ן פּאָליסמאַן'ס רעכענונג און לעבט אַ גוטען טאָג, אָבער אויף אַ קורצע צייט.

---

ט' סיון, תרס"ח.

אז עס געהט ניט, איז כאַטש טהו איך ווייס ניט וואָס. איך בין שוין וויעדער אין אַ נאָווינע פערבליעבען אָהן בעשעפטיגונג און בין, ניט פאַר קיין אידען געדאַכט, אויף צרות גדולות.

לענגער האָב איך אייך דערצעהלט, אז איך האָב אָנגענומען א שטעלע אלס וואַטשמאַן ביי א נייע געביידע. איך בין פון דיזען דזשאב העגסט צופריעדען געווען און איך האָב געמיינט, אז איך וועל דערביי פערבלייבען אויף אימער. וואָס־זשע טהוט גאָט? מאַכט זיך אַמאָל א קאַלטע נאַכט און איך קעטש א קאָלד, אין בין, לא עליכם, אַבגעלעגען עטליכע טעג, צו בעט און בינו לבינו האָט דער בעל הבית צוגענומען אַן אנדערען אויף מיין פּלאַץ און איך האָב די שטעלע פערלאָרען.

איך האָב שוין אויף מיין לעבען א סך זאַכען איבערגעטהאָן. איך האָב געפּרובט פערשיעדענע ביזנעס, געטהאָן פערשיעדענע מלאכות און אַלערליי שטעלעס, אבער קיין זאַך איז מיר ניט געווען אזוי ליעב, אזוי טהייער און אזוי אַנגענעהם ווי די וואַטשמאַן־שטעלע, אָבוואָהל מיין רעגולע געהאַלט איז געווען קליין, בלויז זיעבען דאָלאַר א וואָך.

און ניט אומזיסט איז מיר דער דאָזיגער דזשאב אזוי בעליעבט געווען. ערשטענס איז עס א לייכטע מלאכה, מען דאַרף ניט דרעהען דעם קאָפּ, מען דאַרף ניט שווער האָרעווען און פערדיענען פערדיענט זיך. איך זיץ מיר לעדיג און געה אום הין און צוריק און מיינס וואַקסט. עס געהט אַוועק א נאַכט, ווייס איך אז איך בין רייכער געוואָרען מיט א דאָלאַר; והשנית, איז רייבען זיך אַרום ריעל עסטייט אויך עפּעס ווערטה.

דורך דער קורצער צייט וואָס איך בין געווען א וואַטשמאַן, האָב איך געקראָגען א היבשע ביסעל געניטשאַפט אין ריעל־עסטייט ביזנעס. איך האָב ערפאַהרען אזעלכע זאַכען וואָס איך האָב פריהער ניט געוואוסט. איך האָב זיך איבערצייגט, אז אַלע מאַטעריאַלען וואָס ווערען בענוצט ביי בויען א הויז זיינען ווערטה גוטעם געלד. איך האָב זיך דערוואוסט פון דעם סוד, אז צעמענט, למשל, איז ניט חרוסת, און מען קריעגט עס ניט פאַר א גוט וואָרט; אז האָלץ, פּלאַמבינג און אנדערע זאַכען איז אויך א סחורה; און אז זאָגאַר טשוועקעס וואַקסען אויך ניט אין וואַלד און מען נעהמט עס ניט אומזיסט.

פון די דאָזיגע סודות האָב איך ערפאַהרען באַלד ווי איך בין אויף מיין דזשאב אָנגעקומען. איינער האָט מיר געגעבען אָנצוהערענים, אז די אַלע זאַכען וואָס איך וואַטש זיינען סחורות עובר לסוחר, און פערקויפענדיג א

ביסעל דערפון, קען מען לייזען שעהנעם געלד. אבער איך האָב ניט געוואָלט הערען און זעהען, ווייל דאָס האָט מיר אויסגעוויזען אַ שרעקליכער פער־ברעכען. שפּעטער אָבער האָב איך יאָ איינינגע זאַכען פערקויפט און געמאַכט אַ פּאָאר דאָלאר אָן דער זייט.

און געטהאָן האָב איך עס ניט לשם גנבה, חס ושלום. וואָס איך בין, בין איך, אבער קיין גנב בין איך חלילה ניט. שטראָף מיך גאָט אויב איך האָב אפילו ווען אין זינען געהאַט אימיצען צו בע'גנב'ענען. איך האָב שוין אַלעס אין דער וועלט געטהאָן, אבער דעם טעם פון גנבע'נען האָב איך נאָך ניט פערזוכט, הלואי ווייטער.

דאָ איז אָבער געווען אַן אנדער מעשה. איך בין ניט אויסען געווען צו גנב'ענען אָדער הנאה צו האָבען פון פרעמדע; איך האָב עס נור געטהאָן כדי לעשות נקמה, כדי אָבצורעכענען זיך מיט איינעם וואָס האָט צוגענומען גנבות, און כדי ארויסצונעהמען אַ בע'גנב'עטען נעבעך פון שאדען.

אַט וועל איך אייך דערצעהלען ווי אזוי איך האָב די פּאָאר אומגעריכטע פּאָאר דאָלאר געמאַכט.

ניט ווייט פון מיין פּראָפּערטי, עס הייסט, די פּראָפּערטי וואָס איך האָב געהיט, בילדט זיך נאָך אַ נייע הויז. איינמאָל שפּעט ביינאַכט האָט דער וואָטשמאַן פון יענע הויז געבראַכט צו קאַטשען צו מיר אַ פּעסעלע צעמענט און געזאָגט, אז מיין באָס האָט געהייסען איך זאָל עס צונעהמען. קלער איך ביי זיך: אַ חלאת דיר אין קאָפּ, דו האָסט עס געווים גע'גנב'עט און מיין באָס האָט עס ביי דיר אָבגעקויפט. מיך האָט אפילו די זאַך פער־דראָסען, אבער פערפאַלען. מה שיאמר בעל הבית עשה, וואָס דער בעל הבית הייסט דאַרף מען פאָלגען. איך האָב די פּעסעלע צוגענומען אונטער מיין רשות און פּתח שין, שאָ.

אויף מאָרגען ביי נאַכט קומט דער קאָנטראַקטאָר פון דער צווייטער נייער הויז און באַט מיך אַז איך זאָל איהם פערקויפען אַ באַרעלע טשווע־קעם, טראַכט איך מיר: ער איז דאָך נעבעך אַ בע'גנב'עטער און וואו איז זיין גנבה פערבליבען, ביי מיין באָס; וועט עס זיין אַ צווייענדיגע מצוה, אז איך וועל איהם געבען אַ שאָו און מאַכען אַ באַרגיין. ראשית, וועל איך איהם אַ ביסעל ארויסנעהמען פון שאדען און צווייטענס, איז מיין באָס, דעם

גנב, א מצוה לחסר. איך האָב איהם פערקויפט א פעטעלע טשוועקעס און טאקי גאנץ ביליג.

די קומענדע נאכט האָט דער וואטשמאן פון יענע הויז, אויף דעם בע־פעהל פון מיין באָס, געבראכט א בארעלע טשוועקעס און מיר דאכט, אז דאָס איז געווען טאקי די זעלבע וואָס איך האָב פערקויפט צו יענעם קאָנ־טראקטאָר. איך האָב עס צוגענומען און דערפאר שפעטער פערקויפט יע־נעם קאָנטראקטאָר א ביסעל פלאָמבינג בחצי חנם.

אזוי איז עס זיך געגאנגען נאכט־איין, נאכט־אויס, און איך האָב דערוויל געמאכט א שעהנע פאָר דאָלער.

נאָכ'ן חשבון נאָך קומט אויס, אז דאָס איז געווען זה נהנה וזה לא חסר. איך און מיין קאָליעגע, דער צווייטער וואטשמאן, האָבען אָבגעלעקט א ביינדעל און די בעלי הבתים אונזערע האָבען ניט פיעל געליטען. מען האָט ביי יענעם גע'גנב'עט א בארעל צעמענט, דערפאר האָט איהם געקאָסט ביליג די טשוועקעס; האָט מיין באָס געפעהלט די טשוועקעס, האָט ער מסתמא די צעמענט געקראָגען פאר א קלייניגקייט; האָט מען ווידער יענעם אָנגעפייפט אין די טשוועקעס, האָט ער געכאפט א בארגיין די פלאָמבינג, און אזוי כסדר.

קורץ דערפון. ווען דער אויבערשטער זאָל ניט געווען אָנשיקען אויף מיר די קראנקהייט און איך וואָלט ביי'ם דזשאב פערבליבען, וואָלט איך אפשר א לייט געוואָרען. וועל, מסתמא איז ניט בעשערט.

א חוץ דעם וואָס איך האָב ניט שווער געהאָרעוועט און ניט שלעכט פערדיענט, האָב איך די צייט וואָס איך בין געווען א וואטשמאן, געטרונקען ביער ווי וואסער און עס האָט מיר א סענט ניט געקאָסט. איך האָב מיר געלעבט א גוטען טאָג, מיין איך, א גוטע נאכט אויף אן אנדערען'ס רע־כענונג.

איך האָב אייך שוין דערצעהלט פון דעם פאָליסמאן וואָס פלעגט מיך שיקען אין סאלון נאָך ביער און ער פלעגט מיר אויך געבען א זופ טהאָן פאר'ן גאנג. דער דאָזיגער פאָליסמאן איז אויף מיר ברוגז געוואָרען דער־פאר וואָס מיר האָט זיך פערגלוסט אָנטהאָן זיינע מלבושים און ער האָט געכאפט א דרעמעל אין דער הויז, וואָס איך היט און ער האָט צוליעב דעם

געהאט שרעק. ער איז עטליכע אבענדען שוין מעהר ניט געקומען און איך האָב געמיינט, אז איך האָב שוין פערשפּיעלט די ביער; אָבער א גוי, א חזיר, ער האָט נאָכדעם וויעדער אָנגעהויבען קומען און איך בין צוריק גע־וואָרען זיין שליח צו ברייגנען איהם ביער.

איינמאָל בין איך זיך מישב, א מכה איהם אין גאָרגעל, דעם גראָבען טרעמבאך. למאי זאָל איך טרינקען זיינע שיריים נאָכדעם ווי ער שווינקט אָב זיין חזיר'שען פּיסק, אז איך קען עס טהאָן פריהער פאר איהם? איך האָב זיך דארום אין האָל פון סאלון גאנץ גוט אָנגעזופּט מיט ביער און די איבעריגע האָב איך איהם געבראכט. דער קונץ איז מיר איינגעגאנגען און איך האָב אזוי געטהאָן אלע נאכט. איך האָב פון די ביער זעהר הנאה געהאט — מים גנובים ימתקו, גע'גנב'עטע וואסער איז זיס, הייסט ווארום זאָל גע'גנב'עטע ביער זיין שלעכט?

איך וועל אייך דערצעהלען נאָך א סוד, אז איך האָב נאָכדעם א פּאָאר מאָל אליין גענומען ביער אומזיסט אויפ'ן פּאָליסמאן'ס רעכענונג. די מעשה איז אזוי געווען:

איינמאָל איז צו מיר געקומען א לאנדסמאן מיינער, האָב איך איהם געוואָלט מכבד זיין. נעהם איך דעם קעסעלע און געה אין סאלון, פער־קרימט זיך דער סאלון־קיפּער און מאכט: שוין דאָ דער גראָבער חזיר? ער וויל שוין ביער? פערשטעה איך, אז ער מיינט דאָס איך בין געקומען נעה־מען ביער פאר'ן פּאָליסמאן. דער סאלון קיפּער האָט מיר אָנגעגאָסען א קעסעלע ביער און ניט ער האָט ביי מיר געפרעגט געלד, ניט איך האָב איהם געגעבען.

אז דער עסק איז מיר איינגעגאנגען, האָב איך נאָך א פּאָאר מאָל אזוי געטהאָן. עס קען זיין, אז דערפאר טאקי האָט מיך גאָט געשטראָפט און איך בין קראנק געוואָרען. איך וויים מיינט איהר? אפשר איז עס מאקי גנבה.

.39

## פערוויזען פ״ן קראַנקען־בענעפיט.

טוביה חייקעל דערצעהלט אַ מעשה ווי אזוי ער איז געווען אויפ׳ן וועג צו פאַהרען ערגיץ, אָבער זיין יאזדע איז בטול געוואָרען. — לאַדזשען ברידער געפינען איהם אויפ׳ן בעט און אַ געלאַטעטען קאַרפּעט אויפ׳ן פלאָר. — בעריכ־טען פון אַנדערע ברידער. — צו ווייניג געקרענקט און אַנדערע קליימס.

ט״ז סיון, תרס״ח.

ווען איך בין, ניט היינט געדאכט, קראַנק געווען האָב איך אין זינען געהאַט, אַז ווען איך וועל געזונד ווערען וועל איך ערגיץ אוועקפאַהרען, אפשר וועט עס מיר ערגיץ געהן בעסער, ווייל משנה מקום משנה מזל, לסוף בין איך פערבליבען אַ היעגער צוליעב אַ מעשה שהיה.

די אורזאכע וואָס האָט געשטערט מיין יאזדע איז, אָהן חרפה זאָגענדיג, עס פעהלט מיר אוים אויף דער הוצאה. איך האָב געהאַט אַן אויסזיכט אויף עטליכע דאָלאר, וואָס וואָלט גענוג געווען פאַר מיר אויף רייזע־קאָסטען און עס וואָלט נאָך פערבליעבען עטוואָס צו איבערלאָזען פאַר מיין ווייב און קינדער, האָט זיך אָבער דערפון אויסגעלאָזט אַ בוידים, און עס איז ניטאָ קיין קלינגערס זיצט מען אין דער היים.

אַז איך בין, ניט היינט געדאכט, קראַנק געווען, ווייסט איהר דאָך אַלע, און אַז איך בעלאַנג צו סאָסייעטיס פערשטעהט איהר דאָך מסתמא אליין — וועלכער איד אין אַמעריקא בעלאַנגט עס ניט צו אַ פּאָאַר סאָסייעטים? מיר דאכט, אַז איהר וועט אפילו איינעם אזעלכען ניט געפינען.

און בעלאַנגען בעלאַנגט מען צו סאָסייעטים צוליעב פערשיעדענע צוועק־קען. מאנכע האָבען אין דעם אַן אויסזיכט אויף ביזנעס; מאנכע — כדי צו האָבען אַ פלאַץ וואו צו פערברייגגען אַ ביסעל; מאנכע כדי צו ווערען בעלי דעה און האָבען כבוד; און פיעלע — כדי ווען זיי געהען שפּיעלען פּאָוקער אָדער אַנדערשוואו, זאָלען זיי קענען בלאָפען זייערע ווייבער און דערצעהלען זיי אַ מעשה, אַז זיי געהען צו אַ וויכטיגען מיטינג.

מיט מיין בלאַנגען צו סאָסייעטים האָב איך גראָדע בעצוועקט אַן אַנ־דער זאַך. איך בין אַ בן יחיד, וואָס קיין אמת׳ע, לייבליכע בריעדער האָב

איך קיינמאָל ניט געהאַט, האָב איך געוואָלט פרעזוכען דעם טעם פון האָבען כאַטש חברה־ברידער.

און האָבען האָב איך זיי, אָהן עין הרע, א סך. איך בעלאַנג אי צו א חברה, אי צו אַלאַדזש, וועלכע צעהלען צוזאַמען א שעהנע פּאָאַר הונדערט מעמבערס (כן ירבו). דיעזע אַלע האָבען געשוואָרען ליעבע און טרייהייט צו מיר און איך ווידער האָב געשוואָרען, אַז איך וועל זיי אַלעמן טריי זיין מיט׳ן גאַנצען הארצען. קורץ דערפון: אי זיי, מיינע ברידער, אי איך האָבען זיך פערפּפליכטעט צו שטעהן איינע פאַר די אַנדערע ווי אַן אייזערנע וואַנד און קעמפּפען איינער פאַר׳ן צווייטען טאַקי ווי פאָניע זאָגט: דאָ פּאָסליעדנאַי קאַפּלי קראָוו, ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט. דאכט זיך גוט, הא? לסוף א נעבטיגער טאָג.

ווי איהר ווייסט איז אין חברות, לאָדזשען און סאָסייעטיס איינגע־פיהרט, דאָס ווען א ברודער איז, לא עלינו, קראַנק, צאָהלט מען איהם קראַנ־קען־בענעפיט, האָב איך גערעכענט, אַז איך וועל פוןביידע סאָסייעטיס כאַפּען עטליכע דאָלער פאַר דער צייט וואָס איך בין צו בעט געלעגען. ענד־ליך אָבער, האָט מען אייך עפּעס געגעבען קראַנקען־בענעפיט? אַזוי האָט מען מיר געגעבען.

איך וועל ניט זאָגען, אַז מיינע סאָסייעטיס זיינען אַזוי שפּאָרזאַם און זשאַלעוועז ארויסנעהמען א דאָלער פון קאַסע. פערקעהרט, זיי האָבען גראַדע אָפּענע הענד און איך מעג זיך ווינשען צו פערדיענען אַלע מאָנאַט וואָס זיי צוטהיילען, און ניט דוקא צו מיטגליעדער, זאָנדערן אפילו צו פרעמ־דע. אָבער צו נעהמען געלד פון א סאָסייעטי, דאַרף מען אויך האָבען מזל. אַז מען איז א בעל־מזל הויבען זיך די הענד פון די ברידער ביי׳ם אָבשטימען אויף „יא"; און אַז מען איז א שלים־מזל, הויבען זיך די זעלבע הענד אויף „ניט".

ווען איך בין קראַנק געוואָרען, האָב איך עס געלאָזט וויסען צו מיינע ביידע סאָסייעטיס און קאָמיטע־לייט זיינען מיר געקומען בעזוכען אַלע טאָג. די קאָמיטעס האָבען מיך שטענדיג געפונען ליעגענדיג צו בעט קראַנק ווי אַלע קראַנקע און זיי האָבען בעשיינפּערליך געזעהן, אַז איך מאַך זיך חלילה נים. בעהאַנדעלט האָבען מיך די סאָסייעטי־דאָקטוירים און ארויס־געגעבען אטעסטען כתוב וחתום, אַז איך בין אמת קראַנק געוועז. דאכט

זיך, כשר וישר, גוט גענוג און מען דארף גאָר ניט בעסער; ווי עס איז אָבער געקומען צו בענעפיט נעהמען, האָבען זיך געפונען אָבדזשעקשאָנס און איך האָב אפילו א סענט ניט געקראָגען.

ביים מיטינג פון מיין חברה בין איך אליין געווען, נאָכדעם ווי איך בין אויפגעשטאַנען פון מיין געלעגער, און איך האָב מיט מיינע אויערען געהערט ווי מיין קיים וועגען קראַנקען בענעפיט איז פערהאַנדעלט געוואָרען. איך וועל עס אייך אויף ציקאַוועס איבערגעבען וואָרט פאַר וואָרט.

ווען עס איז געקומען צו פערהאַנדלען וועגען מיר, האָט דער פּרעזידענט גענומען פערהערען די קאָמיטע־לייט, וואָס האָבען מיך בעזוכט. דער ער־שטער קאָמיטע מאַן וואָס איז פאַרגערופען געוואָרען אויפ'ן וויטנעס סטנד, האָט אָבגעגעבען זיין בעריכט בזה הלשון:

„ווערטהער פּרעזידענט און ברידער. איך בין בעאויפטראַגט געוואָרען פון האָספּיטעלער צו געהן בעזוכען אונזער קראַנקען ברודער טוביה הייקעל און אלס טרייער מיטגליעד פון דער חברה, האָב איך מיין פּפליכט ערפילט. איך בין געווען ביים ברודער אין הויז און האָב איהם געפונען ליעגענדיג אין בעט; אָבער עט די סיים טיים, איז אין פראָנט רום אונטער א טישעל געלעגען א קאַרפּעט און דארום בין איך מיט דער מיינונג, אז דער ברודער זאָל קיין קראַנקען בענעפיט ניט קריגען."

דער צווייטער האָט אָבגעגעבען זיין בעריכט מיט דיזע ווערטער:

„איך האָב דעם ברודער טוביה הייקעל בעזוכט און איהם ווירקליך גע־פונען אין א שלעכטע לאַגע. ער איז געלעגען אין בעט צוגעדעקט מיט א פּערענע און דאָך האָט איהם געוואָרפען אין קעלט; אָבער איך בין פאָל־שטענדיג דאַגעגען, אז ער זאָל קריגען בענעפיט, ווייל א טישעל אין פראָנט רום, האָב איך געזעהן, איז געווען צוגעדעקט מיט א טהייערען געשטריקטען טישטוך, אמת'ע האַנד־ארבייט, וואָס ניט איך און אפילו איהר, ברודער פּרעזידענט, האָט ניט אזעלכען."

דער דריטער קאָמיטע־מאַן האָט זיך אויסגעהוסט, אָבגעווישט דעם שטערען און אָנגעפאַנגען אזוי:

„פּרעזידענט און ברידער. איך בין שטענדיג געווען און בין היינט אויך א טרייער מיטגליעד פון אונזער חברה. איך האָב שטענדיג געטרייעט פאַר'ן וואָהל און בעסטען פיר די סאָסייעטי און איך האָף, אז איך וועל

איה"ש שטענדיג זיין א טיכטיגער מעמבער. איך בין אויך איינער פון די וואס האבען בעזוכט דעם ברודער טוביה חייקעל אין דער צייט ווען ער איז קראנק געווען. עס איז אמת, איך האב איהם געטראפען ליעגענדיג אין בעט, אבער וואלט איהר זעהן, מיינע ווערטהע ברידער, וואס פאר א בילדער עס היינגען ביי'ם בעטרעפענדען ברודער אויפ'ן וואנד? איך זאג אז דער ברודער טוביה חייקעל איז א סאקער און איז ניט ענטייטעלד צו בענעפיט."

די איבעריגע קאמיטע-לייט האבען עס געמאכט קורץ און שארף און אויף דער פראגע פון פרעזידענט, וואס זיי וויסען וועגען מיר, האבען זיי געענטפערט: „דהי סיים".

דער פרעזידענט האט דאן די אלע טענות פארגעלייגט נאך א מאל פאר די ברידער און ערקלעהרט, אז עס ליעגט ביי זיי אין די הענד צו דעבאטירען דאריבער. אבער היות אזוי ווי עס איז שוין געווען שפעט און מען האט געדענקט, אז דער האל-קיפער וועט באלד אויסלעשען די געז, האט מען מיין פראצעס אבגעלייגט אויפ'ן נעקסטען מיטינג.

אין גרונד גענומען פערשטעה איך נאך ערשט אויך ניט, ווי אזוי האט מען מיך געקענט אבדזשעקטען פון קראנקען בענעפיט אויף די אויסזאגונג פון די קאמיטע-לייט? האט איהר געהערט א משל? יענער האט מיך געטראפען ליגענדיג אין בעט און דעם קארפעט אויפ'ן פלאאר! ווי דען האט ער געוואלט? דער קארפעט זאל ליגען אין בעט און איך, שונאי ישראל, אויפ'ן פלאאר? דער אנדערער ווידער האט דערצעהלט א מעשה, אז איך בין געווען צוגעדעקט מיט א פערענע און דער טיש מיט א טישטוך! ווי דען האט געדארפט זיין? איך האב געדארפט זיין צוגעדעקט מיט'ן טישטוך און דער טיש מיט'ן פערענע? דער דריטער חכם ווידער איז געקומען מיט א טענה, אז איך בין געלעגען אין בעט און די בילדער זיינען געהאנגען אויפ'ן וואנד! ווי דען קען אנדערש זיין? די בילדער זאלען ליגען אין בעט און איך זאל הענגען אויפ'ן וואנד? האקט מיר אראב דעם קאפ, הייב איך ניט אן צו פערשטעהן זייערע נארישע טענות, — וואס האט, דאכט זיך, א פאטש צו גוט שבת?

אז עס האלט שוין דערביי, וועל איך אייך דערצעהלען ווי אזוי די דאזיגע חפצים, וואס האבען מיר איבערגעפיהרט עטליכע דאלער, זיינען צו מיר געקומען.

דעם קארפעט האָט די אַלטע מיינע געקויפט פאר פסח. אַ אידענע איז עס, וואָס זי זעהט ווילט זיך איהר! אז זי האָט געזעהן ביי לאנדסלייט קארפעט, דארף זי אויך קארפעט! זי האָט דארום אויף אַ פושקארט געקויפט עטליכע שטיקלאך אַלטע, אָבגעניצטע ראָג און קארפעט און זי האָט עס געמאכט צום לייט.

וואָס איך זאָל ניט זאָגען אויף מיין אידענע, זי אי זאפשר אַ בייזליכע, זי איז אפשר ניט אזוי היינטוועלטיג; אָבער אַ בריה איז זי. זי האָט די שטיקלאך קארפעט אויסגעוואשען, אויסגעקלינט, צוזאמענגענעהט איינע מיט די אַנדערע און עס געמאכט פאר אַ שטיקעל סחורה. אמת, זיך גוט צוקוקענדיג קען מען בעמערקען, אַז דאָס איז אַן איבערגעניצעוועטע זאַך. איהר נעפינט, למשל, אויפ׳ן קארפעט אַ קאָפּ פון אַ לייב, אַ פאָר הינטערשטע פיס פון אַ הונד, אַן עק פון אַ קאטץ און אַ האלבען צאָפּ פון אַ טשיינימאַן; אָבער וואָס מאכט עס אוים? אבי אַ קארפעט אין פראָנט רום.

דעם טישטוך האָט מיין אַלטע אַליין אויסגעשטריקט מיט עטליכע און צוואנציג יאָהר צוריק, ווען זי איז נאָך אַ כלה געווען. זי האָט איהם ביז היינטיגען פסח כמעט ניט געניצט, אויסער ווען ניט ווען אויף אַ יום־טוב, נור ערשט האָט זי איהם וואָכעדיג געמאכט.

די בילדער וויעדער, זיינען בסך הכל גאָר פרעמדע. אַ יונגערמאַן וואָס פעדעלט מיט פיקטשורס אין ריווינגטאָן סטריט, איז ביי מיר אַ באָרדער, הענגט ער אָפּט אויף אין הויז אַ פאָר פיקטשורס פון שעהנקייט ווענען.

מילא גאָר נישט. וואָס מאכט עס אוים פון וואנען די דאָזיגע אַנטי־קען קומען צו מיר? וואָס איז דער אונטערשיעד פון וואָס פאר אַ יחוס זיי שטאַמען? אבי זיי האָבען געדיענט אלס אָברזשעקשאָנס ניט צו געבען מיר קראנקען־בענעפיט.

ביים נעקסטען מיטינג פון מיין חברה האָט זיך אויפגעהויבען אַ דע־באטע ווענען מיין קראנקען־בענעפיט. דאן האָט זיך אויפגעשטעלט אַ ברו־דער, וואָס קליימט אז ער ווייסט לאָאָ (זיין שווענערינס אַ בעקאַנטע מיידעל האָט אַ חתן וואָס וואָהנט נעקסט דאָר פון אַ לאָיער) און געמאכט אַ „מאָר־שען" לאמר, אזוי צו זאָגען:

פרעזידענט און ברידער. צו וואָס טויגען די דעבאטעם? מיר טאָרען דעם ברודער ניט געבען קיין בענעפיט, ווייל דאָס איז פּאָזיטיוו אונגעזעצ־

ליך. אויסער די וויכטיגע אָבדזשעקשאָנס, וואָס די קאָמיטע לייט האָבען פאָרגעבראכט, האָב איך נאָך א מעהר וויכטיגען אָבדזשעקשאָן. היות, אזוי ווי דאָס געזעץ פון אונזער קאָנסטיטושאָן זאָגט, דאָס ווען א ברודער איז קראנק און ווערט געשטערט פון זיין ארבייט, קומט איהם קראנקען־בענע־פיט; און היות, אזוי ווי דער בעטרעפענדער ברודער איז געווען א וואטש־מאַן, א נאכט־ארבייטער, איז נאָכ'ן געזעץ ניט אונזער עסק וואָס ער איז קראנק געווען ביי טאָג; און אזוי ווי די קאָמיטע לייט האָבען איהם ניט געזעהן קריינקענדיג ביי נאכט, איז ער ניט בערעכטיגט צו בענעפיט אפילו נאָך די לאָא פון די יונייטעד סטייטס".

דיעזען „מאָושאָן" איז אַלעמען געפעלען געוואָרען. מען האָט דעם רעדנער, דעם פּרעזידענט און די קאָמיטע־לייט בעדאנקט פאר זייער טיכטיגע ארבייט און איך בין אוועק מיט וואָס איך בין געקומען.

פון מיין לאָדזש בין איך אויך אוועק מיט ליידיגען. דאָרט איז דער עסק צוגעגאנגען שנעלער. א ברודער האָט אויפגעצייגט, דאָס אין קאָנ־סטיטושאָן פון לאָדזש שטעהט בפירוש, אז ווען א ברודער איז קראנק א פולע וואָך, קומט איהם בענעפיט, און היות, אזוי ווי איך בין קראנק גע־וואָרען פרייטאָג און נעקסטען מיטוואָך האָט ער מיך אַליין געזעהן ארונ־טערגעהענדיג פון די שטיגען, לכן הייסט עס, אז איך האָב ניט ריכטיג געקרענקט און איך בין ניט בערעכטיגט צו בענעפיט.

איך האָב אפילו איבערצייגט, אז גראדע דאמאָלס האָט אויסגעבראָכען א פייער אין דער הויז וואו איך וואָהן און איך האָב זיך קוים ארויסגע־שלעפּט, כדי צו רעטען זיך; אָבער די טענות האָבען ניט געהאָלפען. געזעץ איז געזעץ! אז אין קאָנסטיטושאָן שטעהט, אז מען דארף קרענקען א פולע וואָך, איז גאָר קיין תירוץ ניט.

בינו לבינו האָב איך אי געקרענקט, אי מיין שטעלע פערלאָרען, אי קיין בענעפיט ניט געקראָגען און דערצו נאָך געהאט חרפּות וביושים.

.40

## ער ווערט א היברו טיטשער.

א היברו סקול אין בייסמענט. — א שוסטער און א גרינגס סטענד — אין דער איין סקול. — א מעשה מיט א צו־פריהיגען בר מצוה. — צרות צוליעב א ווילנער לוח. — געקנעלט מיט א בר מצוה און אפילו א טרונק בראנפען ניט געקראגען. — א שמועס וועגען אמעריקאנער בר מצוות.

---

כ"ג סיון, תרס"ח.

איהר ווילט וויסען, רבותי, וואו איך בין און וואס איך טהו? קען איך אייך מיטטהיילען, אז איך בין דא אין ניו יארק און בעשעפטיג זיך מיט מלמדות.

ווי אייך איז בעוואוסט, בין איך א לא יוצלח, א מענש וואס טויג צו קיין זאך ניט. עס הייסט, טויגען טויג איך שוין גאר, נור איך האב, ניט פאר אייך געדאכט, קיין מזל ניט. זעהענדיג, אז קיין זאך געהט מיר ניט, האב איך געפרובט מיין מזל אין מלמדות אדער לעהרעריי און איך בין געווארען א היברו טיטשער.

דעם נאמען „היברו טיטשער" האב איך מיר געגעבען אויף דעם פער־לאנג פון מיינע קינדער. ווען איך האב אנגעהויבען פלאנעווען צו ווערען א מלמד, האבען זיי מיר באלד אויפמערקזאם געמאכט, אז איך זאל זיך ניט רופען „מלמד" אדער „רבי", נור „היברו טיטשער". עס איז א ריעל שיים — האבען זיי ערקלעהרט — צו זאגען אימיצען, אז זייער טאטע איז א מלמד אדער א רבי. זיי האבען מיר אויך שטרענג אנגעזאגט, אז אויב איך וועל לאזען מאכען א סיין, זאל דארט למה"ש ניט שטעהן „מלמד" אדער „חדר", נור „היברו טיטשער" אדער „היברו סקול", און איך האב זיי גע־פאלגט. א דאנק האב איך, רופט מיך ווי איהר ווילט, אבי פרנסה זאל איך דערפון האבען.

ווער עס האט א שטיקעלע הצלחה, איז מלמדות אדער, ווי מיינע קינ־דער ווילען, היברו טיטשינג, ניט קיין שלעכטע פרנסה, — תורה איז די בעסטע סחורה. דאס איז א קרעמעל וואס שעפט זיך קיינמאל ניט אויס פון קויש. פיעל קאסטאמער איהר זאלט ניט האבען, פיעל איהר זאגט פאר אייער סחורה ניט לייזען, פערבלייבט אימער אייער סטאק ביי אייך און ביי

די קונדען גיט אַ לעק. מלמדות איז ניט קיין גראָסערי אָדער אַן אַנדער ביזנעס, וואָס איהר דאַרפט אַלע מאָל פערקוקען אויף די פּאָליצעס טאָמער פעהלט אייך אויס סחורה — אין דעם איז גאָר אַן אַנדער מזל ברכה; מען קויפט ביי אייך סחורה, מען צאָהלט אייך געלד פאר איהר און מען נעהמט זי ניט. איהר דאַרפט דערצו לכתחילה קיין אויסלאַג, קיין עקסטרא פּלאַץ, קיינע טולס און איהר קענט אריינגעהן אין די ביזנעס מיט גאָר אַ קליי־ניגקייט.

אָט האָב איך מיר אָבגעדונגען אַ בייסמענט, האָב איך דאָרט אַי אַ וואָה־נונג, אַי אַ חדר אָדער אַ „היברו סקול", ווי עס שטעהט געשריבען אויף מיין סיין, און איך נהעם נאָך ארוים עטליכע דאָלער אויף רענט. דער חדר מיט'ן וואָהנונג קאָסט מיר גאָר אַ קלייניגקייט, הלואי וואָלט איך נור געמאַכט גוטע ביזנעס.

איין פענסטער פון מיין וואָהנונג האָב איך פערדונגען צו אַ שוה־מיי־קער, דאָרט האַלט ער זיין ווערקשטאַט און לאַטעט שיך, און אַ שטיקעל פּלאַץ אויטסייד האָב איך ארויסגעלאָזט פאר אַ גרינס סטענד. ווען איך האָב די דירה געדונגען, האָב איך מיט'ן לענדלאָרד אויסגענומען אַ תנאי, אַז ער זאָל מיר ערלויבען צו מאַכען אַ שטיקעלע פּרנסה ביים אריינגאַנג צום בייס־מענט, נור אַזוי ווי מיין אַלטע איז נאָך צו גרין צו האַנדלען מיט גרינס, האָב איך דעם פּלאַץ פּערדענט צו אַ פרעמדע אידענע, אַן אלמנה. ביידע, אַי דער שוהמייקער, אַי די אידענע, זיינען ביי מיר אין באָארד און איך דער־לייג ווידער ניט דער באָבעס ירושה.

עס מאַכט זיך אפילו אָפט, אַז די סטענד לוידי מאַכט מיר ענגליך מיט איהר סטאָק ציבעלעס, רעטאָך, בוריקעס און שאר ירקות וואָס זי האַלט ביי מיר אין הויז; אָבער עס בלייבט גענוג פּלאַץ פאַר מיינע תלמידים און די ביסעל תורה אויך — מישטיינס געזאָגט, וואָס פאר אַ פּלאַץ די תורה אין אַלגעמיין פערנעהמט אין אמעריקא!...

און לערנען לערען איך ווי דער שטייגער איז — אַלעס, פון א"ב אַזש ביז בר מצוה. איך לערן אויס מפטיר, אַ ספּיטש צו בר מצוה און תפילין לייגען קאָמפּליט. דערצו שרייב איך בריעף און אדרעסען צו מעסיגע פריי־זען, אַזוי זאָגט עדות די סיין איבער מיין פענסטער און עס איז חלילה ניט קיין בלאָף.

קיין סך תלמידים האָב איך ניט און די עלטערען פון די ביסעל קינדער וואָס איך האָב, זיינען אויך האַרטליך צו צאָהלען. שלעכטע צייטען היינט, דער עולם איז געדריקט און עס פעהלט אוים אפילו אויף בילכערע זאכען ווי שכר לימוד. איך טרייסט מיך אָבער דערמיט, וואָס דערלייגט האָב איך נאָך צום עסק ניט און שטעה ביים קרן, און ווייל תורה איז א סחורה וואָס ווערט ניט פערלעגען, וואָס ווערט ניט פערדאָרבען, איז צו האָפען, אז עס וועלען אָנשטעהן בעסערע צייטען און עס וועט זיך בעצאָהלען.

די שלעכטע צייט האלט אָב פיעלע עלטערען פון שיקען זייערע קינדער אין חדר; אָבער ביי וועמען א קינד דארף ווערען בר מצוה, איז גאָר קיין תירוץ ניט. מפטיר און א כפיטש דאָס מוז דער בר מצוה קענען און א „פאדי" מוז מען אויך מאכען אין דעם שבת וואָס מען רופט איהם אויף, עס מעג אפילו דונערען און בליצען. ווען מען קעטשט אריין עטליכע אזעל־כע וואָס דארפען אָנהויבען לייגען תפילין, קען מען אָבלעקען א ביינדעל; אָבער עפּעס רעכטס, פערשטעהט זיך, קומט צו טוביה חייקעל'ן ניט אָן, איך האָב גראדע יא ארייננעקראָגען איינעם און דוקא א נישט־קשה'דיגען העכט; אָבער דער שלים־מזל האָט זיך אריינגעמישט און לא די וואָס איך האָב פון איהם ניט געהאט וואָס א האָאר איז ווערטה, האָב איך נאָך געקראַ־גען געזידעלט און געהאט חרפות וביושים. די געשיכטע איז אזוי געווען:

באלד ווי איך האָב מיין חדר געעפענט, איז געקומען אן אונבעקאנטער מאַן און מיך געפרעגט אויב איך וועל זיך אונטערנעהמען מאכען זיינעם א באָי „רעדי" צו בר מצוה. געזאָגט האָט ער מיר, אז זיין באָי האָט שוין גע־דארפט אָנהויבען לייגען תפילין מיט א פּאָאר וואָכען צוריק, נור אזוי ווי ער איז א שניידער קאָנטראקטאָר און די גאנצע צייט איז ביי איהם געווען סלעק, האָט ער עס געמוזט מאכען א נדחה.

פאר אייך וועט עס אפשר פּאָרקומען זאָנדערבאר, וואָס האָט סלעק צו תפילין לייגען? אָבער ביי מיר איז עס קיין נייעס ניט. איך ווייס פון א סך וואָס לייגען אָב זייערע קינדער'ס בר מצוה אויף בעסערע צייטען, כדי מען זאָל קענען מאכען אן אנשטענדיגע „פּאַדי". אָפט ווערט עס אויך אָב־געלייגט צוליעב אנדערע אורזאכען. עס טרעפט א מאָל, אז אין דער ריכטיגער צייט ווען דאָס קינד דארף ווערען בר מצוה, איז אין יענעם שבת גראדע א גרויסע הפטורה,, ווייל מען דאָס קינד ניט „מוטשען" און מען מאכט עס א

נדחה אויף אַ פּאָאַר וואָכען שפּעטער, ווען עס געפאַלט אַ קלענערע הפטורה. אַ מאָל ווידער מאַכט זיך, אַז מען זעהט זיך ארום צו שפּעט און עס איז ווייניג צייט אויסצולערנען דעם באַי דעם מפטיר מיט'ן ספּיטש און מען מוז דעם עסק אָבלייגען.

און עס איז חלילה קיין בייז ניט. וואָס מאַכט עס אויס? פאַנגט אַ אינגעל אָן לייגען תפילין שפּעטער, הערט ער אויף שפּעטער. עס טראָגט אויס איינס און דאָס זעלבע.

איך האָב דעם מאָן געפרעגט אויף ווען אונגעפעהר ער וויל האָבען זיין באַי „רעדי" און ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין צווייטען האַלבען מאָנאַט דזשון איז פּאַר איהם די בעסטע צייט, ווייל דאַמאָלס וועט זיך ביי איהם אָנפאַנגען ביזי און ער וועט קענען אַפאָרדען צו מאַכען אַ גרויסאַרטיגע שמחה. איך האָב אַ קוק געטהאָן אין מיין לוח און נאָך מיין רעכענונג איז אויסגעקומען, אַז שבת פּרשה קרח געפאַלט אונגעפעהר דעם 20טען דזשון. דער מאָן איז אויף דיזען שבת מרוצה געוואָרען.

וועגען פּרייז האָט ער מיט מיר ווייניג וואָס גערעדט. אין דער צייט ווען עס רודערט זיך אין שאַפּ — האָט ער געזאָגט — שפּיעלט ביי איהם קיין ראָלע ניט אַ פינפעריל און זאָגאַר אַ צעהנעריל, דער עיקר איז, אַז דער באַי זאָל נור קענען גוט דעם מפטיר מיט'ן ספּיטש און פון געלד איז קיין רייד ניט.

איך האָב דעם דזשאָב אָנגענומען און אָנגעפאַנגען קנעלען מיט'ן בחור. פינף קיילעכדיגע וואָכען האָב איך מיט איהם אָבגעהאָרעוועט און עס האָט שוין געהאַלטען אויף אַ שטיקעל לאַד. איך האָב גערעכענט, אַז דער באַי וועט ענדיגען זיין הפטורה און ספּיטש קורס און איך וועל דערפאַר כאַפּען אַ צעהנעריל אָדער פיעלייכט נאָך מעהר. די אַלטע מיינע האָט אויף דיזען פּערדיענסט גענעהט אַ בייטעל. זי האָט שוין גהאַט אָבגע'סדר'ט, אַז זי וועט זיך נעהען אַ קליידעל, צוטרימען איהר העט און פאָהרען טאַקי מיט מיר אין קוני איילאַנד, לסוף האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידים מיט אַ פּאַליצע.

פאַראַכטאָגען שבת זאָגט מיר אָן דער פאָטער פון מיין בר מצוה, אַז איך זאָל קומען דאַווענען אין אַ שול'כעל אין לודלאָו סטריט. געוואוסט האָב איך, אַז דיזער בעל הבית מיינער איז ניט פון די דאַווענערס און די זאַך איז מיר אַריין אין נאָז ווי קומט ער עפּעס פּלוצלונג אין שוהל און צו וואָס דאַרף ער מיך דאָרט? אָבער איך האָב אויף שלעכטס ניט איבערגעטראַכט. איך האָב

געדענקט, אז ער האָט מסתמא יאָהרצייט און ער וויל מיר הייסען לערנען א פרק משניות, קיין אנדער סברה איז ביי מיר ניט געווען.

קומענדיג אין שוהל האָב איך געטראָפען דעם פאטער פון צוקינפטיגען בר מצוה אויסגעפּוצט יום טוב'דיג און דער בר מצוה אליין איז געזעסען מעשה כּטאָטיק מיט א זיידעמע טלית'ל אויף די אַקסלען. איך האָב באַלד פערשטאַנען, אז על פּי טעות געהט מען דעם תכשיט אויפרופען מפטיר און איך בין אין דר'ערד מיט די ביינער, ווייל אין דער הפטורה פון דעם שבת, וועט ער אפילו א פּוס ניט קענען אריינשטעלען.

צום לייענען האָבען אַלע געמאַכט מי שברך דעם בר מצוה און איך האָב געטראַכט ביי זיך, אז דעם בעסטען מי שברך וועל איך כאַפּען, ווען מען וועט מיין תלמיד אויפרופען מפטיר און ער וועט אפילו די עברי ניט קענען דורכקריכען, ווייל ער האָט דיזע הפטורה ניט געלערענט; אָבער איך האָב גאָר ניט געקענט העלפען און געקלעהרט: וואָס גאָט וועט געבען, דאָס וועט זיין.

און כך הוא. מען האָט דעם חברה־מאַן אויפגערופען צו דער תורה און ער האָט די ברכות ווי עס איז אָבגעזאָגט. ווי אָבער ער האָט די ברכות גע־ענדיגט און אַלע, סאַי מענער, סאַי פרויען פון ווייבער־שטיבעל, האָבען אָנגע־שטעלט מויל און אויערן צו הערען ווי ער וועט זינגען די הפטורה, איז ער אזוי ווי שטום געוואָרען און ניט געריהרט זיך פון אָרט. דער גבאי האָט גענוקעט, דער שמש האָט גענוקעט, דער אבי הבן האָט גענוקעט און עס האָט ניט געהאָלפען. דער פאָטער איז בייז געוואָרען, מיך צוגערופען און מאַכט צו מיר מיט כעס: „אזוי שעהן האָט איהר עס איהם אויסגעלערנט דעם מפטיר?"

„עס איז אייער אייגענער מיסטייק" — האָב איך זיך אָבגערופען — „מען דאַרף איהם גאָר אויפרופען איבער צוויי וואָכען, פּרשה קרח און היינט איז גאָר די סדרה בהעלתך."

„וואָס מיר קרח שמייראַך!" — האָט זיך דער פאָטער געפלאָקערט — „איהר האָט מיר צוגעזאָגט מאַכען איהם „רעדי" אויפ'ן צוואַנציגסטען און היינט איז דער צוואַנציגסטער."

איך בין פערשעהמט, דערשראָקען און צוטומעלט געוואָרען און ניט גע־וואוסט וואָס צו ענטפערען.

דער סוף איז געווען, אז די הפטורה האָט דער בעל קורא אליין געלייענט און דעם ספּיטש האָט מען אין גאַנצען דורכגעלאָזט.

נאָכ'ן דאַווענען איז פון דעסטוועגען דער עולם אוועק צום בעל שמחה אויף קידוש און איך בין אַ נידרעשלאָגענער אוועק אהיים. ווי איך האָב געהערט, איז דאָרט געווען אַ „ביג פּאַרטי" און דער עולם האָט אַ שעהנעם לעבן געטהאָן.

שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אז דער טעות איז געקומען דורך דעם, ווייל איך האָב אַריינגעקוקט אין אַ ווילנער לוח און לויט דעם רוסישען דאַטום קומט אוים פּרשה קרח דעם 21טען דזשון, דער פּאָטער פון בר מצוה האָט אָבער גערעכענט לויט די היגע צייט רעכענונג און אונזערע ביידענס חשבונות האָבען ניט געשטימט.

פון דעסטוועגען האָב איך פאַר שבת געפּרובט אַריינגעהן מאָהנען פאַר מיין אַרבייט, אָבער דער שניידער קאָנטראַקטאָר האָט מיר געבאָטען גאָר אַ קליינינגקייט, בלויז אַרונטערצושלינגען פון אַלע שטיגען פאַר די חרפּות ובזיונות וואָס ער האָט דורך מיר געהאַט. איך האָב שכל געהאַט און האָב זיך שנעל אָבגעטראָגען.

---

## 41.

## ער מאַכט צו מופען דעם שוסטער.

צוליעב אַ מעשה שהיה מאַכט טוביה חייקעל צו מופען דעם שוסטער וואָס האָט פערנומען אַ שטיקעל פּלאַץ אין זיין היברו סקול. — קריעגט געזידעלט און פערליערט תלמידים צוליעם אָבגעפּאַלענע פּאַדעשוועס. — אַ שמועס וועגען אידישע חדרים אין וואַקיישאַן־צייט. — דער שוסטער סטראַשעט מיט אַ נייע היברו סקול אין בלאָק.

---

**י"א תמוז, תרס"ח.**

מיין חדר האָט זיך, אָהן עין הרע, גאַנץ פּאָפּראַוועט. איך האָב אַריינגעקראָגען אַ שעהן ביסעל תלמידים, גרעסערע און קלענערע, און איך האָב מיט וועמען צו קנעלען. אויב דאָס וועט לאַנג אָנהאַלטען און אויב איך וועל פון זיי עפּעס זוכה זיין, ווייס איך ניט. דערווייל רודערט זיך ביי מיר אין ביימענט.

ווייזען ווייזט מיר אויס, אז די תלמידים וואס איך האב אריינגעקראגען זיינען „אויפגעבאפטע". עס הייסט אזעלכע, וואס דער חדר איז ביי זיי א הוראת שעה, א צייט־זאך, בלויז איבער'ן וואקיישען; שפעטער אבער ווען די סקולס וועלען זיך עפענען, וועל איך זיי פערליערען, און עס איז א גרויסער ספק אויב אלע וועלען בעצאהלען שכר לימוד.

געהערט האב איך אמאל, אז אין דער צייט וואס די סקולס זיינען געשלאסען זיינען מלמדים ביזי, ווייל קינדער וואס לערנען ניט א גאנץ יאהר קיין אידישע לימודים, שיקט מען אויך אויף די פאאר מאנאטען אין חדר, ניט צוליעב תורה, נור כדי זיי זאלען ניט אומגעהן שלינג און שלאנג און „אראבדרעהען" די מאמעס די קעפ. אצינד זעהט מיר אויס, אז דאס איז טאקע אמת.

מוטערס האבען מיר געבראכט באיטשיקעס אין חדר, — באיטשיקעס, אין דער היים וואלטען זיי שוין ענטוועדער געלערנט א פאאר בלעטלעך גמרא, אדער ווען ניט, וואלטען זיי געדרעהט דראטווע ביי שוסטערס, און איך האב מיט זיי געדארפט אנהייבען אלף בית. די מוטערס פון די דאזיגע „תנוקות של בית רבן" האבען געלייענט די תוכחה און אויסגעשאלטען די געביין פון זייערע קינדער'ס פריהעריגע מלמדים דערפאר וואס זיי האבען ביי זיי אומזיסט געלד גענומען. די תלמידים אליין האבען מיר אבער נאכהער אויסגעזאגט דעם אמת, אז מעהר ווי וואקיישאן־צייט געהען זיי קיינמאל ניט אין חדר, און פון איין יאהר ביז'ן אנדערען פערגעסען זיי די ביסעל תורה.

פאראן מאמעס, וואס ווען זיי ברענגען זייערע קינדער אין חדר פער־לאנגען זיי פון אייך גאר ניט, ניט קיין תורה, ניט קיין חכמה, ניט קיין דרך ארץ. עניוויי — זאגען זיי — איז די געלד ארויסגעווארפען אזוי ווי אין בלאטע, זיי האבען ניט געקענט און וועלען ניט קענען, נור אזוי ווי האלטען זיי אין דער היים א גאנצען טאג, קען מען דאך פון זיי קראפירען, מוזען זיי האבען א שטיקעל עובדא, אבי מען זאל זיי אין די אויגען ניט אנקוקען, כאטש א פאאר שטונדען א טאג.

זעלבסטפערשטענדליך, אז קיין תורה דארפען זיי ניט, קיין חכמה ווילען זיי ניט, קיין דרך ארץ פערלאנגען זיי ניט, און דאס איינציגע וואס זיי פאדערן איז, אז די תכשיטים זייערע זאלען מיט זייערע מחילות כבודכם

זיצען אויף מיין ביינקעל, קען מען קיין סך געלד דערפאר ניט בעטען — און זיי ווילען טאקע ניט געבען, לסוף אבער לאָזט זיך אויס, אז ניט אויף מיין ביינקעל זיצען זיי, נור ביי מיר אין הארצען, טיעף אין הארצען זיצען זיי און מען דארף פון זיי מיט בלוט שפייען.

די זעלבע מאמעס וואָס האָבען פריהער, דאכט זיך, גאָר ניט פערלאנגט, קומען נאָכדעם אלע טאָג מיט טענות, מיט מסירות, אז זייערע בנים קענען גאָר ניט, ווייסען גאָר ניט, בעהייוועז זיך ניט גוט און פייטען זיך מיט זייערע שוועסטער. כל התורה כולה ווילען זיי איך זאָל זיי אויסלערנען אויף איין פוס און דערצו נאָך מאכען זיי פאר אנשטענדיגע מענשען.

היינט די בנים אליין. קאטערזשאנצעס זיינען זיי, ניט קינדער! רעגעלע מלאכי חבלה זיינען זיי. מען קען דען פון זיי אויסהאַלטען? אבער דאָס איז שוין א שטענדיג אָנשיקעניס אויף אונז מלמדים. מיר זיינען שוין געוואָהנט אז מען זאָל אונז נעהמען די געדערים, אז מען זאָל פון אונז פאר א טאָפּ לינזען, אָדער פיליכט פאר וואַסער אויף לינזען, וועלען צונעהמען דעם לעבען מיט דער נשמה, כי לכך נוצרנו, דארויף זיינען מישטיינס געזאָגט אונגליקליכע מלמדים בעשאַפען געוואָרען. דאָס ערגסטע איז, וואָס מיר זיינען מיט׳ן טאָפּ לינזען אויך ניט זיכער. ניט בעצאָהלען שכר לימוד, בייטען אלע מאָנטאג און דאָנערשטאג מיט די מלמדים ווי, להבדיל, א ציגיינער מיט פערד, איז דאָ א גאַנץ געוועהנליכע זאך, און מען קען דערצו גאָר ניט העלפען.

אָבער מילא ווי די זאך איז, אויב די תלמידים וואָס איך האָב וועלען ביי מיר פערבלייבען; אויב מען וועט מיר בעצאָהלען שכר לימוד אָדער ניט, דאָס וועל איך שפּעטער ווייסען, דערווייל כל זמן דער רעדעלע דרעהט זיך, דארף מען דרעהען.

איך האָב אייך שוין דערצעהלט, אז איין פענסטער פון דעם בייסמענט וואו איך וואָהן און האַלט מיין חדר, האָב איך פערדונגען צו א שוהמייקער, און א שטיקעל פּלאַץ אויטסייד האָב איך ארויסגעלאָזט צו א אידענע, אַן אלמנה פאר א גרינס סטענד און איך האָב געהאַט צושטייער אויף רענט. ווען קינדער האָבען אָנגעהויבען צו קומען אין מיין חדר, האָב איך בעשלאָסען צו מאכען מופען דעם שוהמייקער, ערשטענס, ווייל מיט זיין ווערשטאַט, טולם און אלטע שיך האָט ער מיר פערנומען א האַלבע הויז און איך האָב

פאר מיינע תלמידים קיין פלאץ נים געהאט; והשנית, ווייל שוסטעריי מיט מלמדות גראמט זיך ניט און עס איז ניט קיין גלייכע פּאָאר קליידער. ווען איך האָב איהם געזאָגט אז ער זאָל זיך זוכען אַן אנדער פּלאַץ, ווייל איך דאַרף די הויז האָבען פאר זיך, איז ער ברוגז געוואָרען. איך האָב שוין בדעה געהאט ניט צו פראווען מיט איהם געשעפטען און לאָזען איהם זיצען, האט זיך אבער געמאכט א צופאל, אז איך האָב איהם געמוזט ארויסזעצען.

פאראכטאָגען פרייטאג פארנאכט איז עס געווען. זיץ איך מיר אזוי מיט א אידען און מיר פערהאנדלען וועגען צונעהמען זיינע צוויי באָיטשיקלעך אין חדר און א דריטען באַי זיינען פאַרבעריייטען צו בר מצוה. קיינער אויסער מיר און דעם אידען זיינען דאמאלס אין הויז ניט געווען. ווען מיר האָבען זיך שוין כמעט פערגלייכט און דער עסק איז שוין שיער געווען געשלאָסען, לויפט אריין א אידינע און זאָגט זיך אָב פאַלגענדען פּזמון אויפ׳ן סאמע אויבער־קול׳כיל:

„איהר זיינט א לומפ, ווייטער גאָר ניט! מען האָט אייך געזאָגט, אז מען וועט אייך בעצאָהלען פיעל איהר וועט הייסען, אבי איהר זאָלט דעם דזשאב מאכען פאר היינט, ווייל דער באָי ווערט בר־מצוה און מען מוז איהם מאָרגען אויפרופען, לסוף וועט עס ביי אייך ארויסקומען אויף איבער־אַ־יאהר! איך זאָל זיך געווען ריכטען, אז אזוי וועט זיין, וואָלט איך געקראָגען אַן אנדערען, איהר זייט דאָך ניט קיין בן־יחיד אין אמעריקא, פאר געלד קריעגט מען!“

איך האָב די פרוי אָנגעקוקט און ניט פערשטאַנען וואָס זי רעדט און וואָס זי וויל. איך האָב זיך געוואָלט אָברופען א וואָרט, אבער זי האָט מיך ניט געלאָזט רעדען און ווייטער פאָרטגעזעצט:

„ניעדערטרעכטיגער יונג, וואָס איהר זיינט! וואָרט, מיין מאַן וועט קומען, וועט ער אייך אויספראסקען די מאָרדע! וואָס זאָל איך ערשט טהון! זאָל איך מיין זוהן׳ס בר־מצוה אָבלעגען צוליעב אייך? טפו זאָלט איהר ווערען, פערשטערט זאָל אייך אזוי ווערען אייערע שמחות ווי איהר האָט מיין שמחה פערשטערט.“

רעדענדיג דיזע ווערטער האָט די אידענע א שפּיי געטהאָן, א קלאפּ געטאָן מיט׳ן טהיר און פאַשאָל.

דער איד מיט די דריי תלמידים האָט געמאכט א זויערע מינע, א זאָג

געמאַן צו מיר: „אַזאַ מלמד זייט איהר? גוט וואָס איך האָב זיך דער־וואוסט, גוד באַי." און איידער איך האָב צייט געהאַט זיך בעטראַכטען, איז ער שוין געווען אויף יענער זייט טהיר.

ערשט שפּעטער האָב איך ערפאַהרען וואָס דאָ איז געווען. די אידענע וואָס האָט מיר אָבגעלייענט דעם פּזמון, האָט פאַר איהרען אַ באָיטשיק לכבוד זיין בר מצוה געקויפט אַ פּאָאַר נייע שיך. האָט ער מסתמא צופיעל געדזשאָמפּט אין זיי און די פּאָדעשוועס זיינען אָבגעפאַלען. נו, האָט מען די שיך אריינגעשיקט צו מיין שכן, דעם שוהמייקער, ער זאָל זיין פיקסען און מען האָט איהם אָנגעזאָגט, אַז דער דזשאָב מוז זיין פערטיג אויף שבת, ווייל זאָנסט וועט דער באָי ניט קענען געהן אין שוהל זיך אויפרופען. מיין שכן האָט דעם דזשאָב ניט געמאַכט, איז די מוטער אריין איהם איינצאָהלען אַ פּאַרציע, האָט זי הפנים מיך אָנגענומען פאַר'ן שוסטער און איך האָב געכאַפּט דעם חלק.

דער איד, ווידער, מיט די דריי תלמידים האָט ניט געוואוסט וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, אַקוראַט ווי איך האָב ניט געוואוסט. נאָך דער אידענעס רייד האָט איהם אויסגעוויזען אַז זי האָט צו מיר אַ טענה פאַר וואָס איך האָב קאַליע געמאַכט איהר בר־מצוה און דער עסק וואָס האָט געזאָלט געשלאָסען ווערען צווישען אונז ביידע איז בטל געוואָרען.

אַז עס קען זיין אַזוי, אַז אי ער מאַכט מיר ענג, אי ער ספּאָילט מיר ביזנעס, האָב איך פאַר קיין זאַך ניט געקעהרט און דעם שוהמייקער געמאַכט צו מופען, אַבוואָהל ער איז מיר שולדיג געבליעבען פאַר עטליכע וואָכען רענט און באָארד.

ער האָט עס אפילו זעהר ניט געוואָלט און מיך געסטראַשעט, אַז ער וועט זעהן אריינזעצען אין דעם בלאָק נאָך אַ מלמד, אבער ווער האָט פאַר איהם מורא? אַ מאַנספּערזאָן קען אַזוי שאַדען אַ מלמד, אַקוראַט ווי די הינגע רעוואָלוציאָנערע פּעראיינען קענען שאַדען דעם רוסישען קיסר. ניט די מענער מישען זיך דאָ אין מלמדות, ניט זיי פּערזאָרגען זייערע קינדער מיט מלמדים, ניט זיי קעהרען דערפאַר, ניט עס ליעגט זיי אין דער לינקער פּאָה און ניט זייער מיינונג וועגען די אידישע ערציהער פון זייערע קינדער, צי צו גוטען צי צו שלעכטען קען עפּעס ווירקען.

זעהט איהר, איך וואָלט חשק געהאַט צו מאַכען מופען מיין סטענד־

ליידי אויך; אבער מיט איהר האָב איך מורא צו טשעפּען זיך, ווייל זי קען מירט אקע א רעה טהון. מלמדות ליעגט דאָ אין ווייבערשע הענד. זיי זיינען די מבין'טעם אויף'ן לערנען, אויף די קענטנים פון מלמד, אויף זיינע מעטאָדעס, אויף זיין פרומקייט, אויף זיין עהרליכקייט און אויף אלעם. זיינט איהר נושא חן ביי אייערע בעלי הבית'טעם אָדער אפילו ביי סתם ווייבער, זיינט איהר „א טהייערער רבי"; רייסט איהר מיט זיי איין קענען זיי אייך מאכען פאַר אוים „רבי". אָט אזוי איז איינגעפיהרט אין אַמעריקא.

---

## 42.

## א יאָזדע קיין קוני איילענד.

טוביה חייקעל מיט זיין אידענע נעהמען זיך אן חשק און פאָהרען בעזוכען דעם פרעהליכען אינזעל. זיי פאָהרען און פאָהרען און קומען ענדליך צום דילענסי סטריט בריק, ניו יאָרק. — טוביה חייקעל צוברעכט א ביין. — דעם צידה לדרך געמאַכט צו מופען דורכ'ן פענסטער, און אנדערע פורעניות.

---

כ"א תמוז, תרס"ח.

נו, בין איך שוין אין קוני איילענד אויך געפאָהרען, שוין דיזע עבודה זרה אויך געפּרובט דיענען, און זאָגט נים, אז איך בין א גרינער.

שוין פון לאנג אָן האָט מיר די אידענע מיינע געדרעהט א קאָפּ, אז איך זאָל מיט איהר פאָהרען אין קוני איילענד; אבער עס איז ב"ה נים געלעגען אין זינען, האָב איהר אלץ אָבגעלעגט אויף מאָרגען, שפּעטער, ביז ענדליך האָט זי דאָך אויסגעפיהרט.

אז א אידענע שפּארט זיך איין אין עפּעס א זאַך, מוז זי אויספיהרען. א נארר האָט עס די ווייבער א נאָמען געגעבען „דער שוואכער געשלעכט". איך זאָג אייך, אז זיי זיינען גבורים, שטארקער פון לייבען זיינען זיי. זיי קענען בעקעמפּפען די שטארקסטע מענער, און די גרעסטע העלדען זיינען געגען זיי שוואך ווי פליעגען. דאכט זיך פיזיש איז זי א שוואכע בריאה'לע, די אידענע, שטענדיג רק זי קוואקעט: דאָ טהוט איהר וועה די ציינער, דאָ האָט זי א העד אייק, דאָ נודעט איהר אָרום הארצען, דאָ ברעכען איהר די

פּיס, און פון דעסטוועגן דרעהט זי אייך אוים ווי אַ נאַסע אַניצע און איהר קענט געגען איהר ניט ביישטעהן.

איז דער סאַמע חשק צו קוני איילענד אָנגעקומען צו מיין אַלטע לעצטען דאָנערשטאַג, אום שבעה עשר בתמוז. זי איז שוין אַביסעל אַמעריקאַניזירט די אידענע מיינע און קעהרט ניט זעהר פיעל פאַר די „דריי וואָכען". האָט זי מיר אָנגעהויבען, ווי זי זאָגט, מן המצר'ן: „טוביה חייקעל, אויף היינט שטעהט די וועלט, היינט מוזען מיר פאָהרען אין קוני איילענד. מיט וואָס בין איך עס ערגער פון גאַר דער וועלט? וועלכע ווייבעל איז עס ניט געווען אין קוני איילענד? (די אַלטע מיינע רופט זיך אַליין ווייבעל) און אַז פאָהרען איז היינט די בעסטע צייט. אין אַ תענית איז גוט צו פערליפּטערן די אויגען, וועט ניט זיין אַזוי שווער צו פאַסטען."

הייב איך אָן מיט איהר טענה'ן, אַז עס פאַנגט זיך שוין אָן די „דריי וואָכען", די טרויער־טעג און מען טאָר זיך קיין פערגניגענס ניט אָנטהון. זאָגט זי, אַז עס איז שוין גענוג חורבן וואָס זי האָט מיך פאַר אַ מאַן, אַז האָבענדיג אַזאַ דאַליע איז ביי איהר שטענדיג טרויער־טעג, און געה מאַך מיט איהר!

אין אמת זאָגענדיג האָב איך אַליין אויך חשק געהאַט צו זעהען די בעריהמטע קוני איילענד. איך בין נאָך ניט קיין זקן און דער יצר הרע איז נאָך ביי מיר ניט אָבגעשטאָרבען. איך בין זיך אויך מודה ומתודה, אַז ניט די „דריי וואָכען" איז מיר געשטאַנען אין וועג. ערשטענס בין איך גאָר ניט אַזוי פרום, והשנית האָב איך פאָראויס געוואוסט אַז פאָהרען מיט דער אידענע אין אַזאַ וועג איז ניט קיין גרויסער פּלעזשור און מען מעג עס אפילו אום סאַמע תשעה באב; אבער אָבגעהאַלטען האָט מיך די פינסטערע פּרנסה מיינע — די מלמדות.

אַ מלמד איז אַ פערקויפטע נשמה. פערקויפט צו זיינע בעלי הבתים און סתם אַזוי צו גוטע און פרומע לייט. אויף איהם טאָר זיך דער מינדעסטער פלעק פון דער קלענסטער עבירה ניט געפינען, און נאָך מעהר קונץ: עלטערן, וואָס האַלטען ניט פון אידישקייט, וואָס שפּאָטען און לאַכען פון אַלע אידישע דינים און מנהגים, פערלאַנגען פון זייער קינדער'ס „רבי", אַז ער זאָל זיין פרום כאַטש ווי משה רבינו. דער טאַטע אַרבייט אום שבת, רויכערט פּאַפּיראָסען אום שבת, שפּיעלט צו כל נדרי אין פּאָוקער און טהוט כל דבר

אסור פאר זיינע קינדער'ס אויגען; די מאבע קאכט אום שבת, וואשט וועש אום שבת און מאכט חוזק פון איהרע שכנות וואס בענשען ליכט, און זייער באיטשיק'ס „רבי" טאר אום שבת די נאז־טיכעל ניט טראגען, דארף פער־שטאפען די אויערען, ווען א קאטערינקע שפיעלט אין די טרויער־טעג!

רבונו של עולם, איך קען עס ניט פערשטעהן! ממה נפשך, ווילט איהר אז אייערע קינדער זאלען זיין פרומע אידען, דארפט איהר דאך עס פריהער אליין זיין; אלא קעהרט איהר ניט דערפאר, און איהר גיט אייערע קינדער אין חדר בלויז אזוי זיך פון יוצא ווענען, היינט וואָרום זיינט איהר אזוי מדקדק מיט'ן מלמד? וואָרום פערלאנגט איהר פון איהם, אז ער זאל זיין פרומער פון גאר דער וועלט?

אבער פערפאלען, אזוי איז עס! א מלמד מוז זיין כולו טהור און עס טאר זיך אויף איהם קיין שפרינקעלע ניט געפינען, זאנסט איז ער אין געפאהר מיט זיין פרנסה. אט צוליעב דעם האב איך זיך געוואלט אויס־דרעהען ניט צו פאהערן אין קוני איילענד אום שבעה עשר בתמוז, אוים מורא אז מען זאל זיך דערפון ניט דערוויסען און איך זאל ניט פערפאסטען מיט מיין קנעלונג. אבער אז די אידענע האט דוקא געוואלט, איז דאך קיין תירוץ ניט.

הכלל האט מען זיך אנגעהויבען קלייבען צו דער רייזע. ביי א מאנסביל, ווייסט איהר דאך, איז קורצע צערעמאניעס. א מאנסביל איז שטענדיג מוכן ומזומן, ער דארף ניט מאכען קיין ברייטע הכנות, ער טהוט אן א קאלנער מיט א טאי און שוין. וויל ער מאכען דעם עסק אביסעל מעהר ספארטיש, שווארצט ער אב די שיך, דאס אלעס. מיט די ווייבער אבער איז עטוואס אנדערש, ביי זיי געהט עס ניט צו אזוי שנעל און זייערע וויבארעס צו פאהרען ערגעץ געדויערן אפט מעהר ווי א גאנצע נסיעה הין און צוריק. איך האב מורא אז ווען משיח וועט קומען אונז נעהמען קיין ארץ ישראל, וועלען די ווייבער פערלענגערן דעם גלות, ווייל מען וועט מוזען לאנג ווארטען ביז זיי וועלען זיך אויסקלייבען.

מילא האט זיך די אלטע מיינע אנגעהויבען ישוב'ן וואס פאר א קלייד און וואס פאר א ווייסט זי זאל אנטהון. זי האט עס אויף זיך אליין ניט געוואלט שטעלען און איז געגאנגען אן עצה האלטען זיך מיט דער נעקסט־דארינער. נאכדעם האט זיך אויפגעהויבען א פראגע אויב מען דארף פאהרען

מיט אַדער אָהן אַ העמ. וועגען דעם איז געוואָרען אַ גאַנצע דיסקוסיאָן און עס האָט געדויערט אַ היבשע צייט ביז מען האָט די שאלה גע'פסק'ענט. אחרי ככלות הכל האָבען אויסגעפעהלט פינס און מען האָט געדאַרפט געהן קויפען, דער פעדער פון דער העמ איז געוואָען אָן אַ זייט און מען האָט עס געמוזט פיקסען. בינו לבינו ביז זי איז פערטיג געוואָרען, איז שוין געוועז שפּעטלעך.

זאָג איך צו מיין אידענע: „ווייסטו וואָס? עס איז היינט אַ תענית, ביז מיר וועלען קומען צוריק וועט שוין אפשר זיין האַלבע נאַכט, אָט לאָמיר מיטנעהמען אַ שטיקעל ברויט מיט זויערע אוגערקעס, וועלען מיר דאָרט ערגעץ אָנבייסען. די עצה איז איהר געפעלען און איך האָב איינגעפּאַקט דעם אָנבייסען אין אַ פּאַפּיער און מיר געהען שוין.

די קאַר אין וועלכע מיר זיינען געפאָהרען איז געווען געפּאַקט, און איך און מיין אַלטע האָבען קוים געקראָגען אַ סטראַפּ אָנצוהאַלטען זיך. ניט אכטענד דאַרויף וואָס זי, מיין אַלטע האַלט זיך פאַר אַ ווייבעל, האָבען איהר הפנים די דזשענטעללייט וואָס זיינען געזעסען אין קאַר אָנגענומען פאַר אַן עלטערע פרוי, און קיינער האָט איהר זיין פּלאַץ ניט אָבגעטראָטען. ווען מיר זיינען אָבגעפאָהרען אַ שטיק וועג, כאַפּט זיך אַרויס אַ לײדי, וואָס איז נעבען מיר געשטאַנען, מיט קולות און הויבט מיך אָן צו זידלען און צו שילטען. וואָס איז? זי האָט זיך צוגעדריקט צו מיין פּעקעלע מיט די נאַסע אוגערקעס און פערפלעקט איהר נייע דרעס. די לײדי האָט פון כעס אַרויסגעכאַפּט דעם פּעקעדזש פון מיין האַנד און עס אַרויסגעשמיסען דורכ'ן פענסטער און, קאַפּוט מיט'ן אָנבייסען.

זאָג איך צו מיין אידענע: „אַ כפּרה, קוני אײלענד איז דאָך ניט קיין וואַלד. מיר וועלען קומען אַהין, וועלען מיר קריגען עטוואָס צו איבעררייבען די צייהן.‟ זי איז אפילו אביסעל ברוגז'לעך געווען; אבער פערפּאַלען.

מיר פאָהרען אָב נאָך אַ שטיקעל וועג, ערשט איך זעה מיין אַלטע קרימט זיך עפּעס. וואָס איז דיר? — טהו איך איהר אַ פרעג — אודאי שוואַך פון תענית. טוביה חייקעלע — זאָגט זי — עס שטעכט, געוואַלד, עס שטעכט, ראַטעווע, האָב רחמנות, איך האַלט ניט אויס, איך חלש.

אָט האָסטו זיך אַן עסק! — קלער איך ביי זיך — און טהו איהר אַ פרעג: וואו שטעכט, וואָס שטעכט? אוי, — זאָגט זי — האַרצעלע,

קרוינעלע, עס שטעכט אזוי ווי מיט שפיזען, עס שניידט אזוי ווי מיט מעסערס, א ביינדעל ערגעץ אין זייט צובראָכען, אוי, אוי, אוי, איך וועל עס ניט איבערלעבען! געוואלד עס שטעכט, טוביה חייקעלע עס שטעכט.

א ביינדעל אין זייט צובראָכען, — טראַכט איך — גאָר א קלייניגקייט! עס קען זיין אימיצער האָט איהר מיט עפּעס א שטורך געטהאָן אין זייט און קאַליטשעט. אָבער וואָס טהוט מען? ארונטערגעהן מיט איהר און פיהרען זי צו א דאָקטאָר? ווער ווייסט אין דער פרעמד וואו צו זוכען א דאָקטאָר?

און די אַלטע מיינע דרעהט זיך ווי א שלאַנג. מיט איין וואָרט: עס שטעכט אין זייט אונטער׳ן פּאַכווע און זי איז אויס מענש. נעהם איך זיך פּאַרקען ביי איהר אונטער׳ן אָרם, אפשר וועל איך אָנטאַפּען וואָס דאָרט איז אזעלכעס, שיסען אַלע אוים מיט א געלעכטער און עס ווערט א פּאַטשעריי, אז מען האָט געקענט פערהילכט ווערען. זיי האָבען הפּנים געמיינט, אז ווייס איך וואָס... האָט מיר קיין פּאַראיבעל ניט, אַז איך שטיה עס מיט מיין אַלטע און איך וויל איהר מאַכען צום לאַכען. זאָל זיי, רבונו של עולם, אזוי ליעגען אין זינען ווייס איך וואָס, ווי מיר איז דאַמאַלס געלעגען אין זינען אַזעלכע נאַרישקייטען.

קורץ דערפון, איך האָב זיך קוים דערוואוסט, אז א ביינדעל אָדער א שטיקעל שטאָהל פון קאָרסעט שטעכט איהר. איך האָב עס דורכ׳ן ווייסט ארויסגעשלעפּט און די שטעכענים איז איבערגעגאַנגען.

מען פאָהרט און מען פאָהרט ביז גאָט האָט געהאָלפען דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגעשריען: אָלל אוט, טשענדזש קאַר!" עס איז שוין געווען נאַכט און מיך האָט שטאַרק געצויגען אונטער׳ן ארבע כנפות. מיין אידענע איז אויך קוים איינגעשטאַנען אויף די פים פון הונגער — א קלייניגקייט איז עס, אַזאַ טאָג א יאָהר אָבגעפאַסט? אבער מיר האָבען זיך געטרייסט דערמיט וואָס מיר וועלען שוין באַלד קומען אין קוני אײַלענד און דאָרט וועלען מיר מסתמא געפינען א כשר׳ן פּלאַץ און קענען עפּעס נעהמען אין מויל אריין. מעשה שטן זיינען אבער אַלע פאַרבייגעהענדע קאַרס געווען אזוי גפּאַקט, אז עס איז אונמעגליך געווען ארויפצושפּאַרען זיך.

א היבשע צייט האָבען מיר געוואַרט, ביז ענדליך האָבען מיר זיך דאָך ארויפגעשפּאַרט אויף א קאַר און מען פאָהרט שוין ווייטער.

מען פאָהרט און מען פאָהרט פאַרביי פעלדער און וועלדער און אויף

דאָס ניי אין סטריטען מיט הויכע פּראָפּערטים איןביידע זייטען און קיין קוני איילענד זעהט מען נאָך אַלץ ניט! גליקליכערווייזע האָבען זיך אָבגעליידיגט אַ פּאָאר פּלעצער און איך מיט מיין אַלטע האָבען זיך צוגעזעצט, זאָנסט וואָלטען מיר אפשר גע'חלש'ט, אזוי הונגעריג און שוואך זיינען מיר געווען.

מיר האָבען איינגעדרעמעלט. איך כאַפּ זיך אויף, ערשט מיר פאָהרען אויף אַ בריק, דאכט זיך דערזעלבער בריק מיט וועלכען מיר זיינען ארויס־געפאָהרען פון ניו יאָרק, און די זאך איז מיר באלד קשה געוואָרען. מיר זיינען אריינגעפאָהרען אין אַ טונעל און אַ ווײלע שפּעטער האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגעשריען: „אַלל אוט!" מיר זיינען ארויפגעגאַנגען אין דער הויך, ערשט מיר זיינען אין דילענסי סטריט! מיר האָבען זיך קוים דער־שלעפּט אהיים און די אידענע האָט מיר געגעבען אַ אָנבייסען, וואָס איך וועל האָבען צו געדענקען.

איך פערשטעה ערשט ווי די זאך איז געשעהן. דאָרט וואו מיר האָבען געדאַרפט טשענדזשען די קאר האָב איך זיך טועה געווען און אנשטאט צו נעהמען אַ קאר וואָס לויפט נאָך קוני איילענד, האָב איך גענומען אַ קאר וואָס לויפט צוריק נאָך ניו יאָרק. בינו לבינו האָב איך אי הונגער געליטען, אי צרות געהאט, אי קללות פון דער ווייב פערנומען און די בעריהמטע קוני איילענד דאָך ניט געזעהן.

---

.43

## צדקה תציל ממות ביזנעס.

פון טוביה חייקעל'ס חדר מתוקן אָדער חיברו סקול לאָזט זיך אויס אַ פוסטער ווינדמיהל און ער נעהמט זיך צו אַ טויטע פּרנסה. — ער טרעפט אָן אויף אַן איירישען בר־מנן און קריעגט צובראָכען די ביינער. — אַ פּאָפּולערע ביזנעס אין ניו יאָרק, אבער טוביה חייקלען גילט עס ניט.

---

כ"ח תמוז, תרס"ח.

מיין חדר האָט אָנגעהויבען ביסלעכוויים צוקריכען, צוגעהן אזוי ווי אייז־קרים אויפ'ן זונן. אייניגע תלמידים מיינע האָבען צומופט; אייניגע זיינען מיט זייערע מאַמעס אוועקגעפאָהרען אין קאָונטרי; אַנדערע זיינען

אוועק פעדלען מיט פייפערס אָדער מיט קענדי; מאַנכע האָבען גלאַט אזוי זיך פערלאָרען דעם אַפּעטיט צום לערנען, און מאנכע האָבען אנדערע מלמדים ביי מיר אויסגעכאַפּט. בינו לבינו האָב איך איינגעזעהן, אז סוף כל סוף וועל איך פערבלייבען ביים בייטש, ביי דער טייטעל הייסט עס, און איך האָב אָנגעהויבען זוכען א נייע פרנסה.

און יגעת מצאת, אז מען זוכט געפינט מען. האָב איך מיר אויסגע־זוכט א פרנסה וואָס וואָלט אייך קיינמאָל ניט איינגעפאַלען. עס איז אפילו א טויטע ביזנעס, אַן אמת טויטע, פון דעסטוועגען, אז גאָט העלפט קען מען דערביי מאכען א לעבען.

אויב איהר ווילט וועל איך אייך זאָגען, אז ציהען חיונה פון מתים איז אַלעם איינס ווי ציהען חיונה פון מלמדות — וואָס מאכט עס אויס? והמתים אינם יודעים מאומה, טויטע ווייסען גאָר ניט, און די תלמידים מיט וועלכע איהר קנעלט ווייסען אויך גאָר ניט, ניט יענע קענען א שייטעל עברי און ניט די קענען.

אָבער לאָמיר נעהן צו דער זאַך.

די פרנסה וואָס איך האָב אויסגעפונען איז ניט מיינע אַן איינענע ער־פינדונג. קיין פּעטענט דארויף האָב איך ניט. דאָס איז, ווי איך פערשטעה, א שטילע ביזנעס וואָס געהט אָן אין אמעריקא משנים קדמניות און איך האָב דערפון צופעליג ערפאהרען. דאָס איז א געשעפט אין וועלכען איהר דאַרפט ניט אריינלעגען קיין געלד און איינגעהמען נעהמט איהר איין, און טאַקע קעש, אויפ'ן ערגסטען פאַל זיינט איהר מיט'ן קרן שטענדיג זיכער. איהר זיינט אויך אונאבהענגיג, קיינער איז איבער אייך קיין בעל הבית ניט, קיינער זאָגט אייך קיין דעה ניט, איהר זיינט סאם סאַפּאָזשניק, ווי מען זאָגט, און פיעל גאָט שיקט אייך צו איז אייערס.

אַלזאָ, ווי זאָל איך אייך אָנרופען די דאָזיגע ביזנעס וואָס איך זאָג? איך וועל עס אָנרופען: „טיק טאק, בריזג בראזג, צדקה תציל ממות ביזנעס", ד"ה: געהן מיט א בלעבענע פושקע צו לויות, שרייען „צדקה תציל ממות" און זאמלען סענטען.

איך רוף עס „ביזנעס", ווייל בימינו זיינען פאראַן א סך טויטע פרנסות וואָס מען רופט ביזנעס; אָבער דאָס וועל איך צוגעבען, אז טרייסלען א

בלעכענע טאַרבעטשקע און קלייבען סענטען איז ניט מעשה סוחר, נור פון פרנסה וועגען טהוט מען ערגערע זאַכען ווי דאָס אויך.

אצינד וועל איך אייך דערצעהלען ווי דער דאָזיגער עסק געהט אָן. פאר קאָנקורענץ האָב איך קיין מורא ניט, ווייל עניוועי, בין איך שוין פון די ביזנעס ארויסגעצאָגגען און עס קען מיר גאָר ניט שאדען.

ביי א לויה, ווי איהר ווייסט אַלע, איז איינגעפיהרט, אז מען געהט מיט א צדקה פושקע און מען זאמעלט סענטען צו משחד זיין דעם מלאך המות. צדקה תציל ממות, צדקה פערהיט פון טויט, און ווען מען זעהט דעם טויט פאר די אויגען, דאַן איז ער זעהר סטראַשנע, זעהר שרעקליך און יעדער איי־נער וויל זיך פון איהם אויסקויפען. זאָגאר אויף די ניט גרויסע מאמינים פאלט דאמאָלס אָן א מורא און זיי וואַרפען זייערע סענטען אין סייף פון אריכת ימים — אַזוי רוף איך די צדקה פושקע — פיעלייכט וועלען זיי דער־מיט דעם מלאך המות פערשטעכען די הענד.

ווער די דאָזיגע מענשען רעטער וואָס קלייבען די נדבות זיינען, און אויף וואָס פאר א צדקה זאך דאָס געלד געהט, פרעגט קיינער ניט. וועמעס עסק איז עס? אידען זיינען מאמינים בני מאמינים, און כשם אזוי ווי מען גלויבט, אז מיט׳ן סענט קען מען פערשטאָפּען דעם מלאך המות דעם האלדז, אזוי גלויבט מען, אז די מאספים זיינען אנשים מהוגנים און זיי וועלען זעהן אז די געזאמעלטע סענטען זאָלען געהן פאר א וויכטיגע צדקה.

פאראַן חברות און סאָסייעטיס, וואָס ביי א טויטעם צופאל פון זייערען א ברודער אָדער א שוועסטער שיקען זיי זייערע אייגענע מענשען מיט דער צדקה תציל ממות פושקע. פאר די סענטען וואָס מען קלייבט אויף זיינען זיך מאנכע נוהג צו מאכען ברכה אום צו מתקן זיין די נשמה פון טויטען, און אנדער גיבען עס אוועק אויף אנדערע וויכטיגע צוועקען. אָבער דאָס אארט מיך ניט. די הויפּט זאך וואָס איך וויל אייך ערקלערען איז, אז זאָגאר די חברות וואָס האָבען זייערע אייגענע מאספים, קענען אויך ניט שטערען א פערמדען צו געהן מיט א פושקע און ראטעווען אידישע נשמות. קיינע ליי־סענס דארף מען דארויף ניט האָבען און יעדען איינעם איז עס ערלויבט.

אזוי הייסט עס, האָב איך אויסגעפונען און איך האָב איינגעזעהן, אז אָבגעבענדיג זיך צו דיזען טויטען עסק, קען מען מאכען א לעבען. ניו יאָרק איז א גרויסע שטאָדט מיט א סך איינוואָהנער און א סך מתים, אָהן עין

הרע (די איינוואָהנער מיין איך) און ווען מען קעטשט אַ פּאָאר לויה׳לעך און מען לאָזט ארונטער די אויסלייז געלד פאר די נשמות צו זיך אין קעשענע, קען מען שטענדיג אויסמאַכען דעם טאָג ווײדזשעס. אַי, וואָס וועט איהר זאָ־גען, דאָס הייסט געשנאָרט? נו, זאָל זיין געשנאָרט, אבי ניט גע׳גנב׳עט.

איהר ווייסט, רבותי, וואָס איך וועל אייך זאָגען? אז עס זיינען פאראַן ביי אידען פּרנסות, אמת׳ע, כשר׳ע פּרנסות וואָס ווערען בעטראַכט אַלס שנאָרעריי. אָט נעהמט, למשל, אַ קאָסטאָמער פּעדלער: ער ברענגט אייך סחורה אין הויז, איהר נעהמט איהם ארוים די קישקעס מיט די גדערים ביז איהר קויפט ביי איהם עפּעס, נו, בעהאַנדעלט איהר איהם ווי אַ סוחר? צאָהלט איהר איהם אָרענטליך אין דער צייט? אנערקענט איהר, אז ער האָט אייך אַ טובה געטהאָן, וואָס ער האָט אייך די סחורה וואָס איהר האָט נויטיג געהאַט, געגעבען אויף באָרג? אַ נעכטיגער טאָג! ביי אייך הייסט עס נאָכ־דעם, אז איהר האָט איהם געגעבען אַ שאָו, אז איהר שענקט איהם עפּעס אַ נדבה, און עס איז פאר אייך רעכט ער זאָל קריכען די שטיעגען צו אייך אומזיסט און אומנישט.

ווען ער קומט אייך מאָהנען אַ חוב, ווערט איהר נאָך אָפט בייז וואָס ער באַדערט אייך און קריכט אריין מיט זיינע פיס אין אייער פראָנט־רום. איך זאָג ניט אז אַלע זיינען אזוי; אָבער דאָס וועט איהר אליין מודה זיין, אז עס זיינען פאראַן אַ סך וואָס בעטראַכטען דעם פּעדלער פאר אַ בזוי, פאַר אַ שנאָרער, כאָטש אין אמת׳ען איז ער אַ איד אַ סוחר. עס זיינען פאראַן נאָך אזעלכע ריינע און שעהנע פּרנסות ביי אידען וואָס ווערען אָנגענומען אַלס בזוי׳דינגע; אָבער איך וויל ניט אריינגעהן אין הויכע דרכים און אויס־רעכענען זיי אַלע.

הכלל, האָב איך מיר געקויפט אַ בלעכענע טאָרבעטשקע און אָנגעהויבען טרייען ביזנעס.

קודם כל האָב איך געזוכט אין ציטונגען פּיעלייכט זיינען אדווערטייזט לויות; טאָמער האָב איך אזאַ אנאָנסע געפונען, בין איך געווען אין פּלאַץ צו דער צייט, ווען ניט, בין איך אזוי אומגעגאַנגען אין די סטריטען און וואו איך האָב געזעהן אַ טוידטען־וואָגען מיט קערידזשעס, האָב איך אָנגעהויבען בראַזגען מיט מיין פושקע און עס האָט זיך אַ ביסעל געלייזט. דיזען כלל זאָלט איהר האָבען: קעטשט איהר נור אַ לויה׳לע, זיינען אַ פּאָאר בלאָק ארום

אייערע און די גאַנצע וועג וואָס די לויה ציהט זיך איז אויך אייערע, און כולי האי פאַלען אריין א ביסעל סענטען.

נאָכדעם האָב איך געהאַט אַ פּאָאר טעג סלעק, האָב איך זיך מישב געווען אונטערגעהן א ביסל אפּטאון אין די נאָמערירטע סטריטען, פיעלייכט וועל איך דאָרט עפּעס טרעפען. איך בין געקומען אין אַ סטריט, איך געדענק ניט אין וועלכע, ערשט איך זעה שטעהענדיג אַ טויטען־וואַגען מיט אַ סך קעַ־רידזשעס און אַ גרויסער עולם איז געשטאַנען אויפ'ן סיידוואָק. קלעהר איך ביי זיך דאָ איז מסתמא א רייכע לויה און מען וועט קענען מאַכען אַ פּאָאר סענט. איך האָב זיך צוגעקוקט צום עולם און איך האָב בעמערקט, אַז זייערע צורות זיינען עפּעס צו רויט, אַז דער צלם אלקים איז אויף זיי ניט שטאַרק קענטיג; אָבער אמעריקא איז עס, מען קען דאָ עפּעס דערקע־נען? מען קען דאָ עפּעס אונטערשיידען פון גוים צו אידען?

קלעהר איך מיר דאָס זיינען מסתמא דייטשע יאהודים און ביי די חברה קען מען ערשט עפּעס מאַכען. וואָס זיי זיינען, די דייטשוקעס, זיינען זיי; אָבער פון צדקה געבען זאָגען זיי זיך ניט אָב. איך האָב געדענקט, אַז דאָ וועלען פאַלען ניקעלס, ניט פּענים און איך וועל האָבען אַ גוטען טאָג.

האָב איך מיר אָנגעהויבען טרייסלען מיין פּושקעלע און צוזינגען מיט אַ טרויעריגען ניגון: „צדאקא טאַציל מימאָוועס" (איך האָב געוואָלט נאָכטהאָן די דייטשען און ריידען מיט'ן פּתח), געהט צו איינער פון די אבלים צו מיר און טהוט מיר אפרעג: „ווהאַט דו יו וואָנט היר?"

„ווהאַ איי וואָנט?" — ענטפער איך — „צדקה תציל ממות" (אויך מיט פּתח'ן). וואַרפט עפּעס אריין, פעטערשי." האָט דער אבל אויסגע־גלאָצט אויף מיר אַ פּאָאר אויגען, און איך בין אָן אויפגעציטערטער געוואָרען.

דערווייל האָט זיך ארום מיר ארומגעקליבען אַ גאַנצער רעדעל און אי־מיצער האָט מיר פון הינטען דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין קאַפּעליוש. דער קלאַפּ איז געווען אַ היבשער און ער איז דורכגעגאַנגען פון קאַפּעליוש אין קאָפּ.

איך האָב געפיהלט, אַז דער קלאַפּ איז עפּעס ניט קיין אידישער. עס האָט געשמעקט מיט והדים ידי עשו און איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקען. איך האָב איינגעזעהן, אַז איך קען דאָ בל יבען אַ קדוש און אפילו צדקה וועט אויך ניט העלפען, און איך האָב זיך אָנגעהויבען אוועקרוקען הינטער

זיך. האָב איך זיך אָבער אנגעשטויסען אָן עטליכע קולאָקעס. האָב איך גע־נומען לויפען פאַראויס, האָב איך אויך בעגעגענט בוכטשעס און סטוסאָקעס אין קאָפּ, אין הארצען און אין אלע גליעדער.

הכלל שלעכט. וואָס טהוט טוביה חייקעל? הקול קול יעקב — האָב איך אָנגעהויבען שרייען געוואלד. אָבער איך שריי און זיי קלאַפּען, און נאָך אלעמען זאָגען זיי, אז זיי וועלען רופען א פאָליסמאַן און מיך לאָזען ארעטירען.

איהר קענט זיך פאָרשטעלען ווי מיר איז בשעת מעשה געוועהן אוים׳ן הארצען, אָבער וואָס האָב איך געקענט העלפען?

קורץ דערפון. עפּעס ווי דורך א נס האָב איך זיך פון זייערע הענד ארויסגעדרעהט. די פּושקע מיט די ביסעל טשענדזש וואָס איך האָב אהין אריינגעוואָרפען איז ביי זיי געבליבען, מיין קאַפּעליוש האָב איך אויפגעהויבען פון דער ערד א צובראָכענעם אויף פּיטץ פּיטצלאָך. איך אליין בין געוועהן צוקלאַפּט אזוי ווי א פּוילער עפּעל און איך בין קוים א לעבעדיגער אהיים געקומען.

נעהענדיג אהיים האָב איך ערפאהרען, אז די לויה יענע איז גאָר געוועהן פון א רייכען איירישמאַן. אז עס קען זיין אזוי, האָב איך א נדר געטהאָן איך זאָל דעם עסק אויפגעבען און בעסער זוכען אַן אנדער בעשעפטיגונג.

---

## .44

## די רייזע אויף׳ן הייליגען אָרט.

טוביה חייקעל מיט זיין ווייב פאָהרען תשעה באב אויפ׳ן בית עולם און פערפאָהרען גראָדע ניט אין קיין אומעטיגען פלאַץ. — א מעשה מיט קנאָבעל פאַר טויטע און קנאָבעל־וואורשט פאַר לעבעדיגע. — זוכען קברים און קענען ניט געפינען. — א שניפּישאָקער טערק..

---

י״ג אב, תרס״ח.

נאָך מיין שלים־מזל׳דיגע רייזע אין קוני איילאַנד — איהר געדענקט דאָך מכתמא די מעשה, אז איך בין מיט מיין אַלטע אהין אויסגעפאָהרען. מיר האָבען זיך גפּלאָנטש, פערשווארצט געוואָרען אויפ׳ן פּוד, לסוף זיינען מיר ניט געקומען קיין קוני איילאַנד, נור מיר זיינען פערפאָהרען צוריק אין

דילענטי סטרים. — איז נאָך יענער סיבה איז מיין אַלטע אויף מיר ברוגז געוואָרן.

מיך האָט עס ווייניג געקימערט, ווייל אין תוך גענומען איז אָפּט בדיעבד בעסער, אז די ווייב איז ברוגז. א חכם האָט א מאָל געזאָגט, אז א ווייבערשער רוגז קאָסט ביליגער ווי איהר שלום, און דאָס איז טאַקי אמת. ווען די אידענע אייערע איז מיט אייך ניט שוה בשוה, דרעהט זי אייך ניט דעם קאָפּ. זי מאָהנט פון אייך גאָר ניט און לאָזט אייך צורוה. קוים אָבער איז זי מיט אייך א נאָהענטע מחותנת'טע, איז שטענדיג נור פּאַדראוואַי.

אָבער מאַן און ווייב קענען ניט זיין שטענדיג ברוגז. עס קומען צייטען וואָס מען מוז זיך איבערבעטען. און כך הוא. מיין אַלטע איז מיט מיר שלום געוואָרען און מיר ווידער אָנגעהויבען האָקען אין קאָפּעליוש איך זאָל מיט איהר אויספאָהרען.

איינמאָל מאַכט זי צו מיר: טוביה חייקעל, אז אין קוני איילאַנד זייען מיר ניט געווען, זאָלסטו מיר כאָטש פיהרען תשעה באב אויפ'ן בית־עלמין. זאָג איך צו איהר: „אויפ'ן בית עלמין זאָל איך דיר פיהרען? אָה, עני טיים, מיט'ן גרעסטען „פּלעזשור" — אין אַן אנדער צייט וואָלט איך פאַר אזאַ וואָרט געכאַפּט א גוטע פּאַרציע, נאָר אין א גוט לעבען געהט אַלעס אוועק אין אַן המצאה. קורץ דערפון, איך האָב איהר צוגעזאָגט, און זייט דאַמאָלס האָבען מיר וועגען דעם עטליכע מאָל איבערגערעדט.

ערב תשעה באב נאַכט ביי די מילכיגע לאָקשען, האָט עס די אַלטע מיינע פּאָטווערדיעוועט און עס איז ביי אונז געבליבען בעשטימט, אז מאָר־גען באַלד נאָך קינות זאָלען מיר פאָהרען.

די ווייבאָרעס צו פאָהרען אויפ'ן „הייליגען אָרט" זיינען ניט געווען אזעלכע ווי דאַמאָלס צו פאָהרען אין קוני איילאַנד. ערשטענס איז דאָך עס געווען תשעה באב ווען מען טאָר זיך ניט סטרויען; והשנית, פאַר וועמען האָט מען זיך געדאַרפט סטראָיען, פאַר די מתים? קיין עסענוואַרג האָבען מיר אויך ניט מיטגענומען, ווייל איך האָב דאָך געוואוסט, אז איך וועל מוזען קומען אהיים צו מנחה און דאַווענען אין טלית און תפילין ווי דער דין איז. הכלל, זיינען מיר ווי מיר שטעהען און געהען אוועק צום קאַר.

די קאַר איז דיזען מאָל אויך געווען געפּאַקט. עס זיינען געפאָהרען מענער, פרויען, מיידלעך, בחורים און קינדער. דאָס ריב פון ייי האָבען מיט־

געפיהרט גאנצע קלומיקלאך מיט עסענוואַרג אזוי ווי צו אַ פּיקניק. איך און מיין אידענע האָבען גראדע פערכאפּט סיטס און אנדערע זיינען געהאַנגען אויף די סטרעפּס. פאַהרענדיג איז געוועזען פרעהליך. יונגע לייטלאַך האָבען געזונגען, זיך געוויצעלט, ניט אזוי ווי אויפ׳ן ניכטערען הארצען, אָבער וועמען אַארט עס?

נעקסט צו מיין אידענע איז געזעסען אַ פרוי, וועלכע האָט געהאַלטען נעבען זיך אַ פול־פערפּאַקטען בעסקעט, פון וועלכען עס האָט זיך געהערט אַ ריח פון קנאָבעל. ווי מיין אידענע האָט עס דערשמעקט, מאכט זי צו מיר: „טוביה חייקעל, סיינע ראבים (בעוונותינו הרבים) פערגעסען מיטנעהמען קנאָבעל. ווי קומט מען אויפ׳ן הייליגען אָרט מיט לעדיגע הענד? תשעה באב איז אַ מצוה צו ווארפען קנאָבעל אויף די קברים, כדי די טויטע זאָלען וויסען, אז אונז איז ביטער און אריינוואַרפען דאָרט אַ גוט וואָרט פאר אונז“. זאָג איך „מילא, עס איז דאָך שוין אַ זאַך וואָס פערפאַלען. אָט בעט די פרוי וואָס זיצט נעבען דיר, וועט זי דיר שענקען אַ שטיקעל קנאָבעל.“

פרעגט מיין אַלטע ביי איהר שכנ׳טע: „איהר פאָהרט אויך, מיסעס, אויפ׳ן הייליגען אָרט?“

„שור“ — ענטפערט יענע — „ווער פאָהרט עס היינט ניט?“

רופט זיך אָב מיינע: „פון אייער קאָשיקעל שמעקט קנאָבעל, קענט איהר מיר אפשר מנדב זיין אַ שטיקעל?“ טהוט יענע אַ פרעג: „קנאָבעל־וואורשט מיינט איהר?“ ענטפערט מיינע: „וואָס מאכט עס אויס, אבי קנאָבעל“. נעהמט זיך די פרוי פאָרקען ארום איהר קאָשיק און רעדט ווייטער:

„איך האָב אפילו ניט קיין איבעריגע. מיר פאָהרען אַ גאַנצע געזינ־דעל אָהן עין הרע. מען וועט דאָרט דאַרפען געבען אַלעמען צו שטיקלאַך און איך ווייס ניט אויב עס וועט כטייען, נור אז אַ אידענע פערשמעקט אַ זאַך, טאָר מען איהר ניט אָבזאָגען. מסתמא אין די „קליינע מאָנאטען“, ווי די מאָדע איז... זאָל אייך גאָט הלעפען און איהר זאָלט איבערקומען אין אַ מזל׳דיגער שעה. איך וועל אייך זאָגען, מיסיס לעבען, אז אין אַמעריקא לוינט זיך דער גאַנצער עסק ניט. דאָ קומט אָן זעהר שווער צו האָדעווען קינדער, נור אז סע מאכט זיך, איז פערפאַלען.“

מיין אַלטע האָט איהר אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט פרעגען: וואָס רעדט די

אידענע? איך האָב יאָ פערשטאַנען וואָס זי מיינט און מיך האָט גע־וואונדערט, ווי קומט עס וואָס איך וויים גאָר ניט און זי וויים?

ווערענד די פרוי האָט גערעדט, האָט זי ארויסגעשלעפּט פון איהר קלור־מיקעל א צושניטענעם פּאַמפּערניקעל, א בעג מיט טאָמייטאָס, נאָך א בעג מיט זויערע אוגערקעס, א באָנטש רעטאָך און עטליכע הערינג איינגעוויקעלט אין א צייטונג. נאָכדעם האָט זי פון אן אנדער בעג ארויסגענומען א שטיקעל ווארשט און עס דערלאַנגט מיין אידענע.

„נאָט" — האָט זי געזאָגט — „דאָס איז אמת'ע קנאָבעל ווארשט, איי־גענע געמאַכטע. עסט אייך געזונדערהייד און זאָל אייך וואויל בעקומען. דערפאַר וועט איהר מיך איה"ש בעטען אויפ'ן ברית."

מיין אַלטע איז אַן אויפגעציטערטע געוואָרען. „גאָט איז מיט אייך, דער לעבעדיגער איז מיט אייך" — האָט זי אָנגעהויבען שרייען — „סטייטש תשעה באב קאָלבאַסעס, און אפשר נאָך טרפה אויך! איך האָב אייך געבעּ־טען א שטיקעל קנאָבעל צו ווארפען אויף די קברים, גהעט איהר און גיט מיר א קאָלבאַסע! טפו זאָלט איהר ווערען, תשעה באב פּאָהרט איהר אויפ'ן בית־עלמין מאַכען סעודות?"

אַלע האָבען אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער און א יונגער מאַן האָט זיך אָבגערופען: „אַמעריקאַנער מתים גלייבען ניט קיין קנאָבעל."

די פרוי יענע האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג אפשר א האַלבע שטונדע נאָכאַנאַנד. נאָכדעם רופט זי זיך אָב צו מיין אידענע: „איך האָב, מיסעסיל, געמאַכט אַ מיסטייק. איך האָב געמיינט אפשר האָט איהר שווערע פּאַסטעפּקעס און עס האָט זיך אייך פערשמעקט א שטיקעל קנאָבעל ווארשט."

מיין אידענע האָט דריי מאָל אויסגעשפּיגען, געמאַכט אַן אונצופריעדע־נע מינע און א וואָרט ניט געענטפערט.

הכלל, פאָהרען מיר שוין ווייטער אָהן קנאָבעל. דורך די פענסטער פון קאַר האָט אריינגעבלאָזען א קיהלער ווינטעל און שוואַך זיינען מיר גע־ווען פון תענית, האָב איך און מיין אַלטע איינגעדרעמעלט. פּלוצלונג טהוט מיר מיין אידענע א טורזע מיט'ן עלענבויגען און זאָגט „טוביה חייקעל, שטעה אויף, מען זאָגט, אז מען דאַרף שוין באַלד אראָבגעהן. איך כאַפּ זיך אויף, ערשט ניטאָ שוין די פרוי מיט'ן קאָשיק, ניטאָ שוין אַלע פּאַסאַ־

זשירען וואָס זיינען מיט אונז געפאָהרען, בלויז איינינגע פון זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט. ווערט מיר די זאַך קשה, אבער איך שוויינ.

„דו זעהסט" — זאָגט צו מיר מיין אַלטע, אָנצייגענדיג מיט'ן פינגער — „טהו נור אַ קוק, טוביה חייקעל, ס'אַרא מצבות אויפ'ן היגען בית־עלמין, אַזוי הויך ווי, להבדיל אלף הבדלות, דער שפיץ קלויסטער." איך טהו אַ קוק, ערשט עפּעס טאַקע מאָדנע, משונה'דיגע טהורעמס און איך ווער עפּעס אַזוי ווי צומישט. איך ווייס איך בין אַ מאָל געווען אויפ'ן בית־עלמין ביי אַ לויה פון מיינעם אַ חברה־ברודער און איך האָב אַזעלכע מצבות ניט געזעהן. אָבער איך האָב זיך געטרייסט דערמיט, אפשר איז דאָרט אַן אנדער בית־עלמין.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט זיך די קאַר אָבגעשטעלט און דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגעשריען: „אָלל אוט".

מיר זיינען אראָב פון קאַר און זיך געלאָזט געהן. אָבער מיר האָבען דאָרט ניט געפונען ניט קיין מצבות, ניט קיין קברים. עס האָט דאָרט גע־שווינדעלט און געגריבעלט. מיר האָבען דאָרט געזעהן מאָדנע ברואים, סטראַש־נע פערשטעלטע ניסען און פון תשעה באב, פון חורבן איז דאָרט קיין זכר ניט געווען. מיר האָבען געהערט כלי זמר שפּיעלען, מען האָט געשריען, געליאַ־רעמט, אז מען האָט געקענט פערטויבט ווערען.

די אַלטע מיינע איז געווען אין איין שרעק. זי האָט זיך געהאַלטען אָן מיין פּאָלע און געציטערט ווי אַ פיש אין וואַסער.

אין מיטען האָבען מיר דערזעהן ווי בחורים מיט מיידלאַך פאַלען ארונ־טער עפּעס אין אַזאַ וועגעלע פון אַ גאַנץ הויכען בארג און זיי קוויטשען מיט ווילדע קולות. מאַכט מיין אַלטע צו מיר: „וואוהין האָסטו מיך פערשלעפּט? ניט אַנדערש מיר זיינען אויף יענער וועלט און דאָס ווארפט מען געווים די רשעים אין קאַפּע קאָל (כף הקלע)". און איך האָב איהר ניט צו פערדענ־קען וואָס זי האָט אַזוי געמיינט. איך, וואָס איך בין אַ מאַנסביל, האָב אויך ניט געוואוסט אויף וואָס'ער וועלט איך בין.

געהן ווייטער האָב איך מורא געהאַט און מיר זיינען געבליבען שטעהן צושראָקענע. דערווייל האָב איך דערזעהען אַ אידען געהענדיג. געה איך צו איהם צו און טהו איהם אַ פרעג שטילערהייד (ריידען[הויך האָב איך ניט גע־

קענט צוליעב די שרעק און צוליעב דעם תענית): „קענט איהר מיר, מיס־טער, ניט זאָגען, וואו איז דאָ ערגעץ א הייליגער אָרט?"

„וואס?" — כאַפּט זיך ארויס דער איד — „הייליגע ערטער זיינט איהר אהער געקומען זוכען, א איד מיט א באָרד און נאָך אום תשעה באב! חרפה, בושה האָט איהר געדאַרפט האָבען."

אזוי האָט דער איד אָבגעזאָגט, האָט א שפּיי געטהאָן און איז אוועק־געאַנגען.

קלעהר איך ביי זיך, מסתמא האָט ער מיך ניט פערשטאַנען. טרעף איך אָן אַן אַנדער אידען און טהו איהם א פרעג: „קענט איהר מיר, פעטער, ניט זאָגען וואו דאָ איז ערגעץ א בית־עלמין?" שווייגט ער, דער איד. זאָג איך איהם איבער נאָך א מאָל: „דער בית־עלמין, וואו עס ליגען טויטע."

„אָה", — זאָגט ער — „איהר מיינט מסתמא „העוועז ענד העל", וואו מען צייגט דעם גיהנום מיט'ן גן עדן. עט, ניטאָ וואָס צו זעהן, א פּייק, א בלאָף, ארויסגעוואָרפען די געלד."

בלייב איך שטעהן און איך וויים ניט וואס ער רעדט, אבער דער איד האָט ניט געוואַרט און ער האָט זיך שוין אָבגעטראָגען.

הכלל, שלעכט, וואָס טהוט מען? דערזעה איך עפּעס א מין פּורים־שפּיעלער, מיט א רויטע יארמולקע און מאָדנע בגדים, אָבער די צורה זאָגט עדות, אז ער איז מאחינו בני ישראל. זאָג איך, איך וועל אקאָרשט איהם א פרעג טהאָן. ער איז מסתמא א היגער און ער וועט מיר זאָגען די ריכטיג־קייט. געה איך צו און פרעג איהם אויף פּראָסט אידיש: „ווייסט איהר ניט וואו דאָ איז ערגעץ א בית הקברות?"

„איין בית הקברות איז דאָ פאַראַן?" — ענטפערט ער מיר — „פאַראַן דאָ גענוג קברים. מען האָט דאָ היינטיגען סיזאָן גענוג געלד בעגראָבען. שלעכטע צייטען, מען לייזט ניט, מען מאַכט ניט און מען ליגט אין דער ערד. ווילט איהר איך זאָל אייך זאָגען אייער פאָרטשון, אייער גורל? בלויז צעהן סענט. אמאָל פלעגט מען נעהמען א האַלבען דאָלער, א דאָלער און היינט, וואָס זאָל מען טהאָן?" דערווייל איז עפּעס צוגעקומען א ליידי. דער פּורים־שפּיעלער האָט זיך אָנגעהויבען קרימען, ווי א משוגענער און צו מיר האָט ער א מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד איך זאָל אוועקגעהן.

קוריץ דערפון. איך האָב זיך עפּעס ניט ווילענדיג מיט מיין אַלטע דער־

שלעפּט צו אַ קאַר. איך האָב געזעהן, אַז עס שטעהט אויף איהר אויפגע־שריעבען „ניו יאָרק" און מיר האָבען זיך געזעצט און געקומען אהיים.

לייט זאָגען מיר, אַז מיר האָבען פערשלאָפען און די קאַר האָט אונז פער־פיהרט אין קונג אײלאַנד. אויב אַזוי פערדריסט מיך שוין וואָס מיר האָבען דעם פּלאַץ ניט בעקוקט ריכטיג. אפשר איז טאַקע דאָרט פאַראַן וואָס צו זעהן.

---

## 45.

## ער נעהמט זיך ווידער צום קול.

טוביה חייקעל זוכט אַ חזנות־שטעלע אויף ימים הנוראים. ער גיט צוויי פּראָבעס און צו דער דריטער פערקריכט ער גאָר אין אַן אַנאַרכיסטישער קלויזעל. — ונתנה תוקף מיט אויפגעדרעהטע האַנטוכער. — בעשפּרעכט אַ ביסעל די לאַגע פון חזנים. — נעריצד'לעך וואָס בלייבען אויסען.

---

כ"א אב, תרס"ח.

שוועער, אידען, צו מלחמה האַלטען די מלחמת החיים, דעם לעבענס־קאַמפּף. וויפיעל וואָפען האָב איך שוין איבערגעניצט אין דער דאָזיגער מלחמה און איך בין זיעגרייך קיינמאָל ניט ארויס. וואָס האָב איך שוין ניט געטהאָן אום צו פערבעסערן און פערלייכטערן דאָס לעבען; אָבער קיין זאַך איז מיר געלונגען. דער שיקזאַל איז שטאַרקער פון אַלע וואָפען, און אַז עס איז קיין מזל ניטאָ, ווערט אַ ביקס פערוואַנדעלט אין אַ בעזים.

זייענדיג אַזוי אויף צרות, ניט פאַר אייך געדאַכט, האָב איך זיך גענומען צו דער אַלטער אידישער וואָפע — צום קול, מיינענדיג אַז דאָס וועט מיר עפּעס העלפען. איך האָב אייך נאָך פאַר־א־יאָהרען דערצעהלט, אַז גאָט האָט מיך געבענשט מיט אַ קול נגינה און איך קען דאַווענען אַ ימים נוראים'דיגען מוסף'ל, און אַזוי ווי ערשט איז דער סיזאָן וואָס מען זוכט חזנים און בעלי תפלה, האָב איך אויך גענומען זוכען אַ חזנות־שטעלע אויף די קומענדע ראש השנה און יום כפור.

און זוכען אַ חזנות־שטעלע איז אויך ניט אַזוי לייכט. והחזיקו שבע חזנים בעמוד אחד, אויף יעדען עמוד זיינען פאַראַן זיעבען בעלנים, וואָס ווילען איהם פערנעהמען, אַקוראַט ווי לאָיערלעך אויף יעדען קליענט אין די איסט סייד קאָורטס.

שבת נחמו, ווען דער חזנים־יריד עפֿענט זיך אַלע יאָהר און די עקזאַמי־נײשאַנס פֿאַנגען זיך אָן, עס הייסט, חזנים און בעלי תפילה הויבען אָן דאַוונען אויף פּראָבע, קומען יעדען שבת אין יעדע שול׳כעל און צו יעדער מנין צו עטליכע חזנים מיט אַמאָל און דער דאַוונען מוז צוטהיילט ווערען אויף עטליכע חלקים, אום יעדער איינער זאָל האָבען אַ שאַנס צו צייגען וואָס ער קען. זעלבסטפֿערשטענדליך, במקום וואו עס זיינען פֿאַראַן קאָנקורענטען דאַרף מען האָבען זכות אבות און אַ צד אין טיש, אום מען זאָל געפֿעלען ווערען.

מאַכט זיך אַמאָל, אַז איהר גרייט צו אַ קנאַקענדיגען „תכנת שבת׳ל“ אָדער אַ „נעריצך׳ל“ און איהר האָפֿט אַז מיט זיי וועט איהר נעהמען דעם עולם אויף זיכער, לסוף ווען איהר קומט אין שול טרעפֿט איהר נאָך אַ פּאָאַר חזנים וואָס זיינען אויך געקומען אויף פּראָבע, אויף אייער גורל פֿאַלט גאָר אוים צו דאַוונען שחרית און אייער קנאַקענדיגער „תכנת שבת׳ל“ אָדער „נעריצך׳ל“ בלייבט אויסען.

אבער דאָס איז נאָך קיין אונגליק ניט. איהר קענט נאָך האָפֿען, אַז איהר וועט אייער בעסטע סחורה אויך אויסברענגען, ווייל עניוויי זיינט איהר ניט יוצא מיט איין עקזאַמען, און מען הייסט אייך סאַי ווי סאַי קומען צו מנחה אָדער צום מיטינג און זאָגען עפּעס אַ שטיקעל. די צרה איז אבער, וואָס צו מנחה זיינט איהר אויך ניט קיין בן יחיד. איהר טרעפֿט זיך דאַמאָלס אויך מיט קאָנקורענטען און גראַדע אויף אייער מזל, האַקט איינער אַריין אַ „מי שברך׳ל“ אָדער אַ „שמע ישראל“ מיט אַ געדרעהטען וואָלעכ׳ל און אייך איז מען מכבד צו זאָגען אַ „וכל מאמינים׳ל“, זינגען אַ „ויאתיו׳לע“ אָדער אַן אַנדער ימים נוראים׳דיג שטיקעל און איהר בלייבט אַלץ אויס־געשטעלט מיט אייער קנאַקענדיגען „תכנת שבת׳ל“ אָדער „נעריצך׳ל“.

און אויב איהר פֿאַלט דורך, פֿערדריסט אייך די מעשה זעהר שטאַרק. עס דאַכט זיך אייך, אַז איהר האָט זיך געקוילעט דערמיט וואָס איהר האָט קיין געלעגענהייט צו צייגען עפּעס רעכטס, וואָס דער שטן האָט זיך אַריינ־געמישט און דער עולם האָט אייער בעסטען סעמפּעל ניט געהערט; אָבער פֿערפֿאַלען. איהר קענט זיך ניט העלפֿען.

היינט גלאַט אַזוי די ערנידערונגען וואָס מיר חזנים האָבען אויסצו־שטעהן פֿון די קאָמיטעטען, „מבינים“ און גלאַט דעה זאָגערס. יעדער איי־

נער קריטיקירט אונז, יעדער איינער גיט איבער אונז א מיינונג און ביז מען דערשלאָגט זיך צום עמוד, דאַרף מען דורכגעהן אלע שבע מדורי גיהנום.

פאַראַן חברה'לאך וואָס האָבען גאָר ניט בדעה צו דינגען א חזן אָדער א בעל תפלה אויף ימים נוראים, פון דעסטוועגען ווילען זיי אייך הייסען קומען אויף א פּראָבע. וואָס אַרט עס זיי, אז איהר רייסט די קעהל? עס קאָסט זיי עפּעס טהייער פון קראָם?

מיר ווייזט אוים, אז איך האָב שוין דיזען סיזאָן ארויסגעוואָרפען א פּאָר אזעלכע אומזיסטע דאַוונענס; אָבער פערפאַלען. געה כאַפּ עס צוריק.

אויף לעצטען שבת האָט מען מיך איינגעלאַדען איך זאָל ברייגגען מיין האַלז אויף א פּראָבע אין א שול, עס הייסט, צו א סאָסייעטי וואָס האָלט אָן א מקום להתפלל אויף א דריטען פלאָר אין א האָל. אין א ריכטיגע שול פון א קאָנגרעגיישאָן האָב איך נאָך, אין אמת זאָגענדיג, קיינמאָל קיין זכיה ניט געהאַט צו דאַוונען ביים עמוד אפילו אויף פּראָבע און איך ווייס ניט ווי דאָרט געהט עס צו. עס קען זיין, אז די דאָרטיגע חזנים ווערען בעסער בע־האַנדעלט און אפשר האָט א גרעסערער חזן גרעסערע צרות.

לעצטער שבת, אויב איהר ווייסט, איז געווען שבת מברכים. איך האָב זיך דאַרום צוגעגרייט מיט א שעהנעם „יהי רצון" צו ראש חודש בענשען, מיט א „יחדשהו'לע", אמת ניט מיינער אָן אייגענער, נור א גענאַשטער פון סלאָנימער חזן; אָבער וואָס מאַכט עס אימצען אוים? אבי גוט. איך בין געקומען אין שול, האָב איך דאָרט געטראָפען זעהר א קליינעם עולם און מעהר איז ניט צוגעקומען. עס האָט מיר גראַדע דאָס מאָל אָבגעגליקט און איך בין געווען דער איין און איינציגער וואָס איז געקומען געבען א סעמפּעל תפלה און איך האָב אָבגעדאַוועגט פון „שוכן עד" ביז נאָך „עלינו". עס איז מיר אויך געלונגען און דער גאַנצער דאַוונען איז אָבגעגאַנגען גלאַטיג, זיך אין ערגעץ ניט פערהאַקט, אין ערגעץ קיין מיסטייק געמאַכט און אלעס איז געווען אָל־רייט.

נאָכ'ן דאַוונען האָבען מיר א פּאָאַר פון דער עדה הקדושה געזאָגט „גוט שבת" און אָבגעגעבען א יישר כח. דיזע, האָב איך פערשטאַנען, זיינען די סאַמע בעלי הבתים, די „פּני" און איך האָב זיי געפרעגט, וואָס וועט זיין ווייטער. „קומט אריין צו מנחה" — האָבען זיי מיר געענטפערט — „וועלען מיר שמועסען."

פאר נאכט בין איך געקומען און דארט געטראפען בלויז איינינע מענ־שען, קוים א מנין. די זעלבע אידען וואס האבען מיר געהייסען קומען, האבען מיר ערקלערט, אז פון א שבת׳דיגען דאווענען איז א מאל קיין ראיה ניט. א איד קען אפט זיין א שעהנער בעל תפילה אויף שבת און אויף ימים נוראים זאל ער ניט טויגען, דאריבער זאל איך פאר אומגוט ניט נעהמען און זאגען עפעס א שטיקעל ימים נוראים׳דיגס. וואס זאל מען טהאן? איך בין דאך שוין ב״ה געוואהנט צו צרות, האב איך פאר זיי געזאגט א שטיקעל „אתה נגלת" און א „וכל מאמינים׳ל" און ווי עס שיינט, איז עס זיי געפעלען געווען.

ווען איך האב גע׳פטר׳ט דעם צווייטען עקזאמען, האב איך א פרעג גע־טהאן? „נו, וואס וועט זיין ווייטער?

„איך וועל אייך דערצעהלען" — האט מיר איינער געענטפערט — „אונ־זער סאסייעטי פערמעגט אהן עין הרע, קרוב צו 200 מעמבערס, באשר זיי קומען ניט שבת דאווענען אבער ימים נוראים וועלען זיי אלע זיין, דאריבער קענען מיר אויף אונז אליין ניט שטעלען צו דינגען א חזן אהן דער הסכמה פון אלע ברידער. לכן וועט איהר אזוי גוט זיין ארויפקומען ביי נאכט צום מיטינג, זאגען עפעס א שטיקעל פאר אלע ברידער און מען וועט די זאך פער־האנדלען."

איך בין דערויף אויך מרוצה געווארען און צוגעזאגט, אז איך וועל קומען.

ביי נאכט בין איך געקומען אין שול. איך האב געמעלדעט דעם שומר הפתח (אינערוואכע), אז איך בין געקומען געבען פראבע פאר די מיטגליע־דער.ער האט וועגען דעם געמעלדעט דעם פרעזידענט און א ביסעל שפעטער האט מען מיך אריינגערופען.

אין האל האב איך געטראפען א סך מענשען, איננערע און מיטעל־יעה־ריגע; אבער קיינע בעקאנטע פנים׳ער האב איך ניט בעמערקט. איך האב געדענקט, אז יענע לייטע, וועלכע האבען מיט מיר גערעדט און וועלכע איך האב געזעהן ביים דאווענען, זיינען פילייטכ ניט געקומען אדער זיי זיינען ערגעץ ארויסגעגאנגען.

ווען איך בין אריינגעקומען, האט דער פרעזידענט גערופען צו אָרדער און געבעטען דעם עולם, אז מען זאל זיך בערוהיגען, ווייל דער חזן וועט עפעס

זאָגען.

בעמערקט האָב איך, אז פיעלע זיינען עפּעס צו פרעהליך און האַלטען אין איין לאַכען. קלעהר איך ביי זיך: מען דארף זיי זאָגען עפּעס א גע־שמאַקע שטיקעל, וואָס זאָל זיי א ביסעל צוברעכען די הערצער און זאָלען זיי וויסען וואָס איך קען. איך האָב זיך אוועקגעשטעלט און אָנגעהויבען זאָגען „ונתנה תוקף".

און עס איז מיר געלונגען אויך. אין ערגעץ ניט געשטרויכעלט געוואָרען אפילו אויף א האָאר און די ענדע האָב איך אויסגעלאָזט מיט א לאַנג־געצוי־גענעם טאָן אויף דער העכסטער אָקטאַווע, טאַקע ווי א גרויסער חזן און איך האָב געפיהלט, אז איך האָב געמאַכט א גוטע שטיקעל ארבייט.

באַלד ווי איך האָב געענדיגט, איז געוואָרען א פּאַטשעריי און א קלאַ־פּעריי צוזאַמענגעמישט מיט קולות: הוריי! קעסלער! טעטרעזיני, קארוזאָ! פּראַגער! שאַליאַפּין! הוריי! בראַוואָ! בים!

איך האָב זיך ארומגעקוקט און געזעהן ווי אלע שטיקען זיך פון געלעכ־טער און איך האָב זיך אָנגעשטויסען, אז איך בין אריינגעפאַלען. איך האָב זיך געלאָזט געהן צום טהיר און א פּאָאר אויפגעדרעהטע האַנטוכער האָבען מיך נאָכגעיאָגט און מיר געטראָפען גלייך אין פּאַטילניצע.

ווען איך בין ארויסגעאַנגען האָב איך בעמערקט, אז איך בין גאָר ניט אויף דעם פּלאַאר וואו די שול איז וועלכע איך האָב געדאַוועט איז. אויפ'ן טהיר האָב איך געפונען א סיין מיט פאָלגענדען אויפשריפט:

„דער פרייער, פּראָגרעסיווער, אַנאַרכיסטישער עלעמענט פון לאַבודקאַ־ווער לאַנדסלייט מיטעט הייטע היער."

דערפון האָב איך זיך איבערצייגט, אז איך בין על פּי טעות ארויף אויף א פּלאָאר העכער און איך האָב אומזיסט און אומנישט ארויסגעוואָרפען אזא טהייערען „ונתנה תוקף" ניט אין ריכטיגען פּלאַץ.

א היבשע צייט בין איך געשטאַנען ביז איך בין צו זיך געקומען. ארונ־טערגעהענדיג א פּלאָאר נידעריגער איז מיר אָנגעקומען אנטקעגען איינער פון די בעלי הבתים, וואָס האָבען מיט מיר געדעט צו מנחה און ער מאַכט צו מיר אזוי:

„אָט ערשט געהט איהר? וואו זיינט איהר געווען פריהער? מען האָט

געוואָרט און געוואָרט אויף איך און אז איהר זיינט ניט געקומען, האָבען מיר געמאַכט אַ וואָרט מיט אַן אנדער חזן."

## 46.

## צוויי נייע דורכפעלע.

טוביה חייקעל ווערט שוין שיער אַ חזן אין אַ זומער־פּלאַץ, אבער ער בענאַרעשט זיך מיט אַ וואָרט און מען טרייבט איהם דורך. — אין אַ צווייטען פּלאַץ איז שוין אַלעס אַלל־ראַיט, כאַפּט ביי איהם אַן אַנאַרכיסט אויס די שטעלע און ער האָט נאָך תרפות ובזיונות.

כ"ז אב, תרס"ח.

איך האָב שוין טשוט, טשוט צוויי מאָל געקראָגען אַ חזנות שטעלע אויף ימים הנוראים. איך בין שוין אַזוי גוט ווי פערטיג געוואָרען מיט אַלעס; אָבער עס איז צו נישט געוואָרען. אין איין פּלאַץ האָב איך זיך אַליין קאַליע געמאַכט און אין צווייטען האָט קאַליע געמאַכט מיין פּאַראַכטאַנגעדיגע פּראָבע.

דאָס איז געווען אין מיטען וואָך, האָט מען מיך רעקאָמענדירט אַלס בעל מוסף ביי אַ פּריוואַט מנין אין אַ זומער פּלאַץ. קיין גרויס־עד עולם, האָט מען מיר געזאָגט, איז דאָרט ניטאָ; אָבער די ביסעל מענשען וואָס זיינען פּאַראַן זיינען נגידים, גבירים אדירים און מען קען פון זיי עפּעס דערלעבען.

פון דעם כלל האַלט איך שטענדיג, אז אַרום אַ פעטען טאָפּ איז גוט צו רייבען זיך. איך האָב געדענקט, אז ביי רייכע לייט און דערצו נאָך אידישע מענשען וואָס ווילען ימים נוראים דאַווענען בציבור, שפּיעלט אַ דאָלער קיין ראָלע ניט און קוים וועל איך ביי זיי אויסנעהמען, וועלען זיי מיך מסתמא ניט קריוודען און וועלען מיך גאַנץ שעהן בעפרידיגען.

אגב נאָך אַ זאַך: זיין אַ מליץ יושר, אַ בעטער פאַר רייכע איז געווים בעסער איידער מתפלל זיין פאַר אָרימע, ווייל רייכע האָבען זיכער אַ פּול, אַ צד אין דער פּמליא של מעלה — זאָנסט וואָלטען זיי דאָך ניט געווען רייך — און מען קען גיכער אויסבעטען פאַר זיי אַ גוט יאהר מיט געזונד, פּרנסה און אַלעס.

אַ שטיקעל חסרון האָב איך אפילו געפונען אין דער דאָזיגער שטעלע, וואָס די רייכע האָבען פיינד מען זאָל זיי לאַנג באַדערן און זיי ווילען מען זאָל

זיי מאכען דעם דאווגען בקיצור. עס איז אפילו נים שעהן צו זאָגען און מען דארף עס נים זאָגען; אָבער פון אמת קען איך נים אוועקגעהן און איך מוז אייך פערטרויען דעם סוד, אז אונזערע מענשען שפּארט אָפּט אָן דער חזנות געפיהל און עס ווילט זיך אונז ארויסברענגען אונזערע סחורה, אקוראט ווי א בהמה, להבדיל, מיט א פולען אייטער איז גערן זיך אָבצומעלקען; אָבער וואָס זאָל מען טהאָן? פון פרנסה וועגען מוזט איהר א מאָל דערשטיקען אייערע געפיהלען אין זיך. ווען עס שטעהט צו פערדיענען געלד, זיינט איהר נים ביי זיך אין די הענד און איהר מוזט מבטל זיין אייער ווילען צוליעב דעם ווילען פון אַנדערע.

הכלל איך בין צופריעדען געוועזען אַנצונעהמען די שטעלע; אָבער עפּעס איז אויף מיר געפאַלען א מורא. דאָס ליגט שוין אין נאַטור פון מענשען, אז פאר א נגיד שרעקט מען זיך. ווען איהר דארפט מאכען א שטיקעל אר־בייט פאר א רייכען כאַפּט איהר א ציטער. עס דאכט זיך אייך, אז איהם וועט נים געפעלען ווערען דאָס וואָס דעם אַלגעמיינעם עולם געפעלט. אגב זאָגט מען טאקע, אז עס זיינען פאראַן גבירים וואָס האָבען פיינד דעם סקאר־באָווען, אומעטיגען „הנני העני"... וואָס ווילען נים הערען דעם תחנונים׳דיי־גען „שמע קולנו"... און פערשטאָפּען די אויערען פון געוועהנליכען „יעלה תחנוננו"... פאר זיי דארף מען גאָר ארויסגעהן מיט אַנדערע נגונים, מיט אַנדערע מעלאָדיען, וואָס זייערע אויערען זאָלען קענען פערנעהמען. איך האָב דארום צוגעגרייט א פּאָאר עקסטרא געשמאַקע שטיקלאך, זיי גוט איינ־געשטודירט און איך בין אוועקגעפאָהרען אהין אויף פּראָבע.

די פּראָבע האָב איך געדארפט מאכען אין א האָטעל ביי די אנוועזענ־הייט פון דזשענטעללייט און ליידיעס. דערזעהענדיג דעם עולם פאר וועל־כען איך האָב זיך געדארפט שטעלען צום עקזאַמען, בין איך אויפגעציטערט געוואָרען; אָבער איך האָב זיך אָנגענומען מיט קוראזש, מיט עזות פנים און איך בין די פּראָבע דורכגעגאַנגען בשלום. ווי עס שיינט בין איך זיי געפע־לען געוועזען און איך וואָלט זיכער פערבליבען זייער בעל תפלה, ווען איך וואָלט זיך נים בענאַרישט און נים ארויסצייגען צופיעל עזות פנים.

נאָך דער פּראָבע האָט מען מיך אריינגענומען אין מיטען און מען האָט זיך אָנגעהויבען וויצלען, זאָגען גלייכווערטלאך און א ביסעל חוזק מאכען פון מיר, גלאַט אזוי זיך אין גוטען מוטה. נגידים האָבען דאָס רוב א נאַטור צו

חכמח'נען זיך ווען אַן אָרימער איז פאַראַן אין זייער מיטע און אריינוואַרפען איהם שטעכווערטלאך. זיי מיינען, אז א קבצן'ס לייב פיהלט ניט קיין שטאָך, אז די נשמה פון אַן אָרימאַן בעגרייפט ניט ווען מען טרעט אויף איהר אָן. איינער פון דער קאָמפּאַניע, דער סאַמע מאַכער פון מנין, האָט געוואָלט אויסברייטען אַן אַלטען וויטץ און ער האָט א פרעג געטהאָן:

„פאַר וואָס זאָגט די וועלט אז א חזן איז א נאַר?" ער האָט אַליין גע־פרעגט און אַליין געענטפערט: ווייל דאָס וואָרט „חזן" מאַכט: חזנים זיינען נאַראָנים. און אַלע האָבען אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.

מיך האָט די זאַך זעהר פערדראָסען און זייענדיג פול מיט עזות פנים פון דער פראָבע, האָב איך איהם אָבגעגעבען א קלאַפּ פאַר א קלאַפּ: „נעהמט זשע" — זאָג איך — „און קעהר איבער דעם וואָרט „חזן", וועט עס מאַכען: נגידים זיינען חזרים."

דער עולם איז געבליבען אַבהענדיג. מיין חוצפה'דיג ענטפער איז גע־ווען צו שאַרף פאַר זיי און זיי האָבען זיך געפונען בעליידיגט. מען האָט מיר אָנגעוויזען וואו די מזוזה איז און איך בין אוועק אבל וחפוי ראש.

איך בין געווען בייז אויף זיך אַליין און אויף'ן פּראָקליאַטען צונג, וואָס צוליעב איהם האָב איך א שטעלע פערלאָרען; אָבער פערפאַלען. איך האָב שוין צוריק ניט געקענט כאַפּען. פאַר דער אידענע האָב איך פון דרך שלום וועגען געזאָגט, אז איך האָב דאַרט ניט געקענט דורכקומען מיט'ן מקח און דאַווגען אין דער פרעמד און נאָך פאַר א קליינינקייט, לוינט זיך ניט. מיין אַלטע האָט דעם תירוץ אָנגענומען און געשענקט די נגידים עטליכע קללות דערפאַר וואָס אויף אַלע שוואַרץ יאָהרען, אויף אַלע נארישקייטען סטאַיעט זיי און אויף דינגען א רעכטען בעל תפלה, ווערען זיי קאַרג.

אַצינד וועל איך אייך דערצעהלען ווי אזוי מען האָט מיך אין אַן אנדער פלאַץ גע'פסול'ט פון בעל תפלה גאָר אונשולדיגערהייד. איהר געדענקט דאָך מסתמא, אז פאַראַכטאָגען שבת צונאַכט האָב איך דורך א טעות פערבלאָנ־דזשעט עפּעס אין אַן אַנאַרכיסטישע קלייזעל און איך האָב דאָרט געזאָגט אַן „ונתנה תוקף", הערט זשע וואָס היינטיגען שבת איז געווען.

אויף לעצטען שבת האָב איך געמאַכט אַן אַפּאָינטמענט מיט א חברה, אז איך וועל צו זיי קומען געבען א סעמפּעל. יענע חברה איז אַ שטרענג אָרטהאָדאָקסישע און איז זעהר א „פּריטיקלע", ניט אזוי אויף נגינה, ווי אויף

עהרליכקייט און פרומקייט. די גבאים האָבען מיר געזאָגט, אז עס איז פאר זיי רעכט ווייניגער זינגען, ווייניגער טראַראַרייקען זאָגען דער עיקר ווילען זיי, אז דער בעל תפלה זאָל זיין א איד מיט א ריינע, כשר'ע הארץ און אזוי ווי זיי האָבען געהערט, אז איך בין אַן עהרליכער איד, וועל איך זיכער זיין מרוצה לקהל און מען וועט זיך מיט מיר פיעל ניט דינגען.

איך האָב ביי זיי שבת געדאַוונט און אַלעס איז אַוועק כשורה. איך האָב נאָכ'ן דאַוונען געמאַכט א רייד מיט א פּאָאַר פון די סאמע בעלי הבתים און זיי האָבען מיר געזאָגט, אז אום זיי וועט קיין מניעה ניט זיין.

איך האָב אפילו פערשטאַנען, די ווערטער „אום אונז וועט קיין מניעה ניט זיין" בעדייטעט א טרעט אויפ'ן פוס, א מין אַנצוהערעניש, אז אויב אום זיי וועט יא זיין א מניעה, וועט ניט טויגען; אָבער מיר איז ניט איינגעפאַלען, אז זיי זאָלען מיינען צו פערדיענען דערביי קאָמישאָן און איך האָב זיי גאָר ניט געענטפערט.

ביי נאַכט בין איך געקומען צום מיטינג מושוה ווערען מיט'ן פרייז. יענע פּאָאַר מאַכערס האָבען זיך געדרעדט ארום מיר, אריינגעגאַנגען מיט מיר אין פערשיעדענע געשפּרעכען; זיי האָבען מיר דערצעהלט וואָס פאר א מאַכט זיי האָבען אין דער חברה, ווי קיין זאַך ווערט ניט געטהאָן אָהן זייער הסכמה, ווי זיי האָבען פאר־א־יאָהרען גענומען א חזן, כאָטש די גאַנצע חברה איז געווען דאַגעגען, און נאָך אַזעלכע מיני שמועסען. ווען מען האָט אָנ־געהויבען פערהאַנדלען וועגען מיר, איז איינער ארויסגעטרעטען און מאַכט אזוי:

„פּרעזידענט און ברידער!" דיזער מאַן איז ניט ראוי, אז ער זאָל ביי אונז דאַוונען, ווייל ער איז א טרייפניאַק, א גוי גמור, ער גלויבט ניט אין גאָט און טהוט כל דבר האסור. מיר קענען אייך איבערצייגען, אז ער געהט צו די מיטינגען פון דעם פרייען, פראָגרעסיווען, אַנאַרכיסטישען עלעמענט פון די לאַנדסלייט און אז אזא מענש זאָל שטעהן ביים עמוד איז א חילול השם."

אַן אויפגעציטערטער בין איך געוואָרען הערענדיג די דאָזיגע רייד. „איך האָב אָהין פערבלאָנדזשעט, דורך א טעות בין איך אָהין געקומען" — האָב איך זיך גענומען פערענטפערן, אָבער יענער האָט זיך אָבגערופען:

„מיר קענען אייך. מיר ווייסען אייערע חברה לייט. איהר פערבלאָנ־

דזשעט אָפּט נאָך כל נדרי אין אַ גוי׳אישען רעסטאָראַנט אויך. איהר פּער־בלאָנדזשעט אָפּט אין מאנכע על חטא׳ם און נאָכדעם פּערבלאָנדזשעט איהר צום עמוד.״

אַלע האָבען אויף מיר אָנגעהויבען קוקען מיט פעראכטונג און מען האָט מיר געהייסען געהן.

איך האָב נאכדעם ערפאהרען, אז אַ מיטגליעד פון יענער אנארכיסטי־שער סאָסייעטי האָט מיך פעררראטהען און ער אליין האָט דאָרט אָנגענומען די חזנות שטעלע. די פּאָאר הויפּט מאכערס פון דער שטרענג אָרטהאָדאָק־סישער חברה האָבען דערביי געמאכט אַ פּאָר דאָלער.

## 47.

## די שלים־מזל׳דיגע שמשות.

טוביה חייקעל קריעגט אַ שמשות שטעלע אין אַ שוהל, אבער עס פּאַסירט מיט איהם אַ זאָנדערבאָרע סיבה און ער פערליערט די לאַסקע ביי די בעלי־בתים. — אינטערעסאַנטע בריוועלעך פון די מעמבערס פון די קאָנ־גרעגיישאָן. — אַ צעטעל פון „מי שברך׳ס״ און „הזכרות״.

**ז׳ אלול, תרס״ח.**

איך בין געוואָרען אַ שמש אין אַ שול פון אַ דאון טאונער קאָנגרעגיישאָן.

וועלל, אַ שמשות־שטעלע איז ניט שלעכט. אפילו אין אַ קריזיס, אין שלעכטע צייטען, ווען ביי פיעלע טריידס איז סלעק און פיעלע פּרנסות ווערען אָבגעשניטען, פיהלט זיך עס ניט אין שמשות. דיזע פּרנסה שטעהט שטענדיג אויף איין מאָס, ווייל דעם עיקר הכנסה האָבען שמשים פון „אל מלא רחמים׳ס״ און „מי שברך׳ס״, זאכען וואָס געהען קיינמאָל ניט אויס.

מענשען ווערען קראַנק און שטאַרבען אין שלעכטע אזוי גוט ווי אין גוטע צייטען, און אפילו דער מלאך הממונה על ההריון — דער מלאך וואָס האָט צו זאָגען אויף שוואַנגערשאַפט טהוט אויך שטענדיג זיין שליחות און סודי סודי מאכט זיך אַ מי שברך׳ל פאר אַ יולדת און אַ שמש קריעגט דערפאר בעצאָהלט.

**אָבער אַלץ די אייגענע מעשה: מען דאַרף צו שמשות אויך מזל האָבען, ווען נים טויג עס אויף כפּרות.**

די שול אין וועלכע איך בין שמש געוואָרען איז מיר בעקאַנט. איך פלעג ־אַרט אָפט פריהער אויך דאַוונען. די קאָנגרעגיישען איז אַן אַלטע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען מיט יאָהרען צוריק. דאָס רוב מיטגליעדער פון דער קאָנגרעגיישאָן קומען כמעט קיינמאָל ניט דאַוונען. אייניגע האָבען ארויסגעמופט אפטאון און זיינען געוואָרען האַלבע דייטשען. מאַנכע האָבען געקויפט ריעל־עסטייט אין בראָנזוויל און זיי מוזען דאָרט וואָהנען און היטען זייערע הייזער, אז די ציעגען זאָלען קיינע שאַדענס ניט מאַכען. אַנדערע ווייעדער וואָס וואָהנען אפילו ניט ווייט, זיינען אָבער ביזי און האָבען קיין צייט צו קומען דאַוונען אפילו שבת.

אָבער אפילו די אַפטאַונער האַלבע דייטשען און די בראָנזווילער ריעל־עסטייט לייטע פערלאָזען אויך ניט אין גאַנצען זייער שול, און אַבוואָהל זיי קענען ניט אָדער ווילען ניט קומען כאַפּען א מפטיר'ל אָדער אַן עליה ביי זייערע אייגענע, לאָזען זיי זיך אָפט געפינען מיט זייערע נדבות אויפ'ן שול אונטער די אויגען.

האָט איינער יאָהרצייט, גיט ער צו וויסען דעם שמש, אז ער זאָל מאַכען א „מלא" און אָנצינדען א ליכט. ווערט אימיצער ביי זיי קראַנק, זאָגען זיי אָן, אז דער שמש זאָל מאַכען א „מי שברך" מיט א „בעבור שנדב". ווערט ביי איינעם געבאָרען א קינד, שרייבט ער צום שמש, אז ער זאָל מאַכען „מי שברך" דער יולדת — ווען א מיידעל, ווערט אָפט דער שמש בעאויפטראַגט צו געבען עס א נאָמען. זעלבסטפערשטענדליך פערלאַנגט מען עס ניט אומזיסט און אי די שול האָט דערפון עפּעס, אי דער שמש נאַרט זיך אויך ניט.

ווען איך האָב דעם דזשאָב איבערגענומען, האָב איך אָנגעהויבען בעקומען גאַנצע באַנטשעס פּאָסטאַל־קאַרדס און פערמאַכטע בריעף פון מעמבערס, וועלכע האָבען מיך געבעטען שבת צו מאַכען „מי שברך'ס" און „הזכרות", מאַנכע פון די בריעף זיינען געשריעבען אין אידיש פון די מעמבערס גופא און אַנדערע זיינען אין ענגליש, וואהרשיינליך האָבען עס זייערע קינדער געשריעבען.

איך וועל אייך אויף ציקאַוועס איבערגעבען א פּאָאר פון די דאָזיגע בריוולעך. איינער שרייבט, למשל, אזוי:

„מיסטער שאַטעס. מיר דאַכט, אז עס איז שוין דער חיידעש עלעל.

לאַחיין פערגעסט ניט פליהז שאַבעס מאַכען מיין מאַמען א מאַליי. מען האָט איהר גערופען יאַכנע סאַסע באַס רעב כאַיים בעריל. מאַכט שוין, איך בעט אייך, פאַר איין וועגס מיין שוויגער אויך. איהר נאָמען איז שפּרינצע באַס רעב יאַקעל באַרות. פון מיר מיסטער באַרנעט געלדזאַק."

אַן אַנדער בריוועלע אין ענגליש לעזט זיך אַזוי:

„דיר סאַיר. פליז גיוו איי ניים טו מאַי ניו באָרן טשאַילד. לעט בי האַר ניים ברײַנע גיטעל עפטער מאַי מאַדהער, אָר טריינע דוואָסיע עפטער מאַי מאַדהער אין לאָא. דאַנט פאַרגעט טו מייק מאַי וואַיף מי שברך. האַר דזשוּאיש ניים איז ציפּע יענטע, דאַדהער אָוו מיסטער געציל גרונם. דאַנייט אין מאַי ניים איי דאַלאַר פאַר דהי חברה ענד איי העף איי דאַלאַר פאַר יורסעלף. רעספּעקטפולי, דזשאָו פּאַסטערנאַק."

נאָך אַ פּאָסטאַל־קאַרד, צום ביישפּיעל, האָט פאָלגענדען אינהאַלט:

ר. שמש. היות אַזוי ווי מיין ווייב איז, לא עליכם, ניט מיט אלעמען, לכן זייט אַזוי גוט און מאַכט איהר שבת אַ „מי שברך". זייט מנדב פון מיינטוועגען אַ חצי דאָלאַר על החברה און עשרים וחמשה (דיטאָ 25 סענט פאַר אייך. איהר נאָמען וועט איהר געפינען פערשריעבען ביים אלטען שמש. ער פלעגט איהר אלע מאָל מאַכען מי שברך. ממני מנחם מענדעל פינטשיק."

אונגעפעהר אַזעלכע בריעף האָב איך ערהאַלטען אַ סך. געדענקען אַלעמען אויסענווענינ מיט די נעמען און ווער עס דאַרף גלאַט אַזוי זיך אַ „מלא", אָדער אַ „מלא" פאַר אַ יאָהרצייט; אַ „מי שברך" פאַר אַ חולה אָדער פאַר אַ יולדת, איז אונמעגליך. מען דאַרף דערצו האָבען אַ קאָפּ פון אַ מיניסטער. איך האָב דאַרום אָנגעהויבען פיהרען וועגען דעם אַ גאַנצע בוכהאַלטעריע און איך האָב אַלע מיינע קליענטען פערשריעבען אין אַ ביכעלע, „מלא'ס" בעזונדער, „מי שברך'ס" פאַר יולדת בעזונדער און פאַר חולאים ווידער בעזונדער.

פרייטאָג פאַרנאַכט האָב איך איבערגעקוקט מיין צעטעל און אויס־געפונען, אַז איך האָב פיער און צוואַנציג שטיק צו מאַכען „הזכרות" און „מי שברך'ס". איך האָב אויסגערעכענט, אַז אפילו שוין ניט זאָגען קיין סך, בלויז צו קוואָדער אַ שטיק, וועט עס אויך אויסמאַכען זעקס דאָלאַר. היינט זיינען דאָך פאַראַן אַזעלכע וואָס גיבען צו פופציג סענט און מעהר אויך, און וואו זיינען די, וואָס מען וועט אויפרופען צו דער תורה? מסתמא וועלען

זיי דאָך אויך עפּעס מנדב זיין „על השמש“. אויף דעם סמך האָב איך געהייסען מיין אידענע מאַכען אַ גוטען קוגעל. אַז עס פּערדיענט זיך, פּערגינט זיך, — האָב איך איהר געזאָגט — און אַז גאָט האָט געהאָלפען, לאָמיר עפּעס הנאה האָבען פון דער וועלט.

שבת ביים דאַווענען האָב איך געהייסען דעם גבאי ער זאָל מיר געבען אַן עליה און איך האָב אָבגעמאַכט אַלע „מי שברך'ס“, וואָס איך האָב געהאַט אויפ'ן צעטעל. צווישען די יולדות האָב איך געהאַט פּערשריעבען די פרוי פון מר. ציבולסקי, פון אַפּטאָון, דער רייכסטער מעמבער פון דער קאָנגרע־גיישען, וועלכע האָט לויט מיין צעטעל געבאָרען אַ אינגעל און איך האָב איהר געמאַכט אַ „מי שברך עם בנה הנולד למזל טוב“. דיזער צימבולסקי, האָב איך געהערט זאָגענדיג, האָט אַן אָפּענע האַנד און עס איז ביי איהם רעכט צו שענקען אַ שמש אַ פּאָאַר דאָלאַר מיט אַמאָל, בפרט נאָך פון אַ ברית, האָב איך גערענקט, וועל איך געוויס פון איהם כאַפּען אַ שעהנע מטבע.

נאָך „יקום פורקן“ האָב איך אָנגעהויבען טענדען די אָרדערס אויף „הזכרות“. אין מיטען די „הזכרות“ איז געקומען מר. פּופּקין, אַ רייכער מעמבער וואָס איך האָב געהאַט אויפ'ן צעטעל, אַז איך דאַרף מאַכען זיין ווייב אַ „מלא“. מיסטער פּופּקין האָט צו מיר אַ וואונק געטהאָן, גלייך ער זאָל פרעגען: האָט איהר שוין מיין דזשאָב געמאַכט? איך האָב אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ, ווי איינער רעדט: עס האַלט שוין באַלד ביי אייער ווייב.

אַ נגיד, — האָב איך מיר אַ טראַכט געטהאָן — קען נאָך אַ מאָל פּער־דריסען, וואָס איך לאָז איבער זיין ווייב אויף שפּעטער. איך האָב דארום אַ פּאָאַר פון מיין צעטעל איבערגעהיפּט און גענומען מאַכען אַ „הזכרה“ דער מיסעס פּופּקין. לכבודו האָב איך דיזע „הזכרה“ געמאַכט יום־טוב'דיג, הויך אויפ'ן קול און ערטערווייז אַ ביסעל צוגעדרעהט, כדי מיין בעל הבית זאָל צופריעדען זיין. אַ שמש, יו נאָו, מוז זיינע בעלי הבתים אונטער'חנפ'ענען.

די ווערטער: „את נשמת האשה הצנועה מרת חנה גנעסיע בת ר' חייקעל זלמן שהלכה לעולמה“ און ווייטער, האָבען איך געמאַכט אויף אַ חזנ'ישען שטייגער, און וועהרענד איך האָב גערדעהט אויף מיין העלזעל די ווערטער „בעבור שבעלה“, האָב איך געקוקט אויף מר. פּופּקין, ווי איינער רעדט: דאָס מיינט מען אייך. פּלוצלונג איז מר. פּופּקין געוואָרען רויט און

בלאס און זיינעביידע הענד זיינען געפאלען אויף מיינע באקען מיט אזא האסט, אז איך האב דערזעהן מיין באבע פון יענער וועלט.

„א מיתה משונה זאל אויף אייך קומען!" — האט ער געשריען — „אין לײלעכער וועט מען אייך פון דאנען אוועקטראגען, שטיק גלאמפ וואס איהר זיינט!"

איך בין געבליבען שטעהן ווי א צומישטער און אליין ניט געוואוסט פון וואנען דאס איז מיר געקומען. אין שול איז געווארען א גערודער און אלע זיינען צוגעלאפען צום באלעמער. וואס איז דא געווען? — האט אלע ערשטוינט געפרעגט — און מר. פופקין האט דערצעהלט:

„איך האב געוואוסט, אז איך וועל ניט קענען קומען צו לייענען אין שול, שיק איך איהם אריין א פאסטאל־קארד, אז מיין ווייב האט געהאט א אינגעל און ער זאל איהר מאכען א „מי שברך", געהט ער גאר און מאכט אן „הזכרת נשמות! ארויספליהען זאל פון אייך די טרפה'נע נשמה אייערע."

מר. פופקין האט מיר געוואלט שענקען נאך א מתנת יד; אבער מען האט איהם אבגעהאלטען. נאכ'ן דאוונען איז דער עולם אוועק צו מר. פופקין אויף קידוש און איך בין אוועק אהיים מיט א צובראכענע הארץ.

נעכטען האט מען מיר אבגעגעבען א גרוס, אז מיט מר. צימבולסקי'ס „מי שברך" בין איך אויך אריינגעפאלען. חברה ברידער זיינען געפאהרען אבגעבען „מזל טוב" דער אשה היולדת, לסוף איז זי גאר קיין יולדת ניט. זי איז גאר געפעהרליך קראנק און מר. צימבולסקי האט די ברידער געזאגט, אז ער האט מיר גאר געבעטען דורך א בריעף, אז איך זאל איהר מאכען א „מי שברך לחולה" בינו לבינו איז ער אויף מיר אש להבה און ביי אלע מעמבערס פון דער קאנגרעגיישען האב איך שוין אויך די לאסקע פערלארען.

איך פערשטעה ערשט, אז איך האב על פי טעות פערביטען די אדרעסס און ניט פערשר'יעבען אלעמען אויפ'ן ריכטיגען פלאץ און דערפון זיינען די צרות ארויסגעקומען.

## .48

## ער זוכט ווידער פרנסה.

**דער שלים־מזל'דיגער טוביה חייקעל פאָהרט ארום אויפ'ן סעמעטערי מאַכען „מלא'ס" פאַר די וואָס קומען אויף קבר אבות, אבער מען לאָזט איהם צו דיזע דזשאבס ניט צו. — ווי די פּראָפעסיאָנעלע „מלא" מאַכערס קעטשען קאָסטאָמער. — אַ „מלא" מאַכער אַ דאַטש און אַ שפּיצעל פון אַ באַנדע לויפערס.**

---

י"ד אלול, תרס"ח.

אז איך בין אַ שמש געוואָרען אין אַ שול, ווייסט איהר שוין, און אז איך בין ביים ערשטען אויפטריט אין די שמשות דורכגעפאַלען מיט אַ פּאָאר קלייניגקייטען און פערלאָרען די לאַסקע ביי די בעלי הבתים האָב איך אייך שוין אויך דערצעהלט. אצינד וועל איך אייך דערצעהלען אַ נייע מעשה.

מורא האָבענדיג, אז מיין שטעלע האַלט זיך, ווי מען זאָגט: אויף היהנערשע פיסלעך, האָב איך דערווייל אָנגעהויבען זוכען צו מאַכען אַ פּאָאר דאָלאר פון אַן אנדער זאַך, און אז מען זוכט געפינט מען.

איך האָב געהערט, אז ערשט אין אלול איז דער סיזאָן, ווען דער עולם געהט אויפ'ן הייליגען אָרט אויף קבר אבות, און אזוי ווי איך האָב אַ שטיקעל קול נגינה און ווען איך טהו אָן מיין סטאָוו־פייפ קוק איך אויס מעשה רעוורענד, האָב איך זיך מישב געווען, אז עס איז פאַר מיר אַ פּלאַן ארויס־צופאָהרען אויפ'ן סעמעטערי און זוכען צו פערדיענען אַ פּאָאר דאָלאר פון מאַכען „הזכרת נשמות".

דער עיקר ביזי אויפ'ן הייליגען אָרט איז זאָנטאָג. די אורזאַכע דערפון איז גאָר פּשוט, ווייל זאָנטאַג דאַרף מען דאָך סאַי ווי סאַי ערגעץ אויספאָהרען, פאָהרט מען אויס מיט דער גאַנצער פאַמיליע אויפ'ן סעמעטערי און מען גיט פאַר איין וועגס די פערשטאָרבענע עלטערן, קינדער אָדער קרובים אויך אַ שאָו.

לעצטען זאָנטאַג האָב איך זיך אויסגעסטראַיעט אין אַ ווייסען קאָלער מיט אַ שעהנעם נעקטאַי, אָנגעטהאָן מיין סטאָוופאַיפּ ווי עס פּאַסט פאַר אַ כלי־קודש'ניק און איך בין אָוועקגעפאָהרען אויף וואַשינגטאָן סעמעטערי.

די קאַר אין וועלכע איך בין געפאָהרען איז געווען געפּאַקט מיט פּאַסאַזשירען, מייסטענס פרויען. פון די געשפּרעכען וואָס זיי האָבען געהאַט

צווישען זיך האָב איך ערפאַהרען, אַז זיי פאַהרען אַלע אין דעם זעלבען וועג וואָס איך — אויפ'ן בית עלמין. מאַנכע אויף די קברים פון זייערע עלטערן; אַנדערע אויף די קברים פון זייערע קינדער, און אַלמנות — אויף די קברים פון זייערע מענער.

„אַט די אַלע — האָב איך געטראַכט ביי זיך — וועלען דאָך דאָרט אויפ'ן הייליגען אָרט דאַרפען מאַכען „מלא'ס", און ווען די אַלע „מלא'ס" זאָלען אַריינפאַלען צו מיר, וואָלט איך געמאַכט אַ טהייערען טאָג ווידזשעס; די פראַגע איז אָבער, ווי בעקומט מען זיי?

מאַכען בעשטעלונגען אין קאַר האָט מיר ניט געפּאַסט. דאָס איז עפּעס מעשה שנאָרער. איך האָב דאַרום זיצענדיג אַביסעל אונטערגעזוכט, כדי זיי זאָלען זיך אַליין אָנשטויסען ווער איך בין און עס זאָל מיר גרינגער זיין דאָרט אויפ'ן פּלאַץ צו פערכאַפּען זיי פאַר קאַסטאָמער.

קומענדיג אויפ'ן פּלאַץ, האָבען זיך ביים קאַר בעוויזען עטליכע אידען אין סטאָוו פּייפּס. קיין חתונה, פערשטעהט זיך, איז דאָרט געווים ניט, האָב איך זיך באַלד אָנגעשטויסען, אַז דאָס וועלען זיין מיינע קאָנקורענטען, און מיר איז זויער געוואָרען אויפ'ן האַרצען.

און מיין נבואה איז מקוים געוואָרען. באַלד ווי מיר זיינען אַרונטער פון קאַר, זיינען די דאָזיגע אידען מיט די הויכע קאַפּעליושען צוגעלאָפען און אָנגעהויבען שלעפּען די מענער פאַר די פּאָלעס און די ליידים פאַר די קליידער, אַקוראַט ווי די פּולער אין העסטער סטריט. און קולות האָבען זיך געהערט אַזוי ווי ערב שבת אויפ'ן פּיש מאַרק.

און געשריען האָבען זיי אויף פערשיעדענע לשונות: ליטווישע אידיש, פּוילישע אידיש, און גאַליציאַנער אידיש. היער זיינען אייניגע ביישפּיעלע:

— אַ האַזקורע (הזכרה) מיסים לעיבען? נאָך ועימען?

— איהר דאַרפט אַ „מלא", מאַדאַם? קומט, וועל איך אייך מאַכען.

— ער קען אַזוי מאַכען אַ „מלא" ווי מיין לינקע פּאַדעשווע.

— עטץ ברויכט אַ מולע (מלא)? קומען זיי נור מיט מיר.

— הערט איהם ניט. ער איז אַליין „מלא", שכור ווי לוט איז ער.

— צייִלעם קאָפּ. אַ חלאת דיר אין פּיפּיק.

— איך בין אַ ריעל רעוורענד. זיי זיינען אַלע גראָבע יונגען.

— ער האָט אַ קול פון אַ זויערן בוראַק.

— ער קען ניט א שייטעל עברי. אין דער היים א בעל עגלה געווען.

מיך האבען זיי ניט געטשעפעט. הפנים זיי האבען פערשטאנען אז איך בין געקומען אויף זייערע קעפ, און זיי האבען געדאנקט גאט אבי איך שווייג.

און געשוויגען האב איך, ווייל איך קען זיך ניט ארומרייסען. מאכט זיך עפעס צו פערדיענען גלאטיג, איז אלל־רייט; ווען ניט איז אויך פערפאלען.

אויפ'ן בבית עלמין גופא האב איך געטראפען נאך א סך „מלא"־מאכערס. איינער פון זיי א גלוח וואס רעדט חצי דייטש, פאלאווינא ענגליש. דיזער, האב איך געהערט, רעדט איין די קאסטאמערס, אז ער איז א רעוורענד און ער קען טראנסלייטען אלע ברוכעס (ברכות) אויף ענגליש. ער האט, זאגט ער, א פרעיער בוק, וועלכען קיינער האט ניט. איך בין, טענה'ט ער, איי ריעל האזקורע (הזכרה) מייקער און די איבריגע זיינען שנארערס. אויב עס געפינען זיך אזעלכע וואס טרויען אויף איהם אן די נשמות פון זייערע קרובים, ווייס איך ניט.

א שעהנע סצענע האב איך בייגעוואהנט אויף א סעמעטערי פון א לאדזש. איינער איז צוגעגאנגען צו א אידענע וואס איז געשטאנען און געלייענט א מצבה, און מאכט צו איהר אזוי:

— וועט איהר לאזען מאכען א „הזכרה" אייער זעליגען פאטער, עליו השלום?

— בייסט זיך אב דעם צונג. מיין טאטע לעבט ביז הונדערט און צוואנציג יאהר.

— וועמען דען, אייער מאן?

— א שווארצער חלום אויף אייער קאפ. ווערט א כפרה פאר מיין מאן'ס מינדסטען נאגעל.

— זייט ניט בייז, מיין ליעבע אידענע. איהר זיינט דאך מיין קאסטא־מערקע פון פאר־א־יאהרען, פון פאר צוויי יאהרען. איך האב זיך פערגעסען, אז איהר מאכט א „הזכרה" אייער מוטער. ווי האט זי געהייסען?

— טפו זאלט איהר ווערען! וואס עס האט געזאלט זיין מיין מאמע, זאל אויסגעהן צו אייער קאפ! געהט צו אל־די שווארצע יאהר! זיין קאסטאמערקע בין איך! איך בין פאר־א־יאהרען דא גאר ניט געווען.

דער „מלא"־מאכער האט זיך אבגעטראגען בבושת פנים.

איך האָב אויך געפּרובט אָנבעטען אייניגע אפשר וועלען זיי מיר לאָזען מאַכען אַ „הזכרה"; אָבער די פּראָפעסיאָנעלע „מזכירים" זיינען אויף מיר אָנגעפאַלען און זיך פּשוט געכאַפּט שלאָגען פאַר וואָס איך וויל צונעהמען זייער פּרנסה.

איך בין אומגעגאַנגען פון איין בית־עלמין אויפ'ן צווייטען און קיין דזשאב האָט זיך מיר ניט געמאַכט. ענדליך האָב איך אָנגעטראָפען אַ יונגען מאַן, וועלכער האָט מיר געהייסען מאַכען אַ „מלא" זיין פאַטער. זיין נאָמען, האָט ער געזאָגט, איז געווען שמריהו בר' גרונם ברוך.

איך האָב אַ נאַטור, אַז ווען איך מאַך אַ „הזכרה" האַלט איך דעם קאָפּ פערריסען און די אויגען צוגעמאַכט. דאָס רוב חזנים האָבען אַזאַ טבע. עפּעס זעהט אויס אידישליכער, פרימער, מעשה חסידות. הכלל האָב איך מיר אָבגעזאָגט דעם גאַנצען „אל מלא רחמים" און ווען איך האָב געענדיגט „ונאמר אמן", האָב איך געעפענט די אויגען און געוואָלט אויסשטרעקען די האַנד פאַר די פּאָאַר סענט, ערשט איך זעה והנער איננו, דער יונגער מאַן איז ניטאָ! געה שריי „חי וקים".

מיך האָט די זאַך שטאַרק פערדראָסען, אבער פערפאַלען, אבגעטהאָן איז אָבגעטהאָן.

איך בין אוועק אויף אַן אנדער בית עלמין און געטראָפען עטליכע יונגע ליט מיט אַ פּאָאַר מיידלעך זיצענדיג אויפ'ן גראָז. „אפשר אַ הזכרה?" — טהו איך אַ פרעג.

— אָלל־רייט, — רופט זיך אָב איינער — פיעל קאָסט עס?

— פיעל איהר וועט געבען. — ענטפער איך.

— ועלל, טו מאַכט מיין שוואָגער, דזשאָו — יאָסעל, הייסט עס, בר' לייזער מענדעל.

איך האָב אָבגעמאַכט אַ שעהנעם „הזכרת נשמות" און ווען איך האָב געהייסען בעצאָהלען, האָבען זיי אַלע אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער.

— זאָל דער בר־מנן בעצאָהלען. — האָט דער יונגערמאַן, וואָס האָט מיר דעם אָרדער געגעבען, געזאָגט.

— וואָס הייסט דער בר־מנן זאָל בעצאָהלען? — פרעג איך.

— אָט דער, — מאַכט יענער, אָנצייגענדיג אויף איינעם פון דער

קאמפאניע — איז עס דער יאָסעל בר׳ לייזער מענדעל. זאָגט איהם מיסטער דעם פסוק: זאפלאטי פאן זא כאָצקו.

איך האָב איינגעזעהן, אז איך האָב דאָ צו טהון מיט א באנדע לאָופערס און איך בין אוועקגעגאנגען.

בקיצור, איך האָב זיך דאָרט אָבגעוואלגערט א גאנצע טאָג, ניט געגעסען, ניט געטרונקען און איך בין געקומען אהיים מיט גאָר ניט.

## .49

## פערזאָרגט אי א קבר אי א מצבה.

טוביה חייקעל ווערט גוט אָב אין אַמעריקאַ. ער קויפט א לאָט און וויל זיך בעזאָרגען מיט אייגענע פיער ווינקעלער, לסוף זעהט ער זיך אָרום, אַז זיין קניה איז גאָר אָ קבר. — זיין פלונית׳טע וויל א דיימאָנד, וויל ער איהר על פי טעות פערזאָרגען מיט אָ מצבה. — קיין נחת האָט ער פון די ביידע זאַכען ניט.

ג׳ דחוה״מ סוכות, תרס״ט.

עס געהט מיר ב״ה גאָר נישט־קשה׳דיג. גיט מיר, איך בעט אייך, קיין עין הרע ניט.

איך האלט זיך נאָך ביי די שמשות און מאך ניט שלעכט. דערצו פעדעל איך א ביסעל מיט שנאפס, מיט לאָטערי צעטלאך און אנדערע זאכען. די אלטע מיינע האָט איינגעפיהרט א שטיקעלע פרנסה אין שטוב. זי האָט געמאכט א שטיקעל רעסטאָראנט פאר אייגענע מענשען און מען פערדיענט דערפון כמעט דעם אייגענעם עסען.

אונטער די אויגען מעג מען לויבען. די אלטע מיינע איז אָפטמאָל א בייזליכע, אָבער וואָס אמת איז אמת, קאָכען קען זי. זי איז אין דעם פאך א בריה נפלאה. דעריבער פעהלען אונז ניט קיין קאָ=טאָמער און מיר דער־קען שוין נעהמען גרעסערע רומס, ווייל די רומס וואו מיר וואָהנען זיינען צו קליין און אונזערע עסערס האָבען אָפט ניט וואו צו זיצען.

א דאנק גאָט, מען מאכט א לעבען און עס פערבלייבט נאָך א זאפאס־נער דאָלער.

אז די צייט איז אונז אוועק בעסער, האָב איך מיט מיין אידענע אָנגע־

הויבען דענקען וועגען א תכלית. מיט א פּאָאר וואָכען צוריק האָבען מיר געמאכט א רייד וועגען דעם און ביי אונז איז פערבליבען צו קויפען א לאָט און אז גאָט וועט העלפען וועלען מיר די לאָט אויסצאָהלען, און מיר וועלען ארויפשטעלען א הייזקע און זיך דערשלאָגען, ווי מען זאָגט, צו אייגענע פיער ווינקעלאך.

אָנפאנגס האָט אפילו די אידענע מיינע ניט איינגעשטימט מיט דיזען פּלאן. „מען דארף זיך ניט פערדרעהען קיין קאָפּ“ — האָט זי גע'טענה'ט — „מען דארף ניט קריכען הויך, ווייל אז מען קריכט הויך, קען מען נאָך חלילה ארונטערפאלען“; אָבער מיינע רייד און דער חשק צו האָבען אן אייגענע הויז און זיין א בעל הבית'טע פאר זיך האָבען גובר געווען און זי איז דארויף מרוצה געוואָרען.

איך בין אוועק צו א ריעל עסטייט אַגענט און איהם דערצעהלט, אז ביי מיר און מיין אַלטע איז פערבליבען, מיר זאָלען קויפען א שטיקעל ערד. „גאָט ווייסט“ — זאָג איך — „וועמעס לעבען עס איז, אָט אז מען וועט אריינכאַפּען, וועט זיין.“

דער אַגענט האָט מיר געצייגט צייכנונגען און פּלענער; אָבער איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אז איך האָב אין דעם קיין געפיהל ניט, ער האָט מיר גוזאָגט, אז ער וועט מיר געבען א פיינע שטיקעל לאָט פאר 100 דאָלאר, — 10 דארף איך ערשט איינצאָהלען און די איבריגע אין א צייט ארום, איך האָב איהם געטרויעט אויפ'ן וואָרט, איינגעצאָהלט דעם צעהנטעל און דער מסחר איז געשלאָסען געוואָרען.

פּאָהרען אָנקוקען די סחורה האָב איך ניט געפונען פאר נויטהיג. ערד איז ערד, וואָס מאכט עס אויס? דער אַגענט אָדער דער בעל הבית פון די לאָטס האָט מיר ארויסגעגעבען א כתב און איך בין געקומען אהיים מלא שמחה.

די אָבשרייבאכץ האָב איך גמעאַכט אויף מיין ווייב'ס נאָמען און איך האָב עס איהר אוועקגעגעבען בתורת מתנה. „אָט דאָ האָסטו“ — האָב איך צו איהר געזאָגט — „א תוספת כתובה און זאָג ניט, אז איך בין א שלעכטער מאַן.“ מיין אידענע איז עס זעהר געפעלען געוואָרען און זי האָט מיך פון גרויס איבערראשונג שיער ארומגענומען, און א קוש געטהאָן, אזוי צופריעדען איז זי געווען.

אין הויז ביי מיר איז געווען ששון ושמחה. אלע האבען זיך געפרעהט, אלע זיינען צופריעדען געווען, אלע האבען געהאפט און ערוואַרטעט, אַז מיר וועלען מיט דער צייט פטור ווערען פון צר הצורר — פון לענדלאָרד און מיר וועלען אליין זיין לענדלאָרדס. די אַלטע מיינע האט געפּלאַנעוועט, אַז ביז עפּעס וועט זיין, זאָלען מיר דערוויייל אונזער לאָט ארומצאַמען און עפּעס פּערזעען, אוגערקעס, טאָמייטאָס אָדער גאָר קאַרטאָפעל. דאָרט וואָהנען דאָך מסתמא ערגעץ אידען, וועלען מיר בעטען, זיי זאָלען אכטונג געבען אויף אונזער גאָרטען, די קינדער האבען זיך פאַרגעשטעלט, אַז עס וועט זיין אייגענע פּאַטייטאָס, וועט די מאַמע אַלע טאָג מאַכען לאַטקעס און עס וועט זיין ליהודים.

פאַראַכטאָגען איז עס געווען, עס איז געווען א שעהנער, וואַרימער זאָנ־טאָג, האָבען מיר זיך מיישב געווען אונטערפאָהרען זעהן אונזער לאָט, אונזער אייגענטהום. איך, מיין פרוי און די קינדער האבען זיך אַלע אויסגעסטראָיעט און מאַרש.

דער אַגענט איז מיט אונז מיטגעפּאָהרען, אום אָנצוצייגען אונז אויף אונזער שטיקעל ערד, און וואָס איז דאָרט געווען? — א קלאָג, א יאָמער, א בית עלמין, און אָן א זייט אין א פערוואָרפענעם ווינקעל, א שטיקעל ערד פאַר צוויי קברים, וועלכעס האָט בעלאַנגט צו אונז.

איהר פערשטעהט שוין אַליין, אַז די אידענע מיינע האָט מיר געמאַכט א מארק, דאָס ווען עס זאָל דאָרט זיין א פערטיגער קבר, וואָלט איך זי לע־בעדיגערהייד אריינגעלייגט און א סוף פון די צרות.

צום אַגענט אָדער צום סוחר האָב איך קיינע טענות ניט געקענט האָ־בען, ווייל ער האָט מיר געצייגט שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער אדווערטייזט בפירוש דאָס ער האָט צו פערקויפען ערד פאַר סעמעטעריס, אלא איך בין א שלים־מזל און איך האָב עס פערזעהן, איז ער ניט שולדיג. מילא, האָב איך געלאָזט פאַלען די צעהן דאָלער וואָס איך האָב געגעבען דעפּאָזיט און אויס לאָט, אויס אוגערקעס, אויס פּאַטייטאָס, אויס אייגענע פיער ווינקעלאך און אויס אַלעס.

אמאָל, ניט היינט געדאַכט, ווען די צייט איז געווען שלעכט, וואָלט איך אפשר איך ווייס ניט וואָס צוליעב די צעהן דאָלער, היינט אָבער, אַז דער דאָלער וואַרפט זיך אין די הענד, האָב איך עס באַלד פערגעסען. די אידענע

מיינע האָט זיך אויך גיך איבערגעשריען און שא, אזוי ווי גאָר נים געווען.

איז זי אָבער אין א פּאָאר טעג ארום אראָבגעפּאָהרען מיט אַן אנדער, גאָר א שפּאָגעל נייעם פּזמון. „טוביה חייקעל", זאָגט זי, „איך וויל, אז די זאָלסט מיר קויפען א שטיין, אבער ניט אבי װעלכען, נור טאקע עפּעס רעכטס, עס זאָל זיין אויף וואָס צו קוקען." דערביי דערצעהלט זי מיר א מעשה, אז מר. דער און דער האָט פאר זיין אידענע געקויפט א שטיין וואָס פערבלינדעט די אויגען און פאר וואָס זאָל זי זיין ערגער פון יענער?

קוק איך איהר אָן, דער אידענע, און קלעהר ביי זיך אז זי רעדט פון וועג; אָבער זי לאָזט מיר ניט בעטראַכטען זיך און חזר'ט איבער דאָס זעלבע נאָך א מאָל.

מאַך איך צו איהר: „נאַרעלע, וואָס איילסט דו זיך? אזעלכע זאַכען דארף מען פריהער ניט פערזאָרגען. גאָט ווייס ווער וועמען עס וועט איבער-לעבען, אָבער איבער הונדערט יאָהר, אז עס וועט זיין א קבר, וועט מסתמא קיין שטיין אויפ'ן קבר אויך ניט פעהלען."

פאַלט זי אָן אויף מיר און זידלעט מיר כאחד מן הריקים, מאַכט מיר צו אש און צו בלאָטע, שיט אויף מיר אוים די קללות פון ביידע תוכחות און גיט מיר ניט קיין געלעגענהייט א וואָרט צו ענטפּערען. אזוי לאַנג און אזוי ברייט ביז זי איז אוועק אין בעדרום, זיך אוועקגעלייגט אין בעט, איינגעגאָרעט די קאָפּ אין קישען און אָנגעהויבען כליפּען.

טראַכט איך ביי זיך, איך ווייס? מאַלע וואָס א מענשען קען איינפאַ-לען? אפשר פיהלט זי עפּעס? אפשר זאָגט איהר דאָס הארץ? איך האַלט אפילו דערפון ניט, אָבער מען זאָגט דאָך פאָרט, אז א מענש מיט א צייט פאַר'ן טויט פיהלט, אז ער וועט זיך אין גיכען אריבערפּעקלען אויף יענער וועלט. מעגליך, אז זי שפּירט די טריט פון מלאך המות און ווייל זי האַלט מיר פאר א שלעכטען, פאר א קאַרגען, וויל זי זיך בעזאָרגען מיט א שעהנע מצבה פאר איהר לעבען. און אפשר, האָב איך זיך מיט זיך אַליין איבער-לייגט, איז עס בלויז אַן איינבילדונג, א מין משוגעת, אָבער ווי אזוי קען מען עס ווימען?

איז מיר געוואָרען זויער אויפ'ן הארצען; עס איז אזוי שלעכט, אזוי שלעכט; איך האָב געדענקט, געטראַכט און ניט געוואוסט וואָס צו טהון,

טראכט איך ביי זיך, אז ביז עפּעס וועט זיין, וועט זי דאָך מיר מקצר זיין די יאָהרען, איך האָב דארום ביי זיך בעשלאָסען נאָכצוגעבען איהר פער־לאַנג. איך בין אוועק צו א מצבה־קריצער און אָנגעקוקט שטיינער. אָבער איך האָב ניט געוואָלט שטעלען אויף זיך אין אויסקלייבען איינעם פון זיי. איך בין דארום אוועק און גערופען איהר, דער בעל דבר'טע אליין, זי זאָל זיך אַליין אויסקלייבען, וואָס איהר וועט געפעלען ווערען.

ווי איך האָב איהר געבראכט אין פּלאַץ און געהייסען אויסקלייבען וועל־כען שטיין זי וויל, אז מיינע פאַלט עס ארויף אויף מיר מיט אַזעלכע זלזולים, מיט אַזעלכע געוואַלדען, אז גאָט זאָל מציל ומשמר זיין. זי האָט זיך מיר איינגעטשעפּעט מיט די נעגעל אין פּנים און איך האָב געמיינט, אז איך וועל שוין פון איהרע הענד קיין לעבעדיגער ניט ארויס. וואָס פאר א נאָמען האָט זי מיר ניט אויסגערופען? לומפּ, באָם, טרעמפּ און אַלעס וואָס אין קאָרט שטעהט.

ווען מענשען זיינען צוזאמענגעלאָפען און מען האָט איהר א ביסעל בע־רוהיגט, האָב איך ערשט ערפאהרען וואָס פאר א מיאוס'ען טעות איך האָב געהאַט. זי האָט ניט געמיינט קיין שטיין, נור א דימענט, עס הייסט א פינ־געריל מיט אַ דימענט און אז איך האָב איהר געפרעגט: „סטייטש, פייגע, גזלן, פאר וואָס האָסטו מיר דייטליך ניט געזאָגט וואָס דו האָסט געמיינט?“ האָט זי געענטפערט:

„אין דער היים רופט מען קאַרטאָפעל און דאָ פּאָטייטאָס; אין דער היים רופט מען אוגערקעס און דאָ פּיקעלס; אין דער היים זאָגט מען אַ פענס־טער און דאָ אווינדע; אין דער היים זאָגט מען דימענטען און דאָ שטיינער. אין וואָס פאר א שוהל מען קומט, אזא קדושה שפּרינגט מען.“

בינו לבינו האָט זי מיר דערלאַנגט סטאַק, אז עס איז מיר געוועז קאַלט און וואַרעם. איך בין אוועק צו א בעקאַנטען קאַסטאָמער פּעדלער און געקויפט טאַקע אַן אמת'ען שטיין, א שטיין וועלכען זי האָט געוואָלט און זי איז מיט מיר שלום געוואָרען, על כל פשעים תכסה מתנה, איהר מעגט ווי זינדיגען געגען אייער ווייב, קוים ברענגט איהר פאר איהר א פּרעזענט, וועלכען זי גלייכט, ווערען אַלע וואונדען פערהיילט און אַלעס ווערט פערגעסען.

.50

## מיסטער טאָביאַס סאָלאָמאָן!!!

טוביה חייקעל איז שוין ניט מעהר טוביה חייקעל שלים־מזל. ער איז שוין אַ איד אַ נגיד און הייסט מיסטער טאָביאַס סאָלאָמאָן. — ער איז אַ גאַנצער קנאַקער און פאָהרט מיט זיין ווייב קיין וואַשינגטאָן צו די אינאָגאָרייִ־שען פון פּרעזידענט טעפט, אָבער דער שלים־מזל פרישט זיך אָב און טהוט זיך מיט איהם אַ רייִץ אָביסעל.

10־טער מאַרטש, 1909.

שוין לאַנג, גאַנץ לאַנג האָב איך זיך ניט געלאָזט הערען. מעגליך אז איהר האָט שוין גאָר פערגעסען, אז עס לעבט ערגעץ א מענש, וועלכען מען רופט טוביה חייקעל. ווען מיר איז, ניט פאר קיינעם געדאכט, געגאַנגען שלעכט, האָב איך אייך אלע מאָל דערצעהלט פון מיינע געשעהעניסען און זייט מיר איז אוועק בעסער, האָב איך זיך אָבגעלאָזט און איך גיב אייך גאָר ניט צו ווי־סען פון מיר.

פאַראַן פערשיעדענע נאַטורען ביי מענשען. אנדערע שעהמען זיך דער־צעהלען פון זייערע צרות, פון זייער דלות און קוים ווערען זיי עטוואָס בעסער אָב, פויקען זיי עס אויס פאר דער וועלט; און אנדערע ווידער זיינען פער־קעהרט: ווען עס געהט זיי שלעכט, שרייען זיי קאַראַאול און ווען דער רעדעלע טהוט זיך א דרעה צום גוטען, ווערען זיי, שונאי ישראל, פערשטומט.

איך בעלאַנג צו דער צווייטער קלאַסע און איך האָב פיינט צו בעריהמען זיך, ניט ווייל איך האָב מורא פאר אן עין הרע, נור איינפאך צוליעב דעם, ווייל איך וויים, אז מענשען אינטערעסירען זיך דאָס רוב מעהר מיט'ן צוויי־טענס אונגליק ווי מיט זיין גליק, מענשען האָבען דאָס רוב מעהר הנאה ווען זיי הערען פון יענעמ'ס צרות איידער ווען זיי הערען פון אימיצענס מזל, פון אימיצענס הצלחה. א מענש האָט גרויסע אויגען, ער קוקט שטענדיג אויף העכערע פון איהם און איהם פערדריסט וואָרום ער קען זיך ניט צושלאָגען צום צווייטענס מדרגה.

אלזאָ, איהר וועט מיר ענטשולדיגען פאר מיין שטילשווייגען ביז יעצט און אצינד וועל איך אייך דערצעהלען וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט אין א גו־טען אופן.

קודם כל זאָלט איהר וויסען, אז איך הייס שוין ניט מעהר טוביה חייקעל שלים־מזל, מיין נאָמען איז שוין מיסטער טאָביאַס סאָלאָמאָן און איך בין, אָהן עין הרע, א שטיקעל נגיד. פון וואנען צו מיר האָט זיך גענומען נגיד־שאַפט, זאָלט איהר ניט פרעגען, פאַראַן ערגערע פון מיר וואָס האָבען זיך אין אַמעריקא ארויפגעאַרבייט און זיינען געוואָרען לייט. א ליכטיגען גן עדן זאָל האָבען קאָלאָמבוס, ער האָט אויסגעפונען א טהייערע מדינה, אזא יאָהר אויף מיר און אויף אייך! איהר קענט זיך מעלדען, אז איך, דער אַמאָליגער שלים־מזל, דער אַמאָליגער לא יוצלח, האָב שוין היינט בעקאַנטשאַפט מיט רייכע לייטע, מיט פּאָליטישענס און בין אליין אויך געקומען צו אזא מדרגה, אז איך האָב מיר לעצטען מיטוואָך פערגונען צו פאָהרען מיט מיין אידענע קיין וואשינגטאָן צו די אינאָגורייישען פון נייעם פּרעזידענט מיסטער טאַפט, און נאָך ווי פאָהרען? טאַקע ניט אַבי ווי, נור כמנהג נגידים אין א סליפּינג קאַר, א זאַך וואָס ניט פיעל אידען קענען זיך פערגינען.

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אז איך וואָלט עס אייך אפשר ניט דערצעהלט, נור ווייל ביי דיזער יאַזדע האָט זיך דער שלים־מזל אָבגעפּרישט און זיך מיט מיר א ביסעל א רייץ געטהאָן, וויל איך אייך עס דערצעהלען, ווייל איך ווייס זיכער, אז איהר וועט מיט די יאַזדע ניט מקנא זיין.

קיין גרויסער גביר בין איך נאָך אפילו ניט, דאָך האָב איך נאָך מיט עטליכע וואָכען צוריק בעשלאָסען צו פאָהרען מיט מיין ווייב קיין וואשינגטאָן בייצואוואָהנען די קאָראָנאַציע פון נייעם פּרעזידענט אָדער אינאָגורייישען, ווי מען רופט עס דאָ. מעהר ווי איין מאָל לעבט ניט א מענש, דאַרף מען אַמאָל זעהן א ציקאַווע זאַך. אגב האָב איך א בעקאַנטען, א גרויסען פּאָלי־טישען, וועלכער האָט מיר צוגעזאָגט, אז ער וועט אונז פיהרען אין ווייסען הויז, צייגען אלעס און אונז פאָרשטעלען פאַר׳ן פּרעזידענט, ווער שמועסט די אלע צערעמאָניעס און פאַראַדען וואָס וועלען פאָרקומען אויטסייד, וועלען מיר געוויס זיין די ערשטע צו זעהען. אזא געלעגענהייט איז זיכער א שאָד ארויסצולאָזען און עס איז ביי אונז פערבליעבען, אז מיר זאָלען פאָהרען און נאָך מיט צוויי וואָכען פריהער האָבען מיר זיך אָנגעהויבען גרייטען צו דער יאַזדע. איין זאַך האָב איך אָבער מורא געהאַט, טאָמער וועט דער וועטער אין יענעם טאָג א שפּיעל טהון א צו־להכעיס און מען וועט פון דער

שמחה ניט אזוי פיעל הנאה האָבען, אזוי ווי עס פּאסירט דאָס רוב ווען א נייער פּרעזידענט נעהמט איבער זיין אמט.

יוען עס האָט געטראָפען א רעגענדיגער טאָג אָדער ווען עס האָט געשנעעט, האָב איך געטרייסט מיך און מיין ווייב: א דאגה — האָב איך געזאָגט — זאָל היינט אָברעגענען אָדער אָבשנעען, דערפאר וועט איה"ש דער פיערטער מארטש, ווען מיר וועלעןביידע זיין אין וואשינגטאָן, זיין א שעהנער טאָג. עטליכע טעג פאר'ן פיערטען האָב איך נאָכגעקוקט אין די ציימונגען די וועטער אויסזיכען. האָט דער וועטער נביא צוגעזאָגט שעהנעס וועטער, בין איך מיט מיין אידענע געווען העכסט צופריעדען; האָט ער ווידער א טאָג נביאות געזאָגט אויף רעגען אָדער שנעע, האָבען מיר זיך געטרייסט מיט דער האָפנונג, אז ביז יענעם גליקליכען טאָג וועלען די שלעכטע וועטערן מיידען.

ויהי ערב ויהי בוקר יום רביעי. עס איז געקומען מיטוואָך, דער טאָג פאר אינאָגוריישען. די זון האָט געשיינט און דער וועטער איז געווען אנגענעהם. דער וועטער-נביא היושב בוואשינגטאָן האָט ניט געזאָגט קיין שלעכטע נביאות אויף מאָרגען אויך, און איך מיט מיין אידענע זיינען געווען פרעהליך איבער פרעהליך און אין הויז ביי אונז איז געווען שמחה וששון.

אין אבענד זיינען מיר אַרויסגעפאָהרען און מיר האָבען גערענקט, אז מיר וועלען קומען אין וואשינגטאָן ביינאַכט און זעהען ווי די שטאָדט איז שעהן אילומינירט לכבוד דעם נייעם פרעזידענט. געפאָהרען זיינען מיר, ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, אין א סליפּינג קאַר, כמנהג גבירים און מיר האָבען זיך צוגעלעגט א ביסעל שלאָפען, אום די קעפּ זאָלען מאָרגען זיין קלעהרער און מיר זאָלען אַלעס ריכטיג קענען זעהען, הערען און בעטראַכטען.

ליעגענדיג אויפ'ן געלעגער האָט זיך מיר געדאַכט, אז איך בין שוין אין וואשינגטאָן ביי דער אינאָגוריישען צערעמאָניע און אז איך מיט מיין ווייב זיצען בראש הקרואים ניט ווייט פון די אַמבאַסאַדאָרס און אַנדערע גדולים און מיר שעפּען נחת מיט פולע הויפענס, און אָט ווייזט מיר אויס, אז מיר זיינען שוין אין ווהייט הויז און איך שייק הענדס מיט'ן נייעם פרעזידענט, איך ווינש איהם „גוד לאַק" און מר. טאפט דאַנקט מיר דריקענדיג מיין האַנד פריינדליך. איך פיהל, אז עס ווערט מיר וואַרם איבער'ן גאַנצען קערפּער, איבער אַלע גליעדער און איך פיהל עפּעס א מאָדנעם תענוג, א

מאָדנע הנאה, טאקע פשוט מחיה נפשות. עס דאכט זיך מיר ווייטער, אז איך געה ארוים פון פּרעזידענט'ס פּאַלאַסט צוזאמען מיט קאָנגרעס־לייט און אנדערע גדולים און טויזענדער מענשען וואָס שטעהען אויסטייד זיינען מיר מקנא, שלינגען פשוט די שפּייעכץ, זיי וואָלטען אויך וועלען רעדען מיט'ן פּרעזידענט און איהם אָבגעגעבען מזל טוב; אבער לא כל אדם זוכה צו אזא כבוד, צו אזא גדולה.

פלוצלונג כאַפּ איך זיך אויף. איך זעה די טריין שטעהט. „וואו זיינען מיר?" — פרעג איך אַ פּאַרטער וואָס איז גראדע פאַרבייגעגאַנגען. „אין פילאַדעלפיא" — ענטפערט ער. אין פילאַדעלפיא? — טראַכט איך ביי זיך — אַ ציקאַווע זאַך, ווען איך האָב זיך צוגעלעגט שלאָפען זיינען מיר שוין זיכער געווען ניט ווייט פון פילאַדעלפיא און אין דער ווײלע האָט זיך מיר אזוי פיעל אָנגע'חלום'ט! מען דאַרף ווייטער שלאָפען — האָב איך צו זיך אליין געזאָגט — ביז מיר וועלען קומען אין וואַשינגטאָן קענען זיך נאָך צוואַנציג אַזעלכע חלומות חלום'ען און אז מען זעהט אַ גוטען חלום האָט מען דיזעלבע הנאה ווי מען זעהט עס אויף דער וואהר.

דערווייל פערגלוסט זיך מיר אַ קוק טהון אויפ'ן זייגער ווי שפּעט עס איז, איך טהו אַ קוק, ערשט עס איז פינף דער זייזגער — פינף פאַרטאָג! וואָס איז דאָס? — טראַכט איך מיר — אין גאַנצען דאַרף די רייזע פון ניו יאָרק ביז וואַשינגטאָן געדויערן פינף, זעקס שטונדען, הײנט ווי קומען מיר ערשט זיין אין פילאַדעלפיא?

אַ היבשע ווײלע האָב איך געטראַכט און פּלוצלונג האָב איך זיך אָנגעשטויסען וואָס דאָ מוז זיין. „איך פערשטעה שוין, — האָב איך צו זיך אליין געזאָגט — „מיר זיינען שוין געווען אין וואַשינגטאָן; אבער מען האָט אונז פערגעסען אויפוועקען און מיר פאָהרען ערשט צוריק קיין ניו יאָרק מיט דער זעלבער טריין. אבער איך וועל דערביי גאָר ניט דערלעגען. איך וועל די ריילראָוד קאָמפּאַניע פערקלאָגען אויף הונדערט טויזענד דאָלאַר דעמעדזשעס. ווער הייסט עס מיר זאָגען, אז איך בין געפאָהרען קיין וואַשינגטאָן בלויז בייצוואוואָהנען די אינאָגורײשען צערעמאָניע? איך בין גאָר געפאָהרען אהין פאר ביזנעס, און דורך דעם וואָס די טריין האָט מיך פערשלעפּט צוריק, האָב איך געהאַט הונדערט טויזענד דאָלאַר שאָדען! עס וועט אַ רוח אין זייער טאַטענס טאַטען אריין, איך וועל זיי שוין צייגען

ווער איך בין און די צערעמאָניעס און די פֿאַראַדען וואָס וועלען פֿאָרקומען אין וואַשינגשאָן, וועלען מיר נאָך אויך זעהן! איך וועל ערשט נעהמען א טריין און השיבנו נאָזאד און מיר וועלען קומען ריכטיג אין צייט. הכלל, איך וועל ערשט האָבען די גליקליכסטע רייזע וואָס איך האָב ווען־עס־איז געהאַט."

אזוי האָב איך זיך געטראַכט און איך בין געגאַנגען אויפוועקען מיין ווייב און דערצעהלען איהר פון דער שמחה. דערווייל איז אָנגעקומען א טריין־אָנגעשטעלטער און מאַכט צו מיר אזוי:

„וואָס דו יו טהינק אָף דהאַט? מיר שטעהען שוין דאָ שעהנע עטליכע שטונדען און מען קען ווייטער ניט פֿאָהרען, ווייל די טרעקס זיינען פֿערשאָטען מיט בערג שנעע. א מאוס׳ער עסק, אבער מען קען זיך ניט העלפֿען."

דערהערענדיג די דאָזיגע דבורים איז מיר געוואָרען זויער אויפ׳ן הארצען. קיין קלאָגע אויף הונדערט טויזענד דאָלאַר קען מען שוין ניט מאַכען און עס איז בקל אז מען זאָל קומען קיין וואַשינגטאָן שוין נאָך אַלעמען. אבער וואָס העלפֿט עס? מען קען בעסער ניט מאַכען.

די טריין שלעפּט זיך לאַנגזאַם ווייטער. מען קומט צו א סטיישאָן און דאָרט ווידער סטאַפּ! מען מוז וואַרטען ביז מען וועט די טרעקס אבריינינגען. עס איז שוין א זייגער אַכט און דער שנעע הערט ניט אויף צו פֿאַלען, און יעדער שטיקעלע שנעע וואָס פֿאַלט אַרונטער, איז גלייך ווי א שווערע שטיין זאָל פֿאַלען מיר און מיין אידענע אויף די הערצער.

„וואָס וויל פון אונז די ווייסע פֿליאַגע?" — זאָג איך צו מיין פרוי —
„עס קאָסט אזוי פּיעל געלד און לסוף וועלען מיר קומען שוין נאָך דער חתונה!" אבער די נאַטור אַארט ניט אז מען האָט אויף איהר תרעומות, אז מען בייזערט זיך אויף איהר און זי טהוט זיך איהרעס.

די ווייזערס אויפ׳ן זייגערס ריהרען זיך און פונקט אזוי ריהרט זיך די טריין. דער זייגער איז שוין איינס, צוויי, דריי און מען האַלט נאָך אַלעס אין פֿאָהרען.

נאָט האָט געהאָלפען ארום פֿינף דעם זייגער פֿאַרנאַכט זיינען אונזערע פֿאַסאַזשירען אָנגעקומען ווי־עס־איז אין וואַשינגטאָן. מיר זיינען פֿער־פֿאָהרען אין א האָטעל, אבער מען האָט אונז געזאָגט, אז קיינע לעערע צימערען

זיינען דאָרט ניטאָ. מיר זיינען אוועק אין אַ צווייטען, אין אַ דריטען האָטעל, אבער איבעראַל די זעלבע תשובה, אומעטום פערנומען מיט געסט וואָס זיינען אָנגעפאָהרען צום אינאָגיורייישען. עס איז אונז אויסגעקומען ניט אַנדערש כאָטש געה אין הכנסת אורחים אָדער אין אַ בית המדרש.

איך האָב ווי עס איז אויסגעזוכט עפּעס אַ נאַכטלאַגער ערגעץ הינטער'ן שטאַדט, אַקוראַט אַזוי ווי בראָנזוויל און ניו יאָרק. איך האָב זיך געטרייסט, אַז דערפאַר מאָרגען, פרייטאג וועט אונז מיין בעקאַנטער פּאָליטישען פיהרען אין ווהייט האַוז און ער וועט אונז פאָרשטעלען פאר'ן פּרעזידענט, אבער דערפון האָט זיך אויך אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

שלאָפען האָבען מיר זיך געלעגט גאַנץ שפּעט, ווייל מיר האָבען לאַנג פערבראַכט מיט אַנדערע געסט וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען און די רום אין וועלכע מיר זיינען געשלאָפען איז געווען אַ פינסטערע. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, אָנגעצונדען אַ מעטש און אַ קוק געטהאָן אויפ'ן זייגער, ערשט עס איז אַ קליינינגקייט נאָך זיעבען. נאָך צייט גענוג — האָב איך ביי זיך געטראַכט און איך בין ווידער אנשלאָפען געוואָרען. שפּעטער האָט אַ משרת פון האָטעל אָנגעקלאַפּט אין טהיר און אונז מודיע געווען, אַז עס איז שוין איינס אַ זייגער נאָכמיטאג און עס איז צייט אויפצושטעהן. ניט טויט ניט לעבעדיג האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און איך האָב זיך איבערצייגט, אַז מיין זייגער שטעהט גאָר פון נעכטען אבענד אָן.

איינס דעם זייגער נעהמט שוין דער פּרעזידענט ניט אויף קיין געסט, און מיר האָבען אַלעס פערלאָרען.

אָט אַזוי האָט זיך מיין אַלטער בעקאַנטער, דער שלים־מזל מיט מיר אַ רייזע געטהאָן; אבער איך הער איהם ווי דעם קאָטער, אבי איך האָב געלד האָט ער צו מיר אַ קליינע שליטה.

**ע נ ד ע.**

**אויף'ן פידעל,** ערצעהלונג פון שלום עליכם, 5

**אונגליקליכע אמאליע,** אַ היסטאָרישער ראָמאַן פון ז. קאָרנגאָלד, 200

**אונשולדיג אין משוגעים הויז,** ראָמאַן פון י. ראַבינאָוויץ, 200

**אוריאל אקאסטא,** א בעשרייבונג איבער דעם גרעסטען דענקער און פילאזאף „אוריאל אקאסטא" וועלכער איז געווען דער גרעסטער קעמפפער פון פאַ־נאטיזמוס און אבערגלויבען, בעארבייטעט נאך די בע:טע היסטארישע קווע־לען פון יאהאן פאליי, 10

**אחשורוש,** אדער קעניגין אסתר, אפערעטא אין 3 אקטען פון א. גאלדפאַדען, 10

**אין שטראם פון רעוואלוציאן,** פון מ. דאַנצעס, 5

**אידיש אמעריקאנער רעדנער,** א זאמלונג פון 521 רעדעס אין אידיש, העברעאיש און ענגליש פערפאַסט פון די גרעסטע אידישע רעדנער און שריפטשטעלער, רעדאַקטירט פון פראפ. ג. זעליקאוויץ, 150

**אידישע ביהנע,** ערשטער טהייל, ערצעהלונגען און הומאריסטישע סקיצען ווע־גען אידישען טהעאטער און זיינע בעזוכער, 25

**אידישע ביהנע,** צווייטער טהייל, פאלקס ליעדער, טהעאטער ליעדער, קאנצערט ליעדער, ארבייטער ליעדער און דעקלאמאציאנען, 40

**אידישע ביהנע** דיטא, פיין געבונדען, 60

**אידישע געשיכטע,** פון אברהם אבינו ביז די יעצטיגע צייט, פאלשטענדיג אין איין באַנד, פון פ. וויערניק, פיין געבונדען, 75

**אידישע קרבנות,** א ראמאן אין וועלבען עס איז דורכגעפלאכטען דיא אידישע צרות און פאגראמען פון די גזירות פון נאַנטא, בעאַרבייטעט פון ב. גארין, 15

**אייז מעער,** אדער א רייזע איבערן ים הקרח, פון זשול ווערן איבערזעצט פון א. טאנענבוים, 20

**אינדיאנער פירסט,** א ראמאן איבער דא: לעבען פון די ערשטע עמיגראנטען אין אמעריקא, פון א. טאנענבוים, 40

**אלט ניי־לאנד,** אַ ראמאנטישע ערצעהלונג, וואו עס ווערט פארגעשטעלט דיא אויספיהרונג פון ציוניזמוס ווי אזוי פאלעסטינא איז שוין געוואָרען איין אי־דישער שטאאט און ווערט פערוואלטעט פון איין אידישע רעגירונג. דר. הערצל, 50

**אמעריקאנישע הגדה,** מיט ספורי נפלאות, זעהר וויטציג, הומאָריסטיש און סאטיריש, פון א. מ. שארקאנסקי, 3

**אמעריקאנער וויטצלינג,** ענטהאלט 116 שעהנע וויטצען זעהר סאטיריש צום לאכען 5

**אמעריקאנער סיטיזען**, נאך'ן נייעם געזעץ, א מעטהאדע זיך אויסצולערנען אלעס וואס איז נויטהיג צו וויסען אום צו ווערען א בירגער (סיטיזען) פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, פון אלכסנדר הארקאווי, 5

**אנעקדאטען בוך**, ענטהאלט 200 וויטצען, זעהר סאטיריש צום לאכען, 5

**ארבייטער וויטצען**, פון א נודניק, 10

**אריטהמעטיק**, א פראקטישע מעטהאדע זיך לעהרנען רעכנען, ד. א. פרידמאן, 10

**אשמדאי** אדער דער שרעקליכער חלום, ערצעהלונג פון א. דאמעראצקי, 5

**באבע מיט'ן אייניקעל**, מעלאדראמע אין 3 אקטען א. גאלדפאדען, 10

**בוכהאלטונג פיר אידען**, ווי צו פיהרען ביכער, שרייבען קאנטראקטען און אלע געשעפטליכע קארעספאנדענץ אין אידיש און ענגליש, אלכסנדר הארקאווי, 25

**ביטערע נקבה**, א ראמאן, פון ליטווישען פילאזאף, 25

**ביידע קוני לעמיל**, אפערעטא אין 4 אקטען, פון א. גאלדפאדען, 10

**ביים טהיר פון גן עדן**, א פאנטאסטישע ערצעהלונג, פון מ. זייפערט, 5

**בלאנדער יונגערמאנטשיק**, אדער דער ליבליג פון פאריזער דאמען, פון ג. דעמאפאסאן, 25

**בערויבטער קבר**, אדער איך וויים ניט אויב איך בין איך, א שוידערהאפטע ערצעהלונג פון אידישען לעבען, פון ליטווישען פילאזאף, 10

**בר כוכבא**, מעלאדראמא אין 4 אקטען, מיט 14 בילדער, פון א. גאלדפאדען, 10

**בר מצוה רעדעס**, א זאמלונג פון 75 בר מצוה רעדעס אין אידיש, העברעאיש און ענגליש, געזאמעלט פון די גרעסטע אידישע רעדנער און שריפטשטעלערס און רעדאקטירט פון פראפ. ג. זעליקאוויץ, געבונדען אין פייפער באנד, 35

**בר מצוה רעדעס**, דיטא פיין געבונדען אין קלאטה באנד, 50

**ברוך שפינאזא**, א בעשרייבונג איבער זיין לעבען און ווירקען, נאך בערטהאלד אויערבאך, פון ב. גארין, 20

**גאטהייט**, א פילאזאפישע אבהאנדלונג און ערקלעהרונג איבער וועלט, גאט און נשמה, פון ד. מ. הערמאלין, 10

**גאלד־גרובען פון קאליפארניע**, א בעשרייבונג איבער אלע לענדער פון דער סאוטה און וועסט, פון א. טאנענבוים, 60

**א גאסט פון יענער וועלט**, א פרעהליכע ערצעהלונג, פון מ. זייפערט, 5

**דשוזעפי גאריבאלדי**, א ראמאן, פון א. טאנענבוים. 65

**גהעטטא ליעדער**, פון מיכל ארָאנסאָהן געדרוקט אויף שעהנעם פּאפּיר און פיין געבונדען 25

**גוטער טייפעל**, איין אינטערעסאנטע ערצעהלונג פון נ. מ. שייקעוויטש, 35

**גירוש שפאניע ופורטיגאל**, פון א. ראָזענבערג. 5

**גלות מאסקווא**, א ראמאן פון דעם געגענווערטיגען אידישען לעבען אין רוסלאנד פון נ. מ. שייקעוויטש, (שמ"ר), 1.50

**געבילדעטער מערדער** אדער דעם הענקערס זאהן, א קרימינאל ראמאן פון דעם אריסטאקראטישען אלגעמיינעם לעבען, פון מ. מ. דאליצקי, 1.50

**געהיימער מארד**, א ערצעהלונג וואס האט א מאהל פאסירט אין רוסלאנד, 5

**געהיימע יודען**, א ראמאן פון דער אידישער געשיכטע אין שפאניען, פון נ. מ. שייקעוויטש, (שמ"ר), 15

**געזוכט און געפונען**, א ראמאן פון א. טאנענבוים, 60

**געטויפטער אינגעל**, אָדער רבי און פּאָפּ, מ. בוקאָנסקי, 15

**געטריבטע קינד**, א ראָמאן בעארבייטעט פון יצחק ראבינאוויץ, 2.00

**געריהמטער טרעפער**, אדער ספר הגורלות, גיעבט ריכטיגע אנטווארטען אויף אללע פראגעס, וועלכע קומען זעהר אפט פאָר יעדען מענשען אין זיין לעבען, פון בעל שם פ. ט. 5

**געשיכטע פון אמעריקא**, ענטהאלט דיא ענטדעקונג פון אמעריקא און דיא געשיכטע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען, אין טאשען פארמאט, 15

**גראספירסט קאנסטאנטין**, א ראמאן פון נ. מ. שייקעוויטש (שמ"ר), 1.25

**גראף מאנטא קריסטא**, פון אלכסנדר דיומא, איבערזעצט נאך דעם פראנצויזישען, פון י. יאפפע, 40

**גראף עסטערהאזי** אדער זאלא'ס משפט, א ראמאן פון עליכם שלום, 40

**גראף פאטאצקי** אדער דער גר צדק, א ערצעהלונג וויא אזוי דער גר צדק וועלכער איז געוועזן א זאהן פון קאטהוילישע עלטערן און איז ערצויגען געווארען אין לוקסוס, גלאנץ און פראכט, האט דאס אלעס פערלאזען אום אנצונעהמען דיא אידישע אמונה, און דאפיר האט מען איהם אין ווילנא א לעבעדיגען פערברענט, 5

**גרעסטער דעטעקטיוו**, פון א. קאנאן דאיל, איבערזעצט נאך דעם ענגלישען, פון ד. מ. הערמאלין, א שילדערונג איבער דיא מארמאנען אין יוטאה, וועלכע האבען געהאלטען דיא לעהרע פון זייער נביא אז וואס מעהר ווייבער מען האט קומט מען אלץ שנעלער אריין אין גן עדן, 10

**דאן קיכאט**, א קלאסישע ווערק פון דעם בעריהמטען שפאנישען שריפטשטעלער מיגועל צערוואנטעס, איבערזעצט אין אידיש, פון אלכסנדר הארקאווי, 75

**דאקטאר און צויבערער**, א וויסענשאפטליכער ראמאן וועלכער בעהאנדעלט וויסענשאפט און כשוף (צויבעריי) וועלכע פון דיא צוויי איז שטארקער, פון א. טאנענבוים, 10

**דאקטאר אלמאסאדא**, אדער דיא אידען אין פאלערמא, היסטארישע אפערעטא אין 5 אקטען, פון א. גאלדפאדען, 10

**דאקטאר בוך**, פון דר. לאנדעס, בעהאנדעלט אללערליי קראנקהייטען פון א קינד ביז איין עלטערן מענשען און יעדער פאל ווערט גענוי אונד פינקטליך געשילדערט וויא מען זאל דאס מיט הויז מיטלען היילען, בעזאנדערס איז דער „דאקטאר בוך" ניצליך פיר יונגע לייט, וועלכע ליידען פון געהיימע קראנקהייטען אונד שעהמען זיך צו פערטרויען פיר איין אנדערען, צו דיעזע לעהרענט ער וואס מען דארף טהאן, 25

**דור הולך ודור בא**, פערגאנגענע און צוקינפטיגע גענעראציאנען אין צוויי טהייל פון א. גאלדפאדען, 25

**דייטש פיר אנפאנגער**, א לעהרען בוך צום אויסלעהרנען זיך לעזען דייטש פון ג. ברוידא, 5

**דריי פארשוינען**, ערצעהלונג פון דיא 70ער און 80ער יאהרען, פון מ. ספעקטאר, 5

**דרייפוס**, אדער דיא געהיימניסע פון דער פראנצויזישער רעפובליק, דיא גאנצע געשיכטע פון קאפיטאן דרייפוס פערוויקעלט אין איין אינטערעסאנטען ראמאן, פון יאהן פאליי, 1.50

**הגדה פיר אמעריקאנער באָרדער**, א הומאריסטישע הגדה פול מיט וויטצען אנעקדאטען און שעהנע מעשה'לאך, פון חייקעל בטלן, 3

**הייראטה**, א רעאליסטישעס בילד פון אידישען לעבען איבער דיא ערציהונג פון אידישע קינדער ביי פאנאטישע עלטערן, דאס פריהע יוגענד זינד וואס רואינירט זייער לעבען און דיא אפטע גט'ען ביי יונגע פאאר־פאלק גלייך נאך דער חתונה, פון ד. מ. הערמאלין, 25

**הימעל און וואסער**, א וויסענשאפטליכער ראמאן פון א. טאנענבוים, 45

**היפנאטיזמוס**, איין ערקלעהרונג וויא מען היפנאטיזירט און דיא ווירקונגען און רעזולטאטען פון דיעזער קראפט אלס וויסענשאפט, פון ד. מ. הערמאלין, 8

**המן'ס מפלה**, א הומאריסטישע ערצעהלונג וואס עס האט פאסירט אין א קליין שטעדטעל מיט א פורים שפיעלער, פון יעקב טער, 3

**הערשעלע**, א בעשרייבונג פון קליין שטעדטילדיגען לעבען פון יעקב דינעזאָהן, 20

**הערשעלע, אסטראפאליער**, וויטצען, 10

**וואשינגטאן**, א בעשרייבונג פון דזאָרדזש וואשינגטאָן דער ערשטער פרעזידענט אין אמעריקא, עס ווערט געשילדערט זיין גאנצער לעבענס לויף, זיינע געדאנקען, זיינע

ויינע פעהיגקייט, פאטריאטישע געפיהלען אלס שטאאטסמאן אונד זיין גייסט
אונד שטרעבען פיר דעם אלגעמיינעם וואהל זיין פיר דער מענשהייט בע־
ארבייטעט נאך די בעסטע היסטארישע קוועלען, פון. ב פייגענבוים, 10

**ווּיכנע דוואשע פאהרט נאך אמעריקא,** א פרעהליכע ערצעהלונג וויא
איין אלט־מאדישע פרוי רייזט נאך אמעריקא, פון ע. בלאשטיין, 2

**ווּיכנע דוואשע פאהרט צוריק פון אמעריקא,** איינע פון דיא
גרעסטע וויטציגע ערצעהלונג וואס א ליטעראַרישע פעדער האט נעקענט
בעשאפען פון ע. בלאשטיין, 5

**ווּיכנע דוואשע דיא שדכנ'טע און ווּיכנע דוואשע גט זיך מיט'ן
מאן,** צווי לוסטיגע ערצעהלונגען פון אידישען לעבען, פין מ. זייפערט, 10

**ווילדע מענשען,** א נאטור געשיכטליכע רייזע בעשרייבונג איבער דעם לעבען
פון די ווילדע מענשען אין אפריקא, 10

**אין ווילדען אפריקא,** (צווייטער טהייל פון יונגען שיפס קאפיטאן), פון זשול
ווערן בעארבייטעט פון א. טאנענבוים, 10

**וויעדער אין דער היים,** אדער א רייזע אין א לופט באלאן, פון זשול ווערן
פריי בעארבייטעט פון א. טאנענבוים, (צווייטער טהייל פון א רייזע אין
אונבעקאנטע געגענדען), 10

**א וועלט אהן טרעהרען,** א שילדערונג ווי עס דארף אויסגעבעסערט ווערן די
וועלט, פון ק. ר. אינגערסאל, 3

**וועלט באנדיטען,** א ראמאן פון ל. זאלאטקאף, 45

**וועלט בעריהמטע אפעראס,** 25 פון דיא בעסטע איטאליענישע, פראנצוי־
שע אונד דייטשע אפעראס, בעארבייטעט אין אידיש פון וו. עדלין, בראשירט, 35

**וועלט בעריהמטע אפעראס** דיטא, געבונדען 50

**זאלא'ס לעבענס בעשרייבונג,** בעארבייטעט פון מ. קאטץ. 10

**זילבערנע האכצייט,** א ראמאנטישע שילדערונג, פון יאהאן פאליי, 10

**חאדשי סטאווראס,** דער רויבער הויפטמאן, בעארבייטעט פון א. טאנענבוים, 10

**חייקעל דער ליץ,** אדער דער בעריהמטער וויצלינג, פון מ. קרוין, 5

**חכמת היד,** אדער די סמנים פון דער האנד, 3

**חנה פעסילס מענה לשון,** פון א. ד. אגוז, 25

**חרם דרבנו גרשם**, א ערצעהלונג פון דר. לעהמאן איבער רבנו גרשם וועלכער איז געוועז דער ערשטער וואס האט פערבאטען צו האלטען צוויי ווייבער, וואס איז מן התורה ערלויבט, 10

**טיראן**, א ראמאן פון דער היינטיגער טיראנישער רעגיערונגג אין רוססלאנד פון נ. מ. שייקעוויטש, (שמ"ר) 1.25

**טיראנישע מוטער**, א היסטארישער ראמאן פון מ. וייספערט, 2.00

**טיראנישע רעפובליק**, א ראמאן בעארבייטעט פון בן פורת, 40

**טערקישער משיח**, א ערצעהלונג פון ד. מ. הערמאלין, איבער דעם לע־בען און ווירקען פון דעם וועלט שווינדלער שבתי צבי, 5

**טרילבי**, נאך דע־מאריער, בעארבייטעט פון א. טאנענבוים, דיעזעס ווערק בעהאנדעלט דיא קונסט פון היפנאטיזמוס, עס בעוויזט וויא אזוי איי־נער קען מאכען דורך דיא קראפט פון היפנאטיזמוס דעם אנדערן טהאן וואס ער וויל מיט איהם, 10

**יאסעלע**, א בעשרייבונג פון קליינשטעדטילדיגען לעבען פון יעקב דינעזאהן 15

**יאקום בעמבע**, אדער דיא פערדישע אלמנה, א מעשה'לע פון א גלגול, פון ליטווישען פילאזאף, 3

**יודישע פאלקס־ליעדער**, פון אליקום צונזער, (20 ליעדער) עקסטרא שעהן געדרוקט און פיין בראשירט, 25

**יודישער קאנגרעס אין באזעל**, א בעשרייבונג פון דעם ערשטען ציוניסטישען קאנגרעס אין באזעל, איבערגעגעבען פון דר. מ. מאנדעל־שטאם, בעארבייטעט אין אידיש פון שלום עליכם, 8

**יודקע שמערקעס פאהרט נאך אמעריקא**, א ערצעהלונג פון (שמ"ר) 5

**יודקע שמערקעס גליקען אין אמעריקא**, פון שמ"ר, 10

**יונגער שיפס־קאפיטאן**, א רייזע בעשרייבונג פון דיא ווילדע געגענדען אין אפריקא פון זשול ווערין, בעארבייטעט פון א. טאנענבוים, 10

**ישו הנוצרי** אדער יוסף פאנדרי, א ערצעהלונג איבער דיא געבורט פון קריסט־ליכען משיח, און דיא וואונדער וואס ער האט בעוויזען, איבערזעצט פון מעשה תלוי לח"ק, 10

**ישוע הנוצרי**, זיין ערשיינען, לעבען און טויט, געשילדערט פון א היסטא־רישע שטאנדפונקט, פון ד. מ. הערמאלין, 10

**כשופמאכערין**, (צויבערין) אפערעטא אין 5 אקטען און אין 8 בילדער פון א. גאלדפאדען, 10

**לא תרצח**, ערשטער טהייל, איין אבהאנדלונג איבער דיא וועגעטאריאניזם, וועגעטאריאניזם הייסט ניט עסען קיין פלייש, פיש און אללעס וואס האט אין זיך פריהער געהאט א געפיהלפאלען לעבען, פון א. ה. פריינקעל, 10

**לא תרצח**, צווייטער טהייל, פון א. ה. פריינקעל, 15

**לא תרצח**, דריטער טהייל, פון א. ה. פריינקעל, 15

**לא תרצח**, פיערטער טהייל, פון א. ה. פריינקעל, 15

**לאיער**, אללע וויכטיגע געזעטצע פון דיא פעראייניגטע שטאאטען וועלכע זיינען זעהר נויטהיג פיר יעדען אידען אין אמעריקא צו וויסען, 10

**ליטווישער קעניג פון דיא שנארערס**, א ראמאן פון דעם אידישען לע־בען אין רוסלאנד און אמעריקא, פול מיט וויטצ, הומאר און שארפזינן, פון מ. זייפערט, 25

**ליעבע**, א וויסענשאפטליכע שילדערונג איבער אלע ארטען ליעבע און נאטור'ס צוועקמעסינקייט, פון ד. מ. הערמאלין, 10

**ליעבע און מילליאנען**, אדער דורך פייער און אייזערנע קייטען, א ראמאן אויס דעם פראנצויזישען, בעארבייטעט פון ל. זאלאטקאף, 45

**ליעבע און ראכע**, אדער פאלש בעשולדיגט, א ראמאן, פון נ. מ. שייקע־וויטש, (שמ"ר) 85

**ליעדער אלבום**, א זאממלונג פון אללע אידישע טהעאטער ליעדער, קאנ־צערט ליעדער, קופּלעטען און פאלקס ליעדער, 20

**לעצטער בלוט שטורץ**, דיא געשיכטע פון איין אונגליקליכע דערצעהלט פון איהר זעלבסט א רעאליסטישע שילדערונג, פון ד. מ. הערמאלין, 10

**מאדאם באבעטא**, נאך באקאטשיא, בעארבייטעט פון ד. מ. הערמאלין, א שילדערונג איבער ליעבע, אייפערזוכט און מארד, 10

**מאדקע חב"ד**, וויטצען, שפּיטצען, הוקעס און שטוקעס וואס ער האָט אָבגעטהאָן, 180 וויטצען צום אמעזירען, 5

**מאסליאנסקי'ס דרשות**, אין אידיש 2 טהייל, 150

**מאריא מאגדאלענא**, א בעשרייבונג איבער ישוע הנוצרי, פון א גייסטלי־כען פון דער קאטהאלישער קירכע, 3

**מגלת דרייפוס**, אדער דיא געשיכטע פון איין אונשולדיגען, מיט 18 בילדער דיא גאנצע געשיכטע פון דעם אונשולדיגען קאפּיטאן דרייפוס, פון מ. זייפערט, 3

**מזיקים**, און אנדערע ערצעהלונגען פון ב. גארין, 10

**מחמד**, א ערצעהלונג פון ד. מ. הערמאלין איבער דעם לעבען און טהעטיג־קייט פון דעם מוסולמאנישען געזעטצגעבער, און דיא רעוואלטאטען פון זיין רעליגיאן אין דער וועלט, 5

**מסתרי פאריז**, דיא געהיימניסע פון פאריז, בעארבייטעט נאך דעם פראנצויזישען פון יאהאן פאליי, 75

**מעשה בראשית**, דיא וואונדער פון דיא אמאליגע וועלט און דיא געשיכטע וויא זיא איז בעשאפען געווארען, פון ב. פייגענבוים 15

**דער משוגענער פילאזאף**, א פילאזאפישע אבהאנדלונג און א שטארקע קריטיק וועגען דער יעצטיגער צייט, פון אברהם גאלדפאדען, 25

**ניהיליסטען, אדער דער טוידט פון אטיראן**, ראמאן פון א. טאנענבוים 100

**ניקאליי דער ערשטער**, א ראמאן פון דעם פערגאנגענעם און געגענווערטיגען אידישען לעבען אין רוסלאנד, פון נ. מ. שייקעוויטש (שמ״ר) 10

**נקמה פון א בר־מנן** א ראמאן ווילד, משוגה'דיג, שרעקליך שפאנענד און נאטירליך, פון ליטווישען פילאזאף, 15

**נתן דער חכם**, (נאטהאן דער ווייזע) פון נאטטהאלד אפרים לעססינג, פריי בעארבייטעט אין אידיש, פון ב. גארין, 10

**סאפהא**, א שילדערונג וויא א פרוי וועלבע האט פערקעהרט מיט פיעלע מענער איז זיך מקריב א־יף'ן מזבח פון ליעבע פאר איהרען א געליעבטען וועלבער האט איהר אוועקגעווארפען, פון אלפאנז דאדע, בעארבייטעט פון יאהאן פאלייא, 15

**סטעמפעניו**, א רעאליסטישעס בילד פון א כלי־זמר אין דער ליטא, דיא בעגייסטערונג פון דיא אידען אין דער ליטא איבער מוזיק און זייער קריטיק וויא אזוי א אידישע חתונה אין דער ליטא ווערט געפייערט מיט טומעל, געשרייען און געפילדער, פון שלום עליכם, 15

**סיבירישער אייזענבאהן**, אדער דער בלינדער פאסאזשיר, א וויסענשאפטליכע רייזע בעשרייבונג פון דעם גרויסען פראנצויזישען שרייבער זשול ווערן, בעארבייטעט פון א. טאנענבוים. דער „סיבירישער אייזענבאהן“ מאכט אייך בעקאנט מיט דיא סיבירישע וויסטעניס און מיט פערשיעדענע לענדער און פעלקער, פון וועלבע איהר האט פיללייכט דעם נאמען ניט געהערט און איז אזוי שפאנענד און אינטערעסאנט, אז מען ווערט בעגייסטערט לעזענדיג, 25

**פאוסט פון געטהא**, בעארבייטעט אין א ערצעהלונגס פארמע פון א. טאנענבוים, 10

**עדעלשטאט'ס שריפטען**, א זאמלונג פון אללע זיינע פאעטישע שריפטען וואו ער שילדערט דאס ארבייטער לעבען אין אמעריקא. 10

**עדעלשטאט'ס פאלק'ס געדיכטע**, א זאמלונג פון אללע זיינע ליעדער, 50

**דער עמיגראנט**, די געזעץ פון די פעראייניגטע שטאאטען וועגען איינוואנדערונג און עצות פאר די וועלכע פאהרען קיין אמעריקא, פון אלכסנדר הארקאווי. 10

**פאסקארעלא**, א רעאליסטישע שילדערונג פון בוקאטשיא, בעארבייטעט פון ד. מ. הערמאלין, 10

**פליה מאשין**, א וויסענשאפטליכעס ווערק פון זשול ווערן, בעארבייטעט פון א. טאנענבוים. ווען איהר לעזט דיעזע וויסענשאפטליכע ערצעהלונג דוכט זיך אייך, אז איהר זיצט אין א פליה מאשין 2000 פוס הויך און איהר בעטראכט דיא גאנצע וועלט, מיט דיא פליה מאשין פליהט איהר דורך גאנץ אמעריקא, אייראפא, אזיע, אפריקא און אויסטראליע און איהר בע־אבאכטעט אלעס וואס איז ווערטה צו זעהן און צו וויסען, 10

**פלעוונא**, א היסטארישער ראמאן פון דעם רוססיש־טערקישען קריעג, פריי איר־בערזעצט פון א. טאנענבוים, 25

**פסח מאגאזין**, א זאממלונג פון ארטיקלען פון דיא בעסטע אידישע שרייבער, 10

**דער פעדלער**, א ראמאן פון נ. מ. שייקעוויטש, 15

**דער פעטער שמואל** א ראמאן פון מ. יאפפע. 10

**פערבערעכען אוים ליעבע**, ראמאן פון י, ראבינאוויץ, 65

**פערלארענע שיף** אדער א רייזע ארום דיא וועלט, א רייזע בעשרייבונג פון אייראפא, אזיען, אפריקא, אמעריקא און אויסטראליען, פון א. טאנענבוים, 50

**פראנצויזישע רעוואלוציאן**, א היסטארישער ראמאן פון סאנאווסקי, 25

**פרוכט פון זינד**, א רעאליסטישע שילדערונג פון ג. דע מאפאסאן, בעארביי־טעט פון ד. מ. הערמאלין, 10

**פרייע ליעבע**, פון ד. מ. הערמאלין, אין דיעזען בוך צושטעטערט דער פער־פאסער דיא פינסטערע און אבערגלויבישע מנהגים פון אלטע צייטען וואס האבען רואינירט און פעראונגליקט מיליאנען מיידלעך, פרויען, מוטערס און טעכטער, 15

**פרינצעסין צולייקא**, א ראמאנטישע ערצעהלונג וואס האט פאסירט אין אריענט אין דיא גאנץ אלטע צייטען, פון באקאטשיא, בעארבייטעט פון ד. מ. הערמאלין, 10

**פרינץ אלס דעטעקטיוו** אדער דיא ירושה, א ראמאן פון געארג פ. בארן, איבערזעצט פון מ. וויפפערט, 45

**פריץ'ם מעשה'לעך**, א זאמלונג פון ויינע קליינע, שעהנע און וויטציגע ער־צעהלונגען, 5

**פריץ'ם שריפטען**, א זאמלונג פון אלע נייע שריפטען געבונדען אין פראכט באנד, 1.50

**פתרון חלומות** אדער טרוים בוך, לעהרנט וויא פותר צו זיין חלומות וואס קומט פאר אונטער פערשיעדענע מענשען, וויא אויך צו אונטערשיעדען וועלכע חלומות עס האבען א בעדייטונג און וועלכע ניט, 5

**צוואנציגסטער יאהרהונדערט**, א ליטעראַרישע אויסגאבע, פון אלכסנ׳ר
חארקאווי, 10

**צוויי פארלאך**, א רעאליסטישע ווערק וואס ענטדעקט דעם לעזער א בארג
סודות פון דער מענשליכער געזעלשאפט, נאך באקאטשיא, בעארבייטעט
פון ד. מ. הערמאלין, 10

**קאברין׳ס שריפטען**, ענטהאלט 13 פון זיינע בעסטע ערצעהלונגען, 25

**קאך־בוך**, פיר אידישע פרויען וויא צו מאכען אלערליי געריכטען, 25

**קאלומבוס**, אָדער דיא ענטדעקונג פון אמעריקא, פון אלכסנדר הארקאווי 3

**קאמיליענדאמע**, ראָמאן איבער דעם אויסגעלאסענעם לעבען פון פאריז, 30

**קארמען**, אדער דעם טייוועל׳ס פאכטער, אקורצער ראמאן פון שפאנישען לעבען, 5

**קאנסטיטוציאן**, פון די פעראייניגטע שטאאטען און דער סיטיזען נאכ׳ן נייעם
געזעץ, אין ענגליש און אידיש, איבערזעצט פון אלכסנדר הארקאווי, 10

**קאקעטע דאמען**, א קאמעדיע אין 4 אקטען מיט א פראָלאג פון נ. מ.
שייקעוויטש (שמ״ר), 10

**קאשינגס האנד־בוך**, ענטהאלט אללע רעגלען וויא צו פיהרען מיטינגען
און לאדזשעס, חברות, פעראיינען, סאסייעטים אונד איז א שלחן ערוך
פיר פרעזידענטען, וויס־פרעזידענטען, סעקרעטארים א. ז. וו. יעדער איד
וועלכער בעלאנגט צו אירגענד וועלכער סאסייעטי, דארף קויפען אונד
שטודירען דיא געזעצע פון קאשינגס האנד־בוך, בעארבייטעט אין וואר־
שאו פון א. טאנענבוים, עלעגאנט בראשירט, 25

**קאשינגס האנד־בוך דיטא**, פיין געבונדען, 35

**קבצנזאהן עט הונגערמאן**, אדער דיא קאפריזנע כלה־טויד, מעלאדראמא
אין 4 אקטען און אין 5 בילדער, פון א. גאלדפאדען, 10

**קובא** אדער דיא שפאנישע אינקוויזיציאן פון 19טען יאהרהונדערט, א היסטאָ־
רישער ראמאן פון מ. וייפפערט, 1.00

**קין׳ס צואה**, דיעזע ווערק איז א קריטיק איבער דיא מענשליכע פעררארבענ־
הייט און צייגט וויא וויט דער מענש איז בלוט־דורשטיג און אז ער
שטעהט ניט פיעל העכער פון א ווילדעס טהיער און אין דער זעלבער
צייט איז עס א וויסענשאפטליכע ווערק, וועלכע מאכט אייך בעקאנט
מיט פיעלע אינטערעסאנטע זאכען, 15

**קליינע מענשעלאך**, א רייזע בעשרייבונג פון א לאנד וואו דיא מענשען
זיינען אזוי גרויס וויא דיא פינגער פון אונזערע הענד, ווער עס וועט

דיעזען בוך לעזען, וועט האבען צו לאכען און צו דערצעהלען אויף יאה־רען לאנג איבער דיעזער מערקווירדיגער רייזע, פון יאנאטהאן סוויפט, איבערזעצט אויס דעם ענגלישען פון ד. מ. חערמאלין, 10

**קלעאפאטרא** אדער דער קאמפף אום דיא מילליארדען, פון יאהאן פאליי, 1.00

**קעטטען און קראהנען** אדער שווארצע קונסט, א ראמאן פון א. ע. בראכ־פאגעל, פריי בעארבייטעט פון ב. הילקאוויץ, 50

**ראטהשילד,** א בעשרייבונג פון ר׳ מאיר אנשיל ראטהשילד אויס פראנקפורט, וועלכער איז געוועזען דער פאטער פון דער איבעראל בעוואוסטע רייכע פאמיליע ראטהשילד, 10

**ראמאנען אלבום,** א זאממלונג פון ערצעהלונגען פון דיא בעסטע שרייבערס, 15

**רוסישע געהיימניסע,** א ראמאן בעארבייטעט פון א. טאנענבוים, 1.50

**דיא ריעזען,** א רייזע בעשרייבונג פון א לאנד וואס דיא מענשען זיינען 100 מאל אזוי הויך וויא מיר זיינען, און יעדער פון זייא קען ארייננאפען איינעם אדער צוויי פון אונזערע מענשען אין א קעשענע און דער אויי־גענטהימער זאל גאר פערגעסען וועמען ער האט אריינגעלעגט, פון יאנאטהאן סוויפט, איבערזעצט אויס דעם ענגלישען פון ד. מ. הערמאלין, 10

**א רייזע אין אונבעקאנטע געגענדען,** פון זשול ווערן, פרייא בעארביי־טעט פון א. טאנענבוים, 10

**א רייזע ארום דער וועלט אין 80 טעג,** א רייזע בעשרייבונג פון אינ־דיען, כינא, יאפאן און נארד אמעריקא, פון א. טאנענבוים, 25

**א רייזע אין הימעל,** נאך בערנשטיין, פון ד. מ. הערמאלין, דיעזע וויסענ־שאפטליכע ווערק מאכט אייך בעקאנט מיט פיעלע אינטערעסאנטע זא־זאכען פון וועלכע איהר האט קיינמאל קיין בעגריף ניט געהאט, אז אזעלכעס זאל גאר קענע פאסירען, 10

**א רייזע צום זיד פאל,** אין דיעזען בוך ווערט געשילדערט אונבעקאנטע אינזלען, עס דערצעהלט איבער אזעלכע ברואים, וואס עס שטעלען זיך אונז דיא האר קאפויר, ווען מיר הערען פון זייא, און דאס וויכטיגסטע וואס דער זיד־פאל איז, און וואס דארט איז א מאל געוועזען, פון עדווארד קעללי, איבערזעצט אויס דעם ענגלישען פון ד. מ. הערמאלין, 15

**רעגינע** אדער טויט פון א פעררעטהער, א שילדערונג איבער דער פאטריא־טיזמוס פון דאס פאטערלאנד, פון ה. זודערמאן, 15

**רמב״ם׳ס לעבענס־בעשרייבונג,** זיין לעבען, זיינע ספרים און זיין וויר־קונג אויף דער אידישער נאציאן, פון י. ח. זאגאראדסקי, 8

**שיילאק** אדער דער קויפמאן פון ווענעדיג, פון וויל ליאם שעקספיער, איבער־זעצט אין אידיש, פון י. באוושאווער, 15

**שוואנגערשאפט, געבורט און קינדער ערציהונג,** א בעלעהרענדעס בוך וויא זיך צו בעגעהען אין דער צייט פון שוואנגערשאפט, געבורט אונד וויא אזוי קינדער צו ערציהען, דאס איז א ניצליכעס בוך פיר יעדען פאטער אונד מוטער צו האבען אין הויז, בעארבייטעט נאך דיא בעסטע אונד נייעסטע קוועלען, פון משה הערדער. 15

**שולמית** אדער בת ירושלים, א מוזיקאלישע מעלאדראמא אין רייםען, אין 4 אקטען, און אין 15 בילדער, פון א. גאלדפאדען. 10

**שווארצע דיאמאנטען,** א וויסענשאפטליכער ראמאן, פון א. טאנענבוים. 15

**שווארצע האנד,** א ראמאן פון ל. זאלאטקאף. 45

**שווארצע חברה** אדער נויארק ביי טאג און ביי נאכט א ראמאן פון דיא נויארקער געהטטא, פון יאהאן פאליי. אין דיזען ראמאן האט דער פערפאסער פאטאגראפירט „דיא שווארצע חברה" און האט איבערגעגעבען אלעס וואס אין נויארק געהט פאר ביי טאג און ביי נאכט. 25

**שווארצע קונסט,** פון א. טאנענבוים, (צווייטער טהייל פון „דאקטאר און צויבערער"). 10

**דער שווינדלער,** בעארבייטעט אין זשארגאן, פון י. ראבינאוויץ, נאך דעם העבראישען „שמחת חנף", פון פרץ סמאלענסקין. 10

**דער שטאדט מסור,** א שילדערונג איבער דאס לעבען פון אונזערע ברידער אין רוסיש־פוילען, וויא דיא חברה קדישא לייט, שטאדט בעלי־טובות, רעדעל־פיהרער, רייסען אראפ דיא הויט פון דיא ארעמע און לעבען אליין א גוטען טאג, בעארבייטעט אין זשארגאן פון י. ראבינאוויץ, נאך דעם העבראישען „קבורת חמור" פון פרץ סמאלענסקין. 15

**שטארקער פון אייזען,** אדער דער נעקרוינטער באנדיט, א ראמאן פון איר־דישען לעבען, פערפאסט פון מ. מ. דאליצקי. 85

**שטומער בעטלער,** א ראמאן פון א. טאנענבוים, לעזענדיג דעם ראמאן זעהט מען וויא אין א שפיגעל אללעס וואס א רייכע פאנטאזיע, א טאלאנטפאללע פעדער איז אימשטאנדע צו לייסטען, שולד און גערעכטיגקייט, פון העכסטען גראד גוטסקייט ביז דער לעצטער שטופע פון נידערטרעכטיגקייט און פערדארבענהייט, וויא שאטען און ליכט קעמפפען אייגע נעגען דיא אנדערע ווערט געשילדערט אין דעם ראמאן דער „שטומער בעטלער". דיזער ראמאן איז זעהר אינטערעסאנט פון אנפאנג ביז ענדע זא דאס מיר זיינען זיכער, אז דער וואס וועט נור אנפאנגען צו לעזען, וועט שוין ניט אוועק ווארפען און וועט מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערווארטען דיא ענדע. 1.25

**שטיינערנער מענש**, איין אינטערעסאנטער ראמאן פון אידישען לעבען, פון
ג. מ. שייקעוויטש, 50

**שייקע פייפער**, ענטהאלט וואונדער שעהנע וויטצען, מעשיות פון משוגעים
און תורת פון גוטע אידען, 5

**שעהנע העלענא**, איינע היסטארישע געשיכטע, אוים דער צייט דער יאקא־
בינער אין פראנקרייך, פון אייזיק מאיר דיק, 5

**שפאנישע אינקוויזיציאן**, פון נ. מ. שייקעוויטש (שמ"ר), 10

**דער שפאניש־אמעריקאנישער קריעג**, אין דיעזען בוך ווערט געשיל־
דערט דער גאנצער שפאניש־אמעריקאנישער קריעג פון אנפאנג ביז ענדע,
און דערביי איז פערוויקעלט א אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן,
פון ד. מ. הערמאלין, 50

**א שפאציער דורך דעם גיהנום**, אדער דיא געהיימניסע פון יענער וועלט
א פאנטאסטישע־לוסטיגע ערצעהלונג, פון מ. זייפפערט, 3

**א שפיצעל פון א פורים שפיעלער** און פיעלע אידישע וויטצען שפיט־
צען, אנעקדאטען וויטציגע ערצעהלונגען, הומאריסטישע ליעדעלעך, פון
א. מ. שארקאנסקי, 3

**שרעקליכע געהיימנים**, א ראמאן פון נ. מ. שייקעוויטש, 15

**תחית המתים**, אדער חלק לעולם הבא, א ערצעהלונג פון מאקס נארדוי, אי־
בערזעצט פון מ. זייפפערט, 8

**קליינע געשיכטען, 50 פערשיעדענע סארטען, פרייז 1 דאלער פער 100.**

**(וועהניגער אלס א הונדערט ווערט ניט פערקויפט).**

# אלע כתבים פון מענדעלע מוכר ספרים

(ש. י׳ אבראמאוויץ).

---

**אלטע מעשה** אדער א נאכט אין צרות, א בילד פון אידישען לעבען אין דער ליטא. 10

**ווינש פינגעריל**, א מתנה פיר דיא ליעבע אידישע קינדער. 15

**דיא טאקסע** אדער דיא שטאדט בעלי טובות, א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דעם אידישען צושטאנד אין רוסלאנד, אין דער צייט ווען אידען האבען זיך אהן א טאקסע ניט געקענט בעגעהן. 15

**יודעל**, א ספור המעשה אין שירים, אין דיעזע ווערק איז אבראמאוויץ דורכגע־גאנגען דיא גאנצע יודישע געשיכטע פון אנפאנג ביז היינטיגען טאג. 15

**ישראליק דער משוגענער**, א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דיא לעצטע פאגראמען אויף אידען אין רוסלאנד. 10

**לעצטע שריפטען** א זאמלונג פון זיינע לעצטע שריפטען. 35

**פישקע דער קרומער**, א מעשה פון אָרימע יודישע לייט. 15

**דער פריזיוו**, א דראמא אין 5 אקטען. 15

**דיא קליאטשע** אדער צער בעלי החיים, דאס איז דיא בעסטע מייסטערווערק וואס איז ארויס פון אבראמאוויץ׳עס פעדער און האט געמאכט א שטורם צווישען דעם לעזע־פובליקום אין דער גאנצער וועלט. „דיא קליאטשע“ איז אויך איבערזעצט געווארען אין אללע וועלט שפראכען און ווערט גערעכענט פיר א ליטעראַרישען אוצר אין דער גאנצער וועלט ליטעראטור. 15

**דאס קליין מענשעלע**, א מייסטערהאפטע ווערק וועלכע איז פולל מיט וויטץ, הומאר אונד שארפזינן אונד דערביי איז עס א גוואלדיגע קריטיק איבער דיא אידישע שטאדט־בעלי־טובות, רעדעל־פיהרער אונד סתם בעלי־צדקות אונד גוטע אידען פון רוסלאנד. 15

**א רייזע־בעשרייבונג פון בנימין דעם דריטען**, וויא ער איז אויף זיינע נסיעות פערגאנגען גאנץ ווייט, אז אונטער דיא הרי חושך, און האט זיך געגונג אנגעזעהן און אנגעהערט חדושים, שעהנע זאכען, וועלכע וויי־נען זעהר אינטערעסאנט צו לעזען. 10

**שלמה ר׳ חיים׳ס**, א שילדערונג פון דעם אידישען לעבען אין דער ליטא, וועלכע איז זעהר אינטערעסאנט, שפאנענד און בעלעהרענד, און ווערט גערעכענט פיר איינע פון דיא בעסטע ווערק וואס מענדעלע מוכר ספרים האט אין דער לעצטער צייט ארויסגעגעבען. 10